STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 05599

# EYROPEISHE LITERATUR

*Permanent preservation of this book was made possible
by Arlene Shale & Anne Golaz
in memory of
Ruth & Morris Shale*

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

# אייראפעאישע און יודישע ליטעראטור.

א זאמעלבוך פון ערצעהלונגען, סקיצען, הומארעסקען און געדיכטע פון די פאפולערסטע יודישע און אייראפעאישע שריפטשטעלער.

רעדאגירט דורך **אברהם רייזען**.

III באנד.

פערלאג „פראגרעס“, ווארשא. || פערקויף: געזעלש „צענטראל“, ווארשא.

ווארשא, תרע״ד.

# אינהאלט.


— 15 —

1] וויליאם ווילסאָן. — עדגאַר פּאָע
2] דער אונטערגאַנג פונ'ם הויז אושהער. — עדגאַר פּאָע
3] טשײַלד האַראָלד. — לאָרד בײַראָן
4] פרײַליין מוטער. ראָמאַן. — ערנסט געאָרגי
5] אַ ניט געענדיגט מעשה'לע — לעאָ בעלמאָנט
6] פון בוך פּראָדראָמאַס — פּעטער אַלטענבערג
7] געקליבענע געדאַנקען. — פרידריך ניעטשע

— 16 —

1] אַ חלום. — א. ס. טורגעניעוו
2] דאָס געצאָהלט פאַר'ן זינד. — יאַלמאַר סיעדערבערג
3] איזאַמבעטעס ווינדעלעך. — קאַטול מענדעס
4] *** (געדיכט). — מ. י. לערמאָנטאָוו
5] טשײַלד האַראָלד. — לאָרד בײַראָן
6] פרײַליין מוטער. ראָמאַן. — ערנסט געאָרגי
7] פויל הייזע צו זײַן יובילעאום.
8] געקליבענע געדאַנקען — פרידריך ניטשע

— 17 —

1] דער מאָרד. — זש. ראָדענבאַך
2] פּיפּי. — גיואַי דע מאָפּאַסאַן
3] אַ שטורם (געדיכט). — א. מיצקעוויטש
4] אויס די ערינערונגען פון אַ מאַלער. — טעטמײַער
5] גליק און אונגליק (געדיכט). — גאָנגאָרא
6] דער אונטערגאַנג פונ'ם הויז אושהער. — עדגאַר פּאָע
7] טשײַלד האַראָלד. — לאָרד בײַראָן
8] פרײַליין מוטער. ראָמאַן. — ערנסט געאָרגי
9] די טאַגע-ביכלעך פון אָדם און חוה. — מאַרק טוועין

— 18 —

1] אַלאַה'ס פערד (לעגענדע). — א. לאָווענגאַרד
2] אַמועטיסטען. — סט. פּשיבישעווסקי
3] די פײַל און דאָס ליעד (געדיכט) — לאָנגפעלא

4] אויפ׳ן וואַסער. גיוואַי דע מאָפּאַסאַן
5] ארטור שניצלער געאָרג בראַנדעס
6] דער אונטערגאַנג פונ׳ם הויז אוסהער. עדגאַר פּאָע
7] פרײַלײַן מוטער. ראָמאַן. ערנסט געאָרגי
8] די טאגע-ביכלעך פון אָדם און חוה. מאַרק טוועֶן

— 19 —

1] קלײנע בילדער. קאַטול מענדעס
2] אימרײס צוריקקומען. ר. קיפּלינג
3] דאָס רוהיגע געוויסען. א. קיללאַנד
4] ביערענסטענע ביערענסאָהן (חאַראַקטעריסטיק) לאַזאַר כהן
5] פרײַלײַן מוטער. ראָמאַן. ערנסט געאָרגי
6] די טאגע-ביכלעך פון אָדם און חוה. מאַרק טוועֶן

— 20 —

1] די דמיונות פון יונגען אָפּעג. אַלאַ חאַנסאָן
2] * * (געדיכט). הײנריך הײנע
3] ליעבע און טויט. זש. ראָדענבאַך
4] אַ לעגענדע וועגען אַ מענש מיט אַ גאָלדענעם מח א. דאָד
5] די סטאַטוע מאַרסעל פּרעוואָ
6] טשײַלד האַראָלד. לאָרד בײַראָן
7] פרײַלײַן מוטער. ראָמאַן ערנסט געאָרגי
8] די טאגע-ביכלעך פון אָדם און חוה מאַרק טוועֶן




## אינהאלט.

1) וויליאם ווילסאָן — עדגאַרד פאָ.
2) דער אונטערגאַנג פון דעם הויז אושער — עדגאַר פאָע.
3) טשײַלד האראָלד — לאָרד בײַראָן.
4) פרײַליין מוטער (ראָמאַן פון דײַטשען) — ערנסט געאָרגי.
5) אייראָפּעאישער הומאָר: א ניט געענדיגט מעשה׳לע — לעאָ בעלמאָנט.
6) פון בוך פּראָדראָמאָס — פּעטער אלטענבערג.
7) געקליבענע געדאַנקען — פריעדריך ניעטשע.

עדגאַרד פאָ.

# וויליאם ווילסאָן.

### אוים דעם ענגלישען.

וואָס וועט ער זאָגען?
וואָס וועט זאָגען דער
שרעקליכער געוויסען, דיעזער
שאָטען, וואָס געהט מיט מיין וועג.
(Chamberlayne Pharroniea).

ערלויבט מיר ביי יעצטיגען מאָמענט זיך אָנרופען וויליאַם ווילסאָן. דאָס ווײַסע און אונבעפלעקטע זײַטעל פּאַפּיער, וואָס ליעגט פאַר מײַנע אויגען דאַרף נישט בעשמוצט ווערען מיט מיין אמת׳ן נאָמען. דיעזער

נאמען האט אפט-מאל ארויסגערופען שרעק, פעראכטונג און עקעל ביי מיין פאמיליע. צי דען האבען די אויפגערעגטע שטורם-ווינדען נישט פונאנדערגעשפרייט אין די וויסטע ווינקעלעך פון ערד-קוגעל דיעזען, מיט שאנדע בעדעקטען נאמען? א! דו פערשטויסענסטער פון אלע פעריאגטע! דו ביזט א געשטארבענער פאר דער וועלט — אויף עביג איז פאר דיר פערשוואונדען די האפנונג אויף ערדישע פערגניגען, גאלדענע טרוימען און לארבער-קראנציען פון כבוד! — זיין א געדיכטער, פינסטערער אונענדליכער וואלקען פון יאוש וועט אויבען בעדעקען אלע דיינע האפנונגען... איך האב קיין חשק נישט, אפילו ווען איך וואלט דאס געקאנט טהון, אויפברענגען אויף דיעזע זייטען פאפיער די ערינערונגען פון די לעצטע עטליכע יאהר פון זינקען און נישט אבגעוואשענע פערברעכענס. אין דיעזע לעצטע פעריאד פון מיין לעבען, האט מיין נידערטרעכטיגקייט און פערדארבענהייט דערגרייכט די העכסטע שטופע, נאר דא וואלט איך געוואלט בעשטעטיגען דעם אנפאנג פון זייער ענטוויקלונג, און ביי איינציגען מאמענט איז דאס דער איינציגער צוועק פון מיין ודוי.

און אלגעמיין, זינקען מענשען שטופען-ווייז. וואס אנבעלאנגט מיר, מוז איך צוגעבען, אז דער שלייער פון יושר האט מיט א מאל, מאמענטאל מיך פערלאזען. נישט זיך אויסצייכענדיג מיט בעזונדערע פערדארבענהייט, האב איך פונדעסטוועגען געמאכט א גרויסען פארשריט און דערגרייכט די שוידערהאפטסטע שטופע פון פערברעכען. ערלויבט מיר, אייך פונקטליך דערצעהלען, וואס פאר א צופאל, וועלכע אורזאכע האט געבראכט אויף מיר די דאזיגע קללה. דער טויט איז נאהנט און זיין אטעם מאכט ווייכער מיין הארץ. דורכגעהענדיג דעם פינסטערן לעבענסטהאל, דורשט איך נאך סימפאטיע, ד. ה. איך האב געוואלט זאגען, נאך מיטלייד פון מיינע נאהנטסטע. איך וואלט געוואלט זיי איבערצייגען ביז א געוויסע שטופע, דאס איך בין געוועזען א שקלאף פון פערהעלטניסע, וועלכע זענען נישט אפהענגיג פון מענשליכען קאנטראל. איך וואלט געוואלט זיי זאלען געפינען אין מיין לעבענס-בעריכט א קליינינקען אאזיס פון „פאטאליזם" אין דעם „סאהארא מדבר" פון פעראירונגען. איך וואלט געוואלט זיי זאלען אנערקענען, — און זיי קענען דאס מיר נישט ענטזאגען אין דיעזער בעשטעטיגונג — אז חאטש די מענשהייט איז שוין בייגעשטאנען פיעל נסיונות, נאר קיינער איז נאך נישט פרובירט געווארען מיט אזא נסיון ווי איך און דעריבער אזוי נידריג נישט געזונקען. איך צווייפעל אויב עמיצער קען זיך פארשטעלען מיינע ליידען, וועלכע זענען אזוי נישט ענליך צו

די ליידען פון אנדערע מענשען. נאר פיליייכט איז עס מיין אייגענע פאנ־טאזיע? אבער צי דען שטארב איך נישט אלס אפפער פון שוידערהאפטע, געהיימניספולע, נישט ענטדעקטע גייסטיגע מאכטער?

איך בין א מיטגליעד פון א דור, וואס האט זיך אויסגעצייכענט אין אלע צייטען, מיט א לייכט אויפרעגענדעם טעמפעראמענט, צוזאמען מיט א רייכע פארשטעלונגס־קראפט; און מיין קינדהייט בעווייזט, אז איך האב אין פולער מאס גע'ירש'נט די כאראקטער־שטריכען פון מיין פאמיליע. צו־זאמען מיט מיין וואקסען, האט זיך מיין כאראקטער ארויסגעוויזען אלץ דייטליכער און האט ארויסגערופען די בעאונרוהיגונג פון מיינע פריינד און א פאראויס־געפיהל ביי מיר זעלבסט. איך בין געווארען חוצפה'דיג, געניגט צו מאדנע נארישקייטען און געווארען א אפפער פון נישט בעקעמפפטע ליידענשאפטען. מיינע עלטערן זענען זעלבסט געוועזען ווילענסלאזע, אליין געליטען פון די זעלביגע חסרונות און דעריבער איז זייער ווירקונג געוועזען צו שוואך אום אפצוהאלטען די ענטוויקלונג פון מיינע פערברעכערישע נייגונגען. אמת, פון זייער זייט איז געמאכט געווארען עטליכע שוואכע, שלעכט־געריכטעטע פראבען אין דיעזען הינזיכט, וועלכע האבען זיך אבער געענדיגט מיט א מפלה פאר זיי און א פאלשטענדיגען נצחון פאר מיר. פון דעם מאמענט איז מיין שטימע געווארען א געזעץ אין הויז; אין דער עלטער, ווען קינדער אין מיינע יאהרען שלעפען זיך נאך דער מו־טער'ס פארטוך, האב איך שוין געטהון אלץ, וואס מיין הארץ האט נאר געגלוסט, און געווארען דער בעל־הבית איבער מיינע האנדלונגען.

די ערשטע איינדריקע פון מיין שוהל־לעבען זענען פערבונדען מיט זכרונות וועגען א גרויסע, מאדנע הויז. אין דעם סטיל פון עליזאבעטא, וואס האט זיך געפונען אין א פערוואָרפענע ענגלישע שטעדטעל, וועלכע האט זיך אויסגעצייכענט מיט איהרע ריעזיגע, משונה'דיגע בוימער און מיט אויסערגעוועהנליך אלטע געביידען. און ווירקליך די דאזיגע שטעדטעל האט בעזעסען אזעלכע מעלות, מען זאל איהר קענען מיט רעכט אנרופען — פאנטאסטישע. איך קען מיר נאך איצט פארשטעלען דעם ערפרישענדעם ווינטעל, וואס האט געבלאזען אין איהרע שאטענדיגע אלעען, דעם אנ־גענעהמען ריח פון איהרע וועלדעלעך, און ביז היינטיגען טאג בעהערשט מיר נאך א אנגענעהמער ציטער, ווען איך דערמאהן זיך אן דעם טיעפען דומפען קלאנג פון גלאק, וואס האט זיך יעדע שטונדע ארייגעריסען מיט א מאדנעם דומפיגען רוישען אין דער שטילקייט פון דער גראהער פארנאכט־פינסטערניש, וואס האט איינגעהילט די שפיצען פון קלויסטער.

איצט װען איך קלויב איבער די אַלע קינדערשע ערײנערונגען, פּערשאַפט עס מיר פערגניגען, אויב עס איז נאָר מעגליך צו רעדען װעגען פערגניגען אין מײן לאַגע. פאַר מיר, װעלכער איז אַזוי ניעדערשלאָגען פון אומגליק, — נישט קײן פאַנטאַסטישען, שוין אַ צופיעל רעאַלען, — איז פערצײהליך די זינדעניש, אַפּילו פון אַ צײַט־װײַליגען טרײסט אין די דאָזיגע קינדערשע, אונװיכטיגע קלײניגקײטען. אויסער דעם, נישט קוקענדיג אויף דאָס, װאָס זײ זענען זעהר געװעהנליך און פילײכט אויך לעכערליך, בעקומען זײ אָבער אין מײן פאַנטאַזיע אַ בעזונדערע בעדײַטונג, װײל זײ זענען פערבונדען מיט דעם אָרט און מיט דער עפּאָכע, אין װעלכער איך קען איצט זעהן די ערשטע דראָהונגען פון שיקזאַל, װעלכע האָבען מיר פון יענער צײַט אָן אַלץ מעהר און מעהר אַרומגעכאַפּט מיט זײערע נעגעל.

ערלויבט זשע מיר עטװאָס מעהר זיך אָפּשטעלען אויף די דאָזיגע ערײנערונגען.

װי איך האָב שוין געזאָגט, איז די הויז געװען אַנ'אַלטע און אונפאָרמירט געבױט. איהר האָט אַרומגערינגעלט אַ גרויסער, װיסטער פּלאַץ און איז געװען אַרומגעצוימט, מיט אַ הויכע און שטאַרקע ציגעל־װאַנד, פון אויבען בעדעקט מיט אַ גראָבען פּלאַסטער צעמענט און צושטויסענעם גלאָז. דער דאָזיגער צוים, מיט װעלכען עס האָט געמעגט שטאָלצירען אַפּילו אַ געפענגניס, איז געװען דער גרענעץ פון אונזער לאַנד־אײגענטהום; נאָר דרײ מאָל אין װאָך פלעגען אונזערע בליקען דורכדרינגען אויסער דעם צוים, — אײנמאָל, שבת נאָך מיטאָג, װען מען פלעגט אונז ערלויבען עטװאָס שפּאַצירען, — און צװײ מאָל זונטאָג, װען אויסגעשטעלטע אין גלײַכע רײהען, װי סאָלדאַטען אויף אַ פּאַראַד, פלעגען מיר געהן אין דעם אײן אײנציגען קלויסטער פון שטעדטעל צו דער פריהמאָרגענדיגער און פאַרנאַכטיגער גאָטעס־דיענסט. דער דירעקטאָר פון אונזער שוהלע האָט פערנומען די שטעל פון אַ פּאַסטאָר אין קירכע.

מיט װאָס פאַר אַ צויבער און פערװאונדערונג פלעג איך קוקען פון אונזער װײַטער באַנק, װי ער איז לאַנגזאַם און שטאָלץ געגאַנגען צו דער בימה. איז דאָס מעגליך אַז דער דאָזיגער געאַכטעטער גײַסטליכער, מיט אַזאַ בעשײדענעם און גוט־מוטיגען געזיכטס־אויסדריק, אײנגעהילט אין אַ נײַעם, גלאַנציגען מאַנטעל, אין אַ אָנגעפּודערטען פּאַריק, איז געװען דער זעלביגער מענש, װאָס האָט נאָר װאָס, מיט אַ שטרענגען געזיכטס־אויסדריק, אין קלײדער אײנגעריכט פון טאַבאַק־פלעקען און מיט אַ ליניײקע אין האַנד, דורכגעפיהרט די דראַקאָנישע שוהל־געזעצע? אָ! דער

דאָזיגער פּאַראַדאָקס איז אַזוי שווערהאַפט אַז ער שליסט אוים יעדער מעגליכקייט צו לעזען איהם !

אין אַ ווינקעל פון דער דיקער וואַנד האָט זיך געפונען אַ נאָך מעהר דיקערע טהיר מיט אַייזערנע פערדוקערס, וועלכע האָט זיך פערענדיגט פון אויבען מיט אַ רייהע אַייזערנע שפּיצען! זי פלעגט אונז אָנפילען מיט שרעק! זי האָט זיך געעפענט נאָר צוליעב דריי פּעריאָדישע אַרויסגאַנגען און צוריקקעהרונגען, פון וועלכע איך האָב שוין פריהער גערעדט; אין יעדען סקריפּ האָט זיך אונז געדוכט עפּיס געהיימניספולעס — אַ גאַנצע וועלט פון ערנסטע בעאָבאַכטונגען און טראַכטונגען. דער גרויסער, וויסטער פּלאַץ איז געווען אַיינגעטיילט אין עטליכע חלקים, פון וועלכע, דריי אָדער פיער האָבען פאָרמירט אַ שפּאַציער-הויף. ער איז געווען גוט טראָמבירט און בעשאָטען מיט געוועהנליכען, גראָבען זאַמד. אויף וויפיעל איך געדענק, איז דאָרט ניט געווען ניט קיין בענק, ניט קיין בוימער און זעלבסטפערשטענדליך האָט ער זיך געפונען הונטערן הויז. פאַר דער פאָדערשטער טהייל פון הויז האָט זיך געפונען אַ קליינער בלומען-גאָרטען, בעזעצט מיט בוקסען-בוימער און פערשידענע בלומען, נאָר אונז פלעגט אויסקומען פערבייגעהן דורך דעם דאָזיגען אָאַזיס אין זעהר זעלטענע פעלע, ווי צום ביישפּיעל געהענדיג אָדער צוריקקערענדיג פון שוהלע ווען נאָך דעם רוף פון עמיצען פון אונזערע פריינד אָדער בעקאַנטע, פלעגען מיר זיך פרעהליך לאָזען אין וועג צו אונזער היים אויף ווייה-נאַכטען אָדער פסח-קאַניקולען.

און די הויז זעלבסט — וואָס פאַר אַ וואונדערבאַרע אַלטע געביידע עס איז געווען! פאַר מיר איז דאָס געווען אַ ווירקליכער פערכשופטער פּאַלאַץ! וויפיעל פערשידענע, פערדרעהטע קאָרידאָרען, שטייגעלעך, געהיימע גענג. שטענדיג איז שווער געווען צו בעשטימען אויף וועלכען עטאַזש דו געפינסט זיך, אויפ'ן ערשטען אָדער צווייטען. אום דורכצוגעהן פון איין צימער אין צווייטען האָט מען געמוזט זיך אויפהויבען אָדער אַראָפּלאָזען אויף צוויי אָדער דריי טרעפּלעך.

אויסער דעם האָט דאָס הויז געהאַט אַזוי פיעל אונצעהליגע אַרכיטעקטור קאַפּריזען, אַז אונזערע כמעט פונקטליכע פאָרשטעלונג וועגען דעם אַלגעמיינעם פּלאַן פון דער געביידע זענען געווען זעהר אונקלאָר. אין פערלויף פון די פינף יאָהר, וואָס איך האָב פערבראַכט אין שוהלע, האָב איך קיינמאָל פינקטליך ניט געקענט בעשטימען אין וועלכען אָרט

פון דער געביידע געפינט זיך דער קליינער שלאָפציממער, וואו איך האָב געוואָהנט צוזאַמען מיט 18 אָדער 20 אַנדערע שילער.

דער קלאַס, וואו מיר האָבען זיך געלערנט איז געווען דאָס גרעסטע צימער אין הויז, — און ווי מיר האָט אויסגעוויזען אויך די גרעסטע אין דער וועלט, יעדענפאַלס האָב איך אַנדערש נישט געקענט זיך פאָרשטעלען.

דער צימער איז געווען זעהר לאַנג, זעהר שמאָל און נידריג מיט פיל־עקיגע פענסטער און אַ דעמבענע סטעליע. אין אַ ערוויטערטען ווינקעל, וואָס איז געווען פאַר אונז אַ קוואַל פון שרעק, האָט זיך געפונען אַ פיער־ווינקעלדיגער צוים, וואָס איז געווען דער Sanctum פון אונזער פּרינציפּאַל דאָקטאָר בראַנסקי, דער לעהרער פון גאָטעס־לעהרע. זי איז געווען זעהר פעסט געבויט און צו איהר האָט געפיהרט אַ מאַסאָווע טהיר; מיר וואָלטען בעסער בעשלאָסען צו שטאַרבען איידער צו עפענען איהר אין דער אָבוועזענהייט פון Domini. אין די איבריגע צוויי ווינקלען האָבען זיך געפונען עהנליכע Sancturis, פאַר וועלכע מיר האָבען נישט געהאַט אַזוי פיעל רעספּעקט, דאָך פלעגען זיי אויף אונז אָניאָגען אַ שרעק; איינע פון זיי האָט געדיענט אַלס אַ קאַפעדרע פאַר דעם לעהרער פון ליטעראַטור, די צווייטע, — אַלס אַ קאַפעדרע פאַר דעם לעהרער פון דער ענגלישער שפּראַך און מאַטעמאַטיק. איבערן גאַנצען זאַל זענען צוזייעט געווען פיעל בענק און פּיופּיטרען, בעוואָרפענע מיט ביכער, וואָס זענען פערפלעקט געווען פון שמוציגע פינגער־צייכענס; זיי האָבען זיך געצויגען אין אונגלייכע רייהען, וועלכע האָבען זיך געקרייציגט אין אַלע ריכטונגען; — זיי אַלע זענען געווען אָפּגעפאַרבט אין אַ שוואַרצען קאָליר, נאָר אין אַזאַ שטופּע אָפּגעריבען פון דער צייט, ביז אַזאַ שטופּע צושניטען, בעפּוצט מיט בוכשטאַבען, גאַנצע נעמען, קאַריקאַטורען און אַנדערע שעפּפונגען פון טאַשען־מעסערל, דאָס זיי האָבען אין גאַנצען פערלאָרען זייער אורשפּרינגליכע פאָרם. און אין עק פון זאַל איז געשטאַנען אַ ריזיגע פעסעל וואַסער, אין צווייטען — אַ וואַנד־זייגער פון אַ סאָלידען מאַסשטאַב.

געפינענדיג זיך אין געפאַנגענשאַפט אונטער די שטאַרקע ווענד פון דעם דאָזיגען לעהרע־אַנשטאַלט, האָב איך שוין אין איהם פערבראַכט דעם דריטען פינפט־יאָהר פון מיין לעבען אָהן בעזונדערן עקעל און אומעדיגקייט.

אום צו פעראינטערעסירען דעם איינדרוקספולען מאַרך פון אַ קינד, זענען נאָרנישט נויטיג קיין רייכע איינדריקע פון דער אויסערער וועלט,

ווייל די פינסטערע איינארטיגקייט פון שוהל'ע האט געשאפען שטאף פאר אזעלכע שטארקע אויפרעגונגען, וועלכע איך האב שפעטער נישט געקענט געפינען, נישט אין דער אויסגעלאסענהייט פון מיין יוגענד, נישט אין דעם פערברעכערישען פעריאד פון מיין ערוואקסענער עלטער. יעדענפאלס, דוכט מיר, אז די ערשטע טריט פון מיין אינטעלעקטועלער ענטוויקלונג זענען געווען פאלש און נישט גלייכמעסיג.

אין אלגעמיין, רעדענדיג וועגען די קינדהייטס-עראינערונגען ביי א ערוואקסענעם מענשען, מוז מען צוגעבען, אז ביי איהם בלייבט נישט קיין שטרענג בעשטימטע איינדריקע. אלץ שטעלט זיך פאר ווי אין א נעבעל; עס בלייבען נאר שוואכע און אונקלארע עראינערונגען פון קליינע פערגניגונגען און פאנטאסמאגאנישע ליידען.

מיט מיר איז געווען דער היפוך. אין מיין קינדהייט האב איך שוין מיט ענערגיע פון א ערוואקסענעם מענשען אויפגענומען אלץ, וואס עס איז נאך ביז יעצט פעסט און קלאר איינגעווארצעלט אין מיין זכרון.

אבער אין דער ווירקליכקייט, פון דעם געוועהנליכען, בירגערליכען שטאנדפונקט, ווי ווייניג שטאף עס איז געווען פאר עראינערונגען!

די ערוואכונג אין דער פריה, בעפעהל'ע צום געהן שלאפען אבענדס-צייט, פארפערטיגונג פון די לעקציאנען, אנטווארטען, פעריאדישע בעפרייאונג אויף שפאציער-גאנג, קריגערייע, שפיעלעריי און אינטריגען אויפ'ן הויף אין דער צייט פון שפאציער, דאס אלץ וואס איז פערשוואונדען פון מיין זכרון, ווי דורך א פאך פון א כישוף שטעקעלע, האט ענטהאלטען אין זיך אזוי פיעל גייסטיגען שטאף, מען קען זאגען, — א גאנצע וועלט פון פערשיעדענארטיגע איינדריקע און א ים פון ליידענשאפטס-געפיהלען.

Oh! Le bon temps que ce cièclе de fer! *)

מיין ברוידענדע, שטאלצע נאטור, האט מיר אויפגעהויבען העכער פון מיינע שוהל-חברים און ביסלעכווייז האט זי מיר בעשאפען דעם ערשטען פלאץ צווישען מיינע מיטשילער, א חוץ איינעם. דער דאזיגער שילער, חאטש ער איז נישט געווען מיינער קיין קרוב, דאך האט ער געטראגען דעם זעלבען נאמען, וואס איך; אין דעם דאזיגען פאקט איז נישט געווען אויפ'ן ערשטען קוק, וואס זיך צו וואונדערן — ווייל מיין נאמען, נישט קוקענדיג אויף מיין אריסטאקראטישער אפשטאמונג, איז געווען איי-

*) אָ! די גאלדענע צייט פון אייזערנעם יאהר-הונדערט! דער איבערז.

נער פון די געוועהנליכע נעמען, וועלכע זענען געוואָרען, שוין פון גאָר אַלטע צייטען, דאָס אייגענטהום פון דער מענגע. אין דיעזער ערצעהלונג האָב איך זיך אַ נאָמען געגעבען — וויליאַם ווילסאָן, און ער איז עהנליך צו מיין ווירקליכען נאָמען. דער שילער וואָס האָט געטראָגען דעם זעלבען נאָמען איז געוועזען איין איינציגער פון גאַנצען קלאַס, וואָס האָט זיך גענומען די חוצפה צו שטרייטען מיט מיר אין אַלע הינזיכטען: אין פאָרשריט פון די לעקציאָנען, סיי אין די שפּיעלעריי און קריגעריי, אין דער צייט פון שפּאַציער־גאַנג; האָט זיך ענטזאָגט בלינד צו גלויבען אין מיינע בעהויפּטונגען און האָט נישט אַרויסגעוויזען קיין פולע אונטערטעניגקייט צו מיין ווילען; מיט איין וואָרט, אין אַלע מעגליכע פעלע האָט ער געשטריטען געגען מיין דיקטאַטור. ס'איז אַ ספק, אויב מען קען אַנדערש וואו געפינען אַזאַ אונבעגרענצטע דעספּאָטיזם, וועלכען מען קען בעמערקען ביי אַ פעהיג־בעגאַבטעס קינד, איבער זיינע וועניגער פעהיגע חברים.

ווילסאָנס פּראָטעסטירען איז געוועזען פאַר מיר אַ קוואַל פון גרויסע שוועריגקייטען נאָך מעהר, נישט קוקענדיג אויף דעם, וואָס איך האָב געהאַלטען פאַר מיין פליכט עפענטליך אָפּצולאַכען פון זיינע פּרעטענזיעס, דאָך, אין דער טיעפעניש פון מיין נשמה האָב איך געפיהלט, אַז איך האָב מורא פאַר איהם. אויסער דעם, האָט איך נישט געקענט נישט אַכטען איהם, פאַר זיין קענטניס אַוועקצושטעלען זיך אויף דער זעלבער שטופע, וואָס איך, און דאָס איז געוועזען אַ ווירקליכער בעווייז, אַז ער שטייגט מיר איבער, דאַן, ווען פון מיין זייט איז נאָר געוועזען אַ שטענדיגע אָנשטרענגונג נישט אַריינצופאַלען אין אַ אונטערטהעניגע לאַגע. דערווייל האָב איך זעלבסט נאָר בעמערקט, אַז ער איז פעהיגער פון מיר, אָדער בעסער געזאָגט, זיין גלייכהייט מיט מיר; אונזערע חברים אָבער האָבען צוליעב אַ אונערקלערבאַרע פערבלענדעניש גאָרנישט געדאַכט וועגען עפּיס עהנליכעס. און ווירקליך, זיין ווידערשטאַנד, זיין געגען־האַנדלונג און בעזונדער זיין אַריינמישען זיך אין מיינע פּלאַנען, האָט געטראָגען אַ גאַנץ פּריוואַטען כאַראַקטער. ווי עס ווייזט אויס האָט ביי איהם אין גאַנצען געפעהלט דאָס עהרען־גייציגקייט, וועלכע האָט ערוועקט אין מיר אַ דורשט נאָך הערשאַפט און יענע ליידענשאַפטליכע ענערגיע, וואָס האָט מיר געגעבען די מעגליכקייט דאָס צו פערווירקליכען.

מען האָט געקענט דענקען, אַז אין דעם דאָזיגען שטרייט האָט ער נאָכגעפאָלגט אַ מאָדנעם פערלאַנג, צו געהן אין געגענזאַץ מיט מיין מיינונג, פערוואונדען און קרענקען מיך; כאָטש אין איינציגע פעלע האָב איך

גישט געקענט נישט בעמערקען, מיט אַ פערמישטען געפיהל פון ערנידע=
דונג, פערוואונדערונג און צאָרן, אַז זיינע בעליידיגונגען און חוצפה'דיי,
האָט ער צונויפגעמישט מיט אַ גאָרנישט פּאַסענדע צערטליכקייט, וואָס איז
געוועזן שרעקליך אונאַנגענעהם פאַר מיר. איך האָב געקענט ערקלערען
זיין האַלטונג נאָר מיט דעם, אַז דאָס מוז בלויז זיין אַ פאָלגע פון פולער
זעלבסט=צופרידענהייט, וואָס ערלויבט אָנצונעהמען אַ וואולגאַרען טאָן פון
אַ בעשיצער.

ס'איז מעגליך אַז דער לעצטער שטריך אין ווילסאָנס אויפפיהרונג
אין צוזאַמענהאַנג מיט אונזער נאָמען=עהנליכקייט און דער צופעליגער, איינ=
ציייטיגער אָנקומען אין שולע, — איז געווען די אורזאַכע, וואָס האָט
אַרויסגערופען אַ איבערצייגונג אין די העכערע קלאַסען, אַז מיר זענען
ברידער. געוועהנליך פלעגען זיי זיך נישט אַריינמישען אין די שילער=אַנגע=
לעגענהייטען פון די נידעריגע קלאַסען. איך האָב שוין געזאָגט אָדער גע=
דאַרפט זאָגען, אַז ווילסאָן האָט זיך נישט געפונען אין קיין שום פערוואַנד=
שאַפטס=פערבינדונג מיט מיין פאַמיליע. נאָר אָהן ספק — אויב מיר וואָל=
טען געווען ברידער — האָבען מיר געמוזט זיין אַ צווילינג, ווייל צופעליג,
שוין נאָך דעם, ווי איך האָב פערלאָזען די שולע פון דאָקטאָר בראַנסקי,
האָב איך זיך דערוואוסט, אַז ער איז געבאָרען געוואָרען דעם 19=טען
יאַנואַר 1883, דאָס איז געווען אַ וואונדערבאַרער פאַל, ווייל מיין געבורט
איז אויסגעקומען אין דער זעלבער דאַטע.

עס קען אויסוויזען מאָדנע, אַז נישט קוקענדיג אויף דער שטענ=
דיגער מורא, וואָס ווילסאָנס שטרייטען און אונערטרעגליכער גייסט פון
געגען=האַנדלונג, האָבען אַרויסגערופען, דאָך האָב איך איהם נישט געקענט
האַסען אין פולער מאָס.

כמעט יעדען טאָג איז צווישען אונז פאָרגעקומען אַ קריגעריי, אין
וועלכער ער פלעגט מיר עפענטליך אָפּטרעטען דעם קראַנץ פון נצחון,
נאָר פונדעסטוועגען האָט ער ביז אַ געוויסע שטופע מיר געגעבען צו פער=
שטעהן, אַז נישט איך, נאָר ער, האָט איהם פערדיענט; נאָר ווי עס זאָל
נישט זיין, האָט דער געפיהל פון שטאָלץ פון מיין זייט און זיין בעוואוסט=
זיין פון זעלבסטווערדע, אונז געצוואונגען זיך צו האַלטען אין בעשטימטע
גרענצען פון העפליכקייט, נישט קוקענדיג אויף דעם, וואָס אין אונזערע
כאַראַקטערע זענען פיעלע בעריהרונגס=פונקטען געווען, וואָס האָבען גע=
קענט ערוועקען אַזאַ געפיהל, וועלכען אונזערע אַנגענומענע פערהעלטניסע,
האָבען געשטערט צו פערוואַנדלען זיך אין פריינדשאַפט. און ווירקליך,

מיר איז זעהר שווער צו בעֶשטימעֶן אָדעֶר בעֶשרייבעֶן מיינעֶ ווירקליכעֶ געֶפיהלעֶן צו איהם; זיי האָבעֶן פאָרגעֶשטעֶלט, אַ חאָאָס פון פיינדליכקייט, וואָס איז נאָך נישט פעֶרוואַנדעֶלט געֶוואָרעֶן אין האַס, פון אַכטונג, מורא און אַ שטאַרקעֶ אויפגעֶרעֶגטעֶ נייגעֶריגקייט.

אָהן צווייפעֶל, אַז די דאָזיגעֶ אוננאָרמאַליטעֶט און צווייזייטיגקייט פון אונזעֶרעֶ פעֶרהעֶלטניסעֶ, האָבעֶן פעֶרוואַנדעֶלט אַלעֶ מיינעֶ צאָהלרייכעֶ אָנפאַלעֶן אויף איהם, אין איראָניעֶ און קאַריקאַטור (שפּאָטעֶן קעֶנעֶן אויך מאַכעֶן שווערעֶ וואונדעֶן), אויסשליסעֶנדיג פון זיך דעֶם חאַראַקטעֶר פון ווירקליכעֶר, בעֶשטימטעֶר פיינדליכקייט. נישט קוקעֶנדיג אויף מיינעֶ אַלעֶ אָנשטרעֶנגונגעֶן, האָב איך נישט שטעֶנדיג דעֶרגרייכט אויף דעֶם דאָזיגעֶן געֶביט אַ פולעֶן נצחון, חאָטש מיינעֶ פּלאַנעֶן זעֶנעֶן שטעֶנדיג געֶוועֶן קונציג בעֶקלעֶרט, ווייל אין ווילסאָנס חאַראַקטעֶר איז געֶוועֶן פיעל פון יעֶנעֶר שטרעֶנגקייט פעֶראייניגט מיט איינגעֶהאַלטעֶנהייט און רוהיגקייט, וואָס שעֶפּט פעֶרגניגעֶן פון אַ שפּאַס, נאָר בעֶווייזט קיינמאָל נישט אַבילעֶם פּיאָטעֶ און איז אונדעֶרגרייכבאַר פאַר שפּאָטעֶריי. איך קעֶן אין איהם געֶפינעֶן נאָר איין שוואַכעֶן פונקט, און דאָס איז אַ פיזישעֶר פעֶהלעֶר, מיט וועֶלכעֶן אַ וועֶניגעֶר פעֶרביסעֶנעֶר געֶגנעֶר וואָלט זיך קיינמאָל נישט בעֶנוצט פאַר זיינעֶ צוועֶקעֶן, — ביי מיין געֶגנעֶר האָט מעֶן געֶקעֶנט בעֶמעֶרקעֶן אַ שוואַכקייט פון שטים-אָרגאַן, צוליעֶב וואָס עֶר האָט געֶמוזט רעֶדעֶן זעֶהר שטיל. איך אָבעֶר, האָב שטעֶנדיג אויסגעֶנוצט דעֶם דאָזיגעֶן פעֶהלעֶר און געֶצויגעֶן פון איהם דאָס, וואָס האָט געֶלוינט פאַר מיינעֶ אינטעֶרעֶסעֶן. ווילסאָן האָט מיר געֶצאָהלט מיט דעֶר זעֶלבעֶר מטבע, און אויסעֶר דעֶם האָט עֶר בעֶנוצט אַ בעֶזונדעֶר מעֶטאָדעֶ, וואָס האָט מיר שטאַרק אויפגעֶרעֶגט. ווי אַזוי עֶס האָט זיך איהם איינגעֶגעֶבעֶן צו דעֶרגעֶהן, אַז אַזאַ אונבעֶדייטעֶנדעֶר פאַקט וועֶט מיך אַזוי אויפרעֶגעֶן, איז אַ פראַגעֶ, וואָס איך קעֶן פאַר קיין פאַל נישט לעֶזעֶן, נאָר באַלד, ווי עֶר האָט זיך דעֶרוואוסט וועֶגעֶן דעֶם, האָט עֶר אונאויפהעֶרליך זיך בעֶנוצט מיט דעֶם דאָזיגעֶן צוואַנגס-מיטעֶל. איך האָב שטעֶנדיג געֶפיהלט אַנ'עֶקעֶל צו מיין אומגליקליכעֶ מיאוסעֶר פאַמיליעֶ און צו מיין פּלעֶבעֶאישעֶן, טריוויאַלעֶן נאָמעֶן; עֶר האָט שטעֶנדיג געֶשניטעֶן מיין געֶהעֶר, ווען מעֶן פלעֶגט מיר אַרויסרופעֶן, און ווען אין דעֶם עֶרשטעֶן טאָג פון מיין אָנקומעֶן אין שולעֶ, איז עֶרשיעֶנעֶן אַ צווייטעֶר וויליאַם ווילסאָן, האָב איך איהם אָנגעֶהויבעֶן האַסעֶן דעֶרפאַר, וואָס עֶר טראָגט דעֶם זעֶלבעֶן נאָמעֶן, און מיט נאָך אַ גרעֶסעֶרעֶן עֶקעֶל האָב איך זיך בעֶצויגעֶן צו איהם, ווייל דאָס איז געֶוועֶן אַ נאָמעֶן פון גאָר אַ זייטיגעֶן מעֶנ-

שען, — צוליעב וועלכע ער וועט דערמאהנט ווערען דאפעל, וועלכער וועט זיין צוזאמען מיט מיר, וועמענס אנגעלעגענהייטען אין אלטעגליכען שול-לעבען, וועלען צוליעב אונזער אומגליקליכער עהנליכקייט, אפט זיך אויסמישען מיט מיינע.

דאס געפיהל פון ערביטערונג, וואס איז אויפגעוועקט געווארען דורך דער דאזיגער אורזאכע, האט זיך אלין מעהר און מעהר פערשארפט ביי יעדען פאל, וואס פלעגט בעלייכטען א גייסטיגע אדער פיזישע עהנליכקייט צווישען מיר און מיין געגנער. דאן האב איך נאך נישט געוואוסט פון דעם זעלטענעם פאקט, וועגען אונזער עלטער-גלייכהייט; נאר איך האב געזעהן אז מיר זענען פון זעלבען וואוקס און כ'בין אפילו געקומען צו דער איבערצייגונג, דאס צווישען אונז עקזיסטירט א גוואלדיגע עהנליכקייט, ווי אין אלגעמיינעם אויסזעהן, אזוי אויך אין בעזונדערע געזיכטס-ציגע. מיר האבען אויך אויפגערעגט די קלאנגען וועגען אונזער קרובה'שאפט, וועלכע זענען פערשפרייט געווען אין די העכערע קלאסען און וועלכע זענען גערעכענט געווען פאר ריכטיגע. מיט איין ווארט, קיין זאך האט מיר נישט געקענט אזוי אויפרעגען (חאטש איך האב פרובירט מיט דער גרעסטער מיה צו בעהאלטען די אורזאכען פון מיין אויפרעגונג) ווי דער קלאנג אז עס עקזיסטירט א וועלכע עס איז עהנליכקייט צווישען אונז, — סיי אין אונזער ענטוויקלונג, פערזענליכקייט אדער אבשטאמונג; נאר אין דער ווירקליכקייט, האב איך קיין שום אורזאכע צו דענקען, אז די דאזיגע עהנליכקייט זאל האבען ארויסגערופען וועלכע עס איז קאמענטאריען אדער עס זאל בעמערקט ווערען פון אונזערע קלאס-חברים. פאר מיר איז געווען דייטליך, דאס די דאזיגע עהנליכקייט האט געצויגען אויף זיך ווילסאנס אויפמערקזאמקייט, אין אלע איהרע פארמען, דאס זעלבע ווי ביי מיר. נאר אז ביי אזעלכע פערהעלטניסע, האט ער געהאט די מעגליכקייט צו שעפען פון דער דאזיגער עהנליכקייט פיעלע קלייניגקייטען, וועלכע פלעגען אויפרעגען, — קען איך נאר ערקלערען מיט זיין אונגעוועהנליכער פעהיגקייט צו גריבלען זיך אין א פרעמדער נשמה.

ענטפערענדיג מיר, האט ער זיך בעמיהט צו קאפירען מיינע בעוועגונגען און ווערטער — און שטענדיג האט די דאזיגע ראליע איהם גלענצענד געלונגען.

עס איז איהם נישט שווער געווען צו קאפירען מיין אנצוג, דאס גלייכען מיין גאנג און מאניערען; נישט קוקענדיג אפילו אויף זיין פיזישען

פּעהלער, האָט ער זיך אויסגעלערנט נאָכמאַכען מיין שטימע. — בעשטימט האָט ער נישט פּרובירט זיך פערגלייכען מיט מיר אין קראַפט פון קלאַנג, נאָר דער טאָן זיינער איז געווען עהנליך צו מיינעם; און נישט קוקענדיג אויף דעם, וואָס ער האָט גערעדט שטיל, איז זיין שטימע געווען אַ אָפּקלאַנג פון מיינער.

ווי שטאַרק עס האָט מיך געמאַטערט די דאָזיגע, אין דער העכסטער שטופע, אינטערעסאַנטע נאָכמאַכונג (ווייל דאָס קען איך נישט אָנרופען קאַריקאַטור), קענט איהר זיך גאָר נישט פאָרשטעלען. מיין איינציגע טרייסט איז געווען דאָס די דאָזיגע נאָכמאַכונג איז בעמערקט געוואָרען נאָר פון מיר אַליין און מיר איז אויסגעקומען צו פערטראָגען די געהיימניספולע, שפּאָטישע שמייכלען בלויז פון מיין קאָפּיע. צופריעדען מיט'ן עפעקט פון זיינע קלוגע שפּיצלעך, האָט ער אין דער שטיל פערגניגען געהאַט פון די וואונדען, וואָס ער האָט מיר געמאַכט. און ווי ס'ווייזט אויס האָט ער זיך מיט פעראַכטונג בעצויגען צו יענע צייכענס פון עפענטליכער צושטימונג וועלכע עס איז איהם אַזוי לייכט געווען פאַר זיינע היטרע קונסטשטיק. ווי אַזוי אונזערע חברים האָבען זיך נישט אָנגעשטויסען אויף דעם, ווי אַזוי זיי האָבען נישט בעמערקט זיינע בעציהונגען צו מיר און נישט צוגעשטאַנען צו זיין חוזק-מאַכען פון מיר — איז אין פערלויף פון פיעלע מאָנאַטען, געווען פאַר מיר אַ אונלעזבאַרער רעטזעל און אַ קוואַל פון אונרוהיגקייט. ס'איז מעגליך, אַז די לאַנג-דויערנדע, שטופענווייזע נאָכמאַכונג האָט עס געמאַכט אונבעמערקבאַר, אָדער פילייכט פאַר מיין זיכערהייט אין דיעזען היגזיכט, האָב איך געהאַט צו פערדאַנקען דער קונסטפולער נאָכמאַכונג, מיט וועלכער ער האָט נישט בעצוועקט דעם בוכשטאַב (וועלכען די מענגע קען בעמערקען), נאָר דעם גייסט פון אָריגינאַל.

איך האָב שוין איינינע מאָל גערעדט וועגען זיין בעשיצונגס-טאָן, וועלכער האָט מיר זעהר געמאַטערט, און פון זיין אָפטען אריינמישען זיך אין מיינע אַנגעלעגענהייטען. די דאָזיגע אַריינמישונג האָט צייטענווייז געטראָגען דעם כאַראַקטער פון אַנ'עצה, וועלכע ער האָט מיר געגעבען נישט אָפען, נאָר אונטערוועגס אַרום. איך האָב איהר אָנגענומען מיט עקעל, וואָס איז אַלץ שטאַרקער געוואָרען מיט יעדען יאָהר. נאָר נישט קוקענדיג אויף דעם, האַלט איך פאַר מיין פליכט צו אַנערקענען, אַז אפילו אין דער דאָזיגער ווייטער עפּאָכע, קען איך זיך נישט דערמאָהנען קיין איינציגען פאַל, וואו די עצות פון מיין געגנער זאָלען זיין נישט ריכטיג און אונלאָגיש (עס וואָלט געווען גאַנץ נאַטירליך, ווען עס זאָל זיין אפילו

פערקעהרט, ביי זיין עלטער, וואס איז נישט געווען רייך אין ערפאהרונג.

פערקעהרט, זיין גייסטיגער געפיהל, זיינע פעהיגקייטען, ווי אויך זיין טאקט, זענען פיעל ערעלער געווען פון מיינע, און איך מוז צוגעבען, אז כ'וואלט א פיעל בעסערער און גליקליכערער מענש געווען, ווען איך זאל זיך אזוי אפט נישט ענטזאגען פון די דאזיגע עצות, וואס זענען ארויסגעזאגט געווארען מיט א פיעל בעדייטענדעם, שטאלצען שעפטשען, און וועלכע איך האב צו יענער צייט אזוי פערהאסט און זיך בעצויגען צו זיי מיט דער גרעסטער פעראכטונג.

אויף אזא אופן, האט זיך ביי מיר ביסלעכווייז בעפעסטיגט א פראטעסט געגען זיין אויפזיכט און מיט יעדען טאג האב איך אלץ מעהר און מעהר פערהאסט דאס, וואס איך האב גערעכענט פון זיין זייט פאר א אונפערשעמטע חוצפה. איך האב שוין געזאגט, אז אין די ערשטע יאהרען פון אונזער חבר'שאפט, האבען מיינע געפיהלען צו איהם זיך לייכט געקענט פערוואנדלען אין פריינדשאפט, נאר אין די לעצטע מאנאטען, וואס איך האב פערבראכט אין שולע, האטש ער האט מיר שוין וועניגער דערעסען מיט זיין שטענדיגער נאכמאכונג, דאך האט מיין האלטונג צו איהם זיך געווענדעט אין דער ריכטונג פון בוכשטעבליכען האס.

ווי מיר דוכט זיך, איז איהם איינמאל געלונגען דאס בעמערקען און פון דענסטמאל אן האט ער מיר אויסגעמידען אדער געמאכט אנ'אויסזעהן, אז ער מיידט מיר אויס.

כמעט אין דער זעלבער צייט, אויב מיין זכרון פערפיהרט מיר נישט, איז ביי אונז פארגעקומען א הייסער צוזאמענשטויס, אין וועלכען, ארויסגעהענדיג פון די געוועהנליכע גרענצען פון איינגעהאלטענהייט, האט ער גערעדט און געהאנדעלט זעהר אויפגערעגט. דענסטמאל האב איך ענטדעקט, אדער מיר האט אויסגעוויזען אז איך האב ענטדעקט אין זיין ארט רעדען, אין זיינע מאניערען, אין זיין אלגעמיינעם אויסזעהן, דאס, וואס האט מיר אנפאנג געמאכט שוידערן, נאך דעם, טיעף פעראינטערעסירט, ארויסרופענדיג אין מיין פארשטעלונגס-קראפט עפיס אונדייטליכע געשפענסטער פון מיין קינדהייט, עפיס מארנע, צומישטע, צייטווייליגע עראינערונגען פון יענער צייט פון וועלכער מיין זכרון האט נישט קיין שום בעגריף. פיעל בעסער קען איך בעשטימען דעם דאזיגען דריקענדען געפיהל, ווען איך וועל זאגען, דאס מיר איז שווער געווען זיך בעפרייען פון דעם געדאנק, אז שוין פריהער, אין א זעהר ווייטער עפאכע, האב איך געקענט מיין איין-פאמיליאנט, די דאזיגע אילוזיע איז יעדענפאלס פערשוואונדען אזוי

שנעל, ווי זי איז ערשינען, און איך דערמאָהן וועגען דיזעם, כדי צו ערקלערען מיין לעצטען געשפּרעך מיט מיין Alter ego.

די אַלטע און ריזיגע הויז, מיט איהרע אונענדליכע צוטיילונגען, האָט ענטהאַלטען אין זיך אייניגע גרויסע, צווישען זיך, בעריהמטע צימערן. וואָס האָבען געדינט אַלס שלאָפצימערן פאַר דער גרעסטער טייל פון די שילער. אַ הויז דעם (ווי עס דאַרף געוועהנליך זיין אין אַ געביידע מיט אַזאַ פערפלאָנטערטען פלאַן) האָט זיך אין הויז געפונען נאָך פיעל ווינקלען און שטיינגעלעך, וועלכער דער דאָקטאָר בראַנסקי האָב צוליעב עקאָנאָמישע צוועקען איבערגעמאַכט אין שלאָפצימערן; נאָר אַזוי ווי עס זענען בלויז געווען קליינינקע שטיינגעלעך, האָט אין זיי געקענט וואָהנען נישט מעהר פון איין שילער. איינעם פון די דאָזיגע קליינע צימערן האָט פערנומען ווילסאָן.

איינמאָל ביי נאַכט, אין ענדע פון מיין פינפטען יאָהר־זיין אין שולע, און באַלד נאָך דעם קריעג, פון וועלכען איך האָב שוין גערעדט, בענוצענדיג זיך מיט דעם, וואָס אַלע זענען איינגעשלאָפען אין אַ געשמאַקען שלאָף, בין איך פון בעט אויפגעשטאַנען און מיט אַ לאָמפּ אין האַנד זיך דורכגעגליטשט דורכ׳ן לאַבירינט פון שמאָלע דורכגאַנגען, צום צימער פון מיין געגנער. איך האָב זעהר לאַנג געקלערט ווי טהוט מען איהם אָפּ איינע פון יענע שפּיצלעך, וועלכע האָבען זיך מיר ביז יעצט נישט איינגעגעבען, איך האָב בעשלאָסען דורכצופיהרען מיין פלאַן אין דער ווירקליכקייט, אַז ער זאָל דערפיהלען מיין גאַנצען ברויזענדען צאָרן.

צוקומענדיג צו זיין שלאָפצימער, בין איך שטיל אַריין, איבערלאָזענדיג דעם לאָמפּ הינטערן טהיר. דערנעהנטערענדיג זיך צו מיין געגנער האָב איך זיך צוגעהערט צו זיין לייכטען אָטהעם. זיך איבערצייגענדיג, אַז ער שלאָפט שטאַרק, האָב איך זיך אומגעקעהרט צום טהיר, גענומען דעם לאָמפּ און זיך ווידער דערנעהנטערט צו זיין בעט. די פאָרהאַנגען זענען אַראָפּגעלאָזען געווען; איך האָב זיי אויפגעהויבען שטיל און לאַנגזאַם כדי דורכצופיהרען מיין פלאַן. אין דער זעלבער צייט איז דער שיין פון לאָמפּ געפאַלען אויפ׳ן שלאָפענדעם און איינצייטיג האָט זיך מיין בליק אָפּגעשטעלט אויף איהם. איך האָב געקוקט אויף איהם און געפיהלט אַז איך ווער פערגליווערט און דערפראָרען פון שרעק. מיין האַרץ האָט שטאַרק געקלאַפּט, די קניע האָבען געציטערט און אַ אונערטרעגליכער, אונערקלערבאַרער שרעק האָט אַרומגענומען מיין גאַנצען וועזען. שווער אָטהעמדיג האָב איך דערנעהנטערט דעם לאָמפּ צו זיין געזיכט... צי

דען זענען דאס די געזיכטס־ציגע פון וויליאם ווילסאן? איך האב געוואוסט אז ס'איז געוועזען — ער, נאר איך האב אין גאנצען געציטערט, ווי אין א פיעבער, זיך פארשטעלענדיג, אז דאס זענען גאר נישט זיינע געזיכטס־ציגע. וואס איז אין איהם געוועזען אונגעוויהנליכעס, וואס האט מיר אזוי שטארק צומישעלט? איך האב פארטגעזעצט צו קוקען אויף איהם און די קאפ האט זיך מיר געדרעהט פון טויזענדער נישט צונויפגעבונדענע געדאנקען, וועלכע האבען זיך געשטויסען אין מיין מארך. ער איז נישט געוועזען דער זעלבער, ער האט מיר נישט אויסגעוויזען צו זיין אזוי אויף דער וואך: דער זעלביגער נאמען! די זעלבע געזיכטסציגע! איין און דער זעלבער טאג פון אנקומען אין שולע! און ווייטער, די דאזיגע אונערקלערבארע נאכמאכונג פון מיין גאנג, מיין שטימע, מיין אנצוג און פון מיינע מאניערען! איז עס מעגליך אין דער ווירקליכקייט, אין די גרענצען פון מענשליכען מעגליכקייט, אז דאס, וואס איך האב יעצט געזעהן, איז נאר געוועזען א פאלגע פון א געוואוינהייט צו שפאטישער נאכמאכונג! ציטערנדיג פון שרעק, האב איך פערלאשען דעם לאמפ, ארויסגעגאנגען פון צימער, און אין גיכען האב איך איינמאל פאר אלע מאל פערלאזען די שולע, אום מעהר זיך דא נישט צוריקקעהרען. —

נאך די עטליכע מאנאטען, וועלכע איך האב פערבראכט אין מיינע עלטערנס הויז, אין לעדיג־געהן, בין איך אנגעקומען אין איטאנישען אוניווערסיטעט. דיעזער קורצער פעריאד איז געוועזען גענוג אום צו אפשוואכען די ערינערונגען פון בראנסקיס שולע אדער יעדענפאלס אומבייטען דעם כאראקטער פון יענע געפיהלען, וואס האבען ארויסגערופען די דאזיגע ערינערונגען. די ווירקליכקייט, די טראגישע זייט פון דער דראמע האט שוין מעהר פאר מיר נישט עקזיסטירט. איך האב שוין איצט געפונען גענוג גרינגע צום צווייפלען אין דער רעאליטעט פון מיינע געפיהלען און כמעט שטענדיג, דערמאהנענדיג זיך מיינע צופעלע, האב איך זיך געוואונדערט איבער דער מענשליכער לייכטגלויביגקייט און איבער דער רייכער פארשטעלונגס־קראפט, וועלכע איך האב גערשנט פון מיינע אבות. דאס לעבען, וועלכען איך האב געפיהרט אין איטאן האט נאך מיטגעווירקט צו דער ענטוויקלונג פון אזא מין סקעפטיציזם. דער שטראם פון ווילדקייט, וואס האט מיר ארומגעכאפט צו דיעזער צייט האט אלץ אפגעראמט, איינשלינגענדיג אלע פריהערדיגע פעסטע און ערנסטע איינדריקע און האט איבערגעלאזען אין מיין זכרון נאר די נארישקייטען פון מיין פריהערדיגען לעבענס־פעריאד.

אין מיין אויפגאַבע, יעדענפאַלס, געהט נישט אַריין די בעשרייבונג פון יענע שרעקליכע טהאַטען, וועלכע האָבען צעשטערט אַלע געזעצע פון מאָראַל. דריי יאָהר פון אויסגעלאַסענהייט, אוננוציג פערשווענדעטע, האָבען נאָך פערשטאַרקט אין מיר די פערדאָרבענע געוואָהנהייטען און געפיהרט אויף אַנ׳אוננאָרמאַלען אופן מיין פיזישע ענטוויקלונג. איין מאָל, נאָך אַ גאַנצע וואָך, וועלכע איך האָב פערבראַכט אויפ׳ן אויסגעלאַסענסטען אופן, האָב איך איינגעלאַדען צו זיך אין צימער, אויף אַ געהיימע אָרגיע, אַ קאָמפּאַניע פון אויסגעלאַסענסטע סטודענטען. מיר האָבען זיך צונויפגעקליבען שפּעט ביי נאַכט, ווייל אונזער הולטייען האָט געדאַרפט דויערן ביז פריה־מאָרגענס. וויין האָט זיך געגאָסען עמערווייז און אויך מעהר געפעהרליכע נסיונות זענען מיר נישט ביי־געשטאַנען, אַזוי, אַז צו דער צייט, ווען דער הימעל איז אויף מזרח זייט בלייך געוואָרען, האָט אונזער צולאָזענהייט און אויסגעלאַסענהייט דערגרייכט ביז דער העכסטער שטופע. זעהר אויפגערעגט, צוהיצט פון קאָרטען און וויין, האָב איך זיך פאָרבערייטעט צו האַלטען אַ שמוציגען טאָאַסט, ווען מיין אויפמערקזאַמקייט האָט געצויגען אויף זיך איינע פון די טהירען, וועלכע האָט זיך פּלוצלונג געעפענט און איך האָב דערהערט אַנ׳איילענדעם געשפּרעך פון מיין דיענער, וועלכער האָט זיך בעוויזען אויפ׳ן שוועל. ער האָט געזאָגט, אַז עמיץ וואַרט אויף מיר אין צווייטען צימער און פערלאַנגט מיט מיר צו רעדען איבער אַ וויכטיגע אַנגעלעגענהייט.

געפינענדיג זיך אין אַ לאַגע פון אויסערסטער אויפרעגונג, פון וויין, האָט דער דאָזיגער פּלוצלונגער צופאַל פערשאַפט מיר מעהר פערגניגען ווי פערוואונדערונג. וואַקלענדיג זיך, בין איך אַריין אין וועסטיביול. אין דעם דאָזיגען שמאָלען און נידריגען צימער, האָט ניט געברענט קיין איין לאָמפּ און איז געווען בעלויכטען מיט דעם שוואַכען שיין פון דער אויפגעהענדער זון, וואָס האָט אַריינגעדרונגען דורכ׳ן גלעזערנעם דאַך.

איך האָב קוים בעוויזען צו איבערטרעטען דעם שוועל. ווי איך האָב דערזעהן אַ פיגור פון אַ יונגען מענשען, כמעט פון מיין וואוקס, אָנגעטהון אין אַ ווייסען, נאָך דער לעצטער מאָדע אויפגענעהטען, הויז־אַנצוג, עהנליך צו דעם, וועלכען איך האָב דאַן געטראָגען; נישט קוקענדיג, אויף דעם שוואַכען שיין, דאָך האָב איך דאָס אַלץ דערזעהן מיט אַ מאָל, חאָטש איך האָב נישט געקענט אונטערשיידען זיינע געזיכטסציגע. ווי איך בין נאָר אַריינגעגאַנגען אין וועסטיביול, איז ער צוגעלאָפען צו מיר, און אָננעהמענדיג מיר ביים האַנד מיט אַ אונגעדולדיגע, העררשענדע בענעהמונג, האָט ער מיר

אריין געשעפּטשעט אין אויער: „וויליאם ווילסאן“. די דאָזיגע ווערטער האָבען מיר טאָמטעגטאַל אויסגעניכטערט. אין דער מאַניערע פון אָנגעקומענעם, אין זיין נערוועזען ציטערן פון פינגער, וועלכען ער האָט געהאַלטען נעבען מיינע אויגען, איז געווען עפּיס אַזעלכעס, וואָס האָט מיר שרעקליך פערוואונדערט; נאָר מיין אויפרעגונג איז אַרויסגערופען געוואָרען נישט בלויז דורך פערוואונדערונג, נאָר אויך צוליעב אַנ׳אַנדער אורזאַכע. אין די דאָזיגע מאָדנע ווערטער, אַרויסגעזאָגטע מיט אַ נידריגע פּייפּענדע שטימע, איז געווען אַ בעזונדער בעדייטונג. אויסער דעם, אין דעם כאַראַקטער און טאָן פון די דאָזיגע איינפאַכע, בעקאַנטע ווערטער, אַרויסגעזאָגטע אין אַ געהיימניספולען שעפּטשען, האָבען ערוועקט אין מיין נשמה טויזענדער ערינערונגען פון די פערגאַנגענע צייטען און דורכגעבויערט מיין נשמה, ווי מיט אַנ׳עלעקטרישען פונק. נאָך איידער איך האָב געקענט קומען צו זיך און פעראייניגען מיינע געדאַנקען, איז דער געהיימניספולער אומבעקאַנטער פערשוואונדען.

האָטש די דאָזיגע געשעהעניש האָט געמאַכט אַ שטאַרקען איינדרוק אויף מיין אויפגערעגטע פאַרשטעלונגס-קראַפט, דאָך איז זי אין גיכען פערשוואונדען. אמת, אין פערלויף פון עטליכע וואָכען האָב איך, אָדער ערנסט שטודירט דעם דאָזיגען פאַקט, אָדער געבלאָנדזשעט אין אַ נעבעל פון קראַנקהאַפטע אויסטראַכטונגען. איך האָב נישט פּרובירט אָפּלייקענען די עקזיסטענץ פון דער דאָזיגער מאָדנער פּערזענליכקייט, וועלכע האָט זיך אַריינגעמישט אין מיינע אַנגעלעגענהייטען און האָט מיר געמאַטערט מיט זיינע אונגעבעטענע עצות.

נאָר וואָס האָט מיט זיך פאָרגעשטעלט דער דאָזיגער ווילסאָן? פון וואַנען איז ער געקומען? וואָס איז געווען דער צוועק פון זיין ערשיינונג? איך האָב בעשטימט נישט געקענט ענטפערן אויף איינע פון די דאָזיגע פראַגען; איך האָב געוואוסט וועגען איהם, אַז צוליעב אַ פּלוצלונגען אונגליק אין זיין פאַמיליע, האָט ער פערלאָזען דאָקטאָר בראַנסקים שולע אין דעם זעלבען טאָג, ווען איך בין פון דאָרט ענטלאָפען.

אין פערלויף פון אַ געוויסע צייט האָב איך אין גאַנצען אָן דעם פערגעסען, און מיין גאַנצע אויפמערקזאַמקייט האָב איך געשענקט מיין אָבּפאָהר נאָך אָקספאָרד. דאָרט האָב איך שנעל דערגרייכט די מעגליכקייט, — דאַנקענדיג די עהרען-גייציגע צולאָזענהייט פון מיינע עלטערן, וואָס האָט מיר ערלויבט צו פיהרען אַ רייכען אַרט לעבען און זיך איבערגעבען צו אַ אַנגע-

נעהמען פערגניגען — קאָנקורירען אין געלד-פערשװענדונג, מיט די רײַכסטע גרעפישע יורשים פון גרױס-בריטאַניען.

בײַ אַזעלכע גוטע געלעגענהײַטען האָט מײַן פערדאָרבענער כאַראַקטער זיך אַרױסגעװיזען מיט אַ אַלץ גרעסערער און גרעסערער קראַפט און אין דער װילדער פערשכורונג פון מײַנע אָרגיען, האָב איך פערװאָרפען אַלע געװעהנליכע העפליכקײַט-רעגעלען.

איך װעל זיך נישט אָפּשטעלען אױף אַ פּונקטליכע בעשרײַבונג פון מײַן פערדאָרבענהײַט. גענוג צו זאָגען, דאָס איך האָב איבערשטײַגט אירָאדען אין אױסגעלאַסענהײַט און קרײַצענדיג מיט מײַן נאָמען פיעל נײַע, װילדע פערדאָרבענהײַטען, האָב איך צוגעגעבען אַ רײַכען חלק צו דער לאַנגער רײַהע פון פערברעכענס, װאָס האָבען געהערשט צו יענער צײַט אין דעם אױסגעלאַסענסטען אוניװערסיטעט פון אײראָפּאַ.

פיעלע װעט אױסװײַזען אונגלױבליך, דאָס איך האָב ביז אַזאַ שטופּע, פערלאָרען דעם בעגריף פון ערליכקײַט, דאָס איך האָב אָנגעהױבען שטודירען די בענעהמונגען פון אַ פּראָפעסיאָנעלען קאָרטען-שפּיעלער, און װערענדיג געשיקט אין דער דאָזיגער פעראַכטעטער בעשעפטיגונג, האָב איך עס אױסגענוצט אַלס אַ מיטעל צו פערגרעסערן מײַנע גרױסע הכנסות, אױף דעם חשבון פון מײַנע כאַראַקטערלאָזע חברים. דאָך אַזױ איז עס געװען.

און די שװערהאַפטיגקײַט פון דעם דאָזיגען פערברעכען גענגען די געפיהלען פון מײַן אײגענער זעלבסטװירדע און עהרע, איז געװען די װיכטיגסטע און פיליכטע די אײנציגע אורזאַכע, צוליעב װעלכער איך בין געבליבען אונבעשטראָפט. צװישען מײַנע חברים האָט זיך נישט געפונען קײנער, װעלכער זאָל נישט אָפּלײקענען גיכער די ריכטיגקײַט פון זײַנע געפיהלען, אײדער צו פערדעכטיגען דעם דאָזיגען פרעהליכען, גוטהאַרציגען װיליאַם װילסאָן, דעם ערליכסטען און גוטמוטהיגסטען מענשען פון אַלע אָקספאָרדער קאָלעגען, װעמענס װילדקײַטען, לױט די װערטער פון זײַנע טעלער-לעקער זענען בלױז געװען יוגענד-נאַרישקײַטען, װעמענס פערהירונגען זײ האָבען געהאַלטען פאַר אַ שפּאַס און זײַנע שרעקליכסטע פערברעכענס אַלס אַ יוגענד-צולאָזענהײַט.

צװײ יאָהר האָב איך פערבראַכט אױף אַזאַ פרעהליכען אַרט, װען אין אוניװערזיטעט איז אָנגעקומען אַ יונגער מענש, װאָס האָט געשטאַמט פון דעם פריש-אױסגעבאַקענעם אַדעל, אײנער גלענדעניגג, אַ שרעקליך רײַכער, װעמען, װי מען האָט גערעדט, דאָס רײַכטהום איז אָנגעקומען

אָהן אַ שום טרחה. איך בין שנעל צום שלום געקומען, אַז ער איז נישט וועהר איבערשפּיצט און דעריבער האָב איך איהם בעשטימט אַלס אַ כּפּרה־הינדעל, אום אַרויסצוּווייזען מיין טאַלאַנט. איך האָב איהם זעהר אָפט איינגעלאַדען צו שפּיעלען און זיך בעמיהט, מיט דער געוועהנליכער חיטרינקייט פון אַ שפּיעלער, צו לאָזען איהם געווינען גרויסע סומען געלד, כּדי איהם בעסער צו פערשלעפּען אין מיינע נעצען. ענדליך, ווען מיין פּלאַן איז שוין צייטיג געוואָרען, האָב איך זיך מיט איהם געטראָפען ביי איינעם פון אונזערע חברים, אַ געוויסען מ״ר פּרעסטאָן, מיט דעם צוועק, אויסצולעדיגען זיין בייטעל. נאָר איך מוז אָפּגעבען גערעכט צו מ״ר פּרעסטאָן, — ער האָט קיין אַהנונג נישט געהאַט וועגען מיין פּלאַן. כּדי מיין פּלאַן זאָל האָבען אַ שענערן אויסזעהן, האָב איך זיך בעמיהט איינלאַדען אַ געזעלשאַפט פון 8—10 מענשען, און אויך זיך בעמיהט וועגען דעם, אַז דער פאָרשלאַג צום שפּיעלען אין קאָרטען זאָל שטאַמען פון דער פּערזאָן, וועלכע איך האָב בעצוועקט צו בעשווינדלען. אום זיך מעהר נישט צו פערשפּרייטען וועגען דער דאָזיגער שענדליכער אונטערנעהמונג, וועל איך נאָך זאָגען, אַז איך האָב אויסגענוצט אַלע שענדליכסטע מיטלען, וועלכע ווערען זעהר אָפט פּראַקטיצירט אין אַזעלכע פעלע, און עס בלייבט נאָר זיך צום וואונדערן, אַז ביז איצט געפינען זיך נאָך אַזעלכע נאַרישע קערלען, וואָס פאַלען אַריין אין די דאָזיגע פּאַסטקעס.

ס׳איז געווען זעהר שפּעט, ווען איך האָב אָנגעהויבען צו האַנדלען אויף אַזאַ אופן, אַז מיין פּאַרטנער זאָל זיין נאָר גלענדינינג. מיר האָבען געשפּיעלט אין מיין בעליעבטע שפּיעל — העקאַרטע. די איבעריגע געזעלשאַפט, וואָס האָט זיך פּעראינטערעסירט מיט דעם גרויסען מאַסשטאַב, וועלכען אונזער שפּיעל האָט אָנגענומען, האָט אַוועקגעוואָרפען די קאָרטען און זיך צונויפגעקליבען נעבען אונזער טיש.

אונזער ניי־געבאַקענער אַריסטאָקראַט, וועלכען איך האָב איינגעשכּורט אין אָנפאַנג אָבענד, האָט געגעבען קאָרטען און געשפּיעלט זעהר נערוועז, וואָס מען האָט געקענט ערקלערען, אויב נישט אין גאַנצען, דאָך ביז אַ געוויסער שטופע, מיט זיין שכּרות.

אין אַ משך פון זעהר קורצע צייט האָט ער שוין פערשפּיעלט אַ גרויסע סומע, און נאָך דעם, אויסטרינקענדיג מיט איין אָטהעמצוג אַ גלאָז פּאָרטוויין, האָט ער געטהון דאָס, וואָס איך האָב שוין פריהער פאָראויסגעזעהן. ער האָט מיר פאָרגעלעגט צו פערגרעסערן די שפּיעל, וואָס האָט שוין אויך דאַן דערגרייכט אַ גרויסען מאַסשטאַב. מאַכענדיג אַ מינע, אַז

איך בין געגען דעם, האָב איך אײַנגעשטימט צו זײַן פאָרשלאָג נאָר דאַן, ווען מײַן ווידערהאָלטע ענטזאַגונג האָט אַרויסגערופן פון זײַן זײַט אַזעלכע בײַסענדע ווערטער אויף מײַן אַדרעס, אַ דאַנק וועלכע, מײַן צושטימונג האָט געטראָגן דעם כאַראַקטער פון אַ פערלאַנג איהם צו קרענקען. די פאָלגע איז געווען אַזעלכע, ווי איך האָב ערוואַרט; מײַן אָפּפער האָט זיך ענדגילטיג פערפלאָנטערט אין דעם אויסגעשטעלטען נעץ; וועניגער ווי אין אַ שטונדע האָט זיך זײַן חוב פערדאָפּעלט.

שוין פון אַ לענגערע צײַט האָב איך בעמערקט, אַז זײַן געזיכט האָט פערלאָרען דעם פאַרב, וואָס איז אַרויסגערופען געוואָרען פון ווײַן. און בײַ איצטיגען מאָמענט האָב איך מיט פערוואונדערונג בעמערקט, אַז ער איז שרעקליך בלײַך געוואָרען. איך זאָג מיט פערוואונדערונג, ווײַל איך האָב צונויפגעקליבען וועגען גלענדענדע די פּינקטליכסטע ידיעות, אויף וועלכען סמך איך האָב איהם געהאַלטען אויף אַזוי פיעל רײַך, דאָס דער פערלוסט פון די געלד, האָט נישט געקענט, ווי איך האָב מיר פאָרגעשטעלט, ערנסט איהם בעאונרוהיגען און אַזוי שטאַרק אויפרעגען איהם.

די געוועהנליכע ערקלערונג, וועלכע איז נאַטירליך אַרויפגעקומען אויפ'ן געדאַנק, איז בעשטאַנען אין דעם, דאָס אויף איהם האָט שטאַרק געווירקט דער אויסגעטרונקענער ווײַן; און איך, ריכטיגער מיט דעם צוועק צו פערהיטען מײַן רעפּוטאַציע אין די אויגען פון מײַנע חברים, אײדער צוליעב אַ פערלאַנג צו בעווײַזען מײַן נישט-גײַציגקײַט, האָב שטאַרק אָנגעהויבען פאָדערן מען זאָל פערענדיגען די שפּיעל, ווען אײניגע ווערטער וואָס זענען אַרויסגעזאָגט געוואָרען פון עטליכע חברים און דער אויסגעשרײַ פון גלענדעניגען וואָס האָט אויסגעדריקט פולע פערצווײַפלונג, האָבען מיר געגעבען צו פערשטעהן, אַז איך האָב איהם אין גאַנצען רואינירט און זײַן אונגליקליכע לאַגע האָט געצויגען אויף זיך דעם מיטלײַד פון די אַרומיגע.

ס'איז שווער צו זאָגען, ווי איך וואָלט געהאַנדעלט בײַ דעם דאָזיגען פאַל. די טרויעריגע לאַגע פון מײַן אָפּפער האָט אָנגעזאָגט אויף אַלעמען אַ צומישטקײַט און אומעט; אין פערלויף פון אײניגע מינוטען, האָב איך געפיהלט, ווי מײַן פּנים פלאַמט פון די פעראַכטענדע בליקען, וועלכע, מײַנע נישט אין גאַנצען פערדאָרבענע חברים, האָבען מיר צוגעוואָרפען. איך מוז זיך מודה זײַן, דאָס פון מײַן נשמה איז מאָמענטאַל אַראָפּגעפאַלען אַ אונערטרעגליכע משׂא, דאַנקענדיג אַ פּלוצלינגען און מאָדנעם צופאַל, וואָס האָט איבערגעריסען די דאָזיגע, פאַר מיר אונערטרעגליכע לאַגע. —

די טהיר האָט זיך פּלוצלונג ברײַט פאַנאַנדערגעעפענט מיט אַזאַ

קראַפט און שנעלקייט, דאָס אַלע ליכט זענען פערלאָשען געוואָרען, ווי דורך אַ כשוף. נאָר ביי דעם צאַנקענדען שיין איז מיר געלונגען צו בעמערקען, אַז עס איז אַריינגעקומען עפּיס אַ אומבעקאַנטער, כמעט דעם זעלבען וואוקס, ווי איך, שטייף איינגעהילט אין אַ פוטער. ווען עס איז געוואָרען שטאָק־פינסטער האָבען מיר דערפיהלט, אַז ער געפינט זיך צווישען אונז. נאָר איידער עמיצער פון אונז איז געקומען צו זיך פון פערוואונדערונג, וועלכע עס האָט אַרויסגערופען דער פּלוצלינגער אָנקומען, האָבען מיר דערהערט די שטימע פון אומגעבעטענעם גאַסט:

— „דזשענטללייט", האָט ער געזאָגט מיט אַ זעהר שטילע אָבער דייטליכע, פאַר מיר, גוט בעקאַנטע שטימע, וואָס האָט דורכגעבויערט מיין מאַרך, „דזשענטללייט, איך וועל נישט בעטען פערצייהונג פאַר מיין אויפפיהרונג, ווייל האַנדלענדיג אויף אַזאַ אַרט ערפיל איך נאָר מיין פליכט. איהר, אָהן צווייפעל קענט נישט דעם גייסטיגען געשטאַלט פון דער פּערזאָן, וואָס האָט געוואונען אַזאַ גרויסע סומע געלד ביי לאָרד גלענדענינג. איך וועל אייך פאָרלעגען אַ זעהר לייכטען, דורכפיהרבאַרען און ריכטיגען מיטעל, אום צו בעקומען גענויע ידיעות איבער דער דאָזיגער פּראַגע, בעקוקט געפעלינגסט דעם אונטערשלאַק פון זיין לינקען אַרבעל און יענע קליינע פּעקעלעך, וועלכע איהר וועט געפינען אין די קעשענעס פון רייך־בעפוצטען „חאַלאַט".

אין דער צייט, ווען ער האָט גערעדט איז געווען אַזוי שטיל, אַז מען וואָלט געקענט הערען דעם רויש פון דעם פאַל פון אַ שפּילקע אויפ'ן טעפּיך. ווען ער האָט געענדיגט זיין רעדע איז ער פערשוואונדען אַזוי שנעל, ווי ער איז ערשינען. ווי זאָל איך בעשרייבען דאָס, וואָס איך האָב געפיהלט אין יענער מינוט? דאַרף מען דען נאָך ערקלערען, אַז איך האָב געפיהלט די שוידערהאַפטיגקייט פון אַ מענשען, אויף וועמען עס ליעגט אַ שרעקליכע קללה, גאָר איך האָב קיין צייט נישט געהאַט צו קלערען וועגען מיין לאַגע, אייניגע הענד, פון די נאָהנט־שטעהענדע מענשען האָבען מיר גראָב אַרומגעכאַפּט אין דער צייט, ווען די אַנדערע האָבען אָנגעצונדען די ליכט. מען האָט מיר אָנגעהויבען בעזוכען. אין דעם אונטערשלאַק פון אַרבעל האָט מען געפונען אַלע הויפּט־פיגורען פון העקאַרטע — און עטליכע פּעקלעך קאָרטען אין די קעשענעס פון מיין חאַלאַט, וועלכע זענען געווען אין גאַנצען ענליך צו די קאָרטען, מיט וועלכע מען האָט שטענדיג געשפּיעלט אין אונזער קרייז, נאָר מיט דעם איינציגען אונטערשיעד, דאָס מיינע קאָרטען זענען געווען נאָכגעמאַכט, ד. ה. די ברעגעס

פון די הויפּט-פיגורען זענען געווען אונבעמערקבאַר איינגעבויגען אין דער ברייט און די ברעגעס פון די געוועהנליכע קאָרטען, — אין דער לענג. אַ דאַנק דעם דאָזיגען אַרט אויסלעגען פון די קאָרטען, מוז דער בעשווינדלער, וועלכע שניידט שטענדיג די פּאַש אין דער לענג, געבען דעם געגנער זיינעם די פיגור-קאָרט, אין דער צייט ווען דער שווינדלער, שניידענדיג די קאָרטען אין דער ברייט, גיט זיין געגנער די געוועהנליכע קאָרטען. אַ שטורם פון אויפרעגונג און צאָרן וואָלט מיר אַזוי שטאַרק נישט בעליידיגט, ווי דער דאָזיגער פעראַכטענדער שטילשווייגען און סאַרקאַסטישע רוהיגקייט, מיט וועלכער עס איז בעגעגענט געוואָרען די דאָזיגע מציאה.

— „מיסטער ווילסאָן” האָט זיך געווענדעט צו מיר דער בעל-הבית, זיך איינבויגענדיג אויפצוהויבען דעם טהייערן פוטער, „אָט איז אייער פוטער” (ס'איז געווען זעהר קאַלט, ווען איך בין פון הויז אַרויסגעגאַנגען און איך האָב אָנגעטהון דעם פוטער, וועלכען איך האָב אַראָפּגעצויגען, ווען איך בין אין קאָרטען-צימער אַריין).

— מיר דוכט”, האָט ער צוגעגעבען, בעקוקענדיג די פאַלדען פון פוטער מיט אַ ביטערן שמייכעל, „אַז עס וועט זיין אין גאַנצען איבריג צו זוכען נייע בעווייזע וועגען אייערע לעבענס-בעגריפע. פאַר אונז איז שוין איבערגענוג דאָס, וואָס מיר האָבען געזעהן. איך האָף, אַז איהר וועט בעגרייפען די נויטווענדיגקייט צו פערלאָזען אָקספאָרד, און יעדענפאַלס, בעט איך אייך באַלד צו פערלאָזען מיין הויז”.

ס'איז זעהר מעגליך אַז איך וואָלט אויף אַזאַ בעליידיגונג, וואָס האָט מיר ערנידריגט און אַריינגעשטופּט אין בלאָטע, געענטפערט מיט אַ גוואַלד-טהאַט, ווען מיין אויפמערקזאַמקייט וואָלט נישט געווען געווענדעט אויף אַנ'אונערקלערבאַרען, וואונדערבאַרען פאַקט. דעם פוטער וועלכען איך האָב מיטגעבראַכט, איז געווען אַ אָריגינעלע קונסט-שטיק און די אידעע פון זיין פאַסאָן האָט אויסשליסליך בעלאַנגט צו מיר. אין בעצוג צו דער קליידונגס-פראַגע, האָב איך מיין פאַנטאַזיע געגעבען פולע פרייהייט און ענטוויקעלט מיין שטרעבונג צו דענדיזם ביז אַנ'אַבסורד. און דעריבער, ווען מ"ר פּרעסטאָן האָט מיר דערלאַנגט דעם פוטער, וועלכען ער האָט אויפגעהויבען פון באָדען, נעבען טהיר פון צימער, האָב איך מיט ערשטוינונג, נאָהנט צו שרעק, בעמערקט, אַז מיין אייגענעם פוטער האָב איך געהאַלטען אויפ'ן האַנד, און יענער וועלכען מ"ר פּרעסטאָן האָט מיר דערלאַנגט, איז נאָר געווען אַ פונקטליכע קאָפּיע פון מיינעם, מיט אַלע

פיטשיוועקעס. דאס אונבעקאנטע וועזען, וואס האט ענטדעקט מיין שווינדעל איז געוועזען, ווי איך געדענק גוט, איינגעהילט אין א פוטער, און איך האב געוואוסט, אז קיינער פון די אנוועזענדע, א חוץ מיר, האבען נישט מיטגעבראכט קיין פוטער אין צימער. נישט פערלירענדיג אין גאנצען דעם מוטה, האב איך גענומען דעם פוטער, וואס פרעסטאן האט מיר דערלאנגט און איהם אנגעטהון, אונמערקבאר פאר די ארומיגע, אויף מיינעם און ארויסגעגאנגען פון צימער, ווארפענדיג אויף די אנוועזענדע א חוצפה׳דיגען און דראהענדען בליק.

דעם זעלבען פריהמארגען בין איך שנעל ארויסגעפאהרען פון אקספארד אויפ׳ן מאטעריק, פיהלענדיג א ווירקליכע גסיסה פון שרעק און בושה.

מיין ענטלויפען איז געוועזען אומניצליך. דער פערפלוכטער שיקזאל האט מיר פערפאלגט, שטאלצירענדיג און בעוויזענדיג מיר, אז איהר געהיימניספולע מאכט איבער מיר, האט זיך נאר יעצט אנגעהויבען ארויסווייזען. נאך מיין אנקומען אין פאריז, האב איך בעקומען א נייעם בעווייז פון דעם עקעלהאפטען אינטערעס, וועלכען ווילסאן האט ארויסגעצייגט צו מיינע אנגעלעגענהייטען. א יאהר נאך א יאהר איז פערביינגעלאפען און מיינע ליידען האבען נאך געדויערט, ווי פריהער. זענענדיג אין רוים, מיט וואס פאר א וואסערדיגע צערטליכקייט ער האט זיך בעצויגען צו מיר, שטעלענדיג זיך אלס א צוים צווישען מיר און מיין עהרען-גייציגקייט. און אין ווין! אין בערלין! אין מאסקווע! איז דען געוועזען א ארט, וואו איך זאל נישט האבען קיין גרינדע צו פלוכען איהם אין דער טיעפעניש פון מיין נשמה! ארומגעכאפט פון א ווילדען שרעק, בין איך געלאפען פון זיין איינגעשפארטער טיראניי, ווי פון א פעסט, געלאפען אויף דער אנדערער עק וועלט, נאר אלץ איז געוועזען אומזיסט.

און אין פערלויף פון דער דאזיגער צייט האב איך זיך געהאט געשטעלט די פראגע: „ווער איז ער? פון וואנען קומט ער? וואס בעצוועקט ער?" נאר איך האב קיין ענטפער נישט געפונען אויף די דאזיגע פראגען. און איך האב אויפמערקזאם אנאליזירט די פארמען, די מעטאדע און דעם כאראקטער פון זיין אונערטרעגליכען אויפזיכט. נאר אויך דא האב איך גארנישט געקענט געפינען, וואס זאל קענען רעכטפערטיגען מיינע השערות. איך האב נאר געקענט אונטערשטרייכען דעם פאלגענדען פאקט: וואונדערבאר, דאס אין די אלע צאהלרייכע פעלע, ווען איך פלעג

איהם בעגעגנען אויף מיין וועג, האָט ער שטענדיג פערניכטעט יענע פלאַנען, צערשטערט יענע קאָמבינאַציעס, וועלכע, אין פאַל פון אַ ערפאָלג, וואָלטען געפיהרט צו אַ אונגליקליכען אויסגאַנג. וואָס פאַר אַ לעכערליכע רעכטפערטיגונג פאַר אַזאַ חוצפה׳דיגע צוואַנגס־הערשאַפט! וואָס פאַר אַ קליינינקע בעלאָהנונג פאַר די נאַטירליכע רעכט פון פרייען ווילען, אָפגעוואָרפענע אַזוי שטאָלץ און חוצפה׳דיג! מיר איז אויך אויסגעקומען צו בעמערקען, אַז מיין הענקער האָט אין פערלויף פון אַ געוויסען פעריאָד, אַרויסווייזענדיג זיין וואונדערליכע מאַניע נאָכצומאַכען מיין קליידונג, יעדעס מאָל, ווען ער האָט פערצוימט מיין ווילען, געהאַנדעלט אַזוי, אַז איך וואָלט נישט קענען בעמערקען זיינע געזיכטסציגע. וואָס עס זאָל נישט פאָרשטעלען מיט זיך דער דאָזיגער ווילסאָן, נאָר אַזאַ געהיימניס, איז שוין געווען דער אויבען־אָן פון אַפעקטאַציע און נאַרישקייט. נאָר צי דען האָט ער זיך נישט פאָרגעשטעלט האָטש אויף איין מאָמענט, דאָס סיי אין מיין איטאַנישען בעל־עצה, סיי אין דעם אָקספאָרדער צושטערער פון מיין עהרע, אַזוי אויך אין דעם מענש, וואָס האָט מיר געשטערט אין מיינע עהרען־גייציגע פלאַנען אין רוים, מיין ראַכע אין פאַריז, מיין ליידענשאַפטליכע ליבע אין נעאַפאָל און דאָס וואָס ער האָט אָנגערופען געלד־גייציגקייט אין מצרים, דאָס אין דעם דאָזיגען וועזען, אין מיין גרעסטען שונא און מיין בעזען געניוס, וועל איך נישט דערקענען ווילליאַם־ווילסאָנען פון מיינע שול־יאָהרען, מיין איין־פאַמיליאַנט, דעם געפעהרליכען און פערהאַסטען חבר פון בראַנסקיס שולע? אָבער דאָס וואָלט דאָך געווען אונגלויבליך! נאָר מיר וועלען איבערגעהן צום לעצטען אַקט פון דער דראַמאַ.

ביז יעצט האָב איך זיך פחדנות׳דיג אונטערגעגעבען זיין צוואַנגס־הערשאַפט. אַ געפיהל פון טיעפע אַכטונג, מיט וועלכע איך האָב זיך פערהאַלטען צו די הויכע געפיהלען, גרויסמוטהיגער קלוגשאַפט פון אַלמעכטיגען ווילסאָן, צוזאַמען מיט אַ געפיהל פון שרעק, וועלכען עס האָבען ביי מיר אַרויסגערופען איינינגע פון זיינע האַראַקטער־שטריכען און עטליכע גייסטיגע פריווילעגיען, האָבען בעשאַפען ביי מיר אַ בעוואוסטזיין פון מאַכטלאָזיגקייט און האָבען מיר געצוואונגען צו פולע אונטערטעניגקייט צו זיין גרעגעצלאָזער דיקטאַטור. נישט קוקענדיג אויף מיין שמערץ און עקעל, וואָס איך האָב געפיהלט צו איהם. אַלס אַנ׳ערקלערונג צו דעם קען דינען דאָס, וואָס איך האָב פאַר דער לעצטער צייט פיעל געברויכט שטאַרקע געטרענקע, און זייערע אויפרעגענדע ווירקונג האָט אַרויסגערופען ביי מיר אַלץ אַ

גרעסערע און גרעסערע אומגעדולדיקייט צו יעדן קאָנטראָל. איך האָב אָנגעהויבן פּראָטעסטירן, צווייפֿלען און זיך געגן־שטעלן. מעגליך, אַז אין מײַן פֿאָרשטעלונגס־קראַפֿט איז בעשאַפֿן געוואָרן אַ זיכערהייט, אַז די איינגעשפּאַרטקייט פֿון מײַן געגנער וועט אָפּגעשוואַכט ווערן מיט דער פֿערשטאַרקערונג פֿון מײַן ווילנס־קראַפֿט. גאָר יעדנפֿאַלס האָב איך זיך געפֿונען אונטער דעם אײַנפֿלוס פֿון האָפֿנונג און אַם ענדע האָב איך דערשפּירט אין דער טיפֿעניש פֿון מײַן נשמה אַ פֿינסטערע, פֿער־צווייפֿעלטע ענטשלאָסנהייט צו בעפֿרײַען זיך פֿון מײַן שקלאַפֿערײַ.

אין דער צײַט פֿון קאַרנאַוואַל אין... 18 יאָהר אין רוים, בין איך געווען אויף אַ מאַסקען־באַל אין פּאַלאַץ פֿון נעאַפּאָליטאַנישן הערצאָג דע־בראַגליאָ. איך האָב אויסגעטרונקען ווײַן מעהר ווי געוועהנליך און די שטיקענדע לופֿט פֿון זאַל, וועלכער איז געווען אָנגעפּאַקט מיט מענשן, האָט מיר אונערטרעגליך אויפֿגערעגט. די שוועריקייט, מיט וועלכער מיר איז אויסגעקומען צו מאַכן זיך אַ וועג, האָט נאָך מעהר פֿערשטאַרקט מײַן שלעכטע גײַסט־אויפֿגעלעגנהייט; אויסער דעם האָב איך די גאַנצע צײַט געזוכט (איך וועל נישט זאָגן צוליב וועלכן שמוציקן צוועק) די יונגע, פֿרעהליכע און שעהנע פֿרוי פֿון אַלטן אידיאָטישן דע־בראַגליאָ. זי איז געווען אַזוי פֿיעל אונפֿאָרזיכטיג און מיר ענטדעקט די געהיימניס פֿון איהר מאַסקען־קלייד, און ווען איך האָב איהר דערזעהן פֿון דער ווײַטנס, האָב איך געאײַלט זיך דערנעהנטערן צו איהר. אין דער זעלבער מינוט האָב איך דערפֿיהלט, ווי עמיץ אַ האַנד האָט לײַכט בעריהרט מײַן שול־טער — און איך האָב דערהערט דעם שטילן, פֿערפֿלוכטן שעפּטשען נעבן מײַן אויער.

אַרומגעכאַפּט פֿון ווילדע אויפֿרעגונג, האָב איך זיך שנעל אומגע־דרעהט צו יענעם, וואָס האָט מיר אַזוי אויפֿגערעגט און מיט אַ שטאַרקע בעוועגונג איהם אָנגעגריפֿן בײַם קאָלנער. ווי איך האָב ערוואַרטעט — האָט ער געטראָגן אַ אַנצוג, אַבסאָליוט ענליך צו מײַנעם: אויף איהם אַזוי ווי אויף מיר איז געווען אָנגעטהון אַ איספּאַנישער מאַנטעל פֿון בלאָען־אַטלאַס און זײַן טאַליע האָט אַרומגענומען אַ מאַשינעווער גאַרטעל, צו וועל־כען ס'איז צוגעטשעפּעט געווען אַ שפּיז. אַ שוואַרצע זײַדענע מאַסקע האָט אין גאַנצן פֿערדעקט זײַן געזיכט.

— „לומפּ“, האָב איך אויסגעשריען, מיט אַ דומפּער פֿון צאָרן, שטימע, און מיט יעדן אַרויסגעזאָגטן וואָרט האָב איך זיך אַלץ מעהר און מעהר צוהיצט. — „פֿעראַכטעטער! זעלבסט־געקרוינטער! פֿערפֿלוכ־

מער אינטריגאַנט! אָ! איך וועל שוין מעהר דיר נישט ערלויבען מיר פערפאָלגען ביז צום טוידט! פאָלג מיר נאָך, אָדער איך וועל דיר ערמאָרדען באַלד אויפ'ן אָרט!"

און איך בין אַרויסגעגאַנגען פון באַל-צימער און זיך געלאָזען געהן אין דעם דערבייאיגען קליינעם צימער, שלעפּענדיג איהם נאָך זיך.

אַריינקומענדיג אין צימער האָב איך איהם וויַט אָפּגעשטויסען פון זיך. ער האָט זיך אָנגעקלאַפּט אָן וואַנד; איך האָב פערשלאָסען די טהיר און מיט אַ קללה אויף די ליפּען איהם בעפאָהלען אַרויסציהען דעם שפּיז. ער האָט איין אויגענבליק געצווייפעלט; נאָך דעם, לייכט אָפּעטעמענדיג, האָט ער שוויַיגענד אַרויסגעצויגען דעם שפּיז און זיך געשטעלט אין אַ פּאָזיציע.

דער קאַמפּף האָט לאַנג נישט געדויערט. איך בין געווען אויף דער העכסטער שטופע אויפגערעגט און געפיהלט אין מיין האַנד אַ אונגעוועהנליכע קראַפט. אין איינציגע סעקונדען האָב איך מיט עטליכע שטאַרקע קלעפּ איהם צוגעשפּאַרט צום וואַנד, און אין דער צייט, וואָס ער האָט זיך געפונען אונטער מיין מאַכט, האָב איך מיט אַ טהירישע ווילדקייט איינציגע מאָל נאָכאַנאַנד דורכגעלעכערט זיין ברוסט מיט מיין שפּיז.

אין דעם זעלבען מאָמענט האָט עמיץ בעריהרט די הענדטעל פון טהיר. איך האָב זיך שנעל אומגעקעהרט צו מיין שטערבענדען געגנער. איך האָב נישט קיין ווערטער אויסצודריקען יענע פערוואונדערונג, יענעם שרעק, וועלכע האָבען מיר אַרומגעכאַפּט ביי דעם בילד, וואָס האָט זיך פאָרגעשטעלט פאַר מיינע אויגען. דער קורצער פּעריאָד, וואָס איך האָב זיך אָפּגעקעהרט אָן אַ זייט, איז גענוג געווען, עס זאָל פאָרקומען אַ פערענדערונג אין דער דעקאָראַציע אויפ'ן צווייטען עק צימער.

דער גרויסער שפּיגעל, האָט אין מיין אויפרעגונג, מיר אויסגעוויזען צו זיין דאָרט, וואו פריהער איז גאָר קיין סימן פון איהם נישט געווען; אין דער זעלבער צייט, ווען איך האָב מיט שרעק זיך דערנעהנטערט צו איהם, האָב איך דערזעהן, ווי מיין אייגענע אָפּשפּיגלונג, מיט אַ בלייבען, פערשפּריצטען מיט בלוט, פּנים, איז לאַנגזאַם געגאַנגען, זיך וואַקלענדיג, אַנטקעגען מיר.

אַזוי, האָט עס מיר אויסגעוויזען, נאָר אין דער ווירקליכקייט איז דאָס געווען אַנדערש. געגען-איבער מיר איז געשטאַנען מיין געגנער — ווילסאָן, אין זיין לעצטער גסיסה. זיין מאַסקע און מאַנטעל זענען געלעגען אויפ'ן באָדען, דאָרט, וואו ער האָט זיי אַראָפּגעוואָרפען. אין זיין אַנצוג איז נישט

געוועז קיין איין פאדים, אין זיין כאראקטעריסטישער, אריגינעלער פיגור איז נישט געוועזן קיין איין שטריך, וואס זאל נישט זיין קיין פינקטליכע קאפיע פון מיר. אין אלץ האט זיך בעמערקט א פולע עהנליכקייט. דאס איז געוועזן ווילסאן, נאר ווילסאן, וואס האט שוין מעהר נישט געשעפטשעט, נאר גערעדט אזוי, דאס עס האט מיר געקענט אויסוויזען, אז איך זעלבסט האב ארויסגעזאגט די פאלגענדע ווערטער:

„דו האסט מנצח געוועזן און איך שטארב. נאר פון דעם איצטיגען מאמענט ביזט דו אויך געשטארבען — געשטארבען פאר דער וועלט, פאר'ן הימעל און פאר דער האפנונג. אין מיר האסטו געלעבט; און יעצט זעהסטו אין מיין טוידט, זעהסט אין דער דאזיגער אפשפיעגלונג, ווי דו האסט זיך ענדליך זעלבסט געטוידטעט.

איבערזעצט פ. אלעקסאנדראוויטש.

(פאָרטזעצונג פון צוועלפטען העפט).

---

אַ חוץ דעם האָט ער נאָך געליטען פון אַן'אונגאַטירליך שטאַרקען פחד, אונטער וועלכען ער איז ווי אַ שקלאַף אונטערגעוואָרפען געוועזען. — איך וועל צו גרונד געהן, האָט ער געזאָגט, — איך מוז צוליעב דעם דאָזיגען נאַרישען איינגעבילדעטען שרעק פאַר דער צייט פון דער וועלט אַוועקקומען. אָט אַזוי און נישט אויף קיין אַנדער אופן וועט עס מיט מיר אַ סוף נעמען. נישט פאַר די קומענדיגע געשעהענישען גופא האָב איך מורא, איך שרעק מיר נאָר פאַר די פאָלגען, וואָס וועלען פון זיי אַרויסקומען. בלויז דער געדאַנק אָן וועלכען עס איז פאָרפאַל, מעג ער אפילו פון דער גאַנץ געוועהנליכסטער אַרט זיין, אָבער אַ פאָרפאַל, וואָס קאָן אָט די דאָזיגע אונערטרעגליכע געמיטס-אויפרעגונג ביי מיר אַרויסרופען, יאָגט מיר אַ שוידער דורך אַלע ביינער דורך. דאָס, פאַר וואָס איך האָב מורא, איז נישט די געפאַהר גופא, נאָר איהר אונפערמיידליכע ווירקונג: דער שרעק. אין דעם דאָזיגען נערווען-צורודערטען צושטאַנד פיהל איך, אַז פריהער אָדער שפּעטער וועט מוזען קומען יענער שרעקליכער מאָמענט, וואָס ראַנגלענדיג זיך מיט דעם מורא'דיגען געשפּענסט „פחד", וועל איך צוזאַמען מיט מיין שכל אויך מיין לעבען פערלירען.

מיט פערשידענע הפסקות און דורך אָבגעריסענע אונבעשטימטע רמזים האָב איך זיך דערוואוסט פון נאָך אַן'אַנדערער משונה'דיגער אייגענטימליכקייט פון זיין גייסטיגען צושטאַנד. וואָס עס געהער זיך אָן צו דער געביידע, אין וועלכער ער האָט געוואוינט, איז ער דערצו דורך געוויסע אַבערגלויבישע איינבילדענישען צוגעבונדען געוועזען. וואָהנענדיג דאָרט אַ משך פון כמה יאָהרען האָט ער זיך נישט מעהר געוואַגט פון דאָרטען אַרויסצוציהען, צוליעב אַ טעם, וואָס ער האָט מיר דערקלערט מיט אַזעלכע רמזים און סודות, וועלכע לאָזען זיך גאָרנישט איבערגעבען. דורך זיין לאַנגיעהריגעם ליידען, ווי ער האָט נאָך דעם ערקלערט, איז איהם בעפאַלען אַזאַ געוואַלט, וואָס זיינע אייגענטימליכקייטען ליגען אין דער אויסווענדיגסטער געשטאַלט און אין דעם מאַטעריאַל, פון וועלכען זיין שטאָם-שלאָס איז געבויט. דורך די זאָנדערבאַרע געשטאַלט פון די גרויע מויערן און טורעמס, דורך דעם אומעטיגען טייך, אין וועלכען אַלץ שפּיגעלט זיך ווידער אָב, איז איבער זיין גייסט יענער געוואַלט-צושטאַנד געקומען.

ער האָט מודה געווען, חאָטש נישט זעהר גערן, אַז פיעל פון דער אומעטיגער שטימונג, וואָס האָט איהם אַזוי אין דרייען איינגעבויגען, קאָן מען אויף אַ נאַטירליכערע און אַסך מעהר ערקלערבאַרע סבה אָנווייזען:

— אויף די שווערע און לאנגע דויערנדיגע קראנקהייט פון זיין שוועסטער, וועלכע ער האט אזוי צערטליך געליעבט, און פון וועלכע ער מוז זיך פריהער אדער שפעטער אויף עביג שיידען. זי איז געוועזען זיין לעצטע און איינציגע קרובה און שוין פון לאנגע יאהרען זיין איינציגע בעגלייטערין אין לעבען געוועזען. — איהר אבשיידען פון מיר — האט ער מיר געזאגט מיט א ביטערקייט, וועלכע איך וועל קיינמאל נישט פערגעסען, — וועט מיך מאכען פאר דעם האפנונגלאזעסטען און צוזאמענגעבראכענסטען מענשען אויף דער וועלט, פאר דעם לעצטען צווייג אין דער אלטער פאמיליע אוסהער. בשעת ער האט די דאזיגע ווערטער געזאגט, איז לעדי מאדעלאן (אזוי האט זיין שוועסטער געהייסען) ווייט אין הינטערגרונד פון צימער לאנגזאם פארבייגעגאנגען און איז, מיך נישט בעמערקענדיג, פערשוואונדען געווארען. איך האב זי בעטראכט מיט דעם העכסטען ערשטוינען, אין וועלכען עס איז פערמישט געוועזען עטוואס פחד, וואס איך גופא קאן זיך וועגען איהם קיין רעכנונג נישט אבגעבען. נאכקוקענדיג מיט מיינע אויגען איהרע אוועקשוועבענדיגע טריט, האב איך זיך פלוצלונג געפיהלט ווי ארומגעקלאמערט פון א פראסטיגער ערשטארונג. ווען עס האט זיך ענדליך הינטער איהר א טהיר פערשלאסען, האב איך, נישט ווילענדיג, מיינע אויגען אויף איהר ברודער אנגעשטעלט; ער האט אבער זיין געזיכט מיט די הענד פערדעקט, און איך האב נאר געקענט בעמערקען, אז זיינע אבגעמאגערטע פינגער, צווישען וועלכע עס זענען מאנכע ביטערע טרעהרען דורכגערונען, זענען געווארען נאך מעהר בלייכער ווי געוועהנליך.

לעדי מאדעליינס קראנקהייט האט א לאנגע צייט געשפאט איבער די היילקונסט פון די דאקטוירים, א לאנג דויערנדיגע מידיגקייט און ענטקרעפטונג פונ'ם גאנצען קערפער, פערבונדען מיט אפטע, חאטש באלד פאראיבערגעהענדיגע, אנפאלען פון עטוואס שטארקראמפיגער נאטור, האבען געבילדעט די אונגעוועהנליכע דיאגנאזע פון איהר קראנקהייט. ביז יעצט האט זי זיך געגען דער ווירקונג פון איהר קראנקהייט העלדיש געהאלטען און איז נישט געווארען בעטלעגריג. אין דעם טאג פון מיין קומען, בין השמשות־צייט, האט זי שוין נישט מעהר געקאנט, ווי דער ברודער האט מיר אין אבענד שטארק אויפגערעגט דערצעהלט, — זיך האלטען געגען דער צוזאמענברעכענדיגער געוואלט פון איהר קראנקהייט. איך האב ערפאהרען, אז דער אנבליק, וואס איך האב פון דער דאזיגער פרוי בעקומען צו זעהן, וועט וואהרשיינליך שוין דער לעצטער זיין, און אז איך וועל די לעדי, ווענגיסטענס ביי איהר לעבען, שוין מעהר נישט זעהן.

דעם צווייטען טאָג פון מיין קומען איז איהר נאָמען נישט מעהר דערמאָהנט געוואָרען נישט דורך אוסהער און נישט דורך מיר. דעם גאַנצען יענעם טאָג בין איך שטאַרק בעשעפטיגט געוועזען עטוואָס צו פערגרינגערן די שווערמיטיגע שטימונג פון מיין פריינד. מיר האָבען ביידע צוזאַמען געמאָלען אָדער געלעזען; אָדער איך האָב זיך מיט פער׳חלומ׳טער אויפמערקזאַמקייט צוגעהערט צו די ליידענשאַפטליכע פאַנטאַזיען פון זיין אויסדרוקספאָלען גיטאַרע-שפּיעלען. אַט אַזוי בין איך אַריינגעפיהרט געוואָרען דורך די פערטרויליכקייט צו מיר, וואָס איז פון יעדע מינוט אַלץ אינטימער, אָפענהערציגער און אויפריכטיגער געוואָרען, אין די פערבאָרגענסטע ווינקלען פון זיין וועזען. נון אָבער האָב איך מיט דער גרעסטער ביטערקייט געמוזט איינזעהן, אַז עס זענען אומזיסט אַלע מיינע בעמיהונגען און אָנשטרענגונגען אויפצומינטערן אַ געמיט, ביי אַזאַ איינעם, וואו דער שווערער קומער איז שוין געוואָרען אַזוי טיעף איינגעוואַקסען אין זיין גייסט, גלייך ווי עס וואָלט געווען אַן׳איינגעבאָרענער טייל פון זיין וועזען, אַזוי, אַז דער קומער זיינער האָט זיך ווי אַן׳אומעטיגע, אונאויפהערליך פיינדיגע אויסשטראַהלונג אַריבערגעטראָגען איבער אַלע ענינים פון זיין וועלט, סיי מאָראַלישע סיי פיזישע.

איך וועל קיינמאָל נישט פערגעסען די פיעל ערנסטע שטונדען, וועלכע איך האָב פערבראַכט אַליין מיט דעם עלטסטען פון דער פאַמיליע אוסהער. זאָל איך אָבער וועלען פּרובען גענויער פונאַנדערגליעדערן די שטודיען און בעשעפטיגונגען, אין וועלכע ער האָט מיך אַריינגעצויגען אָדער אַריינגעפיהרט, לויט זייער איינענטימליכען אינהאַלט, ווייס איך, אַז דאָס וועט מיר נישט געלינגען! זיין אויפגערעגטער אידעאַליזם, וואָס איז מיט קיין שום זאַך נישט צופריעדען געוועזען, האָט איבער אַלץ געוואָרפען אַ גרעליג פלאַקערדיגען שימער. די לאַנגע אימפּראָוויזאַציעס פון זיינע קבריםגעזאַנגען וועלען מיר שטענדיג קלינגען אין מיינע אויערן, צווישען אַ סך אַנדערע זאַכען איז מיר געבליבען אין זכרון אַ שמערצליכע עראינערונג פון אַ ניגון, וועלכען ער האָט פון קאַרל מאַריאַ וועבערס אַ מעלאָדיע אויף זיין שטייגער איבערגעמאַכט. די מאַלערייען, מיט וועלכע זיין אויפגערעגטע פאַנטאַזיע איז בעשעפטיגט געוועזען, און וואָס זענען איינע נאָך דער אַנדערער אין נישט דייטליכע און אונבעשטימטע ליניען אויף דער ליינוואַנד ענטשטאַנען, האָט אויף מיר אַרויפגעיאָגט אַזאַ מין שוידער. וואָס דעסטאָ ווייניגער איך האָב זיך געקאָנט דערוויסען די ריכטיגע אורזאַכע דערפון, אַלץ העפטיגער איז עס געוועזען. נאָך היינט שטעהען מיר ווי לעבעדיג פאַר

די אויגען יענע בילדער לויט זייער בעדייטונג, און דאָך וועל איך מיך בעמיהען אומזיסט, ווען איך זאָל וועלען ווידער אַרויפברענגען אין מיין זכרון חאָטש עפּיס מעהר ווי גאָרנישט, דאָס וואָס עס לאָזט זיך אין ווערטער אויסדריקען, וועניגסטענס איז דאָס אונמעגליך פאַר מיר אונטער די אומשטענדען, אין וועלכע איך האָב זיך דאַמאָלס געפינען. דורך אוםהערם איינפאַכהייט און קלאָרעס אויפטרעטען פון זיין אבזיכט האָט ער פערשטאַנען מיין אויפמערקזאַמקייט צו זיך צוציהען און אין העכסטען גראַד איבער מיר צו געוועלטיגען. אויב עס האָט זיך עמיצען אַמאָל איינגעגעבען פאַרצושטעלען אַנ'אידעע קלאָר און דייטליך, איז דער „עמיצער" נישט געוועזען קיין אַנדערער ווי נאָר ראָדעריך אוםהער. די בילדער, וואָס דער דאָזיגער מעלאַנכאָליקער האָט אויף לייווואַנד אויפגעצייכענט, האָבען אויף מיר אַרויפגעיאָגט אַ גוואַלדיגען אונערטרעגליכען שוידער; קיינמאָל אין מיין גאַנץ לעבען האָב איך נישט עמפּפונדען אפילו קיין שאָטען פון יענעם שוידער, זאָגאַר נישט ביים בעטראַכטען די טרוימערישע בילדער פון פוזעל, וועלכע זענען געוויס גענוג פאַנטאַסטיש און דערביי אויך רעאַליסטיש.

איינע פון מיין פריינדס פאַנטאַסטישע שעפּפונגען, וועלכע זענען נישט אַזוי משונה'דיג ווילד געווען, וויל איך דאָ, חאָטש אַלס שוואַכע פּראָבע, אין ווערטער איבערגעבען. אויף אַ קליין בילד איז געווען אויסגעמאָלט דאָס אינעווייניגסטע פון אַנ'אונגעהייער לאַנגען און שטאַרק ווינקעלדיגען געוועלבטען טונעל; די נידריגע, גלאַטע, ווייסע מויערן זענען געוועזען אָהן אַ שום אַבזאַץ אָדער בעפּוצונג. געוויסע נעבען־זאַכען אויף דער צייכנונג האָבען געדיענט דערצו, צו ערוועקען די אויפמערקזאַמקייט פון בעאָבאַכטער, אַז ער זאָל דערזעהן, דאָס דער דאָזיגער געוועלבטער גאַנג געפינט זיך אַ היבש ביסעל טיעף אונטער דער ערד. דערביי איז נאָך אין דער גאַנצער לענג אין קיין איינציגער שטעלע נישט געווען צו בעמערקען ערגעץ וועלכען אויסגאַנג; דאָסגלייכען איז נישט געווען צו זעהן נישט קיין פאַקעל אָדער אַ וועלכען נישט איז אַנדערן מיטעל פון געקינסטעלטער בעלייכטונג, און דאָך איז די וועלבונג געווען בעגאָסען מיט אַ ים בלענדענדע שטראַהלען, וועלכע האָבען דאָס גאַנצע בילד אַ מין פער'כשופ'טען גלאַנץ צוגעגעבען.

אויבען האָב איך דערמאָהנט, וועגען אַ קראַנקהאַפטען צושטאַנד אין מיין פריינדס געהערס־נערווען, צוליעב וועלכע דעם ליידענדען איז נישט מעגליך געוועזען צו פערטראָגען די מינדעסטע מוזיק־קלאַנגען, אויסער געוויסע ווירקונגען פון סטרונעס־אינסטרומענטען. אפשר איז דאָס געווען צו־

ליעב דעם, וואָס ער גופא האָט געשפּיעלט אויף אַ גיטאַרע, וואָס האָט צוגעגעבען זיין פּאָרטראַג אַ פאַנטאַסטישען חאַראַקטער פון העכסטען גראַד. וואָס עס געהער זיך אָן צו זיין טאָנזאַץ און די ווערטער — דען נישט זעלטען האָט ער בעגלייטעט די מוזיק מיט זיינע אייגענע, אין גראַמען צוגעפּאַסטע אימפּראָוויזאַציעס — האָבען זיי געמוזט געוויס זיין די פאָלגען פון זיין טיעף אינערליכער פערזונקענהייט, און זיי זענען עס באמת טאַקי אַזוי געוועזען. וועגען דער דאָזיגער זעלענשטימונג, וואָס האָט זיך בעוויזען נאָר אין בעזונדערע אויגענבליקען פון דער העכסטער קינסטלערישער בעגייסטערונג, האָב איך שוין אויבען דערמאָהנט. די ווערטער פון איינער פון יענע ראַפּזאָדען זענען מיר אָהן וועלכע נישט איז אָנשטרענגונגען געבליבען אין זכרון, אפשר האָבען זיי אויף מיר דעריבער אַזאַ טיעפען איינדרוק געמאַכט, ווייל מיר האָט זיך דאָס ערשטע מאָל, זייט איך בין אין מיין פריינדס הויז געקומען, געדאַכט, אַז איך הויב אָן בעמערקען אונטער דעם פערבאָרגענען אָדער מיסטישען אינהאַלט פון די דאָזיגע ראַפּזאָדען. אַז אושער ווייס גאַנץ גענוי, דאָס זיין טיעפער פערשטאַנד האַלט זיך נישט מעהר פעסט אויף זיין טראָהן. די פערזען, וועלכע האָבען געטראָגען די איבערשריפט „דער פערצויבערטער פּאַלאַץ" האָבען געקלונגען, כאָטש נישט וואָרט ביי וואָרט, אָבער אונגעפעהר פאָלגענדער־מאַסען:

אמאָל בייזן בלויען הימעל דערהויבען
האָט זיך אַ פּאַלאַץ, פול שטאָלץ און פול פּראַכט,
און הייליגע מלאכים פון אויבען —
האָבען זיך דאָרטען אַ וואוינונג געמאַכט. —
בעגאָסען מיט פּורפּור־ליכט, בליץ און בלאַנק
איז דער גיעבעל, ווי פון אַ צויבער־וואָרט
דען אַ קעניג — דער געדאַנק
געהערשט פון עביג האָט דאָרט.

דאַמאָלס אויך — דאָך פון לאַנג שוין צערונען
זענען יענע פּראַכטפולע צייטען, אַך! —
געפלאַטערט האָבען פלאַגען ווי זונען
העל אַלס אַ צייכען פון זיעג הויך פון דאַך,
און פון דרויסען יעדעס מינדסטע שויערן
פון דער קלענסטער בעוועגונג פון דער לופט
געבלאָזען האָט איבער דעם שלאָס מויערן
ווי אַ קיהל און פריש ערקוויקענדיג דופט.

דורך צווײַ פענסטער־שויבען ווי קריסטאַל קלאָר
זעהט מען ווי אין דעם זאַלאָן דעם לאַנגען,
זיך ריטמיש בעוועגען אַ גײַסטער־כאָר,
אונטער צויבערהאַפטע זיסע קלאַנגען.
אויף אַ טראָהן ווי רובינען בלאַנקט און בליצט
אין אַ פערצויבערט לופט־שלאָס פול מיט פראַכט,
אויסגעפוצט אַלס וועלט־בעהערשער דאָרט זיצט
אַ קעניג פול מיט פרײַד, מיט שטאָלצען מאַכט.

און געווען אין פּאַלאַץ איז אַ טויער
פון טײַערסטע סאַפיר און עלפענבײַן,
דורך וועלכע געהערט האָט יעדעס אויער
זינגען צויבער־ווערטער גאָר וואונדער שען.
ווי אַ בת־קול דורך די לופט געקלונגען,
געקלונגען פון נאָהנט, געקלונגען פון ווײַט;
ס'האָבען הײליגע מלאכים בעזונגען
דעם קעניגס גלאַנץ, דעם קעניגס הערליכקײט.

דאָך וועה! אויסגעבראָכען איז גאָט'ס צאָרן
עס ראַנגעלט דער קעניג זיך שוין מיט'ן טוידט,
ס'איז פון שלאָס אַ פינסטער אָסטראָג געוואָרען,
ס'האָט דער טײַוועל שוואַרצע שאָטענס פערשפרײט.
אַך! פערשוואונדען איז יענע גוטע צײַט,
ס'איז פון פּאַלאַץ קײן זכר געבליעבען.
ס'האָבען אין שלאָס פול פראַכט פול הערליכקײט
שדים פון גיהנם זיך פערקליבען.

מען זעהט דורך די צווײַ רויט־העלע פענסטער
בילדער, אָה ווי שרעקליך, ווי שוידערהאַפט,
ס'קלינגט אַ מוזיק פון שוואַרצע געשפענסטער
געטריבען, געבלאָזען מיט אַשמדאי'ס קראַפט.
און פונקט ווי אַ ניקס דורך בלײַכע קליפען
זעהט מען דורך דאָס טויער ווי סע וואַרפען
מיט אַ שפעטיש לאַכען אויף די ליפען
זיך אַ גאַנצער כאָר פון גײַסטער לאַרפען.

(פאָרטזעצונג קומט).

---

## XXV.

„קאַנװיענציאַ“ אַזױ הײסט יענער שֵׁר,
װאָס האָט געטריבען בײ ריטער׳ס דעם פערשטאַנד;
אין מאַריאַלװאַס שלאָס פון פאָלק געשפּעט,
שטאָט פרײד געבראַכט אַ טרױער אױפ׳ן לאַנד.
דאָ האָט געהאַט די דומהײט איבער־האַנד,
ליסט האָט ערדרײַכט, װאָס ס׳האָט פערשפּילט דאָס שװערד,
קײן לאָרבער בליהט, װאו דעם בעזיעגטענס שאַנד
האָט זיך צום זיעגערס פיהרער אומגעקעהרט.
װי צונד אין אונזער זיעג בײ לוזיאַנער ערד.

---

## XXVI.

אָ, ציִנטראַ! זינט דעם טאָג פון קריעגס־ראַטה
פערשאַפט דײן נאָמען הארצװעהטאָג דעם בריט,
עס שעהמען זיך די מעכטיגע פון שטאַט —
װער ס׳װערט ניט רױט, פערמאָגט קײן שאַנד מעהר ניט.
װי װעט די צוקונפט שליכטען יענעם שריט!
אין נאַכבאַר־פעלקער שפּעטען דען ניט שױן,
פון פיהרערס, װאָס זײ זענען שטאַרק געניט
אין פיהרען קריעג, און דאָך איז זײער לױן —
פעראַכטונג בײ דער װעלט און שאַנד און שפּאָט אַלײן?

---

## XXVII.

אַזױ האָט האַראָלד אָפּט פון דעם געקלערט,
װען ער פּלעגט אומגעהן אין די בערג אָהן צװעק.
ס׳איז שען אַרום, — דאָך מעהר װי עס בעגעהרט
אַ שװאַלב די לופט, ציהט איהם אין װײטען װעג.

פיעל נאכגעדענקט האט ער אין יענע טעג
און פון זיין לעבען, און פון צייט צו צייט
פלעגט פלאגען דאס געוויסען, וואס אוועק
איז יוגענד בלויז אין אויסגעלאסענקייט.
און אפט בעטריבט זיין בליק, פון וואס די זעלע ליידט.

## XXVIII.

א רייט־פערד שנעל! און צונג פערדרייזט ער ווייט
פון מילדען לאנד, וואו ס'אטהעמט לינד די ברוכט.
פון קימער האט זיין זעלע זיך בעפרייט,
און דאס מאל שוין ניט מעהר דורך זינד און לוסט...
ער פאהרט — וואוהין? — דאס איז איהם נישט בעוואוסט,
געווען איז דאך זיין וואנדער־וועג נאך לאנג;
פיעל לענדער האט ער דורכרייזען געמוזט,
ביז ס'איז געשטילט געווארען זיין פערלאנג,
בעפרידיגט דאס געמיט, געזעטיגט דעם געדאנק.

## XXIX.

אין מאסקווא האלטען מיר א וויילע אונז אויף —
דא האט געלעבט די ארעמע קעניגין 1),
הײנט הערשט צוגלייך דא קירך און הויף,
נאך ארגיען האלט מען מעססען דרין,
פון גלח, הויפלינג ווערט א שלעכטער מין;
דען בבל'ס זינד 2) האט איהר הויז זא צינד,
אזוי אין פראכט געציערט, אז איהרע זיהן
פערגעסען אן דעם בלוט, וואס דורך איהר רינט,
און קעניגן פאר די פראכט, וואס האלט פערדעקט די זינד.

1) די קעניגין מאריא פראנציסקא (1777—1816) זי איז נאכהער וואהנזיניג געווארען.
2) דאס פאבסטטהום.

## XXX.

דורך רײַך בעפּרוכטע טאָלען און דורך בערג
(ווי וואָלט צו זײַ אַ פרײַעס פאָלק געפּאַסט!),
פול פרייד, בעצויבערט גאַנץ פון גאָטעס ווערק,
טשײַלד האַראָלד רײַט אום צונד אין פולער האַסט.
אַ פוילער וואָלט זײַן אײַלעניש פערהאַסט
און וואָלט געשטוינט: אַ מענש וואָס לעבט בעקוועם —
וואָס רײַזט ער אום? וואָס נעהמט ער זיך אַ לאַסט?
אָ ס'איז אויף בערג שוין אָטהמען אַנגענעהם!
און ווער בלויז לוקסוס שעצט, געניסט קײנמאָל פון דעם.

## XXXI.

ס'פערבלאַסט די בערג־קײט מעהר און ווײַכט דעם שײַן.
די טאָלען זענען צונד שוין מינדער רײַך,
בײַם האָריזאָנט פלעכט אַלץ אין גאַנצען אײַן,
ווי ווײַט דער בליק גרײַכט איז די לאַנדשאַפט גלײַך.
און אָט, בעווײַזט זיך שפּאַניענס קעניגרײַך.
דאָרט איז אַ פּאַסטוך, וואָס ער טרײַבט זײַן שאָף,
בעוואָפּענט מיט'ן קריעגס־מאַן צוגלײַך:
רונד וואָהנט דער פײַנד, און דרום מוז זײַן קאַפּאָוו
צו שיצען לײַב און גוטס, ווער ס'וויל ניט זײַן אַ שקלאַף.

## XXXII.

וואו סגרענצען די לענדער, וואָס צושײַדט
פון פּאָרטוגאַל, איהר שוועסטער — שפּאַניענס ערד?
זיך גריסען זענען קעניגינס דאָרט גרײַט —
האָט זײַער גרוס דען טאַגאָס שטראָם געשטערט?

האט זייער בונד סיערא דען פערוועהרט ?
א צוים א הויכער, ווי חינעזער וואנד ?
ניין ! פון א טייך ווערט קיין גערויש געהערט,
קיין צוים צו זעהן, און ס'איז אויך וואויל בעקאנט —
דא איז קיין בערג פארהאן, ווי די ביי פראנקרייכס ראנד.

## XXXIII.

א זילבער־טייכעל פליסט דארט אהן גערויש,
פון שטראם דעם נאמען ווערט מען קוים געוואהר,
צווייי לענדער שיידען זיך דורך איהם נאר בלויז.
דארט, אויף זיין שטאב געלעהנט, א פאסטוך נאר
שטעהט פויל ביים ברעג, און קוקט, ווי ריין און קלאר
און פריעדליך צווישען פיינד דער שטראם זיך ציהט;
דען שטאלץ איז ווי דער נאבעלסטער סעניאר
א שפאניער־פויער און דעם אונטערשיעד
פון איהם ביז לוזיער שקלאף פערגעסט ער קיינמאל ניט.

## XXXIV.

פון פארטוגאלס און שפאניענס גביל נישט וויים
רוישט גוואדיאנאס שווארצעם וואסער בעז ;
בעזונגען איז געוועזן אין אלטער־צייט
איהר ווילדער צארן, מאכט און גרויס.
דא פלעגט געשעהן אפט דער צוזאמענשטויס
פון ריטערס אין דעם מאורס לעגיאן,
געפאנצערטען אין אייזען, דענסטמאל געהט,
געהערשט האט דא דעם קריסט'ס און טערקענס פאהן, —
פערשוואונדען איז דער מאוס פון דאנ'ן, זינט דעמאלט אן.

## XXXV.

אַ שפּאַניען, שטאָלצעס לאַנד! וואו איז זי היינט
די פאָהן, וואָס פּעלאַגיאָ האָט געטראָגען דאַן,
ווען קאַוואַס פאָטער האָט געבראַכט דעם פיינד
זיך נוקם זיין אָן אויסוואורף — דיין טיראַן? 1)
אָ יענע פאָהן צי איז זי נאָך פאַרהאַן?
געפלאַטערט האָט זי שטאָלץ, ביז ס'האָט דיין שווערד
אין גאַנצען שוין פּעריאָגט דעם מוסעלמאַן,
און ס'האָט דיין קרייץ דעם האַלב-מאָנד אָבגעצעהרט,
און האָסט אוים אַפריקאָ אַ פרויען-קלאָג געהערט.

---

## XXXVI.

לעבט ניט דער אַלטער רוהם אין ליעד אַליין?
אַזוי טראָגט שוין דעם העלדען'ס מזל אוים:
קוים ווערט צופאַלען נאָר זיין דענקמאָל-שטיין,
דערמאַהנט איהם נאָך דעם פאַסטוכס ליעדעל בלויז.
אָ שטאָלצקייט, זעה אַראָב! — זיין העריליך הויז
איז שוין ניטאָ — געבליעבען איז — אַ ליעד,
דיין גרויסקייט האָסט פערטרויט ביים פאָלק אין שוים. —
אין טראַדיציאָנען בלייבט זי אָבגעהיט,
ווען שמייכלעריי הערט אויף, און חראָניק רעדט שוין ניט.

---

(פאָרטזעצונג קומט).

---

1) ראָדריג דער וועסטפאַלישער קעניג האָט אוועקגעפיהרט גראַף יוליאַנ'ס טאָכטער קאַווא. דער גראַף נקמה צו נעהמען האָט געבראַכט די מאורען אויף שפּאַניען, און האָט געשלאָגען ראָדריגאָ אין 711 יאָהר ביי קסערעס דע לאַ פראָנטערא. פּעלאַגיאָ האָט דערנאָכמאָל צונויפגענומען אַ הויפען פון די אַנטלאָפענע קריסטען און געגרינדעט אַ מלוכה אין אַסטוריען.

ערנסט גלעזער: ראָמאַן. פרײַליין סגוטער

(פאָרטזעצונג פון פֿיערצעהנטען העפט).

---

— די דאַמע, ווײַזט אויס, מוז געפֿעהרליך קראַנק זײַן! — האָט ער זײַנע קאָלעגען צוגעשעפּטשעט.

נון האָבען איהר די איבריגע אויך אָנגעקוקט. — זי האָט די הײַסע ווערטער דערהערט און געלאַכט ביטער. — — — — יאָ. זי איז קראַנק אויף אַזאַ קראַנקהײַט וואָס קײַן דאָקטאָר קאָן איהר נישט אויסהײַלען! — בײַ איהר אינעווייניג האָט זיך ווי עפּיס איבערגעריסען און זי איז ווי אין גאַנצען צעבראָכען געוואָרען. האָט זי דען ווירקליך נאָך אויף וואָס צו האָפען? האָט זי דען טאַקי נאָך געקאָנט מײנען, אז ער וועט קומען און וועט זי מיט'ן קינד צונעמען? וועט איהר די עהרע איהרע צוריקגעבען? אויף וואָס אײגענטליך האָט זי דען געוואַרט? — — — ער איז אַ פּאָדליעץ! — —

— — נײן. נײן! אַזוי זעהט קײַן פּאָדליעץ נישט אויס! ער האָט געליטען גלײַך מיט איהר! און אין איהר פערצווייפעלטער לאַגע האָט זי נאָך אויף איהם רחמנות געהאַט, אויף איהם, וואָס האָט יעצט געגאָסען די גרעסטע פרײַדע אין דער זײַט פון זײַן שענער יונגער פרוי אין גרעסטען גלאַנץ און לוקסוס! זאָל דער אָפּיציער האָבען רעכט געהאַט. האָט ער זיך ווירקליך פאַר געלד פערקויפט? ווי האָט ער דאָך אויף איהר געזאָגט? שטאָלץ, עגאָאיסטיש, נאַריש!! — — — — זאָל די דאָזיגע ר ע נ א ט ע פאַר איהר זיך נוקם זײַן — — — האָט זי דען דעם געפיהל פון נקמה? — — — איהר שטאָלץ האָט זיך ווילד אויפגעשטעלט! וואָס פאַר אַ ווערטה האָט אָבער געהאַט דער שטאָלץ געגען די ליעבע, וואָס נישט קוקענדיג אויף אלץ וואָס זי האָט זיך שוין אָנגעליטען, האָט דאָך אין איהר האַרץ ווי אַ העליש פלאַם געפלאַקערט?

א נ נ א איז די פּאָטסדאַמער בריק אריבערגעגאַנגען. מיט פינסטערע בליקען האָט זי אַראָבגעקוקט אין דאָס שוואַרצע, פוילע וואַסער. דאָרט אונטען איז רוהיג! אָבער דאָ אויבען? זי קאָן נאָך צעהנדליגער יאָהרען לעבען! זי איז נאָך קײַן דרײַסיג יאָהר נישט אַלט! און די פערענטוואָרטונג פאַר איהר און פאַר'ן קינד, נישט נאָר די פערענטוואָרטונג נאָר אויך די ערהאַלטונג בײַם לעבען פון קינד איז אויף איהר געלעגען! זי האָט טיעף אָבגעזיפצט און האָט נישט בעמערקט, אז זי האָט זיך אָן פרײַליין ב ע ט י נ א מ א ר ס ו אָנגעשטויסען, וועלכע איז מיט אַ נאָטען-מאַפּע אונטער'ן אָרעם פון דער קאַרלסבאַדער שטראַסע אין דער פּאָטסדאַמער שטראַסע אַרײַנגעקעהרט.

— פרײלײן זאַנדערס, איהר געהט דאָך װי אַ נאַכט־װאַנד־לערין, און איך װינק צו אײך און מאַך מיט די ליפּען פּססססס און פּעכטעל מיט די אָרעמס! — האָט די זינגערין מיט אַ לוסטיגע שטימע געזאָגט.

— פערצײהט מיר, — האָט זיך אַננאַ אָבגערופען, װי פון אַ פעסטען שלאָף געװעקט. מען האָט געקאָנט אָן איהר געזיכט און אָן איהר גאַנצע האַלטונג דערקענען, אַז עס קאָסט איהר פיעל מיה זיך אויף די פיס צו האַלטען — —

— דער ליעבער הערר גאָט האָט אײך מיר צוגעשיקט אָדער איך האָב אײך דורך די מאַכט פון מײנע געדאַנקען װי אָן אַ נישט זיכטבאַרען דראָטה צוגעצױגען; אַזױ שטאַרק האָב איך פון אײך געקלערט! האָט די זינגערין װײטער גערעדט. — —

— פון מיר? — —

— יאָ, פון אײך! אַ האַלבע שעה האָב איך היינט אין דער פריה פון אײך גערעדט, אָהן אַנ׳אָבשטעל! — —

— פון מיר? מיט װעמען?

— מיט מײן צאָהן־אַרצט. איהר װײסט דאָך, מסתמא, אַז זײט אַ װאָך בין איך װידער אין זײנע נעגעל. הײנט האָב איך ענדליך מײן ציעל דערגרײכט און ברענג אַ גוטע בשורה! — — דערבײ האָט זי אַננאַ׳ן פאַר׳ן האַנד אָנגענומען און איהר כמעט װי אין אויער אַרײנגעשעפּטשעט: ס׳הײסט מײן צאָהן־אַרצט איז דער בעריהמטער אַלטער שאָלצינג, אַ זעהר רײכער מאַן; רײך אויף דעם חשבון פון זײנע פּאַציענטען, װאָס מוזען נאָך פאַר זײערע שמערצען מיט גוט און בלוט בעצאָהלען. אַ טיכטיגער אַרצט איז ער, דאָס קאָן מען נישט זאָגען — — — — אָבער טײער — — — — ברררר! אָבער דאָך, דאָס געהט אײך נישט אָן, ליעבעס פרײלײן. שאָל־צינג איז דער ליעבענסװירדיגסטער פײנסטער מענש, אַלט אונגעפעהר — — — —, נאַ, לאָמיר זאָגען צװײ־דרײ און זעכציג יאָהר. ער איז אַנ׳אַלמן, זײנע קינדער זענען אַלע אויסגעגעבענע. ביז יעצט האָט איהם אַנ׳אַדעליגע דאַמע די װירטשאַפט געפיהרט. זי געהט אָבער קורצליך אַװעק פון איהם, זי האָט עפּיס ערגיץ נאָר אַ גרויסאַרטיגע שטעלע בעקומען. אַזױ איז דער דאָקטאָר געבליעבען גאַנץ אַלײן. איך האָב דאָס געװאוסט און האָב אין איהם אַזױ לאַנג אַרײנגערעדט, אַזױ לאַנג אַרײנגעטענה׳ט, אַז מיר איז שוין טרוקען געװאָרען אין מויל, ביז איך האָב בײ איהם גע׳פועלט ער זאָל אײך װעלען זעהן! נו, און װעט ער אײך נאָר דערזעהן איז שוין גענוג,

מעהר דאַרף מען שוין נישט! ער וועט אײך נעהמען, דאָס איז בײַ מיר
קײן שום ספק נישט? —
אַ נ נ אַ האָט די פּאָר פרײדע שטראַהלענדיגע זינגערין מיט אַ דאַנק-
באַרען בליק אָנגעקוקט און געזאָגט:
— ווי גוט איהר זײַט צו מיר! מיט וואָס וועל איך אײך דאָס קאָנען
אַמאָל אָבדינען? —
— דערמיט וואָס איהר וועט די שטעלע אָננעמען, פרײַלײַן
זאַנדערס, — האָט בעטינאַ געענטפערט מיט אַ העכסט צופרידענע
שטימע און האָט גענומען ווײַטער רעדען, — ער בעוואָהנט אַ דירה פון
צעהן צימערן. צוויי דערפון וועלען אײך געהערען. וואָלט איהר זעהן אַ
פּאָר רײַצענדע צימערן, וואָס קוקען אַרויס אין גאָרטען. אײַער אַרבײַט
וועט נאָר זײַן צו פיהרען די ווירטשאַפט, זאָגען וואָס צו קאָכען צו מיטאָג
און אַכטונג געבען אויף די דינערשאַפט, צוויי דינסט-מײדלעך און אײן
דינער — — — עס זענען דאָ אַ סך געהילפען און טעכניקער. מיר
דאַכט זיך אפילו, אַז זיי עסען בײַ איהם. די ביכער פיהרט שאָלצינג
גופא, איהר וועט נאָר ברויכען איהם אַ קורצע צײַט בײַ די ביכער צו
העלפען. דערפאַר בעקומט איהר פרײַ קוואַרטיר פאַר אײך און אָטמאָכען.
אַלסדינג אַלסדינג פרײַ און נאָך זעכציג מאַרק אַ חודש. און שאָלצינג
איז נישט קײן קאַרגער חזיר, איך בעט אײך איבער, עס וועט קומען
וועהנאַכטען אָדער געבורטס-טאָג וועט ער אײך שענקען אודאי היבשע
מתנות. בעטראַכט אײך נאָר, פרײַלײַן זאַנדערס, אויף אַ פּאָר יאָהר זײַט
איהר דאָך אודאי פערזיכערט און אויב איהר וועט זיך אײַנע די אַנדערע
געפעלען, אפשר גאָר אויף אַ לאַנגע לאַנגע צײַט, דען נאָך זײַן טוידט וועט
ער פאַר אײך, אין זײַן צוואה, פערזאָרגען! — —
— איהר זײַט אַן אָפּטימיסטין, ליעבעס פרײַלײַן מאַרסו, — האָט
אַ נ נ אַ לאַכענדיג געזאָגט! — איהר האָט אין אײַער גוט האַרץ פאַר מיר
שוין אַ גאַנצע גן-עדן זיך אויסגעמאָלט! אָבער — — — —
— נישטאָ קײן אָבער! ביטע, געהט נאָר דאָרט אַהין און זעהט
זיך אַלסדינג אָן! — האָט די קינסטלערין פערדריסליך געמורמעלט, זײַענדיג
בעקרענקט, וואָס מען האָט איהר התפּעלות אַזוי קאַלט בעגעגענט.
— צו ווען וואַרט אויף מיר דער העהר דאָקטאָר? — האָט
אַ נ נ אַ געפרעגט, שוין ווידער ערנסט —
— צום בעסטען נאָך היינט גופא. די זאַך מוז שנעל געטהון ווערען,
דען זײַן דאַמע וויל שוין דעם ערשטען יאַנואַר קײן מעקלענבורג

פאָהרען. אָבער גוט וואָלט זיין איהר זאָלט קומען ביי איהם נאָך זעקס דעם זייגער, דאַמאָלס איז שוין ביי איהם נאָך די שפּרעך־שטונדע; ביז זעקס אַרבייטען ער און זיינע אַסיסטענטען פאַר עלעקטרישעס ליכט.

דאָס געשפּרעך האָט נאָך לאַנג געדויערט, מען האָט דעם פּראָיעקט אַרומגערעדט פון אַלע זייטען. רעדענדיג אַזוי זענען זיי ביז צו דעם באָטאַנישען גאָרטען געקומען און זענען זיך פאַרביי דעם לאַנגען מויער ווייטער געגאַנגען. דאָ האָבען זיי אויך די פרוי קאָך געטראָפען, וועלכע האָט אָמטאָן אין אַ שפּאַציער־וועגעלע אַרומגעפיהרט. בעטינא איז צו איהם מיט אַ פריידען־אויסגעשריי צוגעשפּרונגען. דער קליינער האָט זיך געלאָזען ליעב האָבען, קושען און האַלזען. ער גופא אָבער האָט די אַלע ליעבליכקייטען נישט צוריק ערווידערט. נאָר אַננאַ אַליין, וואָס האָט זיך צום ווענינגסטען מיט איהם געשפּיעלט און געלאַכט, און וועלכע ער האָט שטענדיג געזעהן אַנ׳ ערנסטע און אומעטיג פּערטראַכטע, נאָר זי אַליין האָט דעם קינד׳ס גאַנצע ליעבע גענאָסען. צו איהר האָט ער זיך צוגעקלעבט, איהר האַלז מיט זיינע קליינע הענדטלעך אַרום־געקלאַמערט. איהר האָט ער דאָס געזיכט געגלעט און איהר זיסע קינדערשע קושען געקושט. אָפט האָט ער מפסיק געווען זיין שפּיעל, איז איהר אויף דעם שויס אַרויפגעקלעטערט און האָט זיך אַזוי לאַנג אַרומגעשאָקעלט ביז ער האָט אַ בעקוועמען אָרט געפונען. דאַן האָט ער זיין קליין קעפּעל פעסט נעגען איהר ברוסט אָנגעשפּאַרט, האָט אויף איהר מיט ברייט אויפגעריסענע אויגען געקוקט און גאַנצע שעה׳ן אַזוי רוהיג געבליבען זיצען. אַננאַ האָט איהרע הענד אויף זיין קראַפּט־שפּראָציגען קערפּער אַרויפגעלעגט און איהרע ליפּען אויף זיינע לאָקען אַרויפגעפּרעסט, נאָר ווען נישט ווען האָט זי איהם אַ פריינדליך וואָרט צו־געוואָרפען. ווי אָפט האָט זי זיך פאַר איהם אויסגעוויינט. דערצעהלט אונטער שלוכצען איהר ביטער האַרץ, איהרע ליידען, איהר עלענד און איהרע הייסע בענקשאַפט נאָך דעם פאָטער ——— און ער האָט זיך מיט גע־פּרעסטע ליפּען, צו אַלעם צוגעהערט גלייך ווי ער וואָלט יעדעס וואָרט פערשטאַנען; דאַמאָלס האָט זי ערשט געפיהלט וואָס דאָס הייסט מוטער־ליעבע, וואָס איז אַזוי פעסט אין דאָס ווייבערשע האַרץ איינגעוואַקסען. ——

אויך היינט האָט ער זיינע אָרעמלעך נאָך איהר אויסגעשטרעקט. ווי שען האָט דאָס קינד אויסגעזעהן אין דעם דונקעל־בלויען מאַנטעלע בעזעצט מיט ביבער־פעלץ און אין דאָס ביבער היטעלע. דאָס זענען ביידע געווען מתנות, וועלכע די פרוי דראָס האָט איהם שוין אין סעפּטעמבער צום ווינטער־גאַרדעראָבע געשאָנקען, די דאָזיגע גאַרדעראָבע איז אויף איינע

פון די טייערסטע באַזאַרען געקויפט געוואָרען. פאַר דעם קליינעם אָטטאָ איז ביי דער פרוי פאָן דראָם קיין זאַך נישט צופיעל געוועזען, נישט צו טייער! ער האָט געמוזט ווי אַ פרינץ אויסגעפוצט זיין און אַזוי איז ער אויך געוועזען! אַננאַ האָט זיך צו איהם צוגעבויגען און איהם זיין ריינעם קינדערשען שטערן געקושט, זיינע ברוין־גרינליכע אויגען האָבען אין איהר זכרון אַנ׳ אַנדער פאָר, עהנליכע צום קינדס אויגען, אַרויסגערופען, אַ פאָר אויגען, וואָס זעהען זיך יעצט אָן די שענקייט פון פּאַריז אָדער אַנ׳ אַנדער רייצענדע שטאָדט אין דרום אייראָפּאַ. אפשר נאָך לאַבענדיג און גליקליך ביי דער זייט פון זיין יונגע ווייב!? און זי מוז דאָ דאַרען און ציטערן פאַר די צוקונפט. זי זוכט אַרבייט בשעת ער לעבט אין לוקסוס און מותרות! ער האָט צומאָל נישט אָנגעפרעגט אויב זיין זון נויטיגט זיך נישט אין אַ קליינעם טייל פון די מיליאָנען וואָס ער האָט אַזוי לייכט בעקומען, וואָס האָט איהם נאָר געקאָסט איין איינציג מאָל ליגען זאָגען פאַר דעם שטאַאַט און דער קירכע! ווי בעקוועם די מאַנסלייט האָבען דאָס! אַ פאָדלער, פאָדלער מענש!

פערביטערט ביז צום טוידט, האָט זי זיך געזוכט עטוואָס אויפצומונטערן, און האָט, צו די זינגערין זיך ווענדענדיג, געזאָגט:

— איך וועל ביי אייער הערר שאָלצינג מיין מזל פרובירען, פריילין מאַרסו, אָבער ווען ער נעמט מיר מיט מיין קינד, און עס איז נישט הינטער דעם עפּיס אַ נעץ אויסגעשפּרייט, דאַמאָלס — — — — דאַמאָלס — — — ער איז דאָך נישט מעהר ווי אַ מאַנסביל און ווערט מן הסתם נישט זיין קיין יוצא מן הכלל. וואָרום בכלל זענען זיי אַלע — געמיינע אויסוואָרפען — — דערביי האָט זיך איהר היבשעס געזיכט שטאַרק פערענדערט.

די זינגערין, וועלכע האָט זיך אויף אַזוינע ווערטער נישט געריכט, האָט איהר פערוואונדערט אָנגעקוקט. צוערשט האָט זי זיך כמעט ווי בעליידיגט געפיהלט; אָבער עס איז גענוג געוועזען צו געבען איין בליק אויף די צוזאַמענגעזונקענע פרוי, וואָס איז פאַר איהר געשטאַנען, אויף דעם אונשולדיגען קינד, דעם לעבעדיגען יתום, וואָס ווייס נעבעך גאָרנישט זיין לאַגע — — — און איהר כעס האָט זיך אין רחמנות פערוואַנדעלט. וואָס האָט די דאָזיגע פרוי זיך געמוזט אָנליידען? איהר זאַנפטער טאָן. איהר ווייבליכער צויבער האָט גאָרנישט צוגעפּאַסט צו איהרע פערביטערטע רעד. נאָך איידער זי האָט בעוויזען צו ענטפערן, האָט זיך געהערט אַנ׳ אַנדער שטימע:

— נאַנו, די גאַנצע פּענסיאָן איז צוזאַמען? אָטטאָלע, אָטטאָלע, מײַן גאָלדען קינד!

דאָס האָט געזאָגט פרײַלײן בערטהאַ ראָזט, װעלכע איז צו זײ צוגעקומען. אויף איהר אָרעם איז איהר געהאַנגען אַ פּאָטפּאַדור, װאָס איז פאַר איהר פריהשטיק בעשטימט געװען. אײן פּאַק העפטען האָט זי גופא געטראָגען, דעם צװײטען האָט אַ קאָלעגע פון איהר צוגענומען און געהאָלפען טראָגען. בײדע זענען פון דער שולע געקומען און בײדע זענען זײ צוזאַמען דעם אײגענעם װעג געגאַנגען; װײל זײ האָבען בײדע אין אײן גאַס געװאוהנט. די ראָזט האָט דעם גוטען און בעשײדען אויסזעהענדיגען מאַן אַלס הער שנעװינד און איהר קאָלעגע פאַר די דאַמען פאָרגעשטעלט. צוערשט איז בעטינאַ צוגעקומען, דערנאָך אַננאַ. די לעהרערין איז גליהענד רויט און באַלד דערנאָך בלאַס געװאָרען, װען עס איז געקומען די רײהע איהר אָבגאָט פאָרצושטעלען; זי האָט נאָך קײנמאָל װעגען אַננאַ׳ס שיקזאַל אין דער שולע נישט דערצעהלט און דעריבער איז זי יעצט געבליבען אין דער גרעסטער פערלעגענהײט נישט װיסענדיג װי זי זאָל איהר פאָרשטעלען: — דאָס איז אונזער ליעבעס — — — — — פר — — — פרײַלײן זאַנדערס! — האָט זי מיט גרויס אָנשטרענגונג אַרויסגעשטאַמעלט, און דאָס איז — — — — — — — קוקט זיך נאָר רעכט אײן אין דאָס בעצויבערנדיגע קינד! דאָס איז אונזער פּענסיאָנס־זונען־שײַנדעל, העדר שנעװינד! דער קלײנער אָטטאָ! דאָס איז דאָך צוקערזיס, נישט אמת?

אַננאַ האָט איהר מיט אַ שאַרפען בליק דורכגענומען און געשװיגען. װאָס האָט זי געזאָלט טהון? בעשעמען די בראַװע פּערזאָן און איהר עלענד פאַר דעם דאָזיגען פיליסטער אויסדערצעהלען. האָט זי איהר שאַנדע אַזוי טיעף גערעכענט, אַז אַפילו די ראָסט, װאָס האָט איהר אײנפאַך פערגעטערט, האָט זיך אויך געשעמט דעם אמת אויפצודעקען? זי האָט די צײהנער פעסט צוזאַמענגעביסען, און פון װײטען האָבען איהר אין די אויערן געקלונגען די װערטער פון פרעמדען העררן: זעה נאָר, װאָס פאַר אַ ליעבער שעהנער יונגעל דאָס איז! נון, מײַן קלײנער העדר, קענען מיר שוין עפּיס אַרומלויפען אָדער פּלאַפּלען? — די אַנדערע האָבען געענטפערט און געלויבט אָטטאָ׳ס מעלות. און זי, די מוטער, איז געשטאַנען שװײַגענדיג און געמוזט פיהלען, אַז דאָס פערמעגען אַזאַ שענע בעשעפעניש איז אַ חרפה! האָט מען אַ טרוי־שײַן איז דאָס אַ גליק, האָט מען נישט — — —

(פאָרטזעצונג קומט).

# אייראפּעאישער הומאר.

לעאָ בעלמאָנט.

## א ניט דערענדיגט מעשה׳לע.

די קליינע איז נײַן יאָהר אַלט. זי לערנט אַ סך, פֿידלט צו פֿיעל. ס׳איז אָבער שווער פֿון איהרע צעהניצטע הענדלעך דאָס ביכעל אַרויסצונעהמען. זי פּרובט שרייבען... צי זי האָט אַ טאַלאַנט? צי דער טאַלאַנט וועט זיך ענטוויקלען? — ווער קאָן אורטיילען; ווער ווייסט, ווי אַזוי פּאָעטישע פֿליגעל וואַקסען?

די קליינע בעזיצט אַ נשמה און פּרובט דיזע נשמה אַרויסווייזען, ווי זי קאָן...

נעכטען האָט זי זיך אַוועקגעזעצט אין אַ ווינקעל ביי איהר מוטערס טישעל. פֿון אונטער׳ן פֿענסטער האָב איך געזעהן, ווי זי האָט אַ לאַנגע צייט איהר שטערן מיט דער האַנד געדריקט, ווי זי האָט נערוועז אַוועקגעשאַרט איהרע בלאָנדע לאָקען, וואָס זענען אויף איהר האַנד אַראָבגעפאַלען, ווי זי האָט אונגעדולדיג מיט איהרע פֿיסלעך אונטער׳ן טישעל געשאָקעלט. אַם ענדע האָט זי איינגעטונקען די פּעדער און אָנגעפאַנגען שרייבען...

אין אַ קורצע ווײַלע אַרום בין איך שטיל, אויף די שפּיץ־פֿינגער צו איהר צוגעגאַנגען און אַראָבבויגענדיג זיך, האָב איך פֿון הינטער דער קליינער׳ס אַקסלען אָנגעפאַנגען לעזען:

„אַ מאָל איז געווען אַ יונגעלע, וועלכעס האָט געטראָגען אַ עוואַנגעליע אין דער האַנד.

דאָס יונגעלע איז געוועזען זעהר קליין און זעהר אַרטיג.

און די עוואַנגעליע איז געוועזען זעהר אַ שענע, מיט אַ גאָלדענעם קרייץ אויפ׳ן פּאָדער־בלעטעל.

די עוואַנגעליע האָט דאָס יונגעלע בעקומען אַ מתנה צו זיין געבורטסטאָג.

אַ שעהן, ריין ביכעלע איז דאָס געוועזען, ווייל קיינעמס הענד האָבען עס נאָך ניט געהאַלטען, ניט בעפלעקט.

און ער האָט געטראָגען דאָס ביכעל. ער האָט עס געוואָלט אַוועקטראָגען צו זיינע שוועסטער און ברידער און זיך אַוועקזעצען מיט זיי אין אַ שטילען ווינקעל און לעזען אין איינעם.

די שוועסטער און ברידער האָבען אָבער געוואָהנט ווייט...

זיי זענען געווען זעהר אָרעם — האָט דער פֿאָטער זיי אַוועקגעשיקט צו דער אַרבייט.

דאָס קלײנע ױנגעלע מיט דער װאַנגעליע אין דער האַנד איז אַלוא געגאַנגען צו זײנע ברידער...

ער איז געװען גליקליך, זעהר גליקליך, װאָס ער געהט צו זײ.

ער איז אַרױסגעגאַנגען בעגינען און האָט גערעכענט, אַז ער װעט קומען מיטאָגס צײט.

דערװײל איז געװאָרען נאַכט — און אַ רעגען האָט אָנגעהױבען צו געהן...
און דאָס קלײנע ױנגעלע מיט דער װאַנגעליע אין דער האַנד האָט פערלױרען דעם װעג...

ער האָט זיך שטאַרק דערשראָקען. װען ער װאָלט זיך נישט געשעמט, װאָלט ער זיך פאַנאַנדערגעװײנט... און ער האָט בײ זיך געטראַכט, אַז אױב ער װעט זוכען, דאַן װעט ער דעם װעג געפינען...

איז ער אַלוא געגאַנגען רעכטס — נאָר דאָ האָט איהם דעם װעג פערשטעלט אַ זומפּ, אַ שרעקליכער זומפּ... עס איז אונמעגליך געװעזען אַ טריט צו שטעלען — אַ זיכערער טױט... אַ מיאוסער טױט...

איז ער אַלוא געגאַנגען לינקס — נאָר דאָרט האָט ער זיך אָנגעשטױסען אױף הױכע, ריעזיגע פעלזען־בערג, פול מיט אָבגרונדען... אױך דאָ װעט ער נישט דורכגעהן... אױך דאָ לױערט אױף איהם דאָס אונגליק...

איז ער געגאַנגען פאָר זיך, גלײך. ער האָט געמײנט, אַז דאָ פיהרט אַ גלײכער װעג צו זײנע שװעסטער און ברידער... נאָר פאַר איהם איז פּלוצים אױסגעװאַקסען אַ װאַלד — אַ געדיכטער װאַלד פון װאונדערבאַרע בױמער מיט שטעכעדיגע צװײגען. אינ׳ם װאַלד איז געװעזען אַ מורא׳דיגע פינסטערניש... און אַ װינד האָט זיך יעדע מינוט אױפגעהױבען — און דאַן האָבען זיך די שפּיציגע צװײגען אַ קעהר געטהון צום ױנגעלע, גלײך װי זײ װאָלטען איהם געװאָלט די אױגען אױסשטעכען... נײן! אױך דאָ װעט ער נישט דורכגעהן...

דאַן האָט ער אָבגעטראָטען צוריק. נאָר דעם פריהערדיגען װעג האָט ער שױן נישט געפונען... און אַ שטאַרקע מורא איז אױף איהם אָנגעפאַלען... װײל יעצט איז אױך פון דער פירטער, פון דער לעצטער זײט קײן דורכגאַנג נישט געװען...

און אָט איז דאָס ױנגעלע געקומען צו אַ טײך — צו אַ רױשענדען װאונדערבאַרען טײך... דער טײך איז געװען אַ רױטער און די װעלען זײנע זענען געװעזען פון בלוט...

און דורך אַזאַ טײך האָט דאָס גוטע ױנגעלע מיט דער װאַנגעליע אין דער האַנד נישט געקאָנט אַריבערגעהן... װײל װען דער טײך װאָלט אַפילו געװעזען נישט קײן טיעפער, װאָלט דאָס ױנגעלע דאָך זיך געמוזט בעשמוצען... און דאָס ביכעלע װאָלט ער מיט בלוט בענעצט...

און דאָס ױנגעלע האָט זיך ביטער פאַנאַנדערגעװײנט: ער האָט געמײנט, אַז ער טראָגט פאַר זײנע ברידער און שװעסטער, װאָס זענען געװען בײ דער אַרבײט, אַ גרױסע פרײד... און יעצט האָט ער געזעהן, אַז...״

די קלײנע האָט אױפגעהערט צו שרײבען. זי האָט די פעדער אװעקגעלעגט און מיט די קלײנע פינגערלעך העפטיג איהר װײסען שטערען געריבען...

„נו — און װי אַזױ װעט ער אַריבערגעהן?״ האָב איך זי אונטערװאַרטעט אַ פראַג געטהון...

די קליינע פערפאסערין האט לאנגזאם איהר קעפעל אויפגעהויבען, און וועגדענדיג אויף מיר איהר בליק, האט זי מיט א שטילע און דורכדרינגענדע שטימע פערדרעטעט איהר אויטאָרישע אומבעהאָלפענקייט:

„איך ווייס נישט, ליעבער הערר... איך ווייס נישט..."

און וועהרענד זי האט דאס געזאגט זענען צוויי גרויסע, לייכטענדע טרערען געשטאנען אין איהרע אויגען...

איבערזעצט פון בער.

פעטער אלטענבערג.

# פון בוך פראָדראָמאָס.

א אידעאלער דאָקטאָר האט געזאגט צו א העכסט-קולטיווירטען פאציענט:

„מיין הערר, איך האב מעהר פון אייך געהאט איידער איהר פון מיר!"

*

די בעריהרונג פון א געליעבטער האנד גיט געטער-קרעפטען; די בעריהרונג פון אב'אונגעליעבטער האנד מאכט צארניג.

*

אונזוויסען איז די איינציגע טראגעדיע פונ'ם דאזיין. ס'איז נישטא קיין שום אנדערע.

*

דעם לאמען העלפען געהן?! ניין, דעם געהענדיגען — פליהען.

*

„איך ברויך א פרוי —".

„ניין, איך, איך ברויך מיין פרוי ———".

*

דאס לעבען פון טעאטער ——— דאס אבערפלעכליכסטע לעבען!

דאס טעאטער פון לעבען ——— דאס טיעפסטע טעאטער!

*

גאט דענקט אינ'ם געניע, טרוימט אינ'ם דיכטער און שלאפט אין די איבעריגע מענשען.

יודיש: א. קאמא.

# געקליבענע געדאַנקען פון פריעדריך ניעטשא.

מאַן און פרוי! אונטער דיינע געדאַנקען און געפיהלען, שטעהט אַ מעכטיגער הערשער. אַן'אונבעקאַנטער קלוגער מאַן, זיין נאָמען איז „זעלבסט".

דער שאַפענדער קערפער האָט זיך אַ גייסט בעשאַפען, אַז ער זאָל זיין די האַנד פון זיין ווילען.

וואו דער שטאַאַט לאָזט זיך אויס, דאָרט הויבט זיך אָן דער נישט איבריגער מענש! דאָרט הויבט זיך אָן דאָס ליעד פון נויטווענדיגקייט.

די פרוי איז נישט פעהיג צו פריינדשאַפט, זי וויים נאָר פון ליעבע. אָבער זאָגט מיר איהר מענער, ווער פון אייך איז יאָ פעהיג צו פריינדשאַפט? אַזוי פיעל ווי איהר גיעבט אייער פריינד, וועל איך געבען מיינע שונאים, און וועל דאַמיט אויך נישט אָרעמער ווערען.

דער ווירקליכער מענש נויטיגט זיך אין צוויי זאַכען, געפאַהר, און שפיעל.

נישט דיינע זינד שרייען צום הימעל, נאָר דיין איינגעהאַלטענקייט.

דאָס שעהנקייט אין מאַן איז דאָס, וואָס ער איז אַ בריק, און נישט קיין ענדע-פונקט. אום אייער קערפער צו טהאָט רופען, שרייבט איהר אויף דער וואַנד אויף, די שרעקליכע אונגערעכטיגקייטען פון דער מענשהייט. פאַר די דאָזיגע אַקטיווע פערגעניגענס אייערע, פערלאַנגט איהר די אונגערעכטיגקייטען זאָלען עקזיסטירען, ענטשולדיגט מיינע פריינד! איך האָב געוואַגט אָנצושרייבען אויף דער וואַנד: „מיין גליק".

גע‍קליבען און איבערזעצט י. טופּפמאַן.

Ред. Изд. Я. ЛИДСКІЙ, Европейская Литература То.
Тип. Г. Пиментъ Варшава Ул. Сѣраковская № 4.

קופּאָן פיר נים אַבאָנענטען.

די וועלכע ברענגען 4 קופּאָנעס אין רעדאַקציע, און אין פּראָווינץ צו די אַגענטען בעקומען די מאָנאַטליכע פּרעמיע פיר 10 קאָפּ אין ווארשע. אין פּראָווינץ 11 קאָפּ, די וועלכע האָבען 15 קופּ. צאָלען פיר די איבעריגע פּרעמיעס וואָס זענען אויסגערעכנט אין דער אַנאָנסע פון אייראָפּעאישע ליטעראַטור ווי אַבאָנענטען.

16 טעס העפט

# אייראפעאישע ליטעראטור

## אינהאלט.


1) א חלום — א. ס. טורגעניעוו,
2) דאס געצאהלט פאר'ן זינד — יאלמאר סיערדערבערג.
3) איזאמבעטעס ווינדעלעך — קאטול מענדעס,
4) * * (געדיכט) — מ. י. לערמאנטאוו,
5) טשיילד האראלד — לארד ביראן,
6) פריילין מוטער (ראמאן פון דייטשען) — ערנסט געארגי,
7) ליטעראַרישע נייעס: פויל הייזע (צו זיין אכטציגיעהריגען יובילעאום).
8) מארק טווען (נעקראלאג).


א. ס. טורגעניעוו.

# א חלום.

(ערצעהלונג).

### 1.

איך האב געוואוינט דאמאלס מיט מיין מוטער אין נישט קיין גרויסע שטאדט, וועלכע ליעגט ביים ים. זיעבצעהן יאהר זענען מיר פאראיבער, און מיין מוטער איז נאך קיין פינף און דרייסיג נישט געוועזען; זי האט זעהר יונג חתונה געהאט. ווען מיין פאטער איז געשטארבען איז מיר אין גאנצען דאס זיעבטע יאהר געגאנגען, נאר איך געדענק איהם גוט. מיין מוטער איז געוועזען פון נישט קיין הויכען וואוקס, א בלאנדע פרוי, מיט א ליעבליכען נאר שטענדיג טרויעריגען געזיכט, מיט א שטילע, מידע שטים און ציטערנדע קערפערליכע בעוועגונגען. אין דער יוגענד האט זי מיט איהר שעהנהייט געריהמט און ביז'ן סוף איז זי צוציהענד און אנגענעהם פערבליבען. איך האב נישט געזעהן קיין טיעפערע, צארטערע און פער־ביטערנדע אויגען, דינערע און ווייכערע האר; איך האב קיין שענערע

הענד נישט געזעהן. איך האב זי געאכט, און זי האט מיך ליעב געהאט... נאר אונזער לעבען איז נישט פרעהליך פאראיבערגעגאנגען: עס האט געשיינט, ווי א געהיימע, נישט אויסהיילענדע און נישט פערדיענטע לייד גראבט אונטער בעשטענדיג דעם קוואל פון איהר עקזיסטענץ. דיעזע לייד איז נישט ערקלערט געווארען מיט'ן איינציגען טרויער נאכ'ן פאטער, ווי גרויזאם ער זאל נישט זיין, ווי הייס מיין מוטער וואלט איהם נישט ליעב געהאט, ווי הייליג זי וואלט איהר אנדענקונג נאך איהם נישט געהאלטען... ניין! דיעזעס איז א געהיימע לייד געוועזען, וועלכע איך האב נישט פערשטאנען, נאר געפיהלט, איך האב געפיהלט דונקעל און שטארק, ווי נאר איך האב א קוק געגעבען אויף דיעזע שטילע, אונבעוועגליכע אויגען, אויף דיעזע שעהנע, אויך אונבעוועגליכע, נישט ביטער צונויפגעדרוקטע, נאר גלייך ווי אויף עביג פערגליווערטע ליפען.

איך האב געזאגט, אז די מאמע האט מיך ליעב געהאט; נאר עס זענען געוועזען מינוטען, ווען זי האט מיך פון זיך אבגעשטויסען, ווען מיין געגענווארט איז איהר צו לאסט, אונערטרעגליך געווען. זי האט דאמאלס צו מיר געפיהלט א נישט-ווילענדען עקעל, און נאכהער האט זי זיך דערשראקען, מיט טרערען זיך ענטשולדיגט, מיך צו איהר הארץ געדריקט. איך האב דיעזע אויגענבליקען פון פיינדשאפטליכע אויספלאצונגען צוגעשריבען איהר נישט-געזונדהייט, איהר אומגליק...

אמת, דיעזע עקעלהאפטע עמפפינדונגען האבען געקענט, ביז א געוויסער שטופע, ארויסגערופען זיין דורך וועלכע נישט איז וואונדערבארע, פאר מיר זעלבסט אומפערשטענדליכע אויסברעכונגען פון בעזע, פערברעכערישע געפיהלען, וועלכע פלעגען אפט אין מיר ערוואכען... נאר דיעזע אויסברעכונגען זענען זיך נישט צוזאמענגעטראפען מיט יענע עקעלהאפטע מינוטען. — די מאמע איז שטענדיג אין שווארצען, ווי אין טרויער, געקליידט געגאנגען. מיר האבען גענוג גרויס געלעבט, אבוואהל מיר האבען מיט קיינעם זיך נישט געקענט.

## II.

די מאמע האט אין מיר קאנצענטרירט אלע איהרע געדאנקען און זארגען. איהר לעבען איז זיך צונויפגעגאסען מיט מיין לעבען. זאלכען ארט בעציהונגען פון עלטערן צו קינדער זענען נישט שטענדיג נוצליך פאר די קינדער... גיכער זענען זיי שעדליך. דאצו, בין איך ביי מיין מוטער א איינציגער געווען... און איינציגע קינדער אממעהרסטען ענטוויקלען זיך

נישט ריכטיג. ערציהענדיג זיי, זאָרגען די עלטערן וועגען זיך זעלבסט, נישט וועניגער ווי וועגען זיי... דאָס איז קיין אַרבייט נישט. איך בין נישט ווילד, צולאָזען געוואָרען, און אויך נישט האַרטהערציג (ביידע זאַכען, וועלכע טרעפען זיך ביי איינציגע קינדער), בלויז מיינע נערווען זענען רואינירט געוואָרען. אויסער דעם, איז מיין געזונד זעהר שוואַך געוועזען — ווי מיין מוטער'ס, צו וועלכער איך בין אויך מיט'ן געזיכט ענליך געוועזען. איך פלעג שטענדיג אויסמיידען מיינע איין-יעהריגע חברים; איך האָב איבערהויפט זיך פערפרעמדט צו מענשען; איך האָב זאָגאַר מיט מיין מוטער וועניג געשמועסט. איך האָב בעסער פאַר אַליין ליעב געהאַט לייענען, איינזאַם זיך אַרומדרעהען, — און טראַכטען, טראַכטען! וועגען וואָס האָב איך געטראַכט — איז שווער צו זאָגען: ס'האָט מיר אָפט געדאַכט אַז איך שטעה פאַר אַ האַלב-צוגעמאַכטער טהיר, אונטער וועלכער עס געפינען זיך אומבעגרייפטע געהיימניסען. איך שטעה און טראַכט, און פאַר שרעק ציטער איך — איך טרעט די שוועל נישט איבער — און איך טראַכט נאָר וועגען דעם, וואָס ס'געפינט זיך דאָרט פאַר מיר — און איך וואַרט און ווער קראַפטלאָז... אָדער איך ווער איינגעשלאָפען. ווען ס'קלאַפט אין מיר אַ דיכטערישער אָדער וואָלט איך, וואַהרשיינליך, זיך גענומען ליעדער שרייבען; ווען איך פיהל אַ נויגונג צו גאָטספאָרכטיגקייט, וואָלט איך, קען מעגליך זיין אַ מאָנאַך געוואָרען. נאָר דיעזעס אַלץ זענען אין מיר נישט געווען — און איך האָב געטראַכט — און געוואַרט.

## III.

איך האָב ערשט דערמאָהנט, ווי אַזוי איך בין אַמאָל איינגעשלאָפען אונטער דער הערבשטרענגונג פון נישט קיין דייטליכע געדאַנקען. איך בין איבערהויפט פיעל געשלאָפען — און חלומות האָבען אין מיין לעבען אַ בעדייטענדע ראָליע געשפיעלט. כמעט יעדער נאַכט האָב איך חלומות געזעהן, איך האָב זיי נישט פערגעסען און זיי אַ בעדייטונג צוגעגעבען, איך האָב פאַר פאָראויסזאָגענדע זיי גערעכענט און האָב זיך בעמיהט זייער געהיימניס צו ערקלערען. איינציגע פון זיי האָבען זיך פון צייט צו צייט ווידערהאָלט, וועלכעס האָט מיר וואונדערבאַר אויסגעזעהן. בעזונדערס איז מיר איין חלום נישט פערשטענדליך געווען: מיר האָט געדאַכט, אַז איך געה דורך אַ שמאָלער, שלעכט ברוקירטער גאַס אין אַ אַלטער שטאָדט, צווישען פיעל-עטאַזשיגע מויערן. איך געה אַריין אין נידריגע, פינסטערע טויערן, געה דורך אַ לאַנגען הויף, וועלכער איז מיט באַלקענס און

ברעטער פערוואָרפען, און דרינג, ענדליך, אריין אין א קליין צימערל פון צוויי קיילעכדיגע פענסטערלעך. אין מיטען צימער שטעהט מיין פאָטער אין א שלאָפראָק און רויכערט פון א ליולקע, ער איז גאָר נישט ענהליך אויף מיין עכטען פאָטער: ער איז פון הויכען וואוקס, דאַר, שוואַרצהאָריג, ער האָט א קרומע נאָז, צאָרנדיגע און דורכדרינגענדע אויגען; זיין אויס־זיכט איז פון א יאָהר פערציג. ער איז אונצופריעדען מיט דעם, וואָס איך האָב איהם געפונען; איך בין אויך גאָרנישט צופריעדען פון אונזער צוזאַמענטרעפונג — און איך שטעה אונבעגרייפענד. ער דרעהט זיך פאַמעליך אויס, הויבט אָן עפּיס מורמלען און אַרומדרעהען זיך הין און צוריק מיט נישט קיין גרויסע טריט. נאָכהער דערווייטערט ער זיך צו ביסלעך, נישט אויפהערענדיג מורמלען און קוקענדיג צוריק דורכ'ן אַקסעל. דאָס צימער ווערט אונגעהויער גרוים און פערוועלקט אין א נעבעל... עס ווערט מיר פלוצלונג שרעקליך ביים געדאַנק, אַז איך פערליער נאָך אַמאָל מיין פאָטער. איך וואַרף זיך איהם נאָך — נאָר איך זעה איהם שוין נישט — און ס'הערט זיך זיין ברוגז'דיג, ווי א גערויש, מורמלען... מיין האַרץ ווערט ערשטאַרט אין מיר — איך חאַפּ מיך אויף און קען לאַנג נישט אַנטשלאָפען ווערען ווידער... א גאַנץ מאָרגענדיגען טאָג טראַכט איך איבער דיעזען חלום, און איך קען, פערשטעהט זיך, צו גאָרנישט צוטראַכטען.

## IV.

ס'איז איינגעטרעטען דער מאָנאַט יון. די שטאָדט, אין וועלכער איך האָב מיט דער מאַמען געוואָהנט, איז אין דיעזער צייט אונגעוועהנליך אויפגעלעבט געוואָרען. פיעל שיפען זענען צום האַפען צוגעשטיגען, פיעל פרעמדע געזיכטער האָבען זיך אויף די גאַסען בעוויזען. איך פלעג דאַמאָלס ליעב האָבען אויף די ים־ברעגען, נעבען די קאַפע־הייזער און האָטעלען אַרומשפּאַצירען, פערקוקען זיך אויף די פערשיעדען־אַרטיגע פיגורען פון די מאַטראָסען און אַנדערע מענשען, וועלכע זענען אונטער לייוועגדענע דעכלעך, נעבען קליינע טישעלעך געזעסען, און פון צינערנע קוואָרטען ביער געטרונקען.

אזוי, איינמאָל, פאַרביי־געהענדיג פאַרביי א קאַפע־הויז, האָב איך דערזעהן א מענשען, וועלכער האָט באַלד אין גאַנצען מיין אויפמערקזאַמקייט צו זיך צוגעצויגען. ער איז געווען אָנגעטהון אין א לאַנגען, שוואַרצען זומער־ראָק, מיט א שטרויענעם קאַפּעליוש איבער די אויגען אָנגערוקט. ער איז אונבעוועגליך געזעסען, האַלטענדיג די הענד אויפ'ן ברוסט צונויפגע-

לעגט. דינע געגריזעלטע האר זענען כמעט ביז דער נאז אראבגעלאזען געווען. דינע ליפען האבען א קליינעם מונדשטיק צונויפגעדריקט. דיזער מענש האט מיר אזוי קענטיג אויסגעזעהן, יעדען שטריך פון זיין טונקעלן, גרין געזיכט, זיין גאנצע פיגור — האט זיך, נישט צווייפלענדיג, גוט איינגעגריבעלט אין מיין זכרון, אזוי אז איך האב נישט געקענט זיך נישט אפשטעלען נעגען איהם, זיך די פראגע נישט פארגעבען: ווער איז דיזער מענש! וואו האב איך איהם געזעהן? דערפיהלענדיג וואהרשיינליך, מיין אויפמערקזאמען בליק האט ער אויף מיר זיינע שווארצע, דורכדרינגענדע אויגען אויפגעהויבען... איך האב נישט ווילענדיג ארויסגעלאזט: „אך!"

דיזער מענש איז יענער פאטער געווען, וועלכען איך האב אפגעזוכט, וועלכען איך האב אין חלום געזעהן! ס'איז אונמעגליך געווען זיך טועה זיין — דאס ענהליכקייט איז זעהר וואונדערבאר געווען. בלויז דער לאנג-עקיגער זומערראק, וועלכער האט זיינע דארע גליעדער איינגעהילט, מיט זיין פארב און געשטאלט האט אין יענעם שלאפראק דערמאהנט, אין וועלכען מיין פאטער איז צו מיר אין חלום ערשינען.

„שלאף איך נישט?" האט זיך מיר א טראכט געטהון... ניין... ס'איז האלבער-טאג יעצט, ארום לארמען מענשען, די זון שיינט העל פון בלויען הימעל, און פאר מיר איז נישט קיין אנשויאונג, נאר א לעבעדיגער מענש.

איך בין צו א נאהנטען טישעלע צוגעגאנגען. האב פערלאנגט א קווארט ביער מיט א צייטונג — און האב זיך נישט ווייט פון דיזען רעטזעלהאפטען מענשען געזעצט.

## V.

אנידערשטעלענדיג דעם צייטונג גלייך אקעגען געזיכט, האב איך נישט אויפגעהערט אויפצופרעסען דעם אומבעקאנטען מיט די אויגען. — ער האט זיך כמעט נישט בעוועגט, נאר צווייליען האט ער זיין אראבגעלאזט-געהאלטענעם קאפ אויפגעהויבען. מאנכע מאל האט מיר זיך געדאכט, אז אלץ האב איך אויסגעטראכט, אז קיין ענהליכקייט איז נישטא, אז איך האב זיך געלאזט איבערעדען פון דאס האלב-נישט-ווילענדעם, נישט ריכטיגעם אנשויאונג. נאר „יענער" האט זיך נאר בעדארפט א דרעה טהון, אדער לייבט די הענד אויפהויבען — אז איך טהו באלד ווידער א געשריי, איך זעה ווידער פאר זיך מיין „נאכט"-פאטער! — ער האט ענדליך, מיין נישט-אפרייסענדע אויפמערקזאמקייט בעמערקט, און צוערשט אונפערשטענדליך, און נאכהער מיט פערדרוס האט ער אויף מיין זייט א קוק געטהון.

ער האָט זיך גענומען אויפשטעלען — און האָט אַ קליין שטעקעלע אַנידערגעוואָרפען, וועלכעס ער האָט אין טישעלע אָנגעשפּאַרט. איך בין אוינגעבליקליך אויפגעשפּרונגען, אויפגעהויבען און דאָס איהם דערלאַנגט. מיין האַרץ האָט שטאַרק אין מיר געקלאַפּט.

ער האָט אַ שפּאַנענדען שמייכעל געטהון, מיר געדאַנקט און נאָהנט אַנידערשטעלענדיג זיין געזיכט קעגען מיין געזיכט האָט ער זיינע ברעמען אויפגעהויבען, די ליפּען אַביסעל געעפענט, גלייך ווי עפּיס האָט איהם שטאַרק געוואונדערט.

— איהר זענט זעהר העפליך, יונגער מענש, — האָט ער פּלוצלונג רעדען אָנגעהויבען מיט אַ טרוקענע, שאַרפע, אונטערנאָזיגע שטים — אין היינטיגע צייטען איז דאָס אַ זעלטענהייט. ערלויבט מיר אייך גלייך ווינשען: איהר האָט אַ גוטע ערציהונג גענאָסען.

איך געדענק נישט, וואָס נאָמענטליך איך האָב איהם אָבגעענטפערט; נאָר צווישען אונז האָט זיך באַלד אַ געשפּרעך פערבונדען. איך בין געוואָהר געוואָרען, אַז ער איז מיין לאַנדס-מאַן, אַז ער האָט זיך נישט לאַנג פון אַמעריקאַ צוריקגעקעהרט, וואו ער האָט פיעל יאָהרען געוואהנט, און וואוהין ער פאָהרט אין גיכען צוריק. ער האָט זיך אַלס באַראָן פאָרגעשטעלט... זיין נאָמען האָב איך נישט גוט איינגעהערט, ער, ווי אויך מיין „נאַכט"-פאָטער, האָט זיין רעדע מיט נישט קיין דייטליכען, אינערליכען מורמלען געענדיגט... ער האָט געוואָלט מיין פאַמיליע וויסען... דערהערענדיג זי, איז ער ווי ערשטוינט געוואָרען; דערנאָך האָט ער מיך געפרעגט, צי וואהן איך שוין לאַנג אין דיעזער שטאָדט און מיט וועמען? איך האָב געענטפערט אַז איך וואהן מיט מיין מוטער.

— און אייער פאָטער?

— מיין פאָטער איז שוין לאַנג געשטאָרבען.

ער האָט זיך ערקונדיגט איבער מיין מוטער'ס קריסטליכען נאָמען, און האָט זיך גלייך צולאַכט מיט אַ אומבעקוועמען געלעכטער — און דערנאָך האָט ער זיך ענטשולדיגט, זאָגענדיג, אַז ער האָט אַזאַ אַמעריקאַנער מאַניער, נאָכהער איז ער נייגעריג געוועזען וויסען, וואו געפינט זיך אונזער הויז. איך האָב איהם געזאָגט.

## VI.

דאָס אויפרעגונג, וועלכעס דאָט מיך אין אָנהויב פון אינזער געשפּרעך בעהערשט, איז שטופענווייז געשטילט געוואָרען; איך האָב אונזער

צוזאמענגאנג פאר עפּיס וואונדערבאר געפונען — און גענוג, ס'איז מיר נישט געפעלען געווען דער שמייכעל, מיט וועלכען דער באראן האט מיך אויסגעפרעגט; ס'איז מיר אויך נישט געווען געפעלען דער אויסדרוק פון זיינע אויגען, מיט וועלכע ער האט, פשוט, אין מיר געשטאכען... אין זיי איז געווען עפּיס יענערישעס אין בעשיצונג... עפּיס אומעטיג'ס, דיזע אויגען האב איך אין חלום נישט געזעהן. פערשיערען איז דעם באראנ'ס געזיכט געווען! פערוועלקט און מיד, און גלייכצייטיג אויך יונג, אונאנגענעהם יונג. ביי מיין „נאכט"-פּאטער איז אויך נישט געווען יענער טיפער שראם, וועלכער האט דייטליך דורכגעשניטען דעם גאנצען שטערן פון מיין נייעם בעקאנטען, און וועלכען איך האב נישט בעמערקט ביז איך האב זיך נעהנ-טער צו איהם צוגערוקט.

ז

נאך איידער איך האב דעם באראן מיטגעטיילט די גאס און נומער פון הויז, אין וועלכען איך האב געוואוינט, אז א נעגער פון הויכען וואוקס, איינגעהילט אין א מאנטעל כמעט ביז די ברעמען, איז צוגעגאנ-גען הינטען צו איהם און שטיל איבער דער פּלייצע איהם א קלאפּ געטהון. דער באראן האט זיך אויסגעקערעוועט ארויסשטאמלענדיג: „אהא, ענדליך!" און לייכט צו מיר א שאקעל-טהוענדיג מיט'ן קאפּ, איז ער צוזאמען מיט'ן נעגער אין קאפע-הויז אריין. איך בין הינטער'ן דעכעל געבליבען, איך האב זיך דערווארטען געוואלט דעם באראנס צוריקקעהרען, נישט אום זיך ווידער מיט איהם פונאנדערשפּרעכען — (איך האב אייגענטליך נישט גע-וואוסט וועגען וואס איך קען פיהרען מיט איהם א געשפּרעך) — נאר צוליעב דעם, איך זאל אויפ'סניי אונטערזוכען מיין ערשטען איינדרוק. — נאר, ס'איז אריבער א האלבע-שטונדע, ס'איז אריבער א שטונדע... און דער באראן האט זיך נישט ארויסבעוויזען, איך בין אין קאפע-הויז אריינגעגאנגען, בין דורכגעלאפען אלע צימערן, נאר איך האב ערגיץ נישט געזעהן נישט דעם באראן, נישט דעם נעגער... זיי זענען, ווי ס'שיינט אוועקגעגאנגען דורך די הינטער-טהיר.

איך האב קאפּ-שמערצען דערפיהלט, און אום זיך צו דערפרישען בין איך אוועק אין דער לענג פון ים-ברעג ביז'ן גרויסען אונטער-שטאדטיגען גארטען, וועלכער איז נאך צוריק מיט צוויי הונדערט יאהר צופלאנ-צען געווארען. שפּאצירענדיג א שעה צוויי אין שאטען פון די אונגעהויערע גרויסע דעמבעס און פּלאטאנען האב איך זיך צו הויזע צוריק-געקעהרט.

## VII.

די דיענסט האט זיך מיר אקעגען געווארפען, גאנץ בעאונרוהיגט, ווי נאר איך בין אריינגעגאנגען אין קארידאר. איך האב באלד, נאך איהר געזיכט'ס־אויסדריק פערשטאנען, אז אין דער צייט פון מיין אבוועזענהייט איז עפיס נישט־גוט'ס אין אונזער הויז געשעהן. און גלייך בין איך געוואהר געווארען, אז מיט א שעה פריהער, האט זיך פון מיין מוטער'ס שלאפצימער א שרעקליך געשריי דערהערט. אריינלויפענדיג האט די דיענסט זי געטראפען ליגענדיג אויף דער ערד, אין אונמאכט, וועלכער האט איניגע מינוטען געדויערט. די מאמע איז ענדליך צו זיך געקומען, נאר זי איז געוועזען געצוואונגען אין בעט זיך לעגען. איהר אויסזיכט איז שרעקליך געוועזען. זי האט גארנישט גערעדט, נישט געענטפערט אויף קיין אנפראגען, זי האט בלויז זיך ארומגעקוקט און געשראקען. די דיענסט האט דעם גערטנער נאך דעם דאקטאר געשיקט. דער דאקטאר איז געקומען, האט א בערוהיגונג'ס מיטעל פערשריבען. אויך איהם האט די מאמע ענטפערן זיך אבגעזאגט. דער גערטנער איז געוועזען איבערצייגט, אז איניגע סעקונדען נאכ'ן געשריי, וועלכער האט זיך אין דער מאמעס שלאפצימער דערהערט, האט ער דערזעהן א אומבעקאנטען מענשען, וועלכער איז שנעל געלאפען דורך די בלומען־רייהען פון גארטען צו די דרויסיגע טויערן. (אונזער הויז איז בעשטאנען פון איין עטאזש, די פענסטער פון וועלכען זענען אין א גרויסען גארטען ארויסגעגאנגען). דער גערטנער האט איינזעהן דעם אומבעקאנטען'ס געזיכט נישט געקענט; נאר אליין איז ער א דארער געוועזען, ער האט געטראגען א נידריגען שטרויענעם קאפעליוש און א לאנג'עקיגען ראק... „דעם באראנ'ס אנצוג!" איז מיר גלייך אין קאפ א מחשבה דורכגעפלויגען. איהם אניאגען האט דער גערטנער נישט געקענט. דאצו נאך, האט מען איהם איילענדיג אין הויז גערופען, וואו מען האט איהם נאכ'ן דאקטאר געשיקט. איך בין צו דער מאמען אריינגעגאנגען; זי איז אויפ'ן בעט געלעגען, בלאסער פאר די קישען, אויף וועלכער איהר קאפ איז געלעגען. דערקענענדיג מיך האט זי שוואך א שמייכעל געטהון, און מיר די האנד אויסגעשטרעקט. איך האב זיך נעבען איהר צוגעזעצט, און זי אנגעהויבען אויספרעגען; צוערשט האט זי אויף אלץ מיט ניין געענטפערט, און נאכהער האט זי מודה געוועזען, אז זי האט עפיס אזעלכעס דערזעהן, וועלכעס האט זי שטארק איבערגעשראקען. „אהער איז עמיצער אריינגעגאנגען"? האב איך געפרעגט. — „ניין", האט זי געשווינד אבגעענטפערט: „קיינער איז

נישט געקומען, נאָר מיר האָט זיך אויסגעדאַכט"... זי איז אַנשוויגען געוואָרען און מיט דער האַנד די אויגען פערשטעלט. איך האָב איהר געוואָלט מיטטיילען, וואָס איך האָב פון גערטנער געהערט. און רעכטצייטיג איהר אויך מיין בעגעגעניש מיט'ן באַראָן דערצעהלען. נאָר די ווערטער זענען ווי פערגליווערט אויף מיינע ליפּען געוואָרען. איך האָב, פון דעסטוועגען, זיך בעשלאָסען בעמערקען דער מאַמען! אַז אַנשוויאונגען, געוועדליך בעווייזען זיך נישט ביי טאָג... „געוויס, האָט זי שטאַמעלדיג געזאָגט — איך בעט דיך: פּייניג מיך יעצט נישט. וועסט אַמאָל אַלץ געוואָהר ווערען" זי איז ווידער שטיל געבליבען. איהרע הענד זענען פערקיהלט געוועזען און דער פּולס האָט פלינק און אונגלייך געקלאַפּט. איך האָב איהר טרינקען געגעבען פון איהר היילונגס-מיטעל און אַן אַ זייט אַבגעטרעטען, אום איהר נישט בעאונרוהיגען. אַ גאַנצען טאָג איז זי פון בעט נישט אויפגעשטאַנען. זי איז שטיל און אונבעוועגליך געלעגען, און נאָר צווייליען אַ טיעפען זיפץ אַרויסגעלאָזט, און מיט מורא די אויגען אויפגעעפענט. קיינער אין הויז האָט גאַרנישט בעגריפען.

## VIII,

צו נאַכט צו איז די מאַמע אין אַ קליין פיבער אַריינגעפאַלען, און זי האָט מיך אַוועקגעשיקט. איך בין פונדעסטוועגען צו זיך נישט אַוועקגעגאַנגען, און האָב זיך אין צווייטען צימער אויפ'ן דיוואַן געלעגט. יעדער פערטעל שעה בין איך אויפגעשטאַנען, אויף די שפּיצען פינגער צו די טהיר צוגעגאַנגען און זיך איינגעהערט. אַלץ אַרום איז שטיל געוועזען; נאָר די מאַמע איז אין דיעזע נאַכט קוים איינגעשלאָפען. אַז איך בין גאַנץ פריה צו איהר אַריינגעקומען, האָט איהר געזיכט פלאַמענדיג אויסגעזעהן, די אויגען האָבען מיט נישט קיין נאַטירליכען גלאַנץ געבלישטשעט. אין פערלויף פון טאָג איז איהר עטוואָס לייכטער געוואָרען, נאָר צו נאַכט צו איז די היץ געשטיגען. ביז דאַן האָט זי שטאַרזיניג געשוויגען. און יעצט האָט זי פּלוצלונג רעדען אָנגעהויבען מיט אַ שטילע, איבערגעריסענע שטים; זי האָט נישט פון היץ גערעדט, אין איהרע ווערטער איז געדאַנק געוועזען, נאָר נישט קיין צוזאַמענקניפּונג. קורץ פאַר האַלבע-נאַכט האָט זי זיך פּלוצלונג מיט אַקאָנוואולסיווע בעוועגונג, אויפגעהויבען אין בעט (איך בין נעבען איהר געזעסען), און מיט דיעזער פלינקער שטים, אונאויפהערליך שלינגענדיג די וואַסער פון גלאָז, און שוואַך טרייסלענדיג מיט די הענד און נישט קוקענדיג אויף מיר האָט זי דערצעהלען אָנגעהויבען... זי האָט

זיך אבגעשטעלט, האט די קרעפטען אנגעשטרענגט און ווייטער דערצעהלט. ס'איז אזוי וואונדערבאר געוועזען, פונקט ווי זי האט דאס אלץ אין חלום געטהון, פונקט ווי אין איהר אבוועזענהייט איז אלעס געטהון געוועזען, און אן אנדערער האט מיט איהרע ליפּען גערעדט, אדער זי געצוואונגען רעדען.

## IX.

— הער אויס וואס איך וועל דיר דערצעהלען — האט זי אנגעהויבען:
— דו ביזט ניט שוין קיין יונגעלע; דו דארפסט שוין אלעס וויסען. איך האב א גוטע פריינדין געהאט... זי האט געהייראט מיט א מענשען, וועלכען זי האט מיט'ן גאנצען הארצען געליעבט, און זי איז מיט איהר מאן זעהר גליקליך געוועזען. אין ערשטען חתונה־יאהר זענען זיי ביידע אין קרוין־שטאדט געפאהרען, דארט עטליכע וואכען אין פרייד צו פערברענגען. זיי האבען זיך אין א גוטען האטעל אבגעשטעלט, און זענען פיעל אין טעאטער'ס און פערזאמלונגען ארויסגעפאהרען. מיין פריינדין איז זעהר א שעהנע געוועזען, יעדער האט זי בעמערקט, יונגע מענשען זענען איהר נאכגעגאנגען, נאר צווישען זיי איז געוועזען איינער... א נ'אפיציער. ער האט אונאויפהערענדיג איהר נאכגעשפירט, און וואו זי האט זיך געפונען האט זי אומעטום זיינע שווארצע, בעזע אויגען געזעהן. ער האט זיך מיט איהר ניט בעקענט, און קיינמאל טיט איהר ניט גערעדט — ער האט נאר אויף איהר געקוקט אזוי פרעכענד און וואונדערבאר. אלע פערגניגען פון דער קרוין־שטאדט, זענען פערגיפטעט געוועזען מיט זיין אנוועזענהייט; זי האט אנגעהויבען איינרעדען דעם מאן, וואס גיכער אפּפאהרען, און זיי האבען זיך שוין אינגאנצען גענומען אין וועג גרייטען. איינמאל איז איהר מאן אין קלוב אוועקגעגאנגען — אפיציערען האבען איהם איינגעלאדען — פון איין פאלק מיט יענעם אפיציער — אין קארטען שפּיעלען. זי איז צום ערשטען מאל אליין געבליבען. איהר מאן האט זיך לאנג ניט צוריקגעקעהרט, זי האט די דיענסט אבגעלאזט און זיך אין בעט געלעגט... און פלוצלונג איז איהר זעהר אומעטיג געווארען, אזוי אז זי איז פערקיהלט געווארען און האט ציטערן אנגעהויבען. ס'האט איהר אויסגעדאכט אז זי האט א לייכטען קלאפּ דערהערט פון יענער זייט וואנד — אזוי ווי א הונד גראבעלט — און זי האט אויף יענער וואנד קוקען אנגעהויבען. אין ווינקעל האט א לעמפּעלע געברענט; דאס צימער איז אין גאנצען מיט שטאף בעשלאגען געוועזען... פּלוצלונג האט עפּיס דארטען זיך בעוועגט, זיך אויפגעהויבען און אויפגע־

עפּענט... און גלייך פון דער וואַנד, אײנגאַנצען שוואַרץ און לאַנג איז יענער שרעקליכער מענש מיט די בּעזע אויגען אַרויסגעגאַנגען! זי האָט געוואָלט אָנהויבּען שרײַען, און האָט נישט געקענט. זי איז פון שרעק הילפלאָז געוואָרען. ער איז פלינק צוגעגאַנגען צו איהר, ווי אַרויב־יעגערישע חיה, און האָט איהר עפּיס אויפ׳ן קאָפּ אַרויפגעוואָרפען, עפּיס אַ דושנע, שוואַרץ, ווײַס... וואָס נאַכהער איז געווען, געדענק איך נישט... איך געדענק נישט! ס׳איז ערגליך אויפ׳ן טוידט, אויף אַ ערמאָרדונג געווען... ווען יענער שרעקליכער נעבּעל איז, ענדליך, צוגאַנגען, ווען איך... ווען מײַן פרײַנדין איז צו זיך געקומען, איז אין צימער קיינער נישט געווען. זי איז ווידער — און לאַנג — נישט אימשטאַנד געווען אָנהויבּען שרײַען, האָט ענדליך שרײַען אָנגעהויבּען... דערנאָך האָט זיך ווידער אַלץ צונויפגעמישט...

דערנאָך האָט זי נעבּען זיך דעם מאַן דערזעהן, וועלכען מען האָט בּיז צווײַ אַ זייגער אין קלוב פערהאַלטען. ער האָט אַזוי שרעקליך אויסגעזעהן. ער האָט זי אָנגעהויבּען אויספרעגען, נאָר זי האָט איהם גאָרנישט געזאָגט. דערנאָך איז זי קראַנק געוואָרען... פון דעסטוועגען, געדענקט זיך, איבּערבלײַבּענדיג אַליין אין צימער האָט זי יענץ אָרט אין וואַנד אַרומגעקוקט... אונטער דעם בּעשלאָגענעם שטאָף האָט זיך אַ געהיימע טהיר אַרויסגעוויזען, און זעלבּסט בּײַ איהר פון דער האַנד איז פערלאָרען געוואָרען איהר חופּה־רונג. דיעזער רונג איז פון אַ אונגעוועהנליכער פאָרם געווען: אויף איהם זענען געוועזען אַ רייהע פון זיעבּען גאָלדענע שטערנלעך און זיעבּען זילבּערנע; ס׳איז געווען אַ אַלטע פאַמיליען־קאָסטבּאַרקייט. דער מאַן האָט זי געפרעגט, וואָס איז געוואָרן מיט׳ן רונג; זי האָט גאָרנישט געקענט ענטפערן, דער מאַן האָט געדענקט, אַז זי האָט מסתּמא איהם ערגיץ פערלאָרען, ער האָט אומעטום געזוכט, נאָר ערגיץ ניט געפונען. ס׳איז אויף איהם אַ טרויער אָנגעקומען, ער האָט זיך בּעשלאָסען וואָס גיכער אַהײם פאָהרען, און ווען דער דאָקטאָר האָט נאָר ערלויבּט — האָבּען זיי די שטאָדט פערלאָזען... נאָר, שטעל דיר פאָר! אין זעלבּען טאָג פון זייער אָבּרײַזען, האָט זי זיך אויף אַ טראָג־בּעטעל אָנגעשלאָגען... אויף דיעזעם בּעטעל איז געלעגען אַ נאָר וואָס דער׳הרג׳טער מענש, מיט אַ צושפּאָלטענעם קאָפּ. — און שטעל דיר פאָר, דיעזער מענש איז יענער שרעקליכער „נאַכט־גאַסט" מיט די בּעזע אויגען געווען... מען האָט איהם בּײַ דער קאָרטען־שפּיעל דער׳הרג׳ט!

דערנאָך איז מײַן פרײַנדין אין דאָרף אַוועקגעפאָהרען... זי איז אַ

מוטער צום ערשטען מאל געווארען... און האט מיט'ן מאן איינציגע יאהרען געלעבט. ער האט זיך קיינמאל גארנישט דערוואוסט, און וואס האט זי געקענט זאגען? זי האט זעלבסט גארנישט געוואוסט.

נאר דאס פריהעריגע גליק איז פערשוואונדען. פינסטער איז אין זייער לעבען געווארען — און דיזעס פינסטערניש האט קיינמאל זיין נישט אויפגעהערט... קיין אנדערע קינדער זענען נישט פריהער נישט שפעטער ביי זיי נישט געוועזען...

די מאמע איז פערציטערט געווארען און מיט די הענד די אויגען פערשטעלט.

— נאר זאג יעצט — האט זי וויטער גערעדט מיט אדאפעלטער קראפט — איז דען מיין פריינדין שולדיג אין עפיס? אין וועלכען האט זי געקענט זיך א פארוואורף מאכען? זי איז בעשטראפט געוועזען, נאר דען האט זי נישט דאס רעכט געהאט פאר גאט זעלבסט צו זאגען, אז די שטראף וועלכע האט איהר געטראפען איז אונריכטיג? פאר וואס־זשע קומט איהר, ווי א פערברעכערין, וועלכער פייניגט דאס געוויסען, פאר וואס קען זיך איהר דאס פערגאנגענהייט אין אזוי א שרעקליכען פארם פארשטעלען, נאך אזוי פיעל יאהרען? מאקבעט האט באנקא'ן דער'הרג'עט — איז קיין וואונדער נישט, וואס איהם ווייזט זיך שרעקליכ'ס אויס... אדער איך...

נאר די מאמע האט דא אזוי פערפלאנטעט און צונויפגעמישט איהר רעדען, אז איך האב פערשטעהן זי אויפגעהערט... איך האב שוין נישט געצווייפעלט אז זי רעדט פון היץ.

## X.

וואסער שוידערהאפטיגען איינדרוק דער מאמעס ערצעהלונג האט אויף מיר געמאכט — וועט יעדער לייכט פערשטעהן! פון איהר ערשטען ווארט האב איך פערשטאנען, אז וועגען זיך זעלבסט רעדט זי, און נישט וועגען וועלכער איז איהרע א פריינדין; איהר איבעררייסענדע שטים האט נאר מיין פערשטענדיגקייט בעשטעטיגט. ווי ס'שיינט, איז דער ווירקליך מיין פאטער געוועזען, וועלכען איך האב אין חלום אבגעזוכט, וועלכען איך האב אויפ'ן וואהר געזעהן! ער איז נישט דער'הרג'ט, ווי מיין מוטער האט בעגריפען, נאר פערוואונדעט געוועזען... און ער איז צו איהר געקומען, און ענטלאפען א דערשראקענער מיט איהר שרעק. אלץ איז מיר באלד פערשטענדליך געווארען; און דאס געפיהל פון נישט־ווילענדען עקעל צו מיר, וועלכעס האט אפט אין מיין מוטער ערוואכט, און איהר בעשטענ־

דינער קומער אין אונזער איינזאַמעס לעבען... איך געדענק, אַז דער קאָפּ האָט זיך מיר פערדרעהט — און איך האָב פאַר איהם מיט ביידע הענד זיך אָנגעכאַפּט, גלייך ווי איך האָב איהם אויף זיין אָרט איינהאַלטען געוואָלט. נאָר איין געדאַנק האָט זיך ווי מיט אַ משוואָק אין מיר פערשלאָגען: איך האָב זיך ענטשלאָסען, ווי ס'זאָל נישט זיין, אויפ'סניי דיזען מענשען געפינען! צוליעב וואָס? מיט אַ וואָסער ציעל? איך האָב קיין רעכנונג זיך נישט געגעבען, נאָר אָבזוכען, אָבזוכען איהם — דאָס איז ביי מיר געווען אַ פראַגע פונ'ם לעבען אָדער פונ'ם טויט! אויף מאָרגען אין דער פריה האָט די מאַמע, ענדליך, זיך בערוהיגט... דאָס פיבער איז פאָריבער... זי איז אַנשלאָפען געוואָרען. איבערגעבענדיג זי אויף דער זאָרג פון אונזער ווירטהין און בעדינענטע בין איך אַוועק איהם אָבזוכען.

## XI.

פריהער פאַר אַלץ בין איך, פערשטענדליך, אין קאַפע הויז אַוועקגעגאַנגען, וואו איך האָב דעם באַראָן בעגעגענט; נאָר אין קאַפע הויז האָט קיינער נישט געוואוסט און זאָגאַר איהם נישט בעמערקט; ער איז דאָרט אַ צופעליגער בעזוכער געווען. דעם נעגער האָט די ווירטהין בעמערקט — זיין פיגור האָט זיך איבעריג'ס אין די אויגען געוואָרפען; נאָר ווער ער איז, וואו ער האָט זיך געפונען, — האָט אויך קיינער נישט געוואוסט. איבערלאָזענדיג, יעדענפאַלס, מיין אַדרעס אין קאַפע-הויז, האָב איך אָנגעפאַנגען אַרומגעהן איבער די גאַסען, אויף די ברעגעס, נעבען האַפען און איבער די בולוואַרען. איך האָב אין אַלע עפענטליכע אַנשטאַלטען פערקוקט, און ערגיץ נישט געפונען גאָרנישט ענהליכ'ס נישט אויף דעם באַראָן, און נישט אויף זיין חבר!... נישט איינהערענדיג דעם באַראָנ'ס פאַמיליע, בין איך נישט אימשטאַנד געווען זיך צו דער פאָליציע ווענדען; פונדעסטוועגען, האָב איך געגעבען צו וויסען אַ צוויי דריי אויפזעהער אויף דער געמיינדע-אָרדנונג (זיי האָבען, ווירקליך, פערוואונדערט מיך אָנגעקוקט און נישט געענצליך זיך מיר פערטרויט) אַז איך וועל זייער פלייסיגקייט גוט בעלוינען, אויב זיי וועט זיך איינגעבען איבערפאַלען אויף די שפּורען פון יענע צוויי פערזאָנען, דאָס אויסזעהן פון וועלכע איך האָב ווי מעגליך אויספיהרליכער זיי בעשריבען. זוכענדיג, אָט אַזוי, ביז'ן מיטאָג בין איך אַ מיעדער זיך אַהיים צוריקגעקעהרט. די מאַמע האָט זיך פונ'ם בעט אויפגעהויבען, נאָר צו איהר געוועהנליכער לייד, האָט זיך עפּיס אַ נייס, נאָרדענקענדעס נים פערשטענדליכעס צוגעמישט, וועלכעס האָט ווי מיט אַ מעסער

מיך אויפ'ן הארצען געשניטען. אגאנץ אויף דער נאכט בין איך מיט איהר איבערגעזעסען, מיר האבען במעט גארנישט גערעדט: זי האט אויף קארטען געטראפען, איך האב שטיל אין די קארטען געקוקט, זי האט מיט קיין איינציג ווארט וועגען איהר ערצעהלונג נישט דערמאהנט, און אויך נישט וועגען דעם, וואס נעכטען האט געטראפען, גלייך ווי מיר האבען ביידע זיך געהיים צוגעפגערעדט נישט בעריהרען יענע שרעקליכע, וואונדערבארע פארפאלען. ס'איז איהר ווי פערדריסליך אויף זיך זעלבסט געווען, און א בעליידיגונג פאר דעם, וואס האט זיך נישט ווילענדיג ביי איהר ארויסגעריסען. אין, ס'קען זיין, אז זי האט גוט נישט געדענקט, וואס האט זי אזעלכעס געזאגט אין האלב-ברענענדען פיבער — און זי איז פערזיכערט געווען, אז איך וועל זי שוינען... און, ווירקליך, איך האב איהר געשוינט, און זי האט דאס געפיהלט. זי האט ווי נעכטען מיין בליק אויסגעמיידט, א גאנצע נאכט האב איך נישט געקענט אנשלאפען ווערען. — אין דרויסען האט זיך פלוצלונג אויפגעהויבען א שרעקליכער שטורם. דער ווינד האט געיאמערט און שטורמדיג געריסען, די שויבען פון די פענסטער האבען געקלונגען און געגרילצט, אין לופטען האבען פערצווייפעלטע קלאגען און קרעכצען זיך געטראגען, אקוראט ווי אויבען האט זיך עפים צעריסען און מיט א לייכטזיניגען יאמער איבער די ציטערנדע הייזער דורכגעפלויגען. פאר בעגינען האב איך זיך מיט'ן שלאף פערשלאגען... באלד האט זיך מיר אויסגעדאכט, אז עמיצער איז צו מיר אין צימער אריינגעגאנגען און מיך ביים נאמען א רוף געטהון — מיט נישט א הויכער, נאר א פעסטער שטים. איך האב דעם קאפ אויפגעהויבען און קיינעם נישט דערזעהן, נאר א וואונדערבארע זאך! איך האב נישט נאר זיך נישט דערשראקען — איך האב זיך דערפרעהט; ס'האט אין מיר פלוצלונג א איבערצייגונג ערשיינט, אז יעצט וועל איך מיין ציעל ערדרייכען. איך האב אויף גיך זיך אנגעקליידט און בין ארויס פון הויז.

## XII.

דער שטורם איז איינגעשטילט געווארען... נאר עס האבען זיך נאך געפיהלט זיינע לעצטע ציטערנישען. ס'איז גאנץ פריה געווען — אויף די גאסען האבען זיך קיין מענשען נישט געטראפען, אין פיעל ערטער האבען זיך געוואלגערט שטיקלעך רעהרען, דאך-ציגעל, ברעטער פון צושמעטערטע פלאטען, אבגעבראכענע בוימער-צווייגען... „וואס איז ביי נאכט

אויפ'ן ים געשעהען?" — האָט זיך נישט־ווילענדיג געטראַכט דערזעהענדיג די שפורען, וועלכע דער שטורם האָט איבערגעלאָזט.

איך האָב געוואָלט אויפ'ן האַפען געהן, נאָר מיינע פיס, זעגען ווי אָבהענדיג געווען. ווי פון אַנ'אונאַביזעגדעטען געצוואונגשאַפט, האָבען זיי מיך אין אַ אַנדער זייט פערטראָגען. ס'זענען קיין צעהן מינוט נישט אַריבערגעגאַנגען, אַז איך האָב זיך שוין געפונען אין אַ טייל־שטאָדט, וועלכען איך האָב ביז יעצט קיינמאָל נישט בעזוכט. איך בין פאַמעליך געגאַנגען, נאָר נישט אָבשטעלענדיג זיך, טריט נאָך טריט, מיט אַ וואונדערבאַרען עמפפינדונג אויפ'ן האַרצען; איך האָב עפּיס אונגעוועהנליכעס, אוממעגליכעס ערוואַרטעט, און גלייכצייטיג בין איך איבערצייגט געווען אַז דיזעס אונגעוועהנליכעס וועט ערפילט ווערען.

## XIII.

און אָט איז אָנגעקומען, דיזעס אונגעוועהנליכעס, דיזעס אונערוואַרטעטעס! פּלוצלונג, אין אַ צוואַנציג טריט פון מיר האָב איך דערזעהן יענעם זעלבען נעגער, וועלכער האָט אין קאַפע־הויז אין מיין געגענוואַרט געערעדט מיט'ן באַראָן! איינגעהילט אין יענעם זעלבען מאַנטעל, וועלכען איך האָב שוין דאַמאָלס אויף איהם בעמערקט, איז ער ווי פון דער ערד אויפגעשטיגען, און אויסדרעהענדיג זיך צו מיר מיט דער פּלייצע, איז ער מיט געשיקטע טריט איבער דעם שמאָלען טראָטואַר פון קרומען ראָג געגאַנגען! איך האָב זיך באַלד אַ לאָז געטהון איהם אָניאָגען, נאָר ער האָט אויך די שפּאַן פערגרעסערט, אָבוואָהל ער האָט זיך צוריק נישט אומגעקוקט, און האָט זיך באַלד פערקירעוועט צום ראָג פון דאָם אַרויסגערוקטע הויז! איך בין צוגעלאָפען צו דיזען ראָג, איהם אַזוי שנעל דורכגעלאָפען ווי דער נעגער... און ווי וואונדערליך! פאַר מיר איז אַ לאַנגע, שמאָלע און אַ גאַנץ פּוסטע גאַס; דער פריהמאָרגענדיגער נעבעל האָט זי אינגאַנצען מיט זיין טונקעל'ן בליי פערגאָסען, — נאָר מיין בליק דרינגט זי דורך ביז'ן סאַמע עק, איך קען אַלע איהרע געביידעס איבערצעהלען... און קיין איינציג לעבעדיג בעשעפעניש בעוועגט זיך ערגיץ נישט. דער הויכער נעגער אין מאַנטעל איז אַזוי פּלוצלונג פערשוואונדען געוואָרען, ווי זיך בעוויזען! איך בין ערשטוינט געוואָרען... נאָר נישט מעהר ווי אויף איין רגע. איין אַנדער געפיהל האָט מיך באַלד בעהערשט. דיזע גאַס, וועלכע איז פאַר מיינע אויגען אויסגעשפּרייט געווען, אינגאַנצען שטום און ווי אַ טויטע — האָב איך איהר דערקענט. דען ס'איז די גאַס פון מיין חלום געווען. איך

יוער פערציטערט. אין קאָרטשמע זיך צוגויף — דער פריהמאָרגען איז אַזוי פריש געווען — און באַלד־זשע, זיך גאָרנישט קווינקלענדיג, מיט אַ אַי־בערצייגונגס־שרעק געה איך ווייטער!

איך הויב אָן מיט די אויגען זוכען... יאָ, אָט איז דאָס: אָט, רעבט'ס, אַרויסגעהענדיג פונ'ם ראָג אויפ'ן טראָטואַר, אָט איז אויך דאָס הויז פון מיין חלום, אָט זענען אויך די אַלטע טויערן מיט די שטיינערנע פערדוקער'ס פון ביידע זייטען... אמת, די פענסטער פון הויז זענען נישט קיילעבדיג, נאָר פירעקעבדיג... נאָר ס'איז נישט וויכטיג... איך קלאַפּ אָן אין די טויערן, איך קלאַפּ אָן צוויי, דריי מאָל, אַלץ העכער און העכער... די טויערן עפענען זיך לאַנגזאַם אויף, מיט אַ שווערען סקריפּ, גלייך ווי אַ געגעץ. פאַר מיר איז אַ יונגע דיענסט מיט אַ צושויבערטען קאָפּ, מיט פערשלאָפענע אויגען, זי איז, ווי ס'זעהט אויס, נאָר וואָס אויפגעוואַכט. — דאָ וואוהנט דער באַראָן? — פרעג איך, און אַליין לויף איך איבער מיט אַ געשווינדען בליק דעם טיעפען ענגען הויף... אַזוי, אַלץ אַזוי; אָט זענען די ברעטער און באַלקענס, וועלכע איך האָב אין חלום געזעהן.

— ניין, — ענטפערט מיר די דיענסט: — דער באַראָן וואוהנט דאָ נישט.

— ווי הייסט ניין? ס'קען נישט זיין!

— יעצט איז ער נישטאָ, ער איז נעכטען אָבגערייזט.

— וואוהין?

— נאָך אַמעריקאַ.

— נאָך אַמעריקאַ! — האָב איך נישט ווילענדיג איבערג'חזר'ט. — און ער וועט צוריקקומען?

די דיענסט האָט מיך פערדעכטיג אָנגעקוקט.

— מיר ווייסען נישט. ס'קען זיין אַז ער וועט אינגאַנצען נישט צוריקקומען.

— ער האָט לאַנג דאָ געוואוהנט?

— נישט לאַנג, געגען אַ וואָך צייט. יעצט איז ער אינגאַנצען נישטאָ.

— און ווי אַזוי האָט מען איהם ביי דער פאַמיליע גערופען, דעם באַראָן?

די דיענסט האָט אויף מיר די אויגען אָנגעשטעלט.

— איהר ווייסט נישט זיין פאַמיליע? מיר האָבען איהם, פשוט, באַראָן גערופען. הער, פעטער! האָט זי אַ געשריי געטהון, זעהענדיג, אַז

איך רײַס זיך פֿאַראויס. — געה־נאָר אַהער! עפּיס אַ פֿרעמדער פֿרעגט זיך דאָ וועגען אַלץ.

פֿון הויז איז אַרויסגעגאַנגען אַ קרעפֿטיגער אַרבײַטער מיט אַ שלעכט צונויפֿגעלעגטער פֿיגור.

— וואָס איז אַזוינס! וואָס געברויכט איהר? — האָט ער מיט אַ הײַזעריגע שטים געפֿרעגט — און, ברוגז'דיג אויסהערענדיג מיך האָט ער דער דיענסט'ס ווערטער איבערג'חזר'ט.

— ווער־זשע וואהנט דאָ?

— אונזער ווירטה.

— און ווער איז ער?

— אַ סטאָליאַר. אויף דיעזער גאַס זענען אַלע סטאָליאַרעס.

— קען מען איהם זעהן?

— יעצט קען מען נישט. ער שלאָפֿט.

— און אין שטוב קען מען אַרײַנגעהן?

— מען קען נישט. געהט אײַך.

— און שפּעטער וועל איך קענען זעהן אײַער ווירטה?

— פֿאַר וואָס נישט? מען קען. שטענדיג קען מען איהם... דערויף איז ער אַ האַנדעל'ס־מאַן. נאָר יעצט געהט אײַך. איהר זעהט, ווי פֿריה ס'איז.

— און יענער נעגער? — האָב איך פּלוצלונג אַ פֿרעגע געגעבען.

דער אַרבײַטער האָט אונפֿערשטענדליך אַ קוק געטהון צוערשט אויף מיר, דערנאָך אויף דער דיענסט.

— וועלכער נעגער? — האָט ער, ענדליך, געזאָגט. — געהט אײַך, מײַן העררר, שפּעטער קענט איהר קומען. וועט איהר מיט'ן ווירטה איבערשמועסען.

איך בין אַרויסגעגאַנגען אויף די גאַס. די טויערן האָבען זיך מיט איין מאָל אונטער מיר שווער און שאַרף פֿערהאַקט, אָהן אַ סקריפּ פֿאַר דיעזען מאָל.

איך האָב גוט בעמערקט די גאַס, דאָס הויז און בין אַוועק ווײַטער, נאָר נישט אַהײם. — איך האָב דערפֿיהלט עפּיס אַ אַרט ערצויבערונג. אַלץ, וואָס מיט מיר האָט געטראָפֿען, איז אַזוי מערקווירדיג, אונגעוועהנליך געוועזען — און ווי נאַריש ס'האָט זיך אויסגעלאָזט! איך בין זיכער געוועזען אַז אין דעם הויז וועל איך דערזעהן מײַן בעקאַנטען צימער — און אין מיט'ן מײַן פֿאָטער, דעם באַראָן אין אַ שלאָפֿראָק און מיט אַ ליולקע... און אַנשטאָט דעם — איז דער הויז־ווירטה אַ סטאָליאַר, און מען קען איהם

בעזוכען וויפיעל מען וויל, — און, וואָס נאָך מעהר, ביי איהם מעבעל בעשטעלען...

און מיין פאָטער האָט נאָך אַמעריקאַ אָבגערייזט! און וואָס בלייבט מיר יעצט טהון? אַלסדינג דער מאַמע דערצעהלען, אָדער אויף עביג אַלע ערא־ינערונגען וועגען דיעזעס בעגעגעניש פערבאָרגען. איך בין נישט אימשטאַנד געווען מיט׳ן געדאַנק צו פערשטעהן, אַז אַזאַ איבערנאַטירליכער, אַזאַ געהיימניספאָלער אָנהויב, זאָל זיך קענען צונויפשליסען מיט אַזאַ אונזיניגען, אָרדינאַרען סוף.

איך האָב נישט געוואָלט זיך צוריקקעהרען אַ היים, און בין אַוועק, וואוהין די אויגען קוקען, אַרויס פון׳ם שטאָדט.

## XIV.

איך בין געגאַנגען, האַלטענדיג אַראָבגעלאָזט דעם קאָפּ, אָהן געדאַנקען, כמעט גאָר נישט פיהלענדיג, נאָר אינגאַנצען פערזונקען אין זיך זעלבסט. אַ גלייכמעסיגער, פערדומפּפטער און בעזער ליאַרם האָט מיך פון ערשטאַרונג אַרויסגעפיהרט. איך האָב דעם קאָפּ אויפגעהויבען: דאָס האָט געשפּיעלט און געברומט דער ים אין אַ פופציג טריט פון מיר. איך האָב דערזעהן אַז איך געה איבער׳ן זאַמד־באַרג. צעוויעגט מיט׳ן נאַכט־שטורם איז דער ים ביז׳ן האָריזאָנט בעדעקט געווען מיט ווייסע, שווימענדע וועלען. און לאַנגע, געקאַטשעטע בערגיגע חוואַליעס האָבען זיך געקאַטשעט רייהענווייז און זענען צושלאָגען געוואָרען אין פלאַכען ברעג. איך בין נאָהנטער צו זיי צוגעגאַנגען — און בין געגאַנגען אין דער לענג פון די פאַסען, וועלכע זיי האָבען מיט זייער אָבפאַלען און צוקומען איבערגעלאָזען אויפ׳ן געלען גערונצעלטען זאַמד, וועלכער איז פערזייעט געווען מיט אָבגעריסענע שטיקער־אויסגעצויגענע־ים־פלאַנצונגען, מיט צובראָכענע קרעפּסשייטעלעך און שלענגליכע טשערעט־סטענגעס. שפיציג־פליגעלדיגע מעוועס, מיט אַ קלאָגליכען געשריי אָנפליהענדיג מיט׳ן ווינד פון ווייטען לופט־אָבגרונד, האָבען זיך אויפגעהויבען, ווי שניי ווייסע, אויפ׳ן גרויען וואָלקענדען הימעל, און זענען דרעהענדיג זיך געפאַלען, און פונקט ווי איבערשפּרינגענדיג פון איין וועלע אויף די צווייטע זענען זיי ווידער אַוועק און פערשוואונדען געוואָרען מיט זילבערנע פונקען אין די קויקלענדע שוים־רייהען. איינגע פון זיי, האָב איך בעמערקט, האָבען איינשפאַרענד אַרום אַ גרויסען שטיין זיך אַרומגעדרעהט, וועלכער האָט איינזאַם אַרויסגעסטאַרטשעט פון מיטען איינעָנאַרטיגען טישטוך פון די זאַמד־ברעגען. נישט קיין גלייכע הוי־

פּענ׳ס גראָבער ים־מִשׁערעט זענען פון איין זייט שטיין געוואַקסען; און דאָרט ווי איהרע געוויקעלטע צווייגען זענען פון געלען זאַלץ־גרונד אַרוים־געגאַנגען, איז עפּיס אַ שוואַרצ׳ס קיילעכדיג׳ס און נישט־איבעריג גרויסעס געלעגען... איך האָב זיך אָנגעהויבען צוקוקען... עפּיס אַ טונקעלע זאַך איז דאָרט געלעגען, אונבעוועגליך איז דאָס נעבען שטיין געלעגען. ס׳איז וואָס מעהר דייטליבער, וואָס מעהר בעשטימטער געוואָרען, וואָס נאָהנטער איך בין צום שטיין צוגעגאַנגען...

עס זענען מיר צום שטיין געבליבען אינגאַנצען אַ דרייסיג טריט...

יאָ, ס׳איז דאָס אָבצייכנען פון אַ מענשען־קערפּער! ס׳איז אַ טויטער; ס׳איז אַ דערטרונקענער, וועלכען דער ים האָט אַרויסגעשליידערט! איך בין נאָהנטער ביז׳ן סאַמע שטיין צוגעגאַנגען.

דאָס איז דעם באַראָנ׳ס, מיין פאָטער׳ס טויטער־קערפּער! איך בין שטעהן געבליבען ווי איינגעגראָבען. ערשט יעצט האָב איך פערשטאַנען, אַז פון גאַנץ־פריה אָן האָט מיך אַ אומבעגרייפליכע מאַכט אַרומגעפיהרט — אַז איך בין אין איהר הערשאַפט — און אין פערלויף פון איניגע סעקונדען איז אין מיין נשמה גאָרנישט געוועזן, אויסער אַ שטומע פורכט פאַר דעם מיך בעהערשענדען שיקזאַל...

## XV.

ער איז אויפ׳ן רוקען געלעגען, אַ ביסעל אויף דער זייט אָנגעשפּאַרט, זיין לינקע האַנד איז אַהינטערגעוואָרפען געוועזן הינטער זיין קאָפּ... די רעכטע איז אויסגעדרעהט געוועזן אונטער זיין איינגעבויגענעם קערפּער. אַ זומפּיגע לעהם האָט איינגעזויגען זיינע עקען פיס, אויף וועלכער עס זענען אויפגעצויגען געוועזן גרויסע מאַטראָסען־שטיוועל, אַ קורצע בלויע קורטקע איז גאַנצען דורכגעווייקט מיט ים־האָלץ איז נישט אָבגעקנעפּעלט געוועזען; אַ רויטער שאַרף האָט שטייף זיין האַלז אַרומגעחאַפּט. זיין טונקעל געזיכט, וועלכעס איז צו דער זון געווענדעט געוועזן, האָט ווי געשמייכעלט; פון הינטער די פערריסענע ליפּ האָבען זיך אַרויסגעוויזען געדיכטע, קליינע צייהן; די פערלאָשענע מענשעלעך פון די האַלב־פערמאַכטע אויגען האָבען זיך קוים אָבגעשיידען פון דאָס טונקעל געוואָרענע ווייסעל. בעדעקט מיט שוים־בלאָזען, פערשטאָפּטע האָר האָבען זיך צעוואָרפען איבער דער ערד און האָבען אויפגעדעקט אַ גלאַטען שטערן מיט אַ ליליען־שטריך פון דעם שראַם. די שמאָלע נאָז האָט זיך אויפגעהויבען ווי אַ שאַרפער, ווייסער שטריך צווישען די איינגעפאַלענע באַקען. דער שטורם פון דער פאָראיבערגעגאַנגענע נאַכט האָט גע־

טהון זײַן אַרבײַט ... ער האָט אַמעריקאַ נישט דערזעהן! דער מענש, וועלכער האָט מײַן מוטער בעלײַדיגט, וועלכער האָט איהר לעבען צושטערט איז מײַן פאָטער — יאָ! מײַן פאָטער — אין דעם האָב איך צווײַפלען נישט געקענט — איז געלעגען, הילפלאָז אויסגעשפּרײַט אין בלאָטע בײַ מײַנע פיס. איך האָב אויסגעפּרובט דאָס געפיהל פון בעפרידיגונג׳ס נקמה, און מיטלײַד, און עקעל און שרעק מעהר פאַר אַלץ... אַ דאָפּעלטער שרעק: און פאַר דעם, וואָס איך האָב געזעהן — און פאַר דעם, וואָס ס׳האָט געטראָפען. יענע בײַזע, יענע פערברעכערישעס — וועגען וועלכען איך האָב געהערט, יענע אומפערשטענדליכע אויסברעכונגען זענען אין מיר ערוואַכט... זײ האָבען מיך געפרעסט. „אַהאַ! האָט זיך מיר געטראַכט: אָט פאַר וואָס איך בין אַזוי... אָט ווען דאָס בלוט גיעבט זיך איין"! איך בין נעבען טויטען געשטאַנען, האָב געקוקט און געוואַרט: צי וועלען זיך נישט בעוועגען די דאָזיגע טויטע אויגען-מענשעלעך, צי וועלען נישט אָנהויבען ציטערן דיזע פערגליווערטע ליפּען? — נײן! אַלסדינג איז אונבעוועגליך; זעלבסט דער טשערעט, וואוהין די שטורמדיגע חוואַליעס האָבען איהם פערשלײַדערט איז ווי אָבגעשטאָרבען; זאָגאַר די מעוועס זענען אַוועקגעפלויגען — קײַן אײנציגען אָבברעך, קײַן אײן ברעטעל, אויך צובראָכענע׳ס שיף-געצײַג זעהט מען דאָ נישט. אומעטום איז פּוסט. נאָר ער — און איך — און דער שטורמדיגער פון ווײַטען׳ס ים. איך האָב זיך אומגעקוקט אַהינטער: אויך דאָרט איז פּוסט, אַ קײַט פון טויטע בערגלעך אויפ׳ן האָריזאָנט... דאָס איז אַלץ! עס איז מיר אונאַנגענעהם געווען איבערלאָזען דיזען אומגליקליכען אין דיזער אײנזאַמקײַט, און דער לעהם אויף די ברעגען, צום אויפפרעסען פון די פיש און פויגלען! אַ אינערליכע שטים האָט מיר געזאָגט, אַז איך דאַרף אָבזוכען, צונויפרופען מענשען אויב נישט אויף הילף — פון דעם רעדט מען נישט! — איז חאָטש דערויף, אַז מען זאָל איהם צונעמען, איהם ערגיץ אין אַ וואוינונג אַוועקטראָגען... נאָר אַ נישט-בעשרײַבענדער שרעק האָט מיך באַלד בעהערשט. מיר האָט געדוכט, אַז אָט דער טויטער ווײסט, אַז איך בין אַהער געקומען, אַז ער אַלײן האָט אײַנגעאָרדענט די לעצטע בעגעגעניש — ס׳האָט מיר זאָגאַר געדוכט אַז איך הער דעם בעקאַנטען שטילען מורמלען... איך בין אין אַ זײַט אָבגעטרעטען... האָב נאָך אַ מאָל זיך צוריק אומגעקוקט ... עפּיס אַ גלאַנצענדיג׳ס האָט זיך מיר אין די אויגען געוואָרפען: דאָס האָט מיך אָבגעשטעלט. דאָס איז געווען אַ גאָלדענער רינג אויף דער אָבגעוואָרפענער האַנד פון טויטען... איך האָב דערקענט מײַן מוטער׳ס חופּה-רינג, איך געדענק ווי אַזוי איך האָב

זיך געצוואונגען צוריק אומקעהרען, צוגעהן, זיך איינבויגען... איך געדענק דאס קלעפּענדיגע צוריהרען פון די קאלטע פינגער, איך געדענק, ווי אזוי איך האב שווער געאטהעמט און געקריטשט מיט די צייהן, אראבּרייסענדיג דאס איינשפּארענדע'ס רינגעל.

ענדליך האב איך עס אראבגעריסען — און איך לויף, איך לויף געשווינד און פלינק — און עפּיס טראגט זיך נאך מיר, און יאגט מיך אן און חאפּט מיך.

## XVI.

אלץ, וואס איך האב אויסגעפּרובט און דורכגעפיהלט, איז, וואהרשיינליך, געווען אנגעשריבען אויף מיין געזיכט, ווען איך האב זיך אהיים צוריקגעקעהרט. די מאמע, ווי נאר איך בין אין צימער אריינגעגאנגען, האט זיך פלוצלונג אויסגעגלייכט, און האט אזוי שטרענג-פראגענד אויף מיר א קוק געטהון, אז איך, פּרובענדיג אהן-ערפאלג זיך ערקלערען, האב געענדיגט דערמיט, וואס האב שווייגענד איהר דעם רונג דערלאנגט. זי איז שרעקליך בלאס געווארען, איהרע אויגען האבען אונגעוועהנליך זיך אויפגעעפענט און טויט געווארען, ווי ביי „יענעם", — זי האט שוואך אויסגעשריען, האט געחאפּט דעם רונג, האט זיך א שאקעל געטהון, איז צו מיר אויפ'ן ברוסט געפאלען און איז אזוי אויף איהר פערגליווערט געווארען, פערווארפענדיג דעם קאפּ א הינטער און אויפּפרעסענדיג מיך מיט די ברייטע, אונזיניגע אויגען. איך האב זי אנגענומען פאר דער טאליע מיט ביידע הענד און, שטעהענדיג אויפ'ן ארט, זיך נישט בעוועגענדיג, נישט געאיילט, האב איך איהר מיט א שטילע שטים דערצעהלט, אהן דער מינדסטער פערהעהלונג, אלץ: מיין חלום, און די בעגעגעניש, און אלץ, אלץ... זי האט מיך ביז'ן סוף אויסגעהערט, נישט ארויסשטאמלענדיג קיין איינציג ווארט, נאר די ברוסט האט אלץ שטארקער און שטארקער געאטהעמט, — און די אויגען זענען פלוצלונג אויפגעלעבט געווארען און האבען זיך אראבגעלאזט. דערנאך האט זי אנגעטהון דעם רונג אויפ'ן פינגער און אבגעהענדיג אביסעל האט זי גענומען דעם מאנטעל און דעם הוט. איך האב איהר געפרעגט, וואוהין זי געהט. זי האט אויף מיר אויפגעהויבען א פערוואונדערליכען בליק און האט געוואלט אבענטפערן, נאר זי האט נישט געקענט. זי איז עטליכע מאל פערציטערט געווארען, און האט געריבען די הענד, גלייך ווי זי האט געוואלט זיך דערווארמען, און האט ענדליך א זאג געטהון: „קום באלד א הינצו".

— וואוהין, מאַמע?

— וואו ער ליגט... איך וויל זעהן, איך וויל דערקענען... איך וועל דערקענען...

איך האָב געפּרובט זי איבעררעדען נישט געהן; נאָר מיט איהר איז שיעור נישט געוואָרען אַ נערוועןצופאַל. איך האָב פערשטאַנען, אַז עס איז אונמעגליך ווידערצושטעהן איהר ווילען — און מיר זענען אוועקגעגאַנגען.

## XVII.

און אַט, געה איך ווידער איבער דעם זאַמד-באַרג. נאָר איך געה שוין נישט אַליין. איך פיהר די מאַמע אונטער דער האַנד. דער ים האָט זיך אָבגערוקט, ער איז נאָך ווייטער אָבגעפאַלען; ער ווערט איינגעשטילט — נאָר זיין אָבגעשוואַכטעס ברומען איז נאָך אַלץ שטרענג, און נישט גוטס נאָכריכטיג. אַט האָט ענדליך דער איינזאַמער שטיין זיך אַרויסגעוויזען — אַט איז אויך דער טשערעפּ. — איך קוק זיך איין, איך שטאַרע זיך אונטערשיידען יענע קיילעכדיגע זאַך, וואָס איז אויף די ערד געלעגען — נאָר איך זעה גאָרנישט. מיר געהען צו נעהנטער; איך מאַך נישט-ווילענדיג לאַנגזאַמער די טריט. נאָר וואו-זשע איז יענץ שוואַרצעס, אונבעוועגליכעס? איינצעלנע טשערעפּ-צווייגלעך שטעהען דונקעל אויפ'ן שוין פערטרוקענעם זאַמד... מיר געהען צו ביז'ן שטיין... אין ערגיץ איז נישטאָ דער טויטער און נאָר אויף יענעם אָרט, וואו ער איז געלעגען איז נאָך אַ צייכען געבליבען, און מען קען פערשטעהן, וואו זענען געלעגען די הענד, די פיס... אַרום איז דער טשערעפּ ווי צוטרעטען — און עס זענען בעמערקבאַר די שפּורען פון אַ מענשענ'ס טריט; זיי געהען דורכ'ן זאַמד-באַרג — און ווייטער ווערען זיי פערשוואונדען, דערגרייכענדיג דעם קיזעל-שטיינערנעם באַרג.

איך מיט דער מאַמען האָבען זיך איבער געקוקט און האָבען זיך זעלבסט דערשראָקען פאַר דעם, וואָס מיר האָבען אויף אונזערע געזיכטער איבערגעלייענט...

צי איז ער זעלבסט נישט אויפגעשטאַנען און אַוועק געגאַנגען.

— דו האָסט איהם דאָך אַ טויטען געזעהן? — פרעגט זי שטיל.

איך האָב געקענט נאָר מיט'ן קאָפּ אַ שאָקעל טהון. עס זענען נישט אַריבער קיין דריי שעה פון דער צייט, וואָס איך האָב זיך אויפ'ן באַראָנ'ס טויטען קערפּער אָנגעשלאָגען... עמיצער האָט איהם ענטרעקט און

אַוועקגעטראָגען. — מען דאַרף אָפּזוכען, ווער האָט דאָס געטהון, און וואָס איז געוואָרען מיט איהם?

נאָר פריהער דאַרף מען וועגען דער מאַמען זאָרגען.

## XVIII.

אַזוי לאַנג ווי זי איז צום שיקזאַל-אָרט געגאַנגען, האָט איהר אַ פיבער געשלאָגען, נאָר זי האָט מיט זיך געהערשט. דאָס פערשווינדען פון טויטען האָט ווי אַ שלאַק זי געטראָפען, ווי דער לעצטער אומגליק. זי איז ווי פערשטיינערט געוואָרען. איך האָב זיך געשראָקען פאַר איהר געדאַנק. מיט גרויסע מיהע האָב איך זי אַ היים געבראַכט. איך האָב זי ווידער אין בעט געלעגט, און האָב ווידער צו איהר דעם דאָקטאָר צוגע-שטעלט; און ווי נאָר די מאַמע האָט זיך עטוואָס ערהוינערט, האָט זי באַלד געפאָדערט, אַז איך זאָל אומגעזאַמט געהן אָפּזוכען „דיזען מענשען". איך האָב געפאָלגט. נאָר, נישט קוקענדיג אויף אַלע מעגליכע מיטלען, האָב איך גאָרנישט אויפגעדעקט. איך בין איינינע מאָל געוועזען אין פאָליציע, האָב בעזוכט אַלע נאָהנטע דערפער, האָב אָפּגעדרוקט איינינע מודעות אין די צייטונגען, האָב אומעטים זיך ערקונדיגט — און אומזאָנסט! אמת צו מיר איז אָנגעקומען אַ נאַכריכט, אַז אין איינעם פון די דערפער, וואָס ליעגט ביים ים, האָט מען געבראַכט אַ דערטרונקענעם... איך בין באַלד אַוועק אַהין. נאָר מען האָט איהם שוין געהאַט בעגראָבען, און אויך נאָך די סימנים איז ער נישט ענהליך געוועזען צום באַראָן. איך האָב זיך דערוואוסט אויף וועלכער שיף ער איז נאָך אַמעריקאַ אָפּגעשוואומען; צוערשט זענען אַלע זיכער געוועזען, אַז די דאָזיגע שיף איז אומגעקומען בעת דעם שטורם; נאָר מיט איינינע חדשים שפעטער האָבען אָנגעהויבען געהן קלאַנגען, אַז מען האָט זי אויפ'ן אַנקער אין ניו-יאָרקער האַפען געזעהן. נישט ווייסענדיג וואָס פאָרצונעמען, האָב איך אָנגעהויבען דעם נייעם אָפּזוכען. איך האָב פאָרגעלעגט אין די צייטונגען אַ גרויסע סומע געלד, אויב ער וועט צו אונז אין הויז קומען. עפּיס אַ הויכער נענער אין אַ מאַנטעל איז, ווירקליך, געקומען צו אונז אין מיין אַבוועזענהייט... נאָר אויספרעגענדיג די דיענסט, איז ער אַוועקגעגאַנגען און איז מעהר נישט געקומען.

אַזוי זענען פערקיהלט געוואָרען די שפורען פון מיין... מיין פאָטער; אַזוי איז ער פערזונקען געוואָרען אויף עביג אין אַ שטומע פינסטערניש. — מיט דער מאַמען האָב איך קיינמאָל וועגען איהם נישט גערעדט; נאָר איינמאָל געדענקט זיך, האָט זי זיך געוואונדערט וואָס איך האָב פריהער קיינמאָל נישט

דערצעהלט וועגען מיין וואונדערבארען חלום; און דא האט זי צוגעגעבען: „ווייזט אויס, אז ס'איז ווירקליך ער"... און האט איהר געדאנק ניט דערזאגט. די מאמע איז לאנג שלאף געווען, נאר אויך נאך דעם ווען זי איז געזונד געווארען, זענען אונזערע פריהערינגע פערהעלטעניסען ניט בעניינט געווארען. עס איז איהר אונבעקוועם געוועזן מיט מיר — ביז איהר טוידט... נאמענטליך אונבעקוועם. אין דיעזען טרויער קען מען ניט העלפען. אלעס ווערט פערגלעט, די ערינערונגען פון סאמע טרויעריגע פאמיליען-סצענעס פערלירען שטופענווייז זייער קראפט; נאר א געפיהל פון אונבעקוועמליכקייט מישט זיך אריין צווישען צוויי נאהנטע מענשען — דאס קען מען ניט אויסראטען מיט גארנישט! איך האב מעהר קיינמאל יענעם חלום ניט געזעהן, וועלכער פלעגט מיך אזוי בעאונרוהיגען; איך „זוך" שוין ניט מיין פאטער; נאר אפט פלעגט זיך אויסוויזען — און נאך יעצט ווייזט זיך מיר אויך אוים — אין חלום, אז איך הער עפיס ועלכע ווייטע קלאגליכע געשרייען, עפיס ניט אויפהערענדע, הארצרייסענדע קלאגען; זיי קלינגען ערגיץ-וואו הינטער א הויכער וואנד, דורך וועלכע ס'איז אומעגליך דורכקריכען, זיי רייסען מיך ביים הארצען — און איך וויין מיט פערמאכטע אויגען — און קען בשום אופן ניט פערשטעהן, וואס דאס איז: צי א לעבעדיגער מענש קרעכצט, — אדער עס הערט זיך מיר דער אויסגעצויגענער יאמער פון אויפגערעגטען ים? און אט געהט ער ווידער איבער אין יענעם טהירישען מורמלען — און איך כאפ זיך אויף מיט א טרויער און מיט א שרעק אויף די נשמה.

איבערזעצט מ. ל. טשודנאווסקי.

יאלמאר סיערדערבערג.

# דאס געצאהלט פאר'ן זינד.

דאס א געשיכטע וועגען א יונגער מיידעל און וועגען איינעם א פארמאצעווט אין א וויסען זשילעט.

זי איז געוועזען יונג און שלאנק, און פון איהר האט געטראגען מיט וואלד־ריחות, איהר פנים איז געוועזען אבגעבערענט און א ביסעל אין זומער־שפרענגלעך. אזוי איז זי געוועזען, ווען איך האב זיך בעקענט מיט איהר.

נאר דער פארמאצעווט איז געוועזען א פראסט פשוט'ער פארמאצעווט; ער פלעגט זיך אלע זונטאג אנטהון אין א וויסען וועסטעל. און דאס איז זונטאג געשעהן.

דאס האט פאסירט אין א קליין שטעדטעל, אזוי ווייט־ווייט, אז קיינעם אויסער דעם פארמאצעווט איז נישט איינגעפאלען אנטהון זונטאג א וויסען זשילעט.

ווי איהר זעהט האט דאס פאסירט אזוי, אז איין מאל א זונטאג האט מען א קלאפ געטהון צו מיר אין טהיר, און ווען איך האב זי געעפענט, איז אויף דער שוועל געשטאנען דער פארמאצעווט אין ווייסען וועסטעל און האט זיך נישט אויפהערענדיג געגריסט. ער איז געוועזען זעהר העפליך און אויפגערעגט.

„איך בעט אייך זעהר מיר ענטשולדיגען”, האט ער געזאגט. „נאר נעכטען איז דא געוועזען ביי אייך פרייליין עורויקא מיט איהרע שוועסטער, איהר, העדר קאנדידאט, זייט אין דערהיים נישט געוועזען; אוועקגעהענדיג האט זי געלאזען דא איהר אלבאם כדי איהר, הערר קאנדידאט, און איך זאלען עפיס אנשרייבען אין איהם. נאר איך הויב נישט אן צו וויסען, וואס זאל איך אנשרייבען. אפשר וואלט, איהר, הערר קאנדידאט?”...

און ער האט ווידער אנגעהויבען צו גריסען זיך.

„מיר וועלען זיך א סטארע טהון”, האב איך פריינדליך גענטפערט.

אין איך האב גענומען דעם אלבאם און אנגעשריבען פון זיך די

איבערזעטצונג: „דו ביסט — ווי דער בלום שעהן און פראכטפאָל", — די איבערזעטצונג האָב איך אַליין געמאַכט און האָב זיך מיט איהר שטענדיג בענוצט אין אַזעלכע פאַלען. דערנאָך האָב איך אָנגעהויבען זוכען צווישען מיינע פאַפּיערען, וועלכע נישט איז אַלטע ליעדער, וועלכע איך האָב נאָך אין שוהלע געשריבען, און וואָס זיי וואָלטען נוצען דעם פּאַרמאַצעווט.

צום סוף האָב איך געפונען דאָס פאָלגענדע שלעכטע ליעדעל:

דו פערשכור'סט אַלע מיינע געדאַנקען,
מיין האַרץ איז צוועהטינגט אין מיר.
מיט מיר ביזט דו, ווען איך בין איינזאַם
— דיך האָב איך אין חלום דערזעהן.

און לאַנג האָבען מיר צוזאַמען געבלאָנדזיעט,
דער דעמערונג האָט אונז איינגעהילט אין זיך.
און שטיל האָסט דו ליכטיגע טרעהרען,
ווי פערל, געלאָזט פאַלען פון דיינע אויגען.

דיך האָב איך געקושט,
און טרעהרען האָב איך פון דיינע אויגען
געטרונקען, נאָר דיינע ליעבע רויטע
ליפּען האָב איך הונדערט מאָל הייסער געקושט.

נישט עביג חלום'ט זיך דאָס ליכטיגע!
— מיט מיין חלום האָב איך זיך צושיידט.
און אין דעם לאַנגען שווייגען פון דער נאַכט
בין איך וואַך געווען, שמאַכטענדיג פון בענקען.

אָט די ליעבע באַקען האָב איך שווייגענד
מיט מיין בליק געקושט,
און דיינע ליעבע, רויטע ליפּען
האָב איך דאָך קיינמאָל נישט געקושט —

איך האָב בעוויזען דעם פאַרמאַצעווט די פּאָעמע און האָב איהם פאָרגעלעגט בענוצען זיך מיט איהר.

ער האָט זי אויפמערקזאַם צוויי מאָל דורכגעלייענט און איז אין גאַנצען רויט געוואָרען פון פערלאָרענהייט.

„איהר האָט ווירקליך זי אַליין אָנגעשריבען, הערר קאַנדידאַט?“ האָט ער אַ פרעגע געטהון מיט זיין גאַנצער האַרציגער פשוט'קייט.

„צים בעדויערן, יאָ“, האָב איך געענטפערט.

ער האָט זעהר היים מיר בעדאַנקט פאַר דער ערלויבניש בענוצען זיך מיט דער פּאָעמאַ, און ווען ער איז אַרויס פון צימער, האָט זיך געדוכט, אַז ביי אונז ביידען איז געווען אַזאַ געפיהל, אַז ביי דער ערשטער מעגליכקייט דאַרפען מיר אויסטרינקען ברידערשאַפט.

אין אָבענד איז געווען אַ קליינע פערזאַמלונג ביי די עלטערן פון דער יונגער מיידעל. עס האָט זיך צוזאַמענגעקליבען יונגוואַרג. מיר האָבען געטרונקען צוקער-וואַסער אויף דער בעפלאַסטערטער אין גרינס ווערענדע.

איך בין געזעסען און געקוקט אויף דער יונגער מיידעל.

ניין, זי האָט זיך בעשטימט געביטען. איהרע אויגען זענען גרעסער און אונרוהיגער געוואָרען, און איהרע ליפען זענען רויטער געוואָרען.

זי האָט נישט געקענט רוהיג איינזיצען אויפ'ן שטוהל.

צייטענווייז פלעגט זי זיך גנביש איינקוקען אויף מיר; נאָר אָפטער פלעגט זי קוקען אויפ'ן פאַרמאַצעווט. און דער פאַרמאַצעווט איז געווען דעם אָבענד עהנליך אויף אַ האָהן.

ווען מען האָט דערלאַנגט דעם פונש, האָבען מיר אויסגעטרונקען ברידערשאַפט.

דאָס יונגוואַרג איז אַוועק שפּיעלען אויפ'ן לאָנקע. מיר האָבען זיך געוואָרפען מיט די רינגעלעך און געשפּיעלט זיך אין אַנדערע שפּיעלען, אין דער צייט איז די זון אונטערגעגאַנגען אונטער די בערג און ס'איז געוואָרען פינסטער.

מיר האָבען צונויפגעלעגט אונזערע רינגעלעך און שטעקעלעך אין איין ווינקעל אויף דער ערד און זענען געשטאַנען געלאַכט און געסוד'ת זיך, ביז דער בין השמשות איז ניט געדיכטער געוואָרען.

די יונגע מיידעל איז צוגעגאַנגען צו מיר אין דער פינסטער, האָט מיך גענומען פאַר דער האַנד און אַוועקגעפיהרט אָן אַ זייט.

„איהר מוזט מיר ענטפערן אויף מיין פראַגע“, האָט זי געזאָגט?

„דער פראָוויזאָר האָט ווירקליך אַליין אָנגעשריבען דאָס געדיכט?“

די שטימע האָט ביי איהר געציטערט, און זי האָט זיך בעמיהט קוקען אָן אַ זייט ווען זי האָט גערעדט.

„יאָ“, האָב איך געזאָגט. „ער האָט זי אָנגעשריבען היינט ביי נאַכט;

איך האָב געהעֶרט ווי עֶר איז אומגעֶגאַנגען אַ גאַנצע נאַכט איבעֶר'ן ציכמעֶר".

נאָר, ווען איך האָב דאָס געזאָגט, האָב איך דערפיהלט אַ שטאָך אין מיין האַרצען; ווייל איך האָב דערזעהן, אַז זי איז — אַ שעֶנעס ליעבעס קינד, און אַז עס איז אַ זינד איהר אָבצונאַרען.

„ווער ווייס", האָב איך זיך אַליין אַ זאָג געטהון, „ווער ווייס, אפשר איז דאָס דער זינד פאַר וועלכען, ווי עס זאָגען די היילינגע ביכער, איז קיין פערגעבונג נישטאָ".

*

דער בין־השמשות איז אַלץ געדיכטער געוואָרען און ס'איז געוואָרען נאַכט, און צווישען די בוימעֶר אין וואַלד, וואו מיר זענען פאָרען־ווייז גע־גאַנגען האָט געבריענט אַ שטערן.

נאָר איך בין איינער אַליין געגאַנגען.

איך געדענק שוין מעהר נישט, מיט וואָס פאַר אַ וועג בין איך געגאַנגען אין דעם אָבענד. איך האָב זיך אָבגעטיילט פון די איבריגע און בין אַוועק טיעף אין וואַלד אַריין.

נאָר טיעף אין וואַלד, צווישען די בוימעֶר, האָב איך דערזעהן אַ בערעזע מיט אַ ווייסען שטאַם; ביי איהר זענען געשטאַנען צוויי יונגע שאָטענס און האָבען זיך געקושט.

און איך האָב דערזעהן, אַז איינער פון זיי איז די יונגע מיידעֶל פון וועלכער עס האָבען וואַלד־ריחות געטראָגען. דער צווייטער איז געוועֶן דער פאַרמאַצעֶווט, און דאָס איז געוועֶן אַ פּשוט'ער פאַרמאַצעֶווט אין אַ ווייסען זשילעט. און עֶר האָט זי צוגעדריקט צום ווייסען שטאַם פון דער בערעזע, און האָט זי געקושט.

און ווען עֶר האָט זי דריימאָל אַ קוש געטהון, בין איך זיך מיר אַוועק מיט מיין וועג און האָב זיך ביטער צוויינט.

איבערזעצט ו"ק.

קאטול מענדעס.

# איזאמבעטעס ווינדעלעך.

I.

אינ'ם טאג, ווען איזאמבעטע איז געבארען, זענען איהרע עלטערן געווען שטארק פערקימערט, נישט דערפאר, ווייל זיי זענען נישט געווען צופריעדען מיט זייער שען טעכטערל, וואס האט געהאט א פאר הימעלבלויע אויגען און פורפור-ליפעלעך; אנ'אונגעהויערע פרייד האבען זיי דערפיהלט ביי'ם ערשטען געשריי פון דער נייגעבוירענער, און וועלכען עס איז אויסגעדריקט א חדוש, דען ביי אלע מענער און פרויען לעבט אין דער נשמה א ווייטע ערינערונג, וואס וואכט אויף, ווי א דונקעלער עכא ביי אזא געשריי. נאר איהרע עלטערן האבען נישט געהאט פון וואס צו מאכען קיין ווינדעלעך פאר זייער געווינשט קינד, אט ווי ארעם זיי זענען געווען!

זיי האבען געוואוינט אויפ'ן ברעג ים, צופוסען די פעלזען, אין א קליין הייזעל מיט א פארלאגע, וואס איז געווען צוגריזעט פון ווערים און מיט א דאך, וואס האט געהאלטען ביים איינפאלען. אפילו קיין טהיר איז נישט געווען אינ'ם הייזעל, וואו מען האט זיי געלאזט וואהנען פון רחמנות וועגען, און דער שטורמדיגער ים-ווינד פלעגט זיך צו זיי ביי נאכט אריינרייסען און זיי פערהילען אין א ליילעך פון דער נאסער לופט און בעשפריצען מיט געזאלצענע טראפענס. אז דער מאן פלעגט געהן צום פיש-פאנג, פלעגט ער זיך שטענדיג אומקעהרען מיט לעדיגע הענד, ווייל זיינע נעצען זענען געווען אזוי אלט, אז ווי פארזיכטיג ער איז מיט זיי געווען, פלעגען די ים-געוויקסען זיי דורכרייסען. אויך זיין ווייב האט אין דערפעל נישט געקענט געפינען פאר זיך קיין ארבייט, ווייל דורך די לעכער פון איהר קלייד האט ארויסגעקוקט איהר נאקעטער לייב, און דאס האט געשאקירט

די פאַרנעמטע בעל־בתּים! ווען מען איז נישט, ווי געהעריג אָנגעטהון, איז שווער צו פערדינען אַזוי פיעל, עס זאָל קלעקען, זיך ווי געהעריג אָנצוטהון...

און זיי וואָלטען זיכער געשטאָרבען פון הונגער, ווען ביי די רייכע לייט זאָל נישט זיין די געוואוינהייט אַרויסצוּוואַרפען דורכ'ן פענסטער אויפ'ן גאַס, אָדער אין גראָבען אַריין, די אָבפאַל פון זייערע קיכען.

ביי אַזאַ לאַנגע האָבען זיי נישט געקענט אפילו טראַכטען פון שניידען און נעהען אַלערלייאיגע הייבעלעך, וויקעלעך און ליילעכלעך, וועלכע אַנדערע מאַמעס בעפוצען נאָך, גליקליך־שמייכלענדיג, מיט שפיצען, מיט בענדלעך און טאַשמען. נאָר ציי דען וועט די קליינינקע איזאַמבעטע מוזען שלאָפען אויפ'ן האַרטען באַנק, אָהן בעט געוואַנד, אין גאַנצען אַ נאַקעטע, אפילו אָהן ווינדעלעך?

צום גליק האָט זיך איהר מאַמען געוואָרפען אין די אויגען אַ הייבש שטיקעל מושלין, וואָס זי האָט אַמאָל געפונען אין אַ קופּע מיסט, און פון וואָס זי האָט דאַן געהאַט געמאַכט אַ פאָרהאַנג צו איהר איינציגען פענסטער. ווי שוואַך זי איז נישט געווען, האָט זי זיך באַלד גענומען צו דער אַרבייט, — זי האָט געשניטען, גענעהט, געוואַשען און געפרעסט, און ציי גוט — ציי שלעכט, אַבי איזאַמבעטע האָט געהאַט ווינדעלעך, אין וועלכע זי איז געווען אַזוי פראַכטפול־שען מיט איהרע הימעל־בלויע אויגען און פורפור־ליפּעלעך.

---

## II.

ווען איזאַמבעטע איז אונטערגעוואַקסען, האָט זי פלוצלונג איהר פרעהליכקייט פערלאָרען, אויפגעהערט צו לאַכען און זיך צו שפּיעלען אויפ'ן ברעג ים מיט די איבריגע קינדער. זי האָט געטראַכט פון דעם, אַז זי וועט נישט קענען געהן פראַווען איהר בעהעפטונג צו דער קירך אין אַ שענעם זונטאָג אין דער קליינער קירך, וואָס האָט זיך אויפגעהויבען, ווי אַ מאַסטבוים אויף איינעם פון די פעלזען. דעם קאַטעכיזיס האָט זי געקענט בעסער פאַר אַלע איהרע חבר'טעס, דער גלח האָט נישט פערמאָגט אין זיין קינדערשער טשערעדע נאָך אַ שעפעלע וואָס זאָל קענען, ווי איזאַמבעטע, — נאָר צו דער צערעמאָניע האָט זיך געפאָדערט אַ ווייסע קלייד! איזאַמבעטעס עלטערן האָבען, ליידער, נישט אָנגעהערט צו יענע רייכע

לײַט, וואָס קומען אַרײַן מיט אָנגעשטאָפּטע קעשענעס מיט געלד אין די מאַגאַזינען און אַקערן זיך רוהיג צווישען די טײַערסטע און שענסטע שטאָפען. וויפיעל מאָל האָט איזאַמבעטע, זיך שטעלענדיג, פאַר אַ רײַכען אויסשטע־לונגס־פענסטער, זיך בעגאָסען מיט שטראָמען טרעהרען, נאָר די מאַמע האָט איהר געזאָגט: „נישט וויין, מײַן קינד!" זי האָט אַרויסגענומען פון קופערט די ווינדעלעך, וואָס זי האָט איבערגעמאַכט פון דער מושלינענער פאָרהאַנג, און זי האָט אָנגעפאַנגען שנײַדען און נעהען, און עס איז צו גוט — צו שלעכט אַרויסגעקומען אַ ווײַסע קלייד. און אײנ'ם זונטאָג פון דער צערעמאָניע, איז איזאַמבעטע געווען אָנגעטהון אין ווײַסען, ווי עס האָט געפאָדערט דער מנהג.

דעם באַרמהערציגען גאָט, וואָס זעהט אַלץ, האָבען גאָרנישט געאַרט די לאַטעס און די פערהאָפטענע לעכער פון איהר קלייד, — ער איז געווען פאָלקאָם בעפרידיגט מיט איהר אומבעפלעקטע גאַנצע נשמה. און אַזוי ווי איזאַמבעטע איז אַליין געווען זעהר שען, האָט דעם עולם אויסגעדאַכט, אַז אויך איהר קלייד איז דאָס שענסטע פון אַלע קליידער.

III.

צו אַכטצעהן יאָהר האָט זי באַלד געקראָגען אַ בחור, אַזאַ וואָולען, נאָר אויך אַזאַ אָרעמען, ווי זי אַליין. זיי האָבען זיך אָפּענהערציג איינער דעם צווייטען ערקלעהרט, און זיי האָבען זייער ליעבע אויך פון אַנדערע נישט בעהאַלטען. עטליכע טריט פונ'ם הײַזעל, פלעגען זיי זיך זיצען אַרומגענומענערהייט, און נישט קוקענדיג אויף דעם, צי אויפ'ן גאַס זענען פערהאַנען פערבײַגעהער אָדער נישט, פלעגען זיי זיך אינאיינעם אַוועקגעהן צום פיש־פאַנג. מיט איהרע באָרוויסע פיסלעך פלעגט זי שפּרינגען פון שטיין אויף שטיין, און ער פלעגט זי אָנהאַלטען פאַר די טאַליע, זי זאָל נישט פאַלען; און אַז איהר איז אויסגעקומען זיך אומצוקוקען, פלעגט זי נעבען איהרע ליפען טרעפען נאָך אַפּאָר, וועלכע איהר איז גאָרנישט איינ־געפאַלען אויסצומיידען; און ווען זיי פלעגען זיך אומקעהרען אַהיים, פלעגען זיי געהן אַזוי נאָהנט איינער פון צווייטען אַז זייערע שאָטענס פלעגען זיך צונויפגיסען אין דער רויטקייט פונ'ם זונען־אונטערגאַנג, וואָס פלעגט אָבפּאַ־לען אויף באַרג אַראָב. —

און ווען זייערע הערצער האָט אַרומגענומען דער נאַטירליכער פער־

לאַנג פּאָלקאָם צו בעהערשען דעם צווייטען, האָבען זיי געלאָזט וויסען, אַז זיי ווילען נישט, מעהר אָבהענגענדיג, זיך באַלד אויף עביג פּערהייראַטען.

נאָר איזאַמבעטעס מאַמע האָט זיך שטאַרק דערשראָקען.

— וואָס איז דיר איינגעפאַלען, קינד, — האָט זי איהר אַריינגעסור'עט — צי דען קענען געהן חתונה האָבען אַזוינע קבצנים, ווי איהר! צי דען וועסט דו געהן צו דער חופּה אין קירך אין די טראַנטעס? און ווי וועסט דו אַרויף אויפ'ן געלעגער נאָך דער חתונה אין גאַנצען אַ נאַקעטע אָהן אַ העמד, אַ צוגעדעקטע נאָר מיט דיינע פּאַנאַנדערגעלאָזענע האָר?

נאָר דאָס מאָל האָט שוין די טאָכטער די מאַמען געטרייסט.

— איך וועל נישט זיין אין גאַנצען נאַקעט. איך וועל אַרויסנעמען פון קופערט מיין ווייסע קלייד, וואָס דו האָסט איבערגעמאַכט פון מיינע ווינדעלעך און איך וועל זיך דערפון אויפנעהען אַ העמד צו מיין חתונה.

און איזאַמבעטע האָט געטהון אַזוי ווי זי האָט געזאָגט. זי איז אַרויף אויפ'ן געלעגער אינ'ם ווייסען מושלין, און אויב דאָס העמד איז געווען אַ געלאַטעטע, האָט אָבער דער מאַן די קלענסטע אונצופריעדענהייט נישט אויסגעדריקט.

IV.

חאָטש זיי זענען געווען אָרעם, נאָר זיי האָבען זיך געפיהלט גליקל' אינ'ם אַלטען הייזעל, אין וועלכען זיי האָבען געוואוינט נאָכ'ן טויט פון איהרע עלטערן. ווען איינער דעם צווייטען האָט ליעב און מען איז אינאיינעם, טרייבט דאָס ליעבע-שמייכעל אַוועק דעם ביטערסטען אומעט, און עס גיבען נישט אַזוינע טרעהרען, וועלכע מען זאָל נישט קענען טרוקען מאַכען דורך קושען. זיי האָבען אפילו נישט געזוכט צו פערדינען מעהר, פיעל עס איז זיי געווען גוטיג, נישט אויסצוגעהן פון הונגער, און, אַ חוץ עטליכע שעה אַרבייט, פלעגען זיי גאָר די צייט אָבגעבען זייער ליעבע. זייער פרייד איז געווען — נאָך די אַרבייט איבער אַ נייעם זיין אינאיינעם. און אַזוי ווי אין זייער הייזעל איז נישט געווען קיין טהיר, פלעגען זיך אויף דרויסען הערען זייערע געלעכטער און זייערע פלאַמעדיגע ליעבע-רעד, און אַ סך, אַ סך רייכע לייט זענען מקנא געווען אָט די קבצנים...

נאָר עס האָט זיך געמאַכט, אַז איזאַמבעטע איז קראַנק געוואָרען; אין אָרעמקייט געהען די כחות צו ליעבען גיכער אויס, איידער די ליעבע אַליין...

גאַנצענע טעג איז זי געלעגען אויפ'ן בעט מיט בלייכע ליפּען. מיט אַנ'אויסגעלאָשענעם בליק; און ער האָט קלאָהר אַרויסגעזעהן, אַז גאָר אין גיכען וועט זי אַוועק אַהין, פון וואַנען קיינער קעהרט זיך נישט אום אויף צוריק. שעה'ן־לאַנג פלעגען זיי קוקען איינער אויפ'ן צווייטען און קיין וואָרט נישט דורכוואַרפען, יעדער האָט זיך געשראָקען אַרויסצוגעבען זיינע פערבאָרגענע געדאַנקען. יעדער פון זיי האָט אָבער פערשטאַנען פון וואָס דער צווייטער טראַכט. אָט באַלד מוזען זיי זיך שיידען! נאָר ביים מאַן איז אַ חוץ שרעק באַלד צו פערלירען איזאַמבעטען צוגעקומען אַ פערדרוס, נאָר זי האָט דעם פערדרוס אויך געטראָפען.

— אַי — האָט זי זיך צו איהם אָבגערופען אינ'ם לעצטען טאָג פאַר איהר טויט — איך וויים פון וואָס דו טראַכסט! אין אונזער הייזעל איז נישט פערהאַן קיין פיצעל געוואַנד אָדער ליינוואַנד, און דו ווייסט נישט, אין וואָס מיך צו דער קבורה צו ברענגען. אַי געליעבטער מיינער, זאָרג נישט! אין אַלטען קופערט וועסט דו געפינען מיין העמד, וואָס איך האָב איבער־גענעהט פון מיין ווייסע קלייד, און דו וועסט דערפון מאַכען פאַר מיר תכריכים!

## V.

אַנ' אָנגעקליידעטע נאָך איהר פערלאַנג איז איזאַמבעטע געלעגען אין קבר; צוויי מלאכים האָבען זיך אַראָבגעלאָזט פון הימעל איבער'ן לבנה־שיין. זיי צוגעמען און אַוועקטראָגען מיט זיך.

זיי זענען אָבער געווען נאָך גאָר יונגינקע מלאכים'לעך, דאָס ערשטע מאָל האָט מען זיי געהאַט געשיקט נאָך געשטאָרבענע, וועלכע מען דאַרף צורעכענען צום כאָר פון די הייליגע. ווען זיי האָבען אָבגעגראָבען די ערד פון אויבען און אַראָבגענומען דעם דעקעל פון דער טרומנע, זענען זיי גע־בליבען אין פערלעגענהייט. ביי אַזעלכע ערדעלע, ווי זיי זענען געווען האָט פערפעהל'ט כח אויפצוהויבען איזאַמבעטען און זי ברענגען צום אַלמעכטיגענם טראָהן, וואָס איז געווען זעהר הויך!

וואָס טהוט מען? ווי זאָל זיין?

זיי האָבען זיך פון פערצווייפלונג געקליבען אויף צוריק אין הימעל אַריין, צו פרעגען אַנ' עצה ביי אַ געניטער'ן מלאך, נאָר פּלוצלונג האָבען זיי בעמערקט די מושלינענע תכריכים, וואָס האָבען זיך קוים, קוים גע־קאָרטשעט פונ'ם נאַכט־ווינדטעל. און זיי האָבען בעשלאָסען צ מאַכען פונ'ם מושלין פליגעלען אַזוי ווי זייערע.

איהר קענט זיך מאָלען, אַז מלאכים זענען גרויסע קינסטלער אין אַזאַ אומנות! עס האָט נישט געדויערט קיין אויגענבליק, ווי הינטער אַי־זאַמבעטעס אַקסלען האָט דער צורימענער אָבגעבליאַקירטער מושלין אויפגע־צאַפּעלט אין אַ פּאָר שניי־ווייסע פליגלען, און געשווינד האָט זי זיך, אַ בעפליגעלטע, צום הימעל געהויבען.

## מ. י. לערמאָנטאָוו.

* * *

כ'קוק אין די צוקונפט מיט אַ ציטער,
אין עבר מיט אַ בענקשאַפטס־פּיין.
ווי פאַר'ן שטראָף אַ מערדער, — ביטער
איז מיר דאָ איינזאַם, עלענד זיין!...
וועט קומען וועט מיך אויסצולייזען,
און מיר דעם לעבענס־ציעל בעווייזען,
די האָפנונג, ליידענשאַפט צו וואָס;
און זאָגען וואָס האָט גאָט בעשעדט מיר,
פאַר וואָס האָט גאָט אַזוי געשטערט מיר
אין יוגענד־האָפנונגען, פאַר וואָס?

---

דער ערד האָב איך איהר צינז געגעבען
פון ליבע, האָפנונג, גוטס און בעז.
כ'בין גרייט שוין צו אַנ'אַנדער לעבען...
איך שווייג און וואַרט... שוין צייט... איך ווייס...
בוועל קיינעם לאָזען אויף מיין שטעלע
אין דיעזער וועלט; און ס'איז מיין זעלע
פול קעלט און חשך, מיעד דערפון:
גלייך ווי אַ פרוכט אָהן זאַפט, פערדאַרבען
איז אויך מיין זעלע און געשטאָרבען
אונטער דער הייסער לעבענס־זון.

**א. וואָלקאָוו.**

## XXXVII.

וואַכט שפּאַניער אויף! וואַכט אויף! אָ הערט,
די אַלטע געטין רופט — דאָס ריטערטום!
זי האַלט ניט ווי אַ מאָל אַ בלאַנקען שווערד,
עס פאָכט אין לופט איהר פעדערציהער ניט אום;
נײַן, הײַנט פליהט זי אין פײַער־זײַל אַרום;
צום דונער איז געגליכען צונד איהר קול:
שמועהט אויף! ערוואַכט! — הילכט דער קאַנאָנען־ברום.
אָ, זאָגט! איז צונד איהר קול דען שוואַכער פון אַמאָל,
ווען ס'קריעגס־ליעד האָט געשאַלט דורך אַנדאַלוזיער טהאָל?

## XXXVIII.

צי הערט איהר, ווי עס שמעטערן די פערד,
ווי אויפ'ן שלאַכט־פעלד קלינגען די געוועהר?
דער זעבעל בלאַנקט, עס רויכערט זיך דאָס שווערד,
דעם ברודער העלפט! עס טרעפט אַ קויל איהם שווער...
צו דר'ערד זינקט דער טיראַן — דער שקלאַף נאָכהער;
אַ פײַער־שנאָפּ שיסט אויס און ווי ער בליצט —
דאַן אָטהמען באַלד דרויף טויזענדע ניט מעהר!
דער טויד, וואָס אינ'ם שוועבעל־וואָלקען זיצט,
טרעט מיט'ן פוס דאָס פאָלק און אַלין ווערט רויט פערשפּריצט 1).

## XXXIX.

הויבט אויף דעם בליק! אויפ'ן באַרג שטעהט אַ גיגאַנט.
אין זון־ליכט גלאַנצט זײַן בלוט־רויט לאָקען־האָר,

1) דאָ רעדט זיך וועגען דער שלאַכט בײַ טאַלאַווערא (1809).

דיִ פײַלען — טויט־שלוּדים גליִהען אין זײַן האַנד,
זײַן אויג פעֶר'שרפ'עט קוים דערלאַנגט עס נאָר!
עס רוהט קײַנמאָל, פון אַלץ ווערט עס געוואָהר;
דען דער מחבל זיִצט צו זײַנע פיִס
און צעהלט, וויִפיִעל צושטערט ער יעדען דור.
דרײַ פעלקער ברענגט ער מאָרגען דאָ, — געוויִס
וועט ריִנען מענשען־בלוט — דעם אָבגאָט שמעקט עס זיִס.

---

XL.

דאָס שלאַכט־פעלד אָנזעהן איז אַ וואַהרע פּראַכט
(ווען עמיִץ האָט קײַן ברודער דאָרט, קײַן פרײַנד):
עס גלאַנצען גאָלד־שניִר אויפ'ן קריִגערס טראַכט,
עס בלאַנקט געוועהר פון זונען־ליִכט בעשײַנט,
און יאַגד־היִנד טרײַבען אויף אַנטקעגען פײַנד, —
זיי שרײַען, קריִטשען צעהן — זיי דאָרשטען בלוט;
מען אײַלט אין שלאַכט, דאָך וועלען זיִגער הײַנט
זײַן קלײַן אין צאָהל: דער קבר האַנדעלט גוט
און דער מחבל צעהלט פול פרײד אין איבערמוטה.

---

LXI.

דרײַ מחנות ברענגען הײַנט קרבנות דאָ,
דרײַ שפּראַכען שיִקען תפילות צו גאָטס טראָהן,
דרײַ פאָהנען שנײַדען דורך דעם היִמעלס בלאָה:
דאָ שטעהען פראַנקרײַך, שפּאַניען, אַלביאָן, —
דער פײַנד, דאָס אָפּפער און זײַן פרײַנד, וואָס קאָן
ווי תמיד קנאַפּ איהם העלפען מיִט'ן שווערד.
נײַן — שטאַרבען אין דער הײם שטעהט איהם ניִט אָן!
דרום שפּײַזט ער ראָבען אויף טאַלוועראָס ערד, —
און פעטער ווערד דאָס לאַנד, וואָס יעדער שטאַרק בעגעהרט.

---

## XLII.

דאָ פאַלען זיי — פון עהרגייץ דום געבלענדט ,
דעם כבוד נעהמען זיי אין קבר מיט ! . . .
סאָפיזמען נאַרישע ! אין דעספּאָטס הענד .
בלויז ווערקצייג זענען זיי און ער צושיט
מיליאָנען קערפּערס אונטער זיינע שריט . . .
וואוהין־זשע פיהרט זיין וועג ? — בלויז צו א טרוים !
דען אין דער אמת'ן געהערט דעם הערשער ניט
אפילו איין שפּאַן ערד פון גרויסען רוים ,
חוץ דעם , וואָס רייכט דערנאָך פאַר זיינע ביינער קוים .

## XLIII.

אָ אַלבועראַס פעלד , בעריהמטער אונגליקס־אָרט 1) !
ווען האַראָלד האָט דורך דיר געיאָגט זיין פערד ,
ווער האָט פאָראויס געזעהן , אַז גיך וועט דאָרט
בעגאָסען זיין מיט פעלקער־בלוט די ערד .
אין פריעדען רוהט , געפאַלענע פון שווערד !
זאָל זיין דעם זיעגערס טרעהרען אייער לויהן !
ביז ס'וועלען נייע אָפּפערס זיין בעשערט ,
וועט אַלבועראַס נאָמען ניט פערגעהן :
ס'וועט לעבען אין געזאַנג שטאָט אויף א דענקמאַל־שטיין .

## XLIV.

און צונד געגוג פון קריעגס לייט ! זאָלען זיי
מיט מענשען־לעבענס שפּיעלען זייער שפּיעל ,
און נאַריש יאָגען זיך נאָך רוהם , חאָטש כדי
הויך שטעהן זאָל איינער — מוזען פאַלען פיעל .

---

1) די שלאַכט ביי אַלבועראַ (1810) . די ענגלענדער צוזאַמען מיט די שפּאַ־
ניער האָבען דאָ געזיעגט , האָבען אָבער פערלאָרען פיעל מאַנשאַפט .

דאָך װער רעדט בעז פון יענע, װעמעס ציעל
איז קעמפּפען פאַר'ן גליק פון פאַטערלאַנד!
זײ שטאַרבען מיט אַ נאָבעלען געפיהל,
חאָטש לעבען װאָלטען זײ קאָן זײן אין שאַנד,
אפשר רויבען אויך װאָלט מאַנכער זײַן אימשטאַנד.

---

## XLV.

טשײַלד האַראָלד'ס לאַנגער װעג פיהרט הײַנט
אַהין, װאו אונבעזיעגט סעװילַלאַ בליהט;
זי איז נאָך פרײַ. דאָך ס'לױערט שױן דער פײַנד,
באַלד װעט זי פאַלען אונטער זײַנע טריט;
איהר שטאָלץ און שענהײַט װעט ניט זײַן פערהיט.
עס שלאָגט די שעה! ס'געשעהט װאָס ס'איז בעשערט!
זײַן רעכט האָט דער מחבל אויך — אַ ניט
װאָלט טהיר אין איליאָן ניט זײַן צושטערט,
און טוגענד װאָלט געזיעגט, און רויב װאָלט אויפגעהערט.

---

## XLVI.

דאָך אונבעזאָרגט פון נאָהנטען געפאַהר,
אין פעסטליכקײַטען, שפּיעלען און געזאַנג,
פערברענגט דער בירגער דא די טעג פון צער, —
די נויט פון פאַטערלאַנד מאַכט איהם ניט באַנג.
שטאָט קריעגס־סיגנאַלען הילכט אַ ליעבעסקלאַנג,
פון לײַכטזין זענען אַלע װי בערױשט,
און אויסגעלאַסענקײַט אויף איהר מיט־נאַכט גאַנג
פערבאָרגען אוים דער פינסטערניש נאָך לױשט,
און ביז איהר לעצטער שעה אין שטאָדט פערברעכען הױזט.

---

(פאָרטזעצונג קומט).

(פארטזעצונג פון פופצעהנטען העפט).

---

אנ'אומגליק, די גרעסטע שאנדע, אזוי ווי מיט שפילקעס האבען איהר אזעלכע מאמענטען געשטאכען און איהר א לאך אין הארץ געבויערט. —

ענדליך האט זיך דער העדר שנעווינד פון זיי צעשײדט. די דרײ דאמען זענען געגאנגען אײנע נעבען דער אנדערער אהײם צו. פרוי קאך איז זיי נאכגעגאנגען מיט דעם קינדער־וואגען.

— נו, וואס זאגט איהר צו מײן קאלעגע? — האט פרײלײן ר א ז ט געפרעגט, — נישט אמת א פײנער יונגערמאן?

— שײנט ווירקליך צו זײן זעהר א פײנער יונגערמאן, — האט זיך פרײלײן ב ע ט י נ א אבגערופען, — ווער איז ער אייגענטליך?

— שטעלט אייך פאר, ער איז א בעמיטעלטען פויערס א זוהן און האט גאר געזאלט א לאנדסמאן ווערען; אבער ער איז קעגען דעם ווילען פון זײנע עלטערן געווארען א לעהרער און איז אנ'אויסגעצייכענטער פעדאגאג. פאר איהם איז קײן העכערע זאך נישטא אויף דער וועלט ווי לערנען מיט קינדער.

— ער מוז אייך אודאי פערעהרען? — האט די זינגערין האלב לאכענדיג האלב ערנסט געפרעגט.

— וועמען מיך, אלטע שאכטעל, אח, דו ליעבער גאט! יענער האלט מיר אפילו נישט אין די געדאנקען!

— איז ער א חתונה געהאטער? —

— געוועזען, זײן פרוי איז געשטארבען, זײן אײנציגער זוהן איז צעהן יאהר אלט און לעבט בײ זײנע עלטערן אויפ'ן לאנד! —

— אזוי! נא, ליעבעס פרײלײן, אט דעם דארפט איהר זעהן ארײנצוקריגען! עס שײנט, אז ער האט אייך דאך זעהר גערן!

ר א ז ט איז רויט געווארען ווי א פײער, דערנאך האט זי שטארק אבגעזיפצט און געזאגט:

— מיך, ווײל מיר זענען וועגס־קאלעגען און געהענדיג פון דער שול בעגעגענען מיר זיך אפט און פלוידערן א ביסעל? א גאט! אזוי דום איז ער נאך נישט! ער קאן נאך בעקומען גאנץ אנדערע, יונגערע — — — און האט ווידער טיעף אבגעזיפצט.

— און לאמיר שוין אננעמען, אז ער וואלט וועלען, וואלט איהר דען חתונה געהאט מיט דעם העררן ש נ ע ו ו י נ ד? האט א נ נ א געפרעגט. זי האט נישט ווילענדיג אלע מאנסבילען פערגליכען אין געדאנקען מיט דעם

עלעגאנטען שענעם קאנטהאגען און האט נישט געקענט בעגרייפען ווי אזוי מען קען זיך פערליעבען אין די דאזיגע אלטעגליכע מיטעלמעסיגע מענשען.

בערטהא האט איהר פערוואונדערט אנגעקוקט און זיך אבגערופען:

— אויב איך — — איך וועל?! אה, דו ליעבער גאט! זיין א רעבענס־געפעהרטין ביי אנ׳ארענטליכען בראווען מאן, האבען אנ׳אייגענע שטיקעל ווירטשאפט, אנ׳אייגענע היים, און אפשר וועט גאט העלפען און איך וועל נאך האבען אנ׳אייגען קינד! — — — נישט ברויכען יעדען פריה־מארגען צו לויפען אין דער שולע און אוועקלעגען די גאל ביי די בערלינער עזות־פנים׳דיגע קינדער? — — — — — נע, אזוי פיעל גליק בין איך גארנישט ווערטה און ס׳איז גארנישטא פאר מיר! ענטשולדיגען זי מיר; אבער ביי דעם געדאנקען מוז איך לאכען! איך — — א ווייב, א געלעבטער בנאמנות! —

אלע האבען געשוויגען און געקלערט. אויך אין די לעבענס־לוסטיגע זינגערין האבען עפּים חלומות אויפגעשטיגען און א בענקשאפט האט פון זיי ארויסגעלויערט — — — — אפשר האט זי אליין גארנישט געוואוסט דערפון! — קלערענדיג אזוי זענען זיי אהיים געקומען. פרוי קאך האט דאס קינדער־וויגעלע אין א זייטענקעמערל אריינגעפיהרט, וואו ער איז שטענדיג געשטאנען. אננא האט אטטא׳ן אויפ׳ן האנד גענומען. אויפ׳ן ערשטען עטאזש זענען געשטאנען צוויי דאמען פאר אנ׳איינגאנג אין א וואהנונג און האבען אבשייד גענומען פון דער הויזפרוי, וועלכע האט נאך מיט זיי נישט געהאט אין גאנצען געענדיגט דעם שמועס און איז דעריבער מיט זיי אין פאדערהויז שטעהן געבליבען עס צו פערענדיגען. מען האט זיך קורץ און העפליך פארבייגעהענדיג בעגריסט. אננא האט בעמערקט, ווי די איינוואהנערין פון הויז האט די אנדערע פאר׳ן האנד געצופט און זיי אויף איהר אויפמערקזאם געמאכט. זי האט געהערט אבגעריסענע ווערטער און פראזען: „די אין טרויער" — — — „א קינד" — — — „נישט חתונה געהאט" — — — „אויבען ביי דער באלל" — — — „אח, קוים צו גלויבען!" — — „ווייסט מען פון וועמען?" — — חאטש די דאזיגע ווערטער זענען געשעפטשעט געווארען אזוי שטיל ווי עס איז נאר מעגליך, פונדעסטוועגען האט איהר אויער וועלכעס איז פון א מיסטרויאיש־זיין אונגעהייער געשארפט געווארען, אלץ אויפגעהארכט. מיט שטייגענדיגער צערטליכקייט האט זי איהר קינד געפרעסט צו איהר ברוסט. — — — אויבען אויפ׳ן דריטען עטאזש איז די מארסו געבליבען, און צו די איבריגע געזאגט:

— אויף װידערזעהן, בײַם טיש! —

— אויף װידערזעהן! — האָבען די איבריגע איהר אָבגעענטפערט! די זאַנדערס און ראָזעס זענען נאָך אויף דעם פירטען עטאַזש אַדויפגעקלעטערט.

— פרײַלײַן אַננאַ, איך בין אין מײַנע אײגענע אױגען זיך פאָרגעקומען װי אַ פראָסטער פערדעטרעטער, װי אַ מין יהודה איש קריות! מאָרגען אָבער װעל איך מײַן פעהלער גוט מאַכען, איך װעל דעם הערן שנײַדער מײַנע דומע שרעקען דערצעהלען. ער האָט עפּעס אַזאַ מילדקײַט, עפּעס מענשליכעס מיטגעפיהל! ער בעגרײַפט אַלעס און ענטשולדיגט אַלעס. איך װעל דערמיט אין זײַנע אויגען װערען אַ סך אַראָבגעפאַלען און דאָס האָב איך פערדינט! — האָט די ראָזעט האַסטיג גערעדט און האָט אַננאַ'ס האַנד אַרומגעקלאַמערט, דערבײַ האָט זי איהר [illegible] בעטענדיגען בליק אָנגעקוקט.

— אָבער, ליעבעס קינד, — האָט זיך אַננאַ אָבגערופען, איהר האָט געהאַנדעלט גאַנץ נאַטירליך!

— נײן, נײן, איך האָב דום געהאַנדעלט, — האָט זי לויט, װי אויף זיך גופא בעזערנדיג געשריען. באַלד האָט זיך אַ טהיר געעפענט, אין דעם קאָרידאָר האָט זיך בעװיזען דװאָראַל אין אַ שמוציגע, צערים עמנע סאַמעטענע מאַרינאַרקע. אין האַנד האָט ער נאָך דעם פעדערהאַלטער געטראָגען. זײַן געזיכט האָט געהאַט דעם אויסדרוק פון אַ שאַפענדען קינסטלער. ער האָט זיך פון זײַן אַרבײַט ערשט נישט לאַנג אויפגעהויבען.

— נאַ, װאָס געפונען? — האָט ער אַננאַ'ן קורץ געפרעגט, און פּלוצלונג האָט זיך זײַן מינע פערענדערט. ער האָט אויסגעזעהן גוט און אַנטײלנעמענדיג. אַננאַ האָט שוין איהם גוט געקענט און האָט אין זײַן אַרט פרעגען קײן פעראיבעל נישט געהאַט.

— גאָרנישט דערװײַל! — האָט זי איהם גוטהערציג געענטפערט. —

— צום טײַװעל! — האָט ער, קלאַפּענדיג מיט'ן פוס אויף דער פּאָדלאָגע פאַר כעס, געשריען, — גאָר קײן שום אויסזיכט אויך נישט?

— אפשר? —

— װאָס? —

— װירטשאַפטס־פיהרערין בײַ אַ צאָהן־אַרצט!

— נאָ? — האָט ער אונצופריעדען דורך די צײַהן דורכגעזײַט און

דערבײַ זיך אין קאָפּ געקראַצט. — קומט גאָר מיט מיר היינט צו א זיצונג, פרײַלײַן זאַנדערס, איך האָב אַ פּלאַן! —

אננא האָט קיין גרויס חשק ניט געהאַט דערצו, עפּיס איז איהר זײַן פּעראַיין „נײַע גריבען" ניט גאַנץ שטאַרק געפעלען. פאַר וואָס עס איז איהר ניט געפעלען, מיט וואָס צו מאָטיווירען עס, האָט זי אַליין ניט געוואוסט; אָבער ביז אַהער האָט זי זיך געהאַלטען פון די פאַר־זאַמלונגען פון דערווײַטענס און האָט איהם דעריבער געענטפערט:

— איך מוז נאָך היינט זײַן ביי דעם צאָהן־אַרצט.

— מיר הויבען דאָך אונזערע זיצונגען ערשט אַכט דעם זייגער אָן! דאָס איז בלויז אַ פּוילער תירוץ! —

— מיר וועלען נאָך רעדען וועגען דעם, הערר דוואראַל! —, איהר וויפּליבע ווייכקייט, דאָס קינד אויף איהר אָרעם האָבען איהם ווי שטענדיג אויך היינט בעצויבערט. —

— גוט, — האָט ער זיך אָבגערופען, — אָבער איהר זאָלט עס ניט אָבלעגען, ווארום די קומענדיגע זיצונג וועט ערשט זײַן אין אַכט טאָג ארום. און דאָ געפינט איהר גוטע ברידער, וואָס האָבען אַ מאָסע בעקאַנט־שאַפט און קענען אייך אַ גרויסע טובה טהון. זייט דאָך ניט קיין קינד, איהר האָט דאָך, דאַכט זיך, שכל און ריינעם פערשטאַנד! איך האָב פון אייך שוין אַזוי פיעל דערצעהלט, אַלע גריבען פרעהען זיך מיט אייך! — —

— אַט דריבער וויל איך טאַקי דאָרטען ניט געהן, איך וויל ניט זײַן קיין שפּיעלצייג, וואָס מען טראָגט עס אַרום אַלעמען ווייזען, —

האָט זי ביי זיך אין האַרץ געטראַכט; אַרויסגערעדט אָבער האָט זי דאָס ניט, און כּדי צו געבען דעם געשפּרעך אַן אַנדער ווענדונג האָט זי געזאָגט: הו, איז אָבער דער יונג שווער, מײַנע הענד זענען מיר אין גאַנ־צען אָבגעחלש'ט, און דערבייַ האָט זי אַטטאָ'ן אויף דער פאָדלאָגע אַני־דערגעזעצט, — לויף! מײַן ליעבלינג און גיעב דעם אָנקעל אַ פּאַטש אין האַנד! —

— נאַ, קום נאָר אַהער קערל, איך האָב פאַר דיר שענע פּאַפּיע־רענע קעסטלעך בעקומען געשאָנקען! — האָט דוואראַל אונטערטאַנצענ־דיג געזאָגט און דערבײַ די טהיר אין גאַנצען אָפּען־געמאַכט. דאָס צימער איז פול געוועזען מיט רויך־וואָלקענס און האָט שרעקליך אויסגעזעהן. דער קליינער אַטטאָ איז אָבער, ווי עס ווייזט אויס, שוין דערמיט געוואוינט געווען און עס האָט איהם ניט געשטערט. דרייסט איז ער אין צימער אַרייַנגעטראַמפּעלט און באַלד זיך גענומען צום פּאַפּיער־קאָרב, וועלכער איז

פאר איהם אנ'אינטערעסאנטעס שפיעל־צייג געװעזען. באלד האט ער בײדע הענדטלעך טיעף אין קארב ארײנגעשטעקט.

— דער װארם האט א מערקווירדיגען אינטערעס פאר ליטעראטור, — האט דער שריפטשטעלער לאכענדיג געזאגט, — ער װעט נאך אמאל א רעדאקטאר זײן דען צוערשט פאטשט ער שטענדיג זאויף די שער און די פאפיערען אין קארב!

— זײט איהר שוין מיט אייער נאװעלע פארטיג? — האט אננא, נאך אלץ פון קארידאר ארוים, געפרעגט.

— הײנט מוז עס פארטיג װערען! דאס װעט שוין איינמאל זײן א נאװעלע, איהר װעט זעהן מען װעט דאס פון די הענד חאפען. איך מאל דארטען גאר א פארצײטיגען טיפ! די דײטשען קאן מען נישט טיעף גענוג טאקסירען! אבער פערקויפען װעט זיך דאס. גיט נאר אבטונג, אין דרײ װאכען װעט מען שוין קײן איין איינציגען עקזעמפלאר פון דער ערשטער אויפלאגע נישט בעקומען, געלד פערדיענט מען נאר פון אזוינע לײכטע נאװעלען, דער עולם האט נישט ליעב קײן הארטען ביסען, איהם מוז מען נאר געבען צעקײעטע, דאס שלינגט ער לײכט אראב! אי האבען מיר דאס א פובליקום! ער האט טיעף אבגעזיפצט. — מײן װערק „סאציאלע גיפטבײלען" האט מיר הײנט דער עזעלקאפ, דער פערלעגער, צוריק געשיקט, און דאס מאנוסקריפט צעקנײטשט און מיט פעטס און טינטפלעקען — — — — אײנפאך „מען קען עס נישט געברויכען". דא איז שוין קײן שוץ נישטא בײ אונזערע פראכטפולע געזעצען! באה! עס איז דאך איינגעשיקט געװארען נישט פערלאנגענדיג פריהער! — — איז דאך אבער אויך א סחורה! װאס, אפשר נישט? און נון? — — — אבער לאמיר דאס איבערלאזען אויף אנ'אנדער מאל! אבער איהר װײסט? א נס איז געשעהן? — —

— װאס פאר א נס?

— די װיענער האבען בעצאהלט פאר אלע זיעבען פעליעטאנען אויף אמאל, צװײ הונדערט מיט צעהן מארק אויף איין קלאפ, און מזומנ'ע געלד, איך האב געמײנט איך װעל משוגע װערען! — — — צו מײנע צרות אבער האט די פרוי באלל דערזעהן דעם בריעפטרעגער אנקומען און איז אויף מיר אנגעפאלען!

— דאס האט זי זעהר ריכטיג געטהון, די ארעמע פרוי מוז דאך אויך אמאל צו איהר געלד קומען! האט זיך אננא אבגערופען.

— און װאו זאל איך בלײבען? מיט די צעהן מארק װאס זי האט

מיר געלאזען זאל איך בעצאהלען דעם שניידער, דעם שוסטער, אין קאפען און דעם ציגארענהענדלער, וואס? —

— רויכט מען נישט און מען געהט נישט אזויפיעל אין קאפעהייזער, און מען גיט נישט שטענדיג דעם קעלנער צוואנציג פעניג טרינק־געלד!

— האט אננא זיך האלב ווי געבעזערט. —

— טא זאל מען זיך ליעבער ארייננישיסען אפוליע אין שטערן. זאנדערס! מען איז מעהר נישט ווי א זינדיגער בשר ודם, עס ווילט זיך דאך אמאל לעבען ווי אמענש, נישט זיין א מעלקעדיגע קוה פאר זיין פרינציפאל און ליוועראנט! — — — אטטא, די קליינער רעשעלע, לאז דארטען דעם בויגען ליגען! דערביי האט ער א האסטיגען שפרונג געטהון און פון קליינעמס האנד זיינע ארבייט ארויסגעריסען. — איהר זעהט נישט, אז דער קליינער בענגעל איז צום רעדאקטאר בעשאפען געווארען. יעצט האט ער געוואלט מיין שענעם מאנוסקריפט אין פאפיער־קארב אריינוואר־פען! — — אט דא קום אהער, שרעטעלע, דא איז פאר דיר קעסטעלעך און דאס בילדער־בוך! — —

דוואראל האט די ביידע זאבען דעם קינד דערלאנגט, וועלכער איז דערמיט איבערגליקליך צו דער מוטער צוגעלאפען.

— עס איז דאך שרעקליך, הערר דוואראל! — האט די מוטער געזאגט. — דאס בילדער־בוך האט איהר דאך נישט בעקומען געשאנקען, דאס האט איהר דאך געקויפט! איהר זייט שוין א פערפאלענער מענש! —

— דאס איז שוין נישט אייער זאך, איבערהויבט פאקט זיך יעצט ארויס פון דאנען! איך מוז די העלדען פון מיין ראמאן גליקליך מאכען! און רעדענדיג האט ער די טהיר צוגעשליידערט.

— אט אזוי איז ער שוין, — האט אננא האלב לאכענדיג האלב וויינענדיג געזאגט צו בערטהא'ן וועלכע איז שוין אין איהר צימערל געשטאנען. — קוים האט ער א פאר מארק אין קעשענע פערשווענדעט ער עם צוליעב זיין גוט הארץ. דער מענש וועט שוין קיינמאל אין זיין לעבען נישט פיהרען קיין רעגעל־מעסיג, געארדענט לעבען און אלץ צוליעב זיין לייכטזיניגקייט און שטאלץ. דא נישט לאנג האט ער זיין גאנצע האנא־ראר פאר זיין נאוועלע: „זיינע יונגסטע” אנ'ארעמען קאלעגען אוועק־געשענקט! —

— מיר געפעלט דאס גארנישט, אים געגענטייל, — האט בערטהא זיך אבגערופען. — איך וויל שוין דערפון גאר נישט הערען, אזוי רעגט

(פארטזעצונג קומט).

# ליטעראַרישע נייעס.

## פּויל הייזע

### (צו זיין אַכטציגיעהריגען יובילעאום).

שוין באַלד זעכציג יאָהר, ווי דער נאָמען פון דעם בעריהמטען שריפטשטעלער פּויל הייזע גלאַנצט אין דער דייטשער ליטעראַטור, ווי אַ העלער שטערן. פון די ערשטע ווערק אָן האָט פּויל הייזע געצויגען אויף זיך די אויפמערקזאַמקייט פון דער קריטיק און פון פּובליקום. נאָך מעהר, מען קען זאָגען אַז פאַר דער דאָזיגער זעכציג־יעהריגער ליטעראַרישער טהעטיגקייט איז דער נאָמען הייזע געוואָרען אַ לאָזונג אין דייטשלאַנד. אַ מוטיגער קעמפּפער פאַר דאָס רעכט פון דער פּערזאָן, פון דעם יחיד, איז הייזע ביז אויף דעם היינטיגען טאָג געבליבען דער פּרעדיגער פון שענהייט און ליעבע צו דער מענשהייט. זיינע ביכער זענען אוצרות פון גוטסקייט און חכמה. מיט זון און פריהלינג האָט עס אַ ווייהע געטהון פון דער דאָזיגער גאַנצער נאַטור, ווען ער איז נאָך בחור־ווייז, אין זיין גאַנצער יוגענד־פּראַכט, אַריינגעטראָטען אין די רייהען פון די דייטשע שריפטשטעלער. דער עכטער מייסטער פון סטיל, איינפאַל און קאָמפּאָזיציע, האָט הייזע געקענט פעראייניגען אין איין האַרמאָנישעם גאַנצעס די שאַפענדע פאַנטאַזיע מיט דעם ניכטערן אַנאַליז פון דאָס אַלטעגליכע און רעאַלע.

עטוואָס אונגעוועהנליכעס און שענעס איז דאָ אין דעם דאָזיגען שטאַרקען און מוטיגען אַכטציגיעהריגען זקן, וואָס האָט דורכגעמאַכט אַזאַ לאַנגען פיעל־געפּרובטען לעבענס־וועג, אויסגעזייעט מיט צער און פּיין, און האָט דאָך בעוויזען ביז אויף דעם היינטיגען טאָג צו בעהאַלטען די יוגענדליכע פרישקייט פון פאַנטאַזיע און די פייערדיגע קראַפט פון וואָרט. אויף אַלץ, וואָס איהם רינגעלט אַרום, אויף אַלע אינטערעסען און פראַגען, וואָס דאָס לעבעדיגע לעבען שטעלט אַרויס, רופט ער זיך אָב אַזוי הייס ווי אין די טעג פון זיין יוגענד.

הייזע איז פאַר אונז אַ לעבעדיגער ביישפּיעל, אַז גרויסע שרייבער קענען צו גלייכער צייט אויך בעזיצען אַ אונגעהייערן קריטישען טאַלאַנט. די קורצע פאָררעדעס צו יעטווידערער פון די נאָוועלען זיינע, וואָס זענען אַרויסגעגעבען [illegible] צוויי ביכער אונטערן נאָמען „נאָוועלען־שאַץ" בעווייזען, ווי טיעף הייזע קען אַריינדרינגען אין אַ פרעמדע שעפּפונג. ליידער אָבער טרעט הייזע זעהר זעלטען אַרויס אַלס קריטיקער.

זיין ניכט־ערקענען די בעדייטונג פון דער ליטעראַטור־קריטיק האָט איהם בעשאַפען ניכט וועניג שונאים אין דער קריטיקער־וועלט. נאָר אין דער דאָזיגער פראַגע איז הייזע קאָנזעקווענט ביז גאָר. אַליין אַ דורכגעדרונגענער אינדיווידואַליסט, האָט ער אויף קיין פאַל ניכט געקענט אָנערקענען דאָס רעכט פון דער קריטיק צו

משפט'ן דעם שעפער און צו פערזאָרטיילען זעהר אָפט נישט בלויז די ווערק נאָר אפילו די אויטאָרס אַליין.

זיין ליטעראַרישע טהעטיגקייט האָט הייזע אָנגעהויבען פון מעשה'ליך און ליעדער. מיט אַ בעזונדערן פלייס איז ער זיין גאַנץ לעבען געווען איבערגעגעבען צו שרייבען דראַמאַטישע ווערק.

נאָר אַ מערקווירדיגע זאַך: אין דער צייט וואָס זיינע נאָוועלען און ליעדער האָבען געהאַט אַ אונגעהייערן ערפאָלג און געמאַכט איהם אַ נאָמען אין גאַנץ דייטשלאַנד, האָט מען זיך אויף זיינע דראַמאַטישע ווערק כמעט ווי נישט אומגעקוקט. אַז הייזען פעהלט דער טאַלאַנט פון אַ דראַמאַטורג — איז ביים עולם געוואָרען אַ פעסטגעשטעלטע זאַך און דאָך, ווען ער האָט מיט 50 יאָהר צוריק אָנגעשריבען אויף אַ קאָנקורס זיין דראַמע „די סאַבינערינס", האָט ער בעקומען די פרעמיע. זיינע דראַמען „האַנס לאַנגע" און „קאָלבערג" געהען נישט אַראָב פון דער דייטשער ביהנע. נאָר אויסער די דאָזיגע ווערק האָט הייזע אָנגעשריבען אַ גאַנצע רייהע דראַמען, מיט זעהר אינטערעסאַנטע סיוזשעטען, און דאָך זענען זיי נישט אויפגעפיהרט געוואָרען אויף דער ביהנע. די אורזאַכע דערפון ליעגט איבערהויפט דערין, וואָס הייזע איז קיינמאָל נישט געגאַנגען אויף פשרות מיט'ן געשמאַק פון דעם המון, האָט קיינמאָל נישט אויסגערעכענט אויף שרייענדע עפעקטען און האָט נישט געזוכט קיין פראָטעקציעס און קיין טובות אין דער טעאַטער=וועלט. דאָך וועט נאָך קומען אַ צייט, ווען פיעל פון זיינע דראַמאַטישע ווערק וועלען אויפגעפיהרט ווערען אויף דער ביהנע. מען האָט נאָך דערוויייל נישט אָבגעשאַצט זייער ווערטה.

פון הייזעס ליעדער זענען זאָגאַר איינ׳גע אריין אין די דייטשע פאָלקס=פאָעזיע, ווי צום ביישפיעל זיין „וועגווייזער אין דער קונסט פון לעבען", זיין צאַרטעס „ברודערל און שוועסטערל".

דער בעקאַנטער ליטעראַטור=קריטיקער גאָטפריד קעללער רופט אָן הייזען „דער שעקספיר פון נאָוועלען", און דעם דאָזיגען נאָמען האָט הייזע אָהן אַ צווייפעל פערדיענט.

מיט דערוועלבער מייסטערהאַפטקייט שילדערט ער די ליבטיגע פרייד און דעם טיעפען צער.

ער האָט פערלאָרען דריי קינדער, און די סטראָפען, אין וועלכע ער האָט אויסגעגאָסען זיין טיעפען שמערץ, קענען גערעכענט ווערען פאַר די שטאַרקסטע אין דער נייער דייטשער ליטעראַטור.

אין זיינע נאָוועלען ריהרט פויל הייזע געוועהנליך אָן טיעפע פסיכאָלאָגישע פראָבלעמען, און שטאַרק איז דער איינדרוק, וואָס זיין רייכע זאַפטיגע און בעגייסטערטע שפראַך מאַכט.

די בעהאַלטענסטע סודות פון דער מענשליכער נשמה זענען אָפען פאַר זיין טיעף=אַריינדרינגענדען בליק, און ס'איז נישטאָ קיין איבערלעגונג, וואָס זאָל נישט געפינען קיין אויסדריק אין די שעפפונגען פון הייזע. אַ קענער פון דער מענשליכער פסיכיק, האָט ער מיט צוויי דריי שטריכען אונז געגעבען אַ גאַנץ בילד ביז די קלענסטע דעטיילען.

פון זיינע ווערק בעקענען מיר זיך מיט אַ גאַנצער מענגע אינטערעסאַנטע

רייבע פערזענליכקייטען, וואס פערבלייבען אויף עביג אין דער נשמה. בעזונדער גרויס איז הייזע אין שילדערן פרויען. אין זיינע גאָרעלען געהט פאַר אונז פאַרביי א גאנצע גאַלעריע פון בעצויבערנדע געשטאַלטען, אָנהויבענדיג פון דער פער'עקשנ'טער און קאַפּריזער אַראַביאַטע ביז דער דרייסטער קלעלילע אין זיין לעצטען בוך.

געבאָרען אין בערלין אין מערץ 1830-סטען יאָהר, וואהנט ער שוין אין א משך פון צעהנדליגער יאָהרען אין מינכען. אויף זיין מינכענער ווילע ליעגט דער שטעמפעל פון זיין בעגאַבטער אַרטיסטישער נאַטור. הייזע אַליין ווי אַלע צוריקגע-האַלטענע מענשען, וואס ווייזען נישט אַרויס די איבערלעבונגען פון זייער נשמה, איז זעהר אַ רוהיגער, געלאַסענער, און זיין ווייכע שטים דרינגט טיעף אַריין אין דער נשמה פון זיין צוהערער. אַלע טאָג נאָך מיטאָג קלויבען זיך צוזאַמען אין זיין גאַסטפריינדליכער ווילע שרייבער און פריינד, און עס ווערען געפיהרט אונענדליכע לעבהאַפטע שמועסען.

ווי מיר האָבען שוין אויבען דערמאָהנט, איז זעהר חאַראַקטעריסטיש פאַר הייזען, וואס ער לייענט קיינמאָל נישט קיין קריטישע אַרטיקלען. וועגען דעם האָט ער זיך איינמאָל אויסגעדריקט אַזוי:

— בעאַרבייטענדיג אַ שטיק מאַרמאָר, האָב איך זיך אומזיסט בעמיהט אויסצוגרייניגען איהם פון אַ שוואַרצער אָדער; וואס זשע וועל איך דערפון האָבען, ווען איינער זאָגט צו מיר שפּאָטיש: „די שוואַרצע אָדער איז פּאַרט געבליבען!".

איצטער האָט זיך אָנגעהויבען אַ נייער פּעריאָד אין דער שאַפונג פון דעם גרויסען קינסטלער, און לאָמיר האָפען, אַז דער דאָזיגער פּעריאָד וועט זיין נישט ווייניגער רייך און פרעכטיג, ווי די פריהערדיגע.

# געקליבענע געדאַנקען פון פריעדריך ניעטשא.

מיר קאָנען מעסטען אונזערע קרעפטע, אָבער נישט אונזער קראַפט.

---

דער שטאַרבענדער מענש האָט אין לעבען וואָהרשיינליך מעהר פערלוירען, ווי ער וועט פערלירען מיט דעם טויט.

---

דער בעהאַלטענער יאָ אין אייך, איז פיעל שטאַרקער פון אַלע נייניס און אפשר'ס אויף וועלכע איהר לייזעט.

---

עסטעטיק איז ווירקליך נישט מעהר, ווי בענוצטע פּסיכאָלאָגיע.

---

דאָס ערהאַבענע איז דער מאַנטעל פון העסליכען.

---

די גרויסע קונסט אינספּירירט, אָבער אונטערריכטעט נישט. קונסט — פער-הערליכט.

---

אַרטיסט : דער גרויסער מעמואַר מאַכער . די פּאָזע פון דאַזיין .

---

די שעהנקייט אין דער קונסט , איז דער נאָכמאַכונג פון אַלעס וואָס איז גליקליך .

---

אַמאָל פלעגט אַ מוזיקער זיכער זיין , דאָס ער וועט ווערען אַ גוטער מענש צוליעב זיין קונסט .

---

פאָלקאָמענע זאַכען לערנען האָפען .

---

איך וויל נישט קעמפען מיט דער מיאוסקייט ; זאָל דאָס אויפקעהרען דערפון זיין די איינציגע פערניינונג .

---

וואו איז די שעהנהייט וואו איך בין געצוואונגען צו וועלען מיט מיין איינענעם ווילען .

---

אין מיר זאָגט די גערעכטיגקייט : די מענשען זענען נישט גלייך און אַזוי וועלען זיי בלייבען .

געקליבען און איבערזעצט י טופּמאַן .

Ред. Изд. Я. ЛИДСКІЙ, Европейская Литература То.
Тип. Г. Пименть Варшава Ул. Сѣраковская № 4.

---

קופּאָן פיר ניט אַבאָנענטען .

די וועלכע ברענגען 4 קופּאָנעס אין רעדאַקציע , און אין פּראָווינץ צו די אַגענטען בעקומען די מאָנאַטליכע פּרעמיע פיר 10 קאָפּ אין וואַרשע . אין פּראָווינץ 11 קאָפּ , די וועלכע האָבען 15 קופּ . צאָלען פיר די איבעריגע פּרעמיעס וואָס זענען אויסגערעכנט אין דער אַנאָנסע פון אייראָפּעאישע ליטעראַטור ווי אַבאָנענטען .

17טעס העפט

# אייראפעאישע ליטעראטור

אינהאלט.


1) דער מארד — וש. ראדענבאך.
2) פיפי — גואי דע מאפאסאן.
3) א שטורם (געדיכט) — א. מיצקעוויטש.
4) אוים די ערינערונגען פון א מאלער — טעטמייער.
5) גליק און אונגליק (געדיכט) — גאנגארא.
6) דער אונטערגאנג פון דעם הויז אושהער — עדגאר פאע.
7) טשיילד האראלד — לארד בייראן.
8) פרייליין מוטער (ראמאן פון דייטשען) — ערנסט געארגי.
9) די טאגע=ביכלעך פון אדם און חוה — מארק טוועין.


וש. ראדענבאך.

## דער מארד.

(אוים דעם פראנצויזישען).

עס איז פערהאן א זונדערבאר=געהיימעס קעניגרייך, וואו דאס בע=וואוסטזיין איז איבערפולט פון אבשפיעגלונגען און ווידערשיינונגען פון די האלב=בעהאלטענע געפיהלען; א קעניגרייך, וועלכעס איז רעטזעלהאפט, ווייל עס איז פערבארגען און פון וואנען עס שטאמען ארוים אלע גע=שעהענישען.

דארט קאמבינירען זיך צונויף זונדערבארע ערשיינונגען; עס קומט פאר א אייגענארטיגע געדאנקען=שפיעל, וועלכע ווערט אין טהאטען

פערוואַנדעלט. און דאָס אַלץ געשעהט אונטער דער ווירקונג פון די אויסערליכע חושים: דאָס געפיהל פון שמעקען, טאַפּען און זעהן.

אַ מענש וואָס שטאַמט פון צפון־קאַנט בעגעגענט פּלוצלונג אַ פרוי מיט העל־גרויע אויגען און עס כאַפּט איהם אָן אַ בענקשאַפט צו זיין פאַטערלאַנד, אַ ברענענדיגער פערלאַנג זיך צו זיינע צוריקצוקעהרען. אַ מאָל שפּילסטו אָב אַ מאַראַנץ און פּיהלסט זיך אין דער אַטמאָספערע פון טעאַטער. זומער, ווען די לופט אין שטאָדט איז אָנגעזאַפּט מיט דעם געררוך פון אַספאַלט, וועלכען מען גרייט צו צו פערגיסען די גאַסען און די טראָטואַרען, ערוועקט זיך ביי דיר אַ פערלאַנג אַוועקפאָהרען צום ים, אַ ווילען צו אָטהעמען די לופט פון די גרויסע האַפענס, וואו אויפ'ן ברעג שמעקט אַזוי גוט די סמאָלע פון די שוואַרצע שיף־גרונטען.

און דאָס אָבשפּיגלען פון אַ פּאָר אויגען אין'ם נעבעל דערמאַהנט דיר אָן אַנדערע מענשען, אָן דעם גרייטקייט צו זעלבסט־אויפאָפּפערונג. נאָר מיט אַזאַ אייגענאַרטיגען היפּנאָטיזם פון די אויסערליכע חושים, אָדער אויפרייצונגען קאָן מען ערקלערען דעם שרעקליכען צופאַל, וואָס איז פאָרגעקומען מיט'ן קינסטלער X, אַ פערברעך, פון וועלכען אַלע זיינע פריינד און די גאַנצע געזעלשאַפט זענען איבערראַשט געווען.

ער האָט זעקס מאָל נאָכאַנאַנד אין זיין פרוי געשאָסען. ער, וואָס איז שטענדיג געווען אַזאַ פיינער, רוהיגער און גוטהערציגער, אויף וועלכען עס האָט קיינער נישט גערעכענט, אַז ער זאָל אויף אַ מענש אַ האַנד אויפהויבען!

נאָך מעהר וואונדער, וואָס דער פערברעך איז געשעהן נישט אונער־וואַרטעט: אַלס רעזולטאַט פון קריג, פון מאָמענטאַלער אויפרייצונג, אוּן אונזיניגקייט, עפּיס עהנליך צו אַ געוועהנליכען צופאַל. אין געגענטהייל, ווי ס'שיינט האָט ער זיך פריהער בעטראַכט, זיך פאָרבערייטעט צום איבערפאַל. אין טיורמע האָט ער די גאַנצע צייט געשוויגען, האָט זיך מיט קיין וואָרט נישט אַרויסגערעדט. די געהיימע טעמים פון פערברעכען זענען קיינעם נישט בעוואוסט געווען.

דאַגעגען, זיך דערמאַהנענדיג, וואָס עס איז געשעהן האָט ער גיכער די זאַך בעדויערט, האָט לאַנג געוויינט, האָפענדיג, אַז די פרוי וועט נאָך לעבען בלייבען.

עס זענען פאָריבער טעג און זי האָט זיך אַלץ נאָך געמאַטערט, אָבער אָהן ערפאָלג; זי איז געלעגען אין אַ משונה'דיגען אויסזעהן און טיעפע

וואונדערן אויפ'ן האלז, וואס האבען זיך שוין פערצויגען און וועלכע האבען אויסגעזעהן, ווי די שטעמפּלען פון טויט.

דער ארעסטירטער האט געוואוסט דעם צושטאנד פון זיין פרוי, דען דער טורמע-אויפזעהער פלעגט איהם גאנץ העפליך מיטטיילען יעדען טאג די נאכריכטען, וועלכע ער האט געשעפּט פון די צייטונגען, וואו עס פלעגען זיך די בולעטינען דרוקען. סוף-כל-סוף איז יערע האפנונג פערשוואונדען. נאך עטליכע טעג פון שרעקליכע ליידען איז די פערוואונדעטע געשטארבען. ערשט דאן האט דער פערברעכער דערפיהלט און ס'איז איהם קלאהר געווארען די גרונדען פונ'ם מארד; עס האט אויסגעוויזען, גלייך ער וואלט יעצט בעגריפען די ווירקליכע אורזאכע פונ'ם פערברעכען, וואס האט איהם בעוועגט מיט אזא ווילדע קראפט אונאויפגעפאדערט אין בעשטימטען מאמענט אין זיין פרוי צו שיסען.

יא, ערשט יעצט זענען פּלוצלונג אין בלענדענדער-ליכט ערשינען פאר איהם די דאזיגע מאמענטען און דאס אלץ, וואס ער האט איבערגעלעבט איז פאר איהם זעהר קלאהר געווארען...

אין דעם געגענד, וואס ארום דער שטאדט, דארט, וואו עס פאנגען זיך אן ברייטע פעלדער, איז שפּעט ביי-נאכט א צוג דורכגעגאנגען, וואס האט אויסגעזעהן, ווי א שווארצער פינסטערער רוח און אויפ'ן לאקאמאטיוו א שרעקליך בלוט-רויטער פייערדיגער לאמטערן. דער מערדער האט זיך דערמאהנט אין אלע איינצעלהייטען און ביי וועלכע אומשטענדען עס איז געשעהן, אזוי, אז עס איז אויסגעקומען, ווי ער וואלט זיך גאר פערטיידיגט און זעהר מעגליך, אז ער איז גאר אינגאנצען אומשולדיג געוועזען!

פאר א אדוואקאט האט ער זיך איינעם פון זיינע פריהעריגע בעקאנטע גענומען און אויף צו מארגענס האט ער זיך שוין צונויפגערעדט מיט איהם אין דער עמפּפאנגס-קאמער.

— האט איהר אייער פרוי געליעבט? — האט איהם דער אדוואקאט געפרעגט.

— אה, יא, גאנץ זיכער, איך האב זי ליעב געהאט און האב זי נאך יעצט אויך ליעב! — האט דער פערברעכער זיך פונאנדערגעוויינט.

באלד האט ער זיך בערוהיגט און ווידער אנגעפאנגען מיט א מאדנעם פערדומפּפען קול רעדען, ווי פון שלאף:

— זעהר רעטועלהאפט איז דאס ערשיינען פון טויט. אלעם נאהנטעם און בעקאנטעם מעקט ער אב; דאס אלץ וואס איז העסליך, דאס

אַלץ בעזײַטיגט ער און פערניכטעט עס און לאָזט נאָר איבער דאָס, וואָס איז שעהן, וואָס איז בעזונדערס טהײַער. יעצט זעה איך בלויז די בעסערע טעג פון אונזער פאַמיליען-לעבען, די צײַט, ווען אײנער האָט דעם צווײטען געליבט, ווען די פרוי איז טרײַ און איבערגעגעבען געווען. עס איז געווען אַ צוגעבונדקײַט, דער אָנפאַנג, דאָס אויפבליהען פון אונזער ערשטער ליעבע!

דער קינסטלער האָט וויעדער געווײנט און איז ניעדערשלאָגען, מאַבטלאָז געווען, פון וואָס דער אַדוואָקאַט איז אויך געריהרט געוואָרען. פאָרזיכטיג מיט אַ שטיל קול האָט ער געפרעגט:

— האָט זי אײך ענטטוישט? איהר האָט פאַקטען?...

— אָה, ווען זי וואָלט וועניגסטענס אַ געליעבטען געהאַט — האָט דער פערברעכער מיט אַ געשטאַרקטער שטימע אויסגעשריגען, גלײַך ער וואָלט זיך אָנגעשטויסען אין דער וויכטיגקײַט פון דעם, וואָס עס איז געשעהן, — איך וואָלט איהר פערצײַהט, דען אַלע פרויען זענען לײַכטזיניג, ס'איז נאָר אַ מאָמענטאַלער רייץ. ווען איך בעקום אַ קלאַפּ מיט אַ מעסער וואָלט מיר אַזוי נישט געהאַרט, ווי די טויזענדער שפּילקעס-שטעך. שטענדיג האָט מיך מײַן פרוי געמאַטערט, יעדען טאָג אין אַלע צעהן יאָהר נאָכאַנאַנד! בלויז די ערשטע פּאָר חדשים נאָך אונזער חתונה איז אונזער ליעבע שטאַרק און לײַדענשאַפטליך געווען, שפּעטער בין איך איהר עפּעס אונטערטעגליך געוואָרען. אַ נערוועזע, אַ אויפגערעגטע האָט זי זיך איבער יעדע נאַרישקײַט געבעזערט, אַ ליאַדע קלײניגקײַט האָט איהר אויפגעבראַכט: מײַנע תנועות, מײַן שטימע, דער גאַנג, די אויסשפּראַך, דער סקריפּ פון מײַנע טריט, דאָס שווײַגען זאָגאַר, בקצור אַלץ! בעזונדערס מײַן עסען, דאָס געהנעצען און די נאָז-שנײַצען. איך האָב נישט געוואוסט, וואָס עס טהוט זיך מיט מיר, גלײַך איך וואָלט געווען עפּיס אַ זאַך איהר'ס, אַ געפאַנגענער. שטענדיג בין איך פערפּליכטעט געווען אַכטונג צו געבען אויף זיך, קאָנטראָלירען זיך און זיך פון יעדען נאַרישען פערלאַנג אָבהאַלטען, כּדי איהר אויפמערקזאַמקײַט און אויפרעגונג נישט אַרויסצורופען, זי פּלעגט זיך בעזערן און אויפרעגען פון יעדער קלײניגקײַט. וואָס איך זאָל נישט טהון: איך זאָל זיך זאָגאַר פון אַלץ ענטזאַגען, וויעדער-שפּרעכען מײַנע אײגענע בעשליסען, האָט זי דאָך תּמיד אַ אויסרעד געפונען זיך צו בעזערן, אָדער וואָס נאָך ערגער, מיך צו בעדויערן און איז שטענדיג געקומען צום בעשלוס, אַז איך בין שוין אַ פערפאַלענער שלימזול.

איך האָב אָבער אַ גרויסען טאַלאַנט געהאַט. אין מאַלערײַ האָב איך זיך אויסגעצייכענט און אַ נאָמען פערשאַפט. און זי פלעגט שטענדיג טענה'ן, אַז אויב איך שטעל זאָגאַר פאַר מיט זיך עפּיס רעכטס, איז עס נאָר אַ דאַנק איהר אָנשטרענגונג, איהרע עצות און געזונדען פערשטאַנד; דען נאָר זי האָט מיך אויסגעלערנט, ווי צו לעבען, איך זאָל. חלילה, נישט פערגעסען בלייבען!

דער פערברעכער האָט זיך אָבגעשטעלט, גלייך ער וואָלט זיך צווישען חורבות אָבגערוהט; ער האָט לעבעדיג פאָרגעשטעלט מיט זיך די שווערע ערינערונגען. דער אַדוואָקאַט האָט כלומר'שט געהערט, טראַכטענדיג זיך דערביי, וואָס למשל וועט איהם קענען נוצליך זיין ביי'ם פערטהיידיגונג.

— איהר פערשטעהט, האָט דער קינסטלער ווידער אָנגעפאַנגען, עס וואָלט מיר ליעבער געווען זי זאָל אַ געליעבטען האָבען, ווי אַזא רשעות, וואָס זי האָט געגען מיר אַרויסגעוויזען. צום בעדויערן, איז זי אָבער אַ טרייע פרוי געווען! אויף אַזוי פיעל טריי, אַז זי האָט מיך דערטיט, אַזש דערמאַטערט, דאַקוטשעט, בעגעהענדיג זיך מיט מיר, ווי מיט אַ נאַריש קינד, מיט איהרע בעזע ווילדע אויפרעגונגען, מיט איהר אונערהערטע זיכערקייט. און מיט די זעלבע ווערטער פלעגט זי מיר נאָכמאַכען איהרע פאָרוואורפען, מיט די זעלבע בעוועגונגען און אויסשפּראַך! זאָגאַר מיינע געדאַנקען פלעגט זי עקסטרא איבערדרעהען, אַז עס האָט אויסגעזעהן, ווי איך וואָלט עס אַליין אונטער אַ צווייטעם געשטאַלט רעדען. דאָס איז געווען אַ משוגה'דיגער פערדרוס, וואָס איז פון בעשעפער געגען זיך זעלבסט בעשאַפען געוואָרען, דען איך האָב דאָך דיעזע פרוי בעשאַפען! זי איז וואָס אַנ'אמת פון נאַטור קיין נאַר נישט געווען, האָט אָבער קיינע גייסטליכע ערציהונג געהאַט און קיין פיצעל זעלבסשטענדיגען געדאַנק. אָבער איך האָב איהר וויבערישען מוח, איהרע אויגען געעפענט און פאַר איהר גאַנצען וועזען ענטדעקט דעם העכסטען אינטעלעקטועלען זין פון לעבען, צו פערשטעהן און פיהלען דעם גייסטליכען פערגניגען פון דער קונסט. ענדליך האָב איך אויך אַליין אין איהר די פרוי ענטדעקט, דורך מיר האָט זי זיך דערוואוסט פון איהר פרויען-ווירדע און ליעבעס-ליידענשאַפט. איך האָב אַריינגעבראַכט ליכט אין די פינסטערע געהיימע קאַמערלעך פון איהר נשמה און אין איהרע טיעפעניש'ען; וועז נישט איך וואָלט זי זיי אינגאַנצען נישט געקאָנט. איך אַליין האָב איהר איבערגעענטפערט די שליסלען פון די טהיר, וואָס פיהרט צו דער ערקענטעניש פון די אונענדליכע געהיימ-

ניסען... און שפּעטער האָט זי טאַקי מיך אַליין מיט די זעלבע מאַגישע שליסלען געשלאָגען.

— אָבער דאָס אַלץ איז גאָר נישט שייך צו אײַער פּערברעכען, האָט דער פּערטיידיגער ערקלערט. פון איין זייט האָט איהר אָהן אַ צווייפעל רעכט און איהר פערדיענט פולער אַכטונג פאַר אײַער געדולד, פון דער צווייטער זייט אָבער — מישט איהר דאָ אַריין קליינע מיספערשטענדענישען, וועלכע זענען אונפערמיידליך אין פאַמיליען־לעבען.

דער אַדוואָקאַט, וואָס האָט זיך געהאַלטען פאַר זעהר בעלעזען האָט צוגעגעבען:

— באַלזאַק האָט זאָגאַר אַ גאַנצעס בוך וועגען דעם אָנגעשריבען.

— איהר האָט רעכט, האָט דער קינסטלער וויעדער אָנגעהויבען, דאָס איז ווייניג נישט נאָר צום פּערטיידיגונג, נאָר זאָגאַר די זאַך צו ערקלערען. עס איז דאָ נאָך עפּיס אַ אורזאַך, וועלכע איך האָב באַלד נישט בעטראַכט, וואָס איז מיר אָבער שפּעטער וויעדער קלאָהר געוואָרען גראָד דאָ אין טורמע אין דעם זעלבען טאָג, ווען איך האָב זיך דערוואוסט פון דער אונגליקליכערם טויט...

— ניין! איך האָב זי נישט געוואָלט טויטען. ס'איז מיר זאָגאַר אויפ'ן געדאַנק נישט געקומען. איך האָב זיך שוין געהאַט מיאוש געווען און האָב רוהיג אויף מיין טויט געוואַרט פּטור צו ווערען אויף אַזאַ אַרט פון דעם אונערטרעגליכען מאַטערניש. אפילו דעם זעלבען טאָג האָב איך דעם מינדסטען פערלאַנג נישט געהאַט מיין פרוי צו טויטען, ביז ס'איז דער לעצטער בעשטימטער מאָמענט געקומען פון דעם, וואָס איך וועל אייך באַלד זאָגען, ווען דער דאָזיגער געדאַנק האָט אַ בליץ געטהון אין מיין מח און האָט מיך מיט געוואַלט בעהערשט נישט אָבלאָזענדיג אַ רגע. גלייך ער וואָלט איינאיינעם מיט מיין נשמה בעשאַפען געוואָרען, וואָס די „עוויגקייט" האָט אין איהר אַריינגעשפּאַרט. און ווירקליך אין בעשערטען טאָג האָב איך זיך אָנגעליטען פון מיין פרוי מעהר, ווי תמיד. נאָך די נייע בעליידיגונגען בין איך פון שטוב אַ צורודערטער אַרויס, קוים איינהאַלטענדיג די טרערען, וואָס האָבען זיך פון די אויגען אַרויסגעפּרעסט. איך וועל בלייבען אַליין! אַנטלויפען פון מענשען און שטאָדט, פון דער ווירקליכקייט, — פון דעם לעבען אַליין.

איך האָב זיך געלאָזט אין עק שטאָדט אַריין אויף אַ לעדיג אָרט, וואו עס פאַנגען זיך אָן די ערשטע פעלדער.

ס'איז געוואָרען נאַכט. איך האָב וועגען גאָר נישט געקלערט, נישט

ווילענדיג געבלאָנזיעט, פון אַלע פּערלאָזט, ווי אַ מענש, וואָס האָט זיך גאָר וואָס, ווי דורך אַ נס געראַטעוועט פון אַ שריפה, פון אַ פּערפּלייצונג, פון אַ גרובען־אויפרײַס.

פּלוצלונג איז פּערבײַגעגאַנגען אַ צוג...

דער קינסטלער האָט די לעצטע ווערטער מיט אַזאַ איבערראַשענדער געדריקטע שטימע אויסגעשפּראָכען, אַז דער אַדוואָקאַט האָט אַזש אַ ציטער געטהון און האָט דערפּיהלט אויף זײַן געזיכט אַ אײַז־קאַלטען אָטהעם, ווי עס קומט פאָר, ווען מען עפענט אַ טהיר אין דאָס אונבעוואוסטע און עס בלאָזט מיט קעלט פון געהיימניס־וועלט.

ער איז נאָך מעהר אויפמערקזאַם געוואָרען. דער מערדער האָט פאָרטגעזעצט:

— איהר פערשטעהט — אַ צוג, אין אַ פינסטערער נאַכט, אַ שוואַר־צער רוח; ער איז פּערבײַ געלאָפען מיט אַ רעש און אַ ווילדעם פּײַפען. איך האָב נאָר איין זאַך בעמערקט: אַ לאַמטערן אויפ'ן לאָקאָמאָטיוו. דאָס ליכט איז געוועזען רויט און שרעקליך, פונקט, ווי אַ פרישער וואונד, רונד און משונה'דיג אויסגעווייקט אין בלוט. די נאַכט איז פערוואונדעט געוועזען. די פלעקען און דאָס ליכט אַליין איז פּערבלוטיגט געוועזען. יאָ, יאָ, בלוט און אַ וואונד, וואָס איז שוין פּערצויגען געוועזען מיט שטיקלעך פערגליווערט בלוט. באַלד האָט דאָס בלוט זיך אַרויסגעבראָכען און אַ שפּריץ געטהון. דער וואונד האָט זיך פונאַנדערגעצויגען, האָט די אויגען געבלענדעט ברענענדיג די הענד און דעם גאַנצען גוף. אַ שרעקליך־גרויסע וואונד! סאַי די נאַכט, סאַי אַלץ, וואָס איך האָב געזעהן, האָבען אין מײַן צו־מישטקייט, ווי געשטאָרבען אויסגעזעהן. דאַן איז מיר אַ געדאַנק אײַנגעפאַלען מײַן פרוי צו טויטען. איך האָב ערשט פערשטאַנען, אַז שוין צו לאַנג האָב איך געדולדיג שטילערהייט פערטראָגען איהר גרויזאַמקייט: פּלוצלונג האָב איך גאָר נישט, נאָר זי איינע אַליין אָנגעזעהן און אַלץ אַרום האָט זיך אינגאַנצען אָבגעמעקט, איז אין טיפען נעבעל פערשוואונדען; איך האָב זי געזעהן אין רויטען, ווי די שײַן פון לאַמטערן אויף דעם לאָקאָמאָטיוו, דאָס רויטע פײַער האָט דאָס ערשטע ערוועקט דעם געדאַנק וועגען בלוט. איך האָב קלאָהר און דײַטליך געזעהן דעם וואונד, וואָס איז ענהליך גע־ווען צו דעם גלענצענדען פײַער־ראָד פון דעם אָנקומענדען לאַמטערן־ליכט. אַ מינוט פריהער איז דאָס פערברעכען אונמעגליך געוועזען, יעצט איז עס אָבער שוין געוועזען אונפערמײַדליך, נויטיג. דאָס איבריגע איז אײַך שוין בעוואוסט. איך בין אונשולדיג. דאָס איז בלויז אַ געדאַנקען־אַסאָציאַציע

געווען, די געהיימע קראַפט פון דעם נישט בעוואוסטזיניגען. איך בין גאָר־נישט פאַרברייטעט געווען. איך האָב עס גאָר־נישט פאָראויס געזעהן, גאָר נישט געוואָלט. די שיין פונ'ם פערבייגעגאַנגענעם צוג איז פאַר מיר אַ נסיון געווען. אין די אויגען האָבען רויטע, בלוטיגע פייערלעך אַ בלישץ געטהון און אויפגעוועקט אין מיר אַ דורשט נאָך בלוט.

און דאָך האָב איך מיין פרוי געליעבט און ליעב זי נאָך יעצט אויך, — דער קינסטלער האָט זיך ווידער פונאַנדער געוויינט, — דאָס משוגה'דיגע האָט דער טויט בעזייטיגט און איך זעה יעצט מיין געליעבטע פרוי אַ זעלבע, ווי זי איז אין די ערשטע מאָנאַטען געווען, אין די זעלבע קליידער, וואָס זי האָט דאַמאָלס געטראָגען; איך זעה זי אַזאַ גוטע און איבערגעגעבענע.

ווען דער אַדוואָקאַט איז אַהיים געקומען האָט ער געטראַכט וועגען דעם, אַז אַזאַ אַרט פערטיידיגונג וועט אויסקומען צופיעל פערפלאָנטערט פאַר אַ זעלבע פשוטע בורזשועס, ווי די געשוואָרענע ריכטער.

די געהיימע ווענינ־פערשטענדליכע מאָטיווען פון די פערברעכענס, דער בעשערטער צופאַל מיט די היפּנאָטישע רויטע פייערלעך, דער נסיון פונ'ם בלוטיגען ליכט, ווי עס שיינט, איז דאָס אַלץ נישט גילטיג. ס'איז שוין גלייבער צו רעדען פון דעם בעשולדיגטענס משוגעת. ווי קומט עס אויס, אַז אַ בלענדענדער גלאַנץ פון אַ לאָקאָמאָטיוו־לאַמטערן זאָל דעם קינסט־לער אויסווייזען אַלס אַ בלוטיגער וואונד און זאָל טויטען זיין פרוי נאָר דאַדורך, וואָס ער האָט ביי נאַכט אַ צוג געזעהן. עס איז צו גלויבען, אַז ס'איז געווען אַ מאָמענטאַלער משוגענער עקסטאַז און בעזונדערס איז אַזאַ ערקלעהרונג פיעל פאַסענדער סאַי פאַר'ן געריכט און סאַי פאַר מענשען.

דער אַדוואָקאַט האָט אַ שמייכעל געטהון. ער האָט זיך אָבגעשטעלט. אַ מאַך־טהוענדיג שפּעטער מיט דער האַנד אין דער בריים, גלייך ער שטעהט פאַר'ן געריכט, האָט ער אויסגעשפּראָכען:

— דאָס איבריגע געהער שוין צו די פּאָעטען.

גואי דע מאָפּאַסאַן.

# פּיפּי.

(ערצעהלונג).

דער פּרייסישער הויפּט־קאָמענדאַנט, אַ פּאַלסבורגער גראַף, האָט שוין געהאַלטען ביי ענדיגען לעזען דעם „קוריער". ער איז געזעסען אָנגעלעהנט אין אַ גרויסען פּליושענעם פאָטעל, זיינע פיס זענען געווען אָנגעשפּאַרט אויף דעם קלאָרען מאַרמאָר פון קאַמין, און אין די דריי חדשים, צייט ער בעוואָהנט דעם „איוויל"־פּאַלאַץ, האָבען שוין זיינע שפּאָרען בעוויזען אויסצובויערן צוויי גאַנץ טיפע לעכער אין דעם וויים־קלאָרען מאַרמאָר.

אַ גלאָז קאַווע איז געשטאַנען אויף אַ קליין קיילעכדיג טישעל, וועלכער איז געווען ערמערוויי אויסגעבערענט פון ציגאַרען, האָט געהאַט פלעקען פון אַלערליי ווייַנען, און וואו ניט וואו אויסגעקריצט מיט אַ מעסערל. דער אָפיצער פלעגט האָבען די טבע, אָנשאַרפענדיג דאָס מעסערל, קריצען אויף די שעהנע מעבעל אַלערליי געמעלען און ציפער, אַלץ וואָס די פאַנטאַזיע פלעגט איהם נאָר פאָרשטעלען.

אַז ער האָט געענדיגט זיינע בריעף, און האָט דורך געלעזען די דייטשע ציימונגען, וואָס דער דינער האָט איהם געבראַכט, האָט ער זיך אויפגעהויבען פון שטוהל, האָט אונטערגעוואָרפען אין קאַמין דריי פיער גרויסע שטיקער האָלץ און האָט זיך געזעצט צום פענסטער.

עס האָט געגאָסען אַ גוס רעגען, גלייך ווי דער הימעל האָט פונאַנדערגעעפענט אַלע זיינע קוואַלען. דאָס איז געווען איינער פון די נאָרמאַנדישע רעגענס וועלכע זעהען אויס ווי אַ גרויסע וואַנד פון גלייכע געדיכטע שטראַהלען.

דער אָפיצער האָט לאַנג געקוקט אויף די רינעס וואַסער און אויף דעם בריימען טייך וועלכער האָט ווייט פערפלייצט זיינע ברעגען. און אויסקלאַפּענדיג מיט די פינגער אַ „רהיינער" וואַלס האָט ער דערהערט אַ קלאַפּ הינטער זיך. ער האָט זיך אומגעדרעהט. דאָס איז געווען באַראָן פון

„קעלוועינגסטעין", קאַפּיטאַן פון דער פּרייסישער אַרמעע.

דער הויפּט-קאָמענדאַנט איז געווען אַ געוויקסיגער, מיט ברייטע אַקסלען; ער האָט געהאַט אַ לאַנגע שעהנע באָרד וועלכע האָט אויסגעזעהן פּונקט ווי אַ פאָכער, און זיין גאַנצע פּערזאָן האָט אויסגעדריקט עפּיס וויכטיגעס, ער האָט געהאַט צווייַ בלויע אויגען, קאַלטע נאָר ווייכע, אויף איין באַק איז געווען אַ גרויסער דראַפּ — אַ סימן נאָך פון דער עסטרייכישער קריעג.

דער קאַפּיטאַן איז געווען אַ קורצער אַ גראָבער. ביי איהם האָט געפעהלט צוויי פאָדערשטע צייהנער און איבער דעם פלעגט ער רעדען נישט שאַרף. ער איז געווען מיט אַ גרויסען פליך און אין גאַנצען האָט ער אויסגעזעהן ווי אַ מאָנאַך. דער קאָמענדאַנט האָט איהם גלייך געגעבען די האַנד, האָט אויסגעהערט אַלע נייעס פון לעצטען טאָג פון גאַרניזאָן, נאַכהער זענען זיי ביידע צוגעגאַנגען צום פענסטער און האָבען זיך אָנגעהויבען צו בעקלאָגען אויף דער שרעקליכער לאַנגווייליגקייט. דער קאָמענדאַנט איז געווען אַ מענש אַ רוהיגער, ער האָט שוין געהאַט אַ ווייב; דער קאַפּיטאַן אָבער — אַ גאַנץ לעבעדיגער פויגעל, איז טאַקי געווען שטאַרק ברוגז וואָס ער זיצט שוין דריי חדשים אויף איין אָרט אָהן מענשען און איבערהויפּט אָהן פרויען.

באַלד האָט מען אָנגעקלאַפּט אין טהיר און אַ סאָלדאַט האָט געמאָלדען, דאָס דער מיטאָג איז פאַרטיג.

אין זאַל וואו זיי זענען אַריין, זענען שוין געזעסען דריי אָפּיצערן: איין לייטענאַנט — אָטטאָ פון גרויסלינג; צוויי אונטער-לייטענאַנטען — פּריץ שוינאַבורג און מאַרקיז-ווילהעלם-עריך אַ קליינער בלאָנדין. ער האָט געהאַט אַ שטאָלצען אויסזעהן, מיט אַלעמען פלעגט ער זיך בענעהן זעהר דעספּאָטיש, אויף אַלעמען פלעגט ער קוקען קרום. מיט איין וואָרט דאָס איז געווען אַ יונג אַ פייער.

צייט ער איז געקומען אין פראַנקרייך האָבען די חברים איהם גערופען „פריילין פּיפּי". אַזאַ נאָמען האָט ער געקריגען דערפאַר וואָס ער האָט געהאַט אַ דינע איידעלע פיגור, אַ בלאַסען פּנים, און איבערהויפּט דערפאַר וואָס אַז ער פלעגט אויסדריקען זיך וועגען וואָס עס איז מיט האַס, פלעגט ער האָבען די טבע שטענדיג זאָגען מיט אַ פייף אויף פראַנצויז „פי דאָנק" און דאָס פלעגט ביי איהם אַרויסגעהן אַזוי קאָמיש דאָס די חברים פלעגען שטאַרבען פון איהם פון געלעכטער.

דער עס-צימער איז געווען אַ לאַנגער קייזערליכער צימער.

די וועגד זענען געווען בעדעקט מיט הויכע שעהנע טאפעטען וועלכע זענען שוין געווען ערטערווייז צוריסען, און מיט גרויסע שפּיגלען אין וועלכע עס איז געווען גרויסע לעבער פון קוילען. דאס איז געווען „פריילין פּיפּי׳ס" ארבייט. אז ער פלעגט שוין גאר ניט האבען וואס צו טהון, פלעגט ער אין דעם צימער מאכען גאנצע מאניעווערעס. פלעגט האקען קוילען אין די שפּיגלען, און ארומרייסען די וועגד מיט דער שווערד.

אויפ׳ן וואנד זענען געהאנגען דריי פאמיליע-פּארטרעטען: איינער אין איין אייזערנעם פאנצער, איין קארדינאל, און א פּרעזידענט. אלע האבען זיי געהאלטען אין די מיילער גרויסע פּארצעלייענע פּיפּקעס, אויף דער צווייטער וואנד איז געהאנגען א פּארטרעט פון א דאמע און אויף איהר איז געווען אויסגעמאלט פון רום צוויי לאנגע וואנצען.

דער מיטאג האט זיך געצויגען זעהר לאנגווייליג, דער רעגען האט נאך מעהר געווירקט אויף דער שטימונג, און האט אלעמען בעדעקט ווי מיט א שווארצע חמארע.

אז זיי האבען געענדיגט עסען, האט חברה זיך שטארק א נעם גע־טהון צו טרינקען. און טרינקען האבען זיי טאקי געקענט. דער טיש איז געווען אנגעשטעלט מיט בוטלען קאניאק און מיט אלערליי אנדערע וויי־נען, וועלכע פלעגען יעדע מינוט אויסגעלעדיגט ווערען, און גלייך פלעגען זיי פערביטען ווערען אויף פולע פלעשלעך. ווי אלע טאג, אין דער זעלבער צייט, האבען זיי פערפיהרט א שמועס וועגען די לאנגווייליגקייט, און יעדע־רער איז געזעסען אנגעשפּארט אויף זיין שטוהל, און יעדער רגע פלעגט מען אנגיסען די באקאלען. „פריילין פּיפּי" פלעגט אבער יעדער איינציגען מאל צוברעכען אויף שטיקלעך זיין באקאל און א סאלדאט פלעגט יעדער מאל דערלאנגען א אנדערן.

זיי זענען אלע געזעסען אין א שווארצען נעבעל פון רויך, ווי צוגע־שמידט צו זייערע שטוהלען און פערשלעפערט פון וויין און פון לאנגווייליגקייט. נאר פּלוצלונג האט זיך דער באראן א דרעה געגעבען און האט א זאג געטהון: איך שווער ביי גאט, דאס קען מעהר אזוי ניט דויערן, מען מוז וואס עס איז אויסקלערען! גלייך האבען זיך אלע אין איין קול צו איהם געווענדעט: — וואס קען מען צום ביישפּיעל אויסקלערען? דער באראן האט א טראכט געטהון א פאר מינוט און האט געזאגט, קוקענדיג אויף אלעמען מיט א פאר פייערדיגע אויגען: וואס פרעגט איהר? מען קען

עפים אויסטראכטען, מען קען מאכען א שטיקעל באל, ווען דער קאמענדאנט זאל נאר ערלויבען.

— א וועלכען באל? האט דער קאמענדאנט א פרעג געטהון, אפלעגענדיג די פיפקע און א זייט.

— איך וועל זיך שוין מיט אלעם בעזארגען, מיין הערר קאמענדאנט, האט געזאגט דער באראן. איך וועל גלייך שיקען אין „רהואין" איין עקסטרע שליח, וועט מען אונז ברענגען פרויען. איך ווייס וואו מען קריגט זיי. מען וועט דא מאכען א וועטשערע. איך וועל זיך שוין א סטארע טהון, קיין זאך וועט נישט פעהלען, און מיר וועלען פערברענגען זעהר גוט א אבענד.

דער גראף פון פאלסבורג האט א קוועטש געטהון מיט די אקסלען און מיט א שמייכעל האט ער געזאגט: — איהר זייט דאך גאר משוגע מיין פריינד!

נאר אלע אפיצערן זענען גלייך אויפגעשטאנען פון זייערע ערטער, האבען ארומגערינגעלט דעם קאמענדאנט פון אלע זייטען, און מען האט איהם פשוט נישט געלאזט רוהען, ער זאל ערלויבען מאכען דעם באל, ווייל עס איז שוין אונמעגליך צו זיצען אין אזא אומעט. דער קאמענדאנט האט ענדליך געגעבען זיין ערלויבניש.

דער באראן האט אין דער רגע געשיקט נאך דעם עקסטרע שליח. דאס איז געווען א אונטער-אפיצער, וועלכער האט אויף זיין לעבען קיין מאל נישט געלאכט. ער איז געווען א ערנסטער דינער, ער פלעגט פאנאטיש ערפילען אלעס, וואס דער שעף פלעגט איהם נאר הייסען. דער אונטער-אפיצער האט שטעהענדיג אויסגעהערט פון באראן, אלע בעפעהלונגען, און אין פינף מינוט ארום, איז פון הויף ארויסגעפאהרען א גרויסער וואגען איינגעשפאנט אין פיער פערד.

און אלע האבען זיי זיך ווי אויפגעכאפט פון שלאף. זיי זענען אלע געווארען לעבעדיג און פרעהליך, חאטש דער רעגען איז געווען דער זעלבער, נאר דער קאמענדאנט האט געזאגט, דאס עס איז א סך ליכטיגער געווארען, דער לייטענאנט אטטא האט געזאגט דאס דער הימעל איז אויך אויסגעלייטערט געווארען, און „פריילין פיפי" האט שוין אויך נישט געקענט איינזיצען אויף איין ארט. דאס פלעגט ער זיך הויבען פון שטוהל, און דאס ווידער זיך זעצען; זיינע ברענענדיגע אויגען האבען אלץ געזוכט וואס עס איז צו ברעכען און דערזעהענדיג אויפ'ן וואנד די דאמע מיט די וואנצען, האט ער גלייך ארויסגענומען פון קעשענע דעם רעוואלווער, און

זייער גרויסע קוילען האָבן זיך אַריינגעזעצט אין דער דאַמעס אויגען. נאָכדער האָט אַ געשריי געטהון: נאָמיר גאָר מאַכען אַ אויפרייסונג! אַ „מינע".
דאָס איז געווען זיין ליעבסטע שפּיעל, און ער איז געשפּרונגען פון שמחה
ווען דער געדאַנק איז איהם פּלוצלונג אַרויף אין מח.

אַז דער בעל־הבית פון דעם דאָזיגען פּאַלאַץ האָט בעדאַרפט אַוועקפאָהרען, האָט ער קיין צייט נישט געהאַט אַלץ בעהאַלטען, און אין זאַל זענען געבליבען שעהנע בילדער, גראַווירען, פּראַכטפאָלע טאַפּעטען, און אויף די מעבעל און די שפּיגלען זענען געשטאַנען פיעלע חינעזישע וואַזען, טויזענדער פיגורען, טייערסטע גלעזער פון ווענעדיג, און פיעלע אַנדערע שעהנע זאַכען.

נאָר איצט איז שוין פון דעם קיין זכר נישט געבליבען. „פריילין פּיפּי" פלעגט אָפט מאַכען דאָ זיינע „מאַנעווערס", און ער איז גלייך אַוועקגעלאָפען אין זאַל, האָט געבראַכט אַ קליין טשיינוקעל אַ פולס מיט פּולווער, אין דורך דעם געזעל האָט ער אַריינגעשפּאַרט אַהין אַ לאַנגע שטיק קנויט. ער האָט דאָס אָנגעצונדען, און וויעדער אַוועקגעטראָגען די „מאַבינאַציע" אין זאַל, און אַליין האָט ער זיך אומגעקעהרט, פערמאַכט די טהיר, און מען האָט זיך אַלע געשטעלט און געוואַרט מיט אומגעדולד. פּלוצלונג האָט זיך דערהערט דער קלאַפּ, און זיי האָבען זיך אַלע אַלאָז געטהון אין זאַל אַ קאָפּ פון אַ פּאָרצעלייענע פיגור „ווענערא" איז שוין אַראָפּגעפאַלען, און זי האָט זיך צובראָכען אויף שטיקלעך, יעדערער האָט בעקוקט די צובראָכענע פיגור און איז געווען זעהר צופריעדען, וואָס די שפּיעל האָט זיך זעהר גוט איינגעגעבען. דער ערשטער איז אַרויס פון זאַל דער קאָמענדאַנט זאָגענדיג: — דעם מאָל האָט זיך דאָס טאַקי זעהר גוט איינגעגעבען.

אין עס־צימער איז געווען פול מיט רויך. דער קאָמענדאַנט האָט אויפגעעפענט די פענסטער, און אַלע אָפיצערען האָבען זיך וויעדער גענומען צום קאָניאַק.

אין צימער איז געוואָרען פינסט. זיי האָבען געקוקט דורכ'ן פענסטער אויף דעם וועג, אויף דעם חמאַרנעס הימעל, און אויפ'ן קלויסטער וואָס האָט זיך געזעהן פון דער ווייטען. צייט זיי זענען אַהער געקומען האָט דער גלאָק נאָך איין מאָל נישט געקלונגען. אַז צום גלח פלעגען קומען דייטשע סאָלדאַטען פלעגט ער זיי פיין צונעמען, פלעגט זיי געבען עסען, אַז אָפט מאָל פלעגט ער זיך נישט ענטזאָגען נעמען מיט זיינע פיינד אַ ביסעלן ביער אָדער „באָרדאָ". נאָר קיין פעולה איז נישט געווען בעטען איהם קלינגען אין גלאָק. דאָס האָט ער בשום אופן נישט געוואָלט האָטש שים

איהם אין מח, מיט דעם האָט ער געוואָלט אויסדריקען אַ פּראָטעסט געגען דעם פיינד וואָס האָט בעלאַגערט זיין פאָטערלאַנד, און די גאַנצע אַרומיגע געגענד האָט איהם זעהר געליבט און האָט זיך נישט געקענט אָבוואונדערן פון זיין שטומע שטאָלצקייט, פון זיין העלדקייט.

די דאָרפס־לייט האָבען איהם זעהר געעהרט, און זיי זענען געווען גרייט העלפען איהם וואָס ער האָט נאָר בעדאַרפט.

דער קאָמענדאַנט און זיינע אָפיצערן פלעגען אָפט מאָל לאַכען פון דעם גלח מיט זיין געראָאיזמוס. און „פריילין פיפי" האָט זיך טאַקי געוואָלט, אַז דער גלאָק זאָל דוקא קלינגען, און ער האָט שוין עטליכע מאָל געבעטען דעם קאָמענדאַנט, ער זאָל איהם ערלויבען חאָטש אַ פּאָר מאָל אַ קלונג טהון, — מען זאָל קענען אַ ביסעל לאַכען.

און ער פלעגט בעטען מיט אַזאַ זיסע ווייכע שטימע — נאָר דער קאָמענדאַנט האָט בשום אופן נישט געוואָלט ערלויבען, און פון גרויס צרה פלעגט „פריילין פיפי" אוועקגעהן אין זאָל מאַכען זיין „באָמבע".

די פינף מענשען זענען נאָך אַ פּאָר מינוט געבליבען אין צימער. נאָך דעם זענען זיי זיך צוגאַנגען, יעדערער צו זיך. דער קאָמענדאַנט איז אוועקגעגאַנגען זעהן מכח דער וועטשערע.

אין אָבענד זענען זיי זיך ווידער צונויפגעקומען אין איינעם, אַלע זענען זיי געווען אין יום־טוב'דיגע מלבושים, די האָר פערפוצט און בעשמירט מיט פּאָמאַדע; מיט איין וואָרט עס איז געווען לעבעדיג און פרעהליך.

דער רעגען האָט זיך נאָך אַלץ געגאָסען, די פענסטער זענען געווען די גאַנצע צייט אָפען, און יעדער מינוט פלעגט אימיצער פון זיי צוגעהן צום פענסטער, הערען צי פאָהרט מען נישט. צעהן מינוט אויף זיבען האָט דער באַראָן אָנגעזאָגט אַלעמען אַז מען פאָהרט, אַלע האָבען זיך אַ לאָז געטהון צום פענסטער, און באַלד איז צוגעפאָהרען אַ וואָגען מיט פיער פערד און פון דעם זענען גלייך אַראָפּגעגאַנגען פינף זעהר שעהנע פרויען. זיי האָבען זיך לאַנג נישט געלאָזט בעטען, זיי זענען גלייך אַריין אין עסצימער; דער צימער איז געווען שעהן בעלויכטען. דער טיש איז געווען אָנגעשטעלט מיט אַלערליי פלייש אין שעהנע געשיר און מיט דעם זילבער וואָס דער בעל־הבית האָט בעהאַלטען אין וואַנד. און אין גאַנצען האָט דאָס אויסגעזעהן ווי אַ מאָלצייט פון באַנדיטען נאָך אַ שלאַכט.

דער קאַפּיטאַן איז געווען מלא שמחה. ער האָט זיך די גאַנצע צייט געדרעהט אַרום די פרויען, האָט זיי געקושט און געהאַלזט, און האָט

ניִשט געוואוסט מיִט זיי וואָס צו טהון. נאָכהער האָט ער צוטיילט די פרויען און כדי עס זאָל ניִשט אַרויסקומען קיין ברוגז, האָט ער יעדערן געגעבען אַ פרוי נאָך זיין וואוקס נאָך.

דעם קאָמענדאַנט האָט ער געגעבען די גרעסטע פרוי — פאַמעלאַ. זיך האָט ער גענומען די צווייטע — זי האָט געהייסען בלאַנדינאַ. ער האָט זי גלייך אַרום גענומען, אַ קוש געטהון און האָט געזאָגט: דאָס וועט זיין פיר מיר. דעם לייטענאַנט אָטטאָ האָט ער געגעבען די גרויסע אַמאַנדע, דעם אונטער-לייטענאַנט פריץ — אַ חוה, און פריילין פיפי האָט בעקומען די קלענסטע פרוי מיט'ן נאָמען ראַשעל. דאָס איז געוועזען גאָר אַ יונגע ברונעטקע, אַ יודישע מיידעל, מיט אַ פאָר שוואַרצע ברענענדיגע אויגען, מיט אַ יודישען אַ ביסעל אויסגעבויגטען נאָז.

די דריי אָפיצערן האָבען געוואָלט אוועקגעהן מיט זייערע פרויען פון עס-צימער, זאָגענדיג אַז מען דאַרף זיי געבען זייף און וואַסער אויף אײנוואַשען זיך, נאָר דער קאַפּיטאַן האָט דאָס ניִשט דערלאָזען. ער האָט ניִשט געוואָלט מען זאָל זיך פונאַנדערגעהן.

מיט אַ מאָל האָט זיך ראַשעל צוהוסט און טרערען האָבען זיך בעוויזען אויף איהרע אויגען, דאָס האָט פריילין פיפי געוואָלט איהר אַרומנעמען, און כדי צו געפינען אַ תירוץ האָט ער איהר אַריינגעבלאָזען אין מויל אַ שטראָם מיט רויך. זי איז אויף איהם ניִשט געוואָרען ברוגז, האָט איהם אַ וואָרט ניִשט געזאָגט, נאָר מען האָט געקענט בעמערקען, דאָס איהרע שוואַרצע אויגען האָבען געקוקט אויף איהם מיט גרוים כעס.

מען האָט זיך צוזעצט אַרום טיש, יעדער האָט זיך געפיהלט זעהר גוט נעבען זיין פרוי, נאָר מעהר פון אַלעמען האָט געשיינט דער באַראָן, ער איז פראָסט געשפרונגען פון שמחה. ער האָט זיך געוויצעלט אויף פראַנצויז, קאָמפּלימענטען האָט ער געשאָטען אָהן אַ מאָס, און אַז ער פלעגט אַ זאָג טהון זעהר אַ גראָבען ווערטעל, פלעגען אַלע פרויען פאַלען פון געלעכטער; און דאַן פלעגט זיין ערשט פרעהליך. די פרויען פלעגען אָנהויבען זיך פיהלען ווי אין דער היים, פלעגען אַרויפקריכען די אָפיצערען אויף די קניע, פלעגען זיי קושען, אַרומנעמען, און בעת מעשה פלעגען זיי טרינקען, זינגען פראַנצויזישע קופּליעטען, און שטיקלעך פון דייטשע לידער.

צום סוף האָבען די אָפיצערן אַליין אָנגעהויבען צו בושעווען. זיי האָבען אויסגעזעהן ווי ווילדע חיות מיט צורייצטע פּנים'ער. זיי האָבען אָנגעהויבען צו פייפען, צו שרייען מיט מאָדנע ווילדע קולות, און ברעכען

די געשיר. דער קאָמענדאַנט האָט זיך אַלץ געסטאַרעט אײַנהאַלטען
דעם עולם.

פרײַלײַן פּיפּי האָט אַוועקגעזעצט ראַשעל אויף זײַנע קניע, האָט
זי אָנגעהויבען אַרומנעמען, דרעהען, קנײַפּען, קושען אָהן אַ אויפהער,
און מיט אַ מאָל האָט ער זי אַ ביס געטהון אַזש בלוט האָט זיך בעוויזען
אויף איהר באַק און האָט פערשמוצט די גאַנצע בלוזע.

נאָך אַ מאָל האָט זי אויף איהם אַ קוק געטהון גלײַך אין פּנים אַרײַן
מיט כעס און האָט אַ זאָג געטהון: „דאָס וועט איך טהײַער קאָסטען". ער
האָט זיך צולאַכט מיט אַ ווילד־גראָבען געלעכטער און האָט געענטפערט:
„איך וועל בעצאָהלען".

מען האָט שוין דערלאַנגט צום טיש דעם דעסערט. מען האָט אָנגע־
גאָסען שאַמפּאַניער, און דער קאָמענדאַנט האָט גענומען אין האַנד אַ באָקאַל,
און האָט מיט אַ שטאָלצער מינע געזאָגט: פאַר'ן געזונד פון אונזערע
פרויען!

און דאַן האָבען זיך ערשט אַ שאָט געטהון טאָאַסטען אײנער גרעסער
פון דעם אַנדערן, און די פרויען האָבען נישט אויפגעהערט צו לאַכען.
דער קאַפּיטאַן האָט אויפגעהויבען זײַן גלאָז און האָט אויסגעשריען, איך
טרינק פיר אונזערע ליעבעס־ערפאָלגען.

דאַן איז לײַטענאַנט אָטטאָ, וועלכער האָט אויסגעזעהן ווי אַ בער,
אויפגעשטאַנען און האָט אַ געשרײ געטהון: איך טרינק פאַר אונזער זיעג
איבער פראַנקרײַך!

אַלע פרויען זענען בײַ דעם פערשטומט געוואָרען. נאָר ראַשעל איז
געוואָרען אַ צוברענטע און האָט געזאָגט: „נישטקשה, נישט פאַר אַלע פראַנ־
צויזען אין די אויגען וואָלסט דו געהאַט די העזה דאָס צו זאָגען". נאָר דער
קלײנער בלאָנדין וואָס האָט זי געהאַלטען די גאַנצע צײַט אויף די קניע,
האָט זיך פונאַנדערגעלאַכט: — אָ אָ אָ! איך האָב נאָך אַזעלכע פראַנצויזען
נישט געזעהן; מיר דאַכט זיך, אַז ווי זיי דערזעהען אונז, מאַכען זיי
שוין פון ווײַטען די פּלטה.

— דו זאָגסט ליגען, שורקע אײנער, האָט זי אויף איהם אַ געשרײ
געגעבען און האָט זיך געטרײסעלט פון כעס.

אַ מינוט האָט ער אויף איהר צושטעלט אַ פּאָר אויגען, האָט זיך פו־
נאַנדערגעלאַכט און האָט געזאָגט: — יאָ, מיר זענען טאַקי זײערע בעלי־
בתים; פראַנקרײַך וועט אונז געהערען.

זי איז גלייך אַראָבגעשפּרונגען פון זיינע פיס און אַנידערגעזעצט זיך אויף אַ שטוהל. ער איז אויפגעשטאַנען, אויפגעהויבען הויך זיין גלאָז און האָט ווידער געשריען:

— אַלעס איז אונזערע, פראַנקרייך מיט די פראַנצויזען, די וועלדער, די פעלדער און די הייזער פון פראַנקרייך, דאָס געהערט אַלץ אונז!

דאָ איז זיי מיט אַ מאָל אַריינגעגאַנגען אַלעמען אין די ווילדע מחות אַ מין מיליטעריזשער ענטוזיאַזם, און אַלע האָבען אָנגעהויבען פּשוט שרייען: עס לעבע פּרייסען!

די פרויען האָבען נישט פּראָטעסטירט, זיי זענען געזעסען ווי אין פּחד, נאָר איין ראַשעל האָט געוואָרפען אויף אַלעמען ברענענדיגע בליקען.

נאָכהער האָט פריילין פּיפּי אַרויפגעשטעלט אויף איהר קאָפּ זיין גלאָז מיט וויין, און האָט ווידער אויסגעשריען: — „פיר אונז אויך אַלע פרויען פון פראַנקרייך״. —

זי איז אויפגעשפּרונגען פון שטוהל, די וויין האָט זיך פערגאָסען אויף איהרע שוואַרצע האָר, דער באָקאַל האָט זיך צובראָכען אָן דער ערד, און אַליין האָט זי זיך געמרייסעלט, און האָט געקריצט מיט די צייהן: — „ניין, האָט זי געשריען, דאָס איז נישט ריכטיג, די פרויען פון פראַנקרייך וועלען אייערע נישט זיין!״

ער האָט זיך צולאַכט: נו, און דו, וואָס טהוסט דו דאָ? דו געהערסט דאָך שוין אונז.

— איך, האָט זי אויף איהם אַ טופּ געטהון מיט די פיס, איך! בין איך דאָך נישט קיין פרוי, איך בין דאָך אַ פּראָסטיטוטקע; אַט דאָס איז נאָר אַלעס וואָס די פּרייסען דאַרפען האָבען.

זי האָט נאָך נישט געענדיגט, ווי ער האָט איהר אַראָבגעלאָזען אַ פּאַטש אין באַק.

ער האָט שוין אויפגעהויבען די האַנד נאָך אַ מאָל, נאָר זי איז געוואָרען אַ צוקאָכטע און האָט אַראָבגעכאַפּט פון טיש אַ קליין מעסערל מיט אַ זילבערנעם שטול, און אין איין מינוט האָט זי איהם דאָס אַריינגעשטאָכען אין האַלז, און ער איז געבליבען ליגען אָהן לשון.

אַלע זענען אויפגעשפּרונגען פון די ערטער און עס איז געוואָרען אַ טומעל. ראַשעל איז צוגעלאָפען צום פענסטער, האָט איהם אויפגעעפענט, אַראָפּגעשפּרונגען און איז נישט געוואָרען.

פריילין פּיפּי איז שוין אין צוויי מינוט אַרום געלעגען אַ טויטער. פּריץ

און אַטמאָ האָבען זיך צוקאָכט, און האָבען געוואָלט צוהרגענען די איבע-ריגע פיער פרויען. דער קאָמענדאַנט אָבער האָט דאָס נישט דערלאָזען און האָט זיי פערשפאַרט אין אַ בעזונדער צימער. און נאַכהער האָט ער אַוועק-געשיקט סאָלדאַטען אין אַלע זייטען זוכען ראַשעלן. פופציג סאָלדאַטען האָט ער אַוועקגעשיקט אין פאַרק, צוויי הונדערט זענען אַוועקגעגאַנגען אין וואַלד און איבער די הייזער.

דער טיש איז שוין אין איין מינוט געוואָרען אַ לעדיגער און די פיער אָפיצערן זענען געשטאַנען אַרום איהם צורייצטע מיט ווילדע פנימער, און האָבען געוואַרט אויפ'ן קרבן.

און דער רעגען האָט נאָך אַלץ געגאָסען אָהן איין אויפהער.

פלוצלונג האָט זיך דערהערט אַ שאָס און דערנאָך ווייטער נאָך איינער, און אַזוי אין דער צייט פון פיער שעה האָט מען געהערט שיסערייען, מאָרנע ווילדע קולות. אין דער פריה איז דער גאַנצער עולם געקומען צוריק, נאָר ראַשעלן האָט מען נישט געפונען.

דאַן האָט מען זיך גענומען צו די הייזער. מען האָט אומעטום איבערגעזוכט אַלץ קאַפויר, נאָר דאָס האָט אויך נישט געהאָלפען. מען האָט זי נישט געפונען.

דער גענעראַל האָט זיך שוין דערוואוסט פון דער מעשׂה, און ער האָט געגעבען אַ בעפעהל מען זאָל מאַכען אַ שווייג, כדי נישט געבען דער אַרמעע אַזאַ שלעכטען ביישפיעל.

אָבער דער גראַף פון פאַלסבורג האָט געזאָגט, דאָס ער וועט זיך אָפּרעכענען פאַר דאָס, און ער האָט גלייך געשיקט נאָכ'ן גלח און איהם געהייסען קלינגען אין גלאָק, ווען מען וועט מקבר זיין עריק'ן. און ווי אויף צו להכעיס האָט דער גלח נישט אָפּגעזאָגט איהם, און אַז מען האָט גע-טראָגען פרייליין פיפי אויפ'ן בית-עולם האָט די גאַנצע צייט דער גלאָק נישט אויפגעהערט צו קלינגען. ער האָט געקלונגען אין אָבענד, אויף מאָרגען און אַלע טאָג. און אויך אין דער נאַכט אָפּט-מאָל פלעגט זיך דערהערען מיט אַ מאָל צוויי דריי קלונגען. די דאָרפסלייט האָבען געזאָגט אַז אין דער קירכע ליגט עפּיס אַ מין כשוף.

און קיינער פלעגט צום גלאָק נישט צוגעהן נאָהנט, חוץ דעם גלח מיט זיין דינער. דאָס האָט דאָרט געוואָהנט אַן אָרעם-מיידעל, זי איז

גֶעזעסען דאָרט אין דער הויך אין רוהיגקייט, און דער גלח מיט דעם דיענער פלעגען איהר אהין ברענגען עסען.

זי איז דאָרט געבליבען, ביז וואַנען עס זענען אוועקגעפאָהרען פון יענעם געגענד די דייטשע אַרמעע.

און איינמאָל האָט דער גלח איינגעשפּאַנט אַ גרויסען שאַראַבאַן און האָט זי אוועקגעפיהרט אין „רוען". ראשעל האָט זיך צוזעגענט מיטן גלח, האָט זיך צוקושט מיט איהם און איז אוועק.

איבערז. פון פראַנצ. **שטערע ראָטשילד.**

# אַ שטורם.

(פון אַ. מיצקעוויטש'ס «Sonety Krymskie»)

צופליקט די זיגלען, ס'קנאַקט, דאָס וואַסער קאָכט, פערנעצטע,
דערשראָקען שטעהען מענשען, וואָס אַ מאָל בעווייזט זיך
אַ נייער שטראָם. דער לעצטער רעטונגס־שטריק צורייסט זיך,
די זון פערגעהט, מיט איהר די האָפענונג די לעצטע.

עס טריאומפירט דער ווינד, די נאַסע בערגער טאַנצען
און הויבען זיך אויף הויך פון אָבגרונד פון דעם טיעפען,
דער מלאך־המות קומט און געהט צו אונזערע שיפען,
גלייך ווי אַ זעלנער צו דעם פיינד'ס צושטערטע שאַנצען.

די ליגען האַלב־געשטאָרבען, אַלץ כמעט פערגעסען;
דער זעגענט זיך מיט פריינד, טהוט זיך מיט זיי בעהעפטען;
די בעטען היים, נישט ווילענדיג דעם טויט בעגעג'נען.

נאָר איינער אין אַ זייט איז דאָרטען שטיל געזעסען
און האָט געטראַכט: ווי גליקליך, — ווער ס'פערלירט די קרעפטען,
ווער בעטען קען, צי האָט מיט ועמען זיך צו זעגנען.

**אַ. וואַלקאָוו.**

טעטמײער.

# אוים די ערינערונגען פון א מאלער.

גאַרוועָנס טוידט, איז אײנע פון מײנע טרויעריגסטע ערינערונגען. ער איז אָפּגעשטאָרבען דער זעלביגער, ווי ער האָט געלעבט: א אײנזאַמער, פערשטויסענער און זעהר אומגליקליכער. בײדע האָבען מיר געדינט אײן גאָט — דער קונסט. איך שווער, אז פאַר עפּים אַנדערש לוינט זיך בעסער צו אָפּפערן; פון קונסט איז דער פערדינסט נישט זעהר גרויס. כבוד? נאָר אויב נעבען איהם איז נישטאָ קײן פערדינסט, איז נישט פאַרהאַן עטוואָס נאַרישערעס, לעכערליכערעס, ווי כבוד.

גאַרוועָן האָט געמאָלען שעהנע פּײזשאַזען און, כל זמן ער האָט זיך בעשעפטיגט מיט מאַלערײ, האָט ער זײן חיונה געשעפּט אויף פערשידענע עהרליכע און אונעהרליכע אופנים גאָר פון אַנ'אַנדער קוועלע.

נאָר פון דער צײט, זינט די שוידערהאַפטע קראַנקהײט — שווינדזוכט האָט איהם געצוואונגען צו לעגען זיך אין בעט, זענען „די שעהנע טעג אַראַנזשועצ'ס" פערשוואונדען; ער האָט געליטען שרעקליכע נויט.

דאָס איז אַלץ פאָרגעקומען פאַר אונזערע אויגען. נאָר מיר זעלבסט האָבען קוים דערהאַלטען די נשמה.

אַלע זענען מיר יונג געוועָן, זיך געלערנט אין אַקאַדעמיע, ווײַט פון אונזער הײם, ווײַט פון אונזערע עלטערן, און מען מוז צוגעבען, אַז אונזערע אַלטע האָבען געהאַט פיעל וויכטיגערע דאגות, ווי זיך אָפּצוגעבען מיט זײערע בנים, די מאַלער.

גאַרוועָנס גאַנצע אײגענטהום, וועלכע האָט איהם פערשאַפט אַזוי פיעל פרײד, — א דיאַמאַנט־שפּילקעלע, porte-boheir, א אַנדענקונגס־געשאַנק פון זײנע א קוזינע—אַלעס איז פערשוואונדען. מיר איז דאָס גוט בעוואוסט ווײַל איך האָב דאָס זעלבסט פערקויפט צו די הענדלער, אָדער געטראָגען אין לאָמבאַרד פערזעצען.

איינמאָל, נאָך מיטאָג, אין אַ שעהנעם מערץ־טאָג, בין איך געקומען צו גאַרוועגען. איך האָב נאָך נישט בעוויזען צו עפענען די טהיר, האָט ער שנעל זיך אויפגעהויבען פון בעט און געזאָגט:

— ווייסט, ווער עס איז ביי מיר געוועזען?

— ווער? האָב איך געפרעגט, באַלד בעמערקענדיג, אַז ער ברענט פון היץ.

— צו מיר איז געקומען דער טוידט. עס איז געוועזען אַ זייגער עלף, פריהמאָרגענס, איך בין געלעגען מיט פערמאַכטע אויגען, נאָר פלוצלונג איז איבער מיין קערפּער אַ קעלט דורך־געלאָפען, איך האָב די אויגען געעפענט, די האָר האָבען מיר זיך קאַפּויער געשטעלט. שטעל זיך פאָר, ער איז געזעסען דאָ אויפ'ן בעט. זיין אויסזעהן איז געוועזען דערזעלבער ווי מען מאָלט איהם געוועהנליך: אַ סקעלעט אין אַ לאַנגען שוואַרצען מאַנטעל, וואָס האָט איהם בעדעקט פון קאָפּ ביז די פיס. איך בין געוועזען פערגליווערט פון פערוואונדערונג און שרעק. ער האָט אויסגעצויגען זיין האַנד און זיך אָנגעשפּאַרט אָן מיין ברוסט, אָט דאָ. אַ פראָסט, אַ אייז־פראָסט איז דורכגעלאָפען איבער מיין הויט... נאָך דעם איז אַלץ פערשוואונדען.

— האַלוציִנאַציע, האָב איך בעמערקט, וועלענדיג איהם בערוהיגען.

— ניין, דאָס איז דער טוידט... און די ענדע...

און זיין קאָפּ איז אויף דעם קישען אַראָפּגעזונקען. ער איז געוועזען בלייך ווי קאַלך. ס'איז נישט געוועזען קיין צווייפעל, אַז דאָס איז געוועזען דער טוידט — גאַרוועגען האָט געגוסס'ט. אַ קורצע צייט האָבען מיר געשוויגען; נאָך דעם האָט ער אָנגעפאַנגען רעדען:

— ווייסט, דאָרט ביי אונז, אויף צפון, איז פאַרהאַן אַ גרויסע, גרויסע יעזשערע. דערנעבען וואַקסען דעמבען־בוימער, נים־בוימער און נאָך פערשידענע מינים בוימער, נישט ווייט פון דער יעזשערע שטעהט אונזער הויז. הער נאָר, איך וואָלט אַזוי געוואָלט, אַז איהר זאָלט מיר אוועקפיהרען דאָרט, צובינדען צו אַ ברעט און אַראָפּלאָזען אויפ'ן וואַסער. דאָרט ביי אונז, אויף צפון, פליהען ים־קאַטשקעס איבער'ן וואַסער, איך וואָלט אַזוי געוואָלט זיי זאָלען פליהען איבער מיין קאָפּ... איז עס דען אַזוי אונמעגליך — אַריבערפיהרען מיר דאָרט, אויף צפון, אויף אונזער גרויסע יעזשערע?..

ער האָט גערעדט מיט אַ אונבעשרייבליכען טרויער; וויפיעל יאָהרען

זענען שױן פאַראיבער און איך געדענק נאָך ביז איצט יעדעס װאָרט. און װידער זענען מיר ענטשװיגען געװאָרען. גאַרװען האָט אױפגעהױבען דעם קאָפּ, אַ קוק געגעבען אױף מיר, אױפ'ן בעט — און געזאָגט, שעפּטשענדיג מיט אַ טרױעריגען אומעט:

— װי שמוציג איך בין ...

װירקליך, זײן העמד, די קישען, דאָס לײלאַך זענען נישט אומגעביטען געװאָרען, װי עס האָט אױסגעװיזען, שױן זעהר אַ לאַנגע צײט.

— װאָרום בעפעהלסט דו נישט דײן דינער איבערבײטען די װעש? האָב איך געפרעגט.

ער האָט אַ קוק געגעבען אױף מיר מיט אַ שמײכעל פון פערװאונדערונג.

— װי קענסט דו דאָס פרעגען? דו זעלבסט האָסט דאָך מיר געהאָלפען פערקױפען און פערזעצען אַלץ, װאָס איך האָב געהאַט, איך האָב גאָרנישט אױסער דעם, װאָס דו זעהסט...

ספּאַזמען האָבען צונױפגעדריקט מײן האַלז.

ער האָט דעם קאָפּ אױפ'ן ברוסט אַראָבגעלאָזט און געשװיגען. זעהר לאַנג שטיל געװען, דערנאָך װידער פאָרטגעזעצט:

— נײן, נישט אַלעס. דאָרט בײ מיר אין קאַסטען איז נאָך איבערגעבליבען אַ רײנער לײלאַך, אַ רײנעס איבערבעט און אַ רײנע העמד. איך האָב דאָס בעהאַלטען, ערװאַרטענדיג דעם טױדט. איך קען דאָך נישט שטאַרבען װי דער לעצטער בעטלער. איך בין דאָך אין דער װירקליכקײט, נישט אַזױ אָרעם, װי מען קען דענקען: איך האָב אַ רײנעס איבערבעט, אַ רײנע װעש, ס'איז פאַרהאַן פּיעלע, װאָס האָבען דאָס אױך נישט, װאָהר? דעריבער מײן פרײנד, הער אױס. װען איך װעל שטאַרבען, ציהט אָן רײנע בעטגעװאַנד און בעקלײדט מיר אין אַ רײנע העמד, און דערנאָך, אױב ס'איז מעגליך, פיהרט מיר אָפּ אַהײם, אױף צפון, צו אונזער גרױסע יעזשערע! בינדט מיר צו אױף אַ ברעט, און אַ רײנע העמד און לאָזט מיר אָפּ אױפ'ן װאַסער, דאָרט בײ אונז, אױף צפון, פליהען ים-מאַטשקעס... לאָזט מיר אָפּ, דאָרט אױפ'ן װאַסער...

איבערז. פ. אלעקסאנדראװיץ.

גאנגארא.

# גליק און אונגליק.

(שפאניש).

---

א, ווי טרויעריג עס זינגט אלצינא,
דער געבענשטער אמפיאן *) פון גואדיאנא **)!
ער בעזינגט דאס קורצע גליק פון לעבען,
ער בעזינגט דעם לעבענס לאנגעס אונגליק.

מעכטיג קלאפט אלצינא אין די סטרונעס
פון זיין גאלדענער, בעליעבטער ציטרע,
און עס קלאגען מיט מיט איהם די פעלזען,
און עס וויינען מיט מיט איהם די וועלען:
„קורצעס לעבען! לאנגע האפנונגען!
נישטיג גליק און דויערנדעס אונגליק!"

„גליק, האט ער געזונגען, הייסט דאס בליהמעל,
וועלכען עס וועקט אויף די מארגען־רויטקייט;
ס'ווערט ביי־טאג פערשפור'ט דורך די שטראהלען
און פערוועלקט ווערט עס אין פריהען אבענד".

און עס קלאגען ווידער מיט די פעלזען,
און עס וויינען מיט מיט איהם די וועלען:

---

*) אמפיאן איז נאך דער גריכישער מיטאלאגיע דער זון פון צעאוס און אנטיאפא; ער ווערט בעצייכענט אלס פאעט און מוזיקער. ווען ער האט געשפיעלט אויף זיין לירע, האבען זיך די שטיינער ארום דער גריכישער שטאדט טהעבעס מיט דער קראפט פון זיינע טענער אליין צונויפגעלעגט אין א מויער.

**) גואדיאנא — א טייך, וועלכער גרענעצט אב שפאניען פון פארטוגאל.

„ס'ווערט ביי־טאָג פערשבורט פון די שטראַהלען
און פערוועלקט ווערט עס אין פריהען אָבענד".

„אונגליק הייסט דער הויבער דעמב, דער שטאַרקער,
וועלכען הויבע בערג אַרום בעשיצען;
ציטענווייז קעמט דאָס אַלמעכטיגע שיקזאַל
זיינע האָר, די פרישע און די גרינע".

און עס קלאָגען ווידער מיט די פעלזען,
און עס וויינען מיט מיט איהם די וועלען:
„ציטענווייז קעמט דאָס אַלמעכטיגע שיקזאַל
זיינע האָר, די פרישע און די גרינע".

„ס'לויפט אַוועק פון אונז געשווינד דאָס לעבען,
ווי אַ הירש, וואָס מ'האָט דאָס האַרץ פערוואונדעט;
ס'קריכען לאַנגזאַם נאָך די האָפנונגען,
ווי אַ וואורם, נאָך זיין שנעלען לויפען".
„קורצעס לעבען! לאַנגע האָפנונגען!
נישטיג גליק און דויערנדעס אונגליק!"

און עס קלאָגען ווידער מיט די פעלזען,
און עס וויינען מיט מיט איהם די וועלען:
„קורצעס לעבען! לאַנגע האָפנונגען!
נישטיג גליק און דויערנדעס אונגליק!"

עדגאר פאָ.

---

איך דערמאהן זיך נאך זעהר גוט, אז אונטער די ווירקונג פון דער דאזיגער באלאדע זענען ביי אונז ענטשטאנען אזוינע אידעען, וואס האבען אונז ארויפגעבראכט אויף פערשידענע געדאנקען, ביי וועלכע אוסהער האט ארויסגעזאגט זיינע מיינונגען. איך דערמאהן דא די דאזיגע מיינונגען זיינע נישט דערפאר, ווייל איך האב זיי געהאלטען פאר נייע, נאר צוליעב די עקשנותדיגע פערביסענהייט מיט וועלכע ער האט זיך אן זיי געהאלטען. בעצויגען האט זיך זיין מיינונג איבער די עמפפינדונגס־קראפט פון די פלאנצען. אבער ביי אוסהערס פערדרעהטע פארשטעלונג האט די אידעע בעקומען א פיעל ווייטערן שוואונג און איז אין געוויסע בעדינגונגען אריבערגעגאנגען אויף דעם געביט פון אונארגאנישע שטאפען, ווי למשל שטיינער און מעטאל. מיר פעהלט ווערטער מיט וואס צו שילדערן זיין פאנאטישען גלויבען. — אדער ווענינג־הארטנעקיגע בעהויפטונג וועגען זייער וויכטיגע בעדייטונג, — אדער מיט וואס פאר אן ערנסטען טאן ער האט געשטרי־טענס איבערצוגעבען מיט וואס פאר אן ערנסטען טאן ער האט געשטרי־טען פאר זיינע איבערצייגונגען. די איבערצייגונגען זיינע, ווי איך האב שוין פריהער געזאגט, האבען געהאט א שטארקע שייכות צו די גרויע מויערן פון זיין עלטערן־שלאס. די ראיות וועגען יענער עמפפינדונגס־קראפט ביי אונארגאנישע שטאפען זענען, לויט זיין מיינונג, צו זעהן דורך די מעטא־דע, וועלכע איז בעטראכט געווארען ביים צוזאמענלעגען די שטיינער — דורך דעם פלאן, לויט וועלכען מען האט די מויערן אויפגעשטעלט, דאס גלייכען אויך דורך די שוואמען־געוויקסע מיט וועלכע די שטיינער פון מויער זענען בעדעקט געוועזען און פון די בוימער, וואס האבען זיך ארום זיי געפונען, — נאר מעהר פון אלץ דורך דאס לאנגע אונגעשטערטע רוהיגקייט פון דעם גאנצען שלאס און זיין אבשפיגלען זיך אין דעם דערבייאיגען טייך. — דער קלארסטער און דייטליכסטער בעוויז אבער, אז די שטיינער און מעטאלען פערמעגען אויך די עמפפינדונגס־קראפט איז, — זאגט מיר ראדעריך, — וואס די אטמאספערע אויף דאס וואסער פון טייך און אויף דאס געביידע ווערט ביסלעכווייז אלץ געדיכטער. די פאלגען דערפון, — האט ער צוגעגעבען, — איז צו דערקענען אין דעם שטילען, אבער זיכערן איינפלוס, וואס האט שוין פון הונדערטער יאהרען בעשטימט דער גורל פון זיין פאמיליע און דאס וואס עס האט געמאכט פון איהם גופא, דאס וואס איך זעה יעצט פאר מיינע אויגען. צו אזעלכע מיינונגען בעדארף מען קיין פירושים נישט צוגעבען און איך וויל אויך נישט מאכען די פראבע עס צו טהון.

אונזער שטאָף צום לעזען — די ביכער, וואָס האָבען זיין יאָהרען געגעהרט דאָס גייסטיגע וועזען פון דעם ליידענדען — איז געשטאַנען, ווי עס איז זיך לייכט פאָרצושטעלען, אין אַ גענויער איינשטימונג צו זיינע פאַנטאַסטישע פאָרשטעלונגען. גריבלענדיג זענען מיר געזעסען איבער אַזעלבע ווערק ווי: „ווערווערט און שאַרטענו" פון גראַמע; איבער מעטשיוועלי, בעלפעגאַר; שוועדערענבאָרגס „הימעל און העלע"; איבער ניקאָלאַס קלים'ס „רייזע אונטער דר'ערד" פון האָלבערג; איבער „די שיראָמאַנטיע" (חכמת היד) פון ראָבערט פולד, פון זשאַן ד'אינדאַדזשינע און פון דע לאַ שאַמבר; איבער לודוויג טיעק'ס „רייזע אינ'ס בלויע" און איבער „די זונען-שטאָדט" פון קאַמפּאַנעלאַ. זיין ליעבלינגס-בוך איז געוועזען אַ קליין ווערקעל אין אָקטאַוו פאָרמאַט „איבער דאָס דירעקטאָריום אינקוויזיטאָריום" פון דעם דאָמיניקאַנער צימעריק דע זשיראָן. אין דאָס בוך „פּאָמפּאָניוס מעלאַ" האָבען זיך געפונען איינינע שטעלען, וואו עס ווערט געשילדערט די אַלטע אַפריקאַנישע גייסטער איבער די פעלדער און וועלדער וואָס האָבען צו זיך צוגעצויגען אוסהער'ס אויפמערקזאַמקייט און שטונדען לאַנג איז ער איבער זיי געזעסען פערזונקען אין חלומות און פאַנטאַזיעס. מעהר פאַר אַלץ האָט איהם פערשאַפט פערגניגען דאָס בלעטערן אין אַ זעלטען מערקווירדיג בוך אין גאָטהישער קוואַרטאַ פאָרמאַט, אַ האַנדבוך פון אַ לאַנג פערגעסענער קירכע.

אַ מאָל אין אָבענד, ווען איך בין מיט אַזוי געזעסען און נאָכגעטראַכט איבער דעם רעליגיעזען אינהאַלט פון דעם דאָזיגען בוך און זיין ווירקונג אויף דעם געמיטס-צושטאַנד פון מיין ליידענדען חבר, איז ער פּלוצלונג צו מיר אַריינגעקומען און מיר אָנגעזאָגט די בשורה, אַז לעדי מאַדעליין האָט זיך שוין מיט דער וועלט אָבגעזעגענט. באַלד נאָך דעם האָט ער אַרויסגעזאָגט זיין פערלאַנג, מען זאָל אין די פערצעהן טעג, עהדער מען וועט זיין שוועסטער ברענגען צו קבורה — אַריינשטעלען דעם אָרון אין איינעם פון די צאָהלרייכע געוועלבטע צימערן, וואָס האָבען זיך צווישען די גרונד-מויערן פונ'ם געביידע געפונען. דער מאָטיוו, וועלכען ער האָט דערצו אָנגעגעבען איז געוועזען אַ זעלכער, וואָס איך האָב זיך נישט געפונען גענוג דרייסטיג אַריינצואַרפען אין דעם ערגעץ וועלכען ספק. דער דאָזיגער ענטשלוס איז ביי איהם ענטשטאַנען, — ווי ער גופא האָט מיר געזאָגט, — נעמענדיג אין אַכט די אומגעוואוינליכע קראַנקהייטס-ערשיינונגען ביי דער פערשטאָרבענער, און דורך געוויסע צודרינגליכע פראַגען פון די דאָקטוירים, וועלכע האָבען איהר בעהאַנדעלט, און די הויפּטזאַך וועגען די וויטע און נישט גענוג

בעשיצטע לאגע פון דעם פאמיליען־קבר. איך וויל נישט לייקענען, אז ווען איך האב זיך דערגאהט אן יענער, נישט היימלישע פערזאן, וואס איך האב אין דעם טאג פון מיין אנקומען אויף די טרעפען בעגעגענט, ראם הייסט אן דעם דאקטאר, האב איך געפיהלט, אז מיר וואלט עס גארנישט אויסגעמאכט, ווען מען זאל עפּיס טהון קענען די דאזיגע פערזאן, וואס אין ערגסטען פאל קען עס נאר זיין א גאנץ גרינגע, אבער פאר קיין פאל נישט קיין אומנאטירליכע פארזיכטיגקייט.

אויף אוסהער'ס פערלאנג האב איך איהם געהאלפען אויספיהרען די דערווייליגע קבורה. נאך דעם ווי מיר האבען דעם קערפער אין ארון אריינגעלעגט, האבען מיר איהם ביידע אליין צום בעשטימטען ארט געטראגען. דאס געוועלבטע צימער אין וועלכען מיר האבען דעם ארון אנידערגעשטעלט איז געוועזען ענג און פייכט און קיין טאגעס־ליכט האט דארט נישט געקאנט ארייננשיינען. עס איז שוין פון אזוי לאנג נישט געהאט געעפענט געווארען, אז אונזערע פאקעלן האבען אין דער דיקער אטמאספערע נעהאלטען ביין פערלאשען ווערען און אונז געגעבען א גאנץ שוואכע מעגליכקייט דאס צימער ווייטער צו אונטערזוכען. עס איז געווען זעהר טיעף און געלעגען גראד אונטער דער זעלבער אבטיילונג פון דער געביידע אין וועלכער איך האב מיין שלאף־צימער געהאט. קענטיג, אז דאס דאזיגע צימער האט געדיענט, אין די שוין לאנג פערשוואונדענע צייט פון דער פיידאל־הערשאפט פאר די ערגסטע צוועקען; און אין די שפעטערע צייט האט מען דא געהאלטען פולווער און אנדערע געפעהרליכע שטאפען, דען א טייל פון דער פאדלאגע אין אלע אינעווענינגסטע זייטען פון א לאנגען בויגען־גאנג, וואס האט געדיענט אלס איינגאנג אין דעם געוועלבטען צימער, איז מיט קופער בעצויגען געוועזען. די טהיר פון מאסיווען אייזען איז אויך אויף דעם אייגענעם אופן געשיצט געוועזען. אז מען האט איהר געעפענט האט זי מיט איהר אונגעהייער שווערען געוויכט א שארף קנירשען פערורזאכט.

נאך דעם ווי מיר האבען אונזער טרויעריגע לאסט אין דעם דאזיגען שרעקליכען ארט אויף א געריסט אוועקגעשטעלט, האבען מיר דעם נאך נישט צוגעשרויבטען רעקעל פון ארון אן א זייט אוועקגערוקט און האבען בעטראכט דאס פנים פון דער געשטארבענער. א מערקווירדיגע עהנליכקייט צווישען ברודער און שוועסטער האט צום ערשטען מאל מיין אויפמערקזאמקייט צו זיך געצויגען. אוסהער, וועלכער האט, קענטיג, פערשטאנען מיינע געדאנקען האט געמורמעלט א פאר ווערטער, פון וועלכע איך

האָב זיך דערוואוסט, אַז ער און די פערשטאָרבענע זענען געוועזען אַ צווילינג און, אַז פון שטענדיג אָן האָט צווישען זיי געהערשט אַ מין רעטזעלהאַפטע אַרט פון סימפּאַטיע. לאַנג האָבען מיר אויף דער געשטאָרבענער נישט געקוקט, דען מיר האָבען נישט געקענט פערטראָגען דעם עקעל, וואָס האָט אונז בעהערשט ווען מיר האָבען איהר בעטראַכט. די קראַנקהייט, וועלכע האָט די לעדי שוין באַלד אין די העכסט בליהענדע יאָהרען אויף דעם טוידטען־בעט אַנידערגעלעגט האָט אויף איהר ברוסט און פּנים צוריקגעלאָזען דעם שפּאָטישען שיין פון אַ מאַטער רויטקייט; אַ שיין, וועלכען מען זעהט ביי אַלע קראַנקע, וואָס ליידען פון שטרענגען שטאַר־קראַמפּף; און אויף די ליפּען איז געלעגען אויסגעגאָסען יענץ ביטער־פאַלשע לאַכען, וואָס איז אַזוי שרעקליך אַנצוקוקען ביי אַ טוידטען. מיר האָבען דעם דעקעל פון אָרון צוריק אויף זיין אָרט געלעגט, און נאָך דעם ווי מיר האָבען די אייזערנע טהיר אויך פערשלאָסען, האָבען מיר זיך אויף אונזער טרויעריגען וועג צוריקגעקעהרט און זענען אַריינגעקומען אין די צימער'ן פון'ם אויבערשטען עטאַזש, וועלכע זענען בעהערשט געוועזען פון נישט קיין קלענערן אומעט ווי אין'ם אונטערשטען עטאַזש.

און יעצט, נאָך דעם ווי עס זענען שוין אַריבערגעגאַנגען איניגע ביטערע שמערצפולע טעג, איז שוין אין די אויסערליכע צייכענס פון מיין פריינדס גייסטיגע שטערונג אַ בעדייטענדע ענדערונג געווען צו בעמערקען. די אַרט ווי ער האָט זיך ביז אַהער פערהאַלטען איז אין גאַנצען פערשוואונדען געוואָרען. זיינע געוואוינליכע בעשעפטיגונגען האָט ער פערנאַכלעסיגט אָדער אין גאַנצען אויפגעגעבען. ער איז דורך די צימערן ווי אַ פערבלאָנדזשעטער הין און צוריק דורכגעגאַנגען אָהן אַ שום ציעל. די בלאַסקייט פון זיין געזיכט האָט נאָך אַ מעהר גייסטערהאַפטען אויסזעהן בעקומען און דער גלאַנץ פון זיינע אויגען איז אין גאַנצען פערשוואונדען. די פריהערדיגע אומשלייערונג פון זיין שטימע איז נישט מעהר געווען צו בעמערקען; דערפאַר אָבער איז אין זיין טאָן, ביי'ם רעדען, דורכגעקלונגען אַ מין ציטערדיג וויבּרירען, ווי עס טרעפט ביי איינעם, וואָס איז אויפ'ן העכסטען גראַד דערשראָקען. עס איז געוועזען צייטען, ווען מיר האָט זיך אָבגעדאַכט, אַז זיין אונאויפהערליך אויפגערעגט געמיטה האָט געקעמפּפט קעגען ערגעץ וועלכע געהיימניס און האָט זיך אָנגעשטרענגט אַרויסצובעקומען דעם מוטה, וועלכער איז נויטיג כּדי צו קענען דאָס דאָזיגע געהיימניס אַרויסזאָגען. טיילמאָל בין איך גענויטיגט געוועזען אַלצדינג צוצושרייבען בלויז זיינע אונבעגרעבענבאַרע לוינען פון משוגעת. שטונדען לאַנג האָב

איך איהם געזעהן שטעהענדיג אין דער האלטונג פון טיעפער אויפמערק-זאמקייט און קוקענדיג שטאר אין דער לופט, גלייך ווי ער וואלט זיך ערגיץ אין אנ'איינגעבילדעטען טאן איינגעהערט. עס איז קיין וואונדער נישט, אז דער דאזיגער צושטאנד פון מיין פריינד האט מיך שטארק געשראקען — און אז איך גופא בין דערפון אויך א רעכט ביסעל אנגעגריפען געווארען! איך האב געפיהלט, ווי דער שעדליכער איינפלוס פון זיינע פאנטאסטישע אבער ביז טיעף אין הארץ ריהרענדיגע איינבילדונגען האט ביסלעכווייז אבער זיכער איבער מיר די הערשאפט בעקומען.

אין דעם זיבענטען אדער אכטען טאג נאך דעם ווי מיר האבען די לעדי מאדעליין אין יענעם אונהיימליכען צימער אונטער דער ערד גע-בראכט, ווען איך האב מיר שפעט אין דער נאכט זיך געלעגט שלאפען, האב איך די גאנצע געוואלט פון יענעם איינפלוס צו פיהלען בעקומען. א שעה נאך א שעה איז אוועק און קיין שלאף איז איבער מיינע אויגען נישט געקומען. איך האב געפרובט צו בעקעמפפען די נערוועזישע אויפ-רעגונג, וואס האט מיך בעהערשט, מיט שכל'דיגע סברות. איך האב מיך בעמיהט צו גלויבען, אז א סך, אויב נישט אלץ, וואס איך האב עמפפונדען האב איך צו פערדאנקען דעם פערווירענדען איינדרוק וואס איז ענטשטא-נען דורך די קומערפולע אויסשטאטונג פון מיין צימער: די דונקעלע און שטעלענווייז לויזגעריסענע טאפעטען, וועלכע האבען אויף די ווענד אהין און אהער געפלאטערט, קוים איז נאר דאס מינדסטע ווינדטעל צו זיי צוגעקומען, און אויף דעם בעטגעוואנד האט זיך דערפון אנ'אונהיימליכער גערויש געהערט. אבער מיין גאנצע מיה איז געוועזען אהן דעם קלענסטען ערפאלג. שפעטער האט מיין קערפער בעהערשט א פחד, פון וועלכע מיר האבען זיך די האר קאפויר געשטעלט און צולעצט איז מיר פון דעם דאזיגען איינגעבילדעטען שרעק געווארען ווי שווערע שטיינער אויפ'ן הארץ. מיט א גוואלטיגען רוק און מיט א טיעפען אטהעם-צוג האב איך מיר פון דער דאזיגער בעקלעמונג בעפרייט און האב זיך אויף דעם קישען אין דער הויך אויפגעשטעלט. בשעת איך האב אנגעשטרענגט מיינע בליקען דורכצודרינ-גען די געדיכטע פינסטערניש, האב איך זיך צוגעהארכט, אליין נישט ווי-סענדיג פאר וואס — עפיס האט מיך קעגען מיין ווילען א שטארק געפיהל דערצו געברענגט, — צו געוויסע שטילע און אונבעשטימטע טענער, וועל-כע האבען זיך געלאזט הערען — איך ווייס נישט פון וואנען — אין לאנגע צווישען-פויזען, בשעת דער שטורם איז שטיל געווארען. זייענדיג איבער-וועלטיגט פון דער עמפפינדונג, וואס איז מיר געקומען דורך דעם נישט

ערקלערענדיגען און דאָך אונערטרעגליכען שרעק, האָב איך מיך האַסטיג אין מיינע קליידער אַריינגעוואָרפען, דען איך האָב געפיהלט, אַז איך וועל שוין היינטיגע נאַכט קיין אויג ניט צו־מאַכען. איך האָב געוואָלט דורך דאָס געשווינדע אַרומגעהן אַהין און אַהער אין צימער זיך בעפרייען פון דעם אונערטרעגליכען צושטאַנד אין וועלכען איך האָב זיך געפונען.

קוים בין איך אַ פּאָר מאָל אַהין און צוריק אין צימער אַרומגעגאַנגען, איז מיין אויפמערקזאַמקייט צוגעצויגען געוואָרען צו לייכטע טריט, וואָס האָבען זיך פון דער דערבייאיגער טרעפּ געהערט. איך האָב באַלד דערקאַנט, אַז דאָס זענען אושער'ס טריט. אַ סעקונדע שפּעטער האָב איך איהם שוין געהערט גאַנץ זאַנפט קלאַפּענדיג אין מיין טהיר, און באַלד איז אושער מיט אַ לאָמפּ אין דער האַנד אַריינגעקומען אין מיין צימער. זיין געזיכט איז ווי געוועהנליך בלאַס געוועזען ווי ביי אַ טויטען; דערצו אָבער האָט אין זיינע אויגען געלויכטען אַ מין משוגענע פרעהליכקייט; — פון זיין גאַנצעם וועזען האָט זיך געלאָזט בעמערקען אַן אונטערדריקטע, קראַמפּהאַפטע אויפרעגונג. זיין אָנבליק האָט אויף מיר אַ שוידער אַרויפגעיאָגט, דאָך איז עס מיר געווען פיעל לייכטער צו ערטראָגען פאַר די איינזאַמקייט, אין וועלכע איך האָב אַזוי לאַנג אויסגעהאַלטען. דעריבער האָב איך אין זיין אַריינקומען נאָך געפונען פאַר מיר אַן ערלייכטערונג.

— און דו האָסט עס ניט געזעהן? — האָט ער מיר געפרעגט, נאָך דעם ווי ער האָט שווייגענדיג איניגע מינוטען ווילד אַרום זיך געקוקט.

— דו האָסט עס אַלזאָ ניט געזעהן? אָבער וואַרט נאַר! דו וועסט עס זעהן! אַזוי האָט ער צו מיר גערעדט און פערדעקענדיג פאָרזיכטיג די לאָמפּ מיט דער האַנד, האָט ער זיך געאיילט צו אַ פענסטער און האָט עס האַסטיג אויפגעמאַכט און פון דרויסען האָט אַ שטורם אַריינגעבלאָזען.

דער שטורם וועלכער האָט זיך וויטענד אין צימער אַריינגעריסען האָט אונז שיער ניט אומגעוואָרפען. עס איז געוועזען אַ שרעקליך ווילדע אָבער צוגלייך זעהר שעהנע נאַכט, וואָס האָט אונז מיט איהר ווילדקייט און שעהנקייט ווי בעצויבערט. ניט ווייט פון אונז האָט אַ שרעקליכער ווינד, ווי עס שיינט, זיך געריסען מיט דער גרעסטער געוואַלט. דען ביי אונז האָט זיך, אין דער ריכטונג פון וואַגען דער לופטשטראָם איז געקומען שיער ניט אַלץ איבערגעקעהרט. די געדיכטע וואָלקענס, וועלכע זענען אַזוי טיעף אַראָבגעהאָנגען, אַז עס האָט זיך געדאַכט, דאָס זיי דריקען די טהורעמס פון הויז, — האָבען אונז ניט פערהינדערט צו בעמערקען, מיט

(פאָרטזעצונג קומט).

### XLVII.

דער לאנדמאַן אַבער מיט זײַן װײַב און קינד
בעהאַלט זיך, כדי עס זאָל ניט זעהן זײַן בליק,
װי ס'װערט פערװיסט, גלײַך דורך אַ שטורם-װינד,
זײַן פעלד און װײַנגאָרטען אין הויך פון קריעג.
אין דאָרף פערשטומט דער קלאַנג פון פרײד און גליק.
און צום פענדאַנגאָ רופט קײן קאַסטאַניעט.
אָ, הערשערס! שטאָט זיך יאָגען נאָכ'ן זיעג
געניסט די שטילע פרײד, װאָס איהר צוטרעט!
ס'װאָלט גליקליך זײַן די װעלט, נאָך איז עס ניט צו שפּעט.

### XLVIII.

װי זינגט דער שטאַרקער מולענטרײַבער ציגנד?
פון ליעבע און פון פרײַנדשאַפט רעדט זײַן ליעד
הײַנט װי אַמאָל, און לוסטיג-ליעב געשװינד
די גלעקלעך קלינגען צו בײַם אָקסענס טריט?
נײן — אינ'ם לאַנגען װעג װערד גאָר ניט מיעד
צו שרײַען „האָך דעם קעניג" 1), צונד זײַן ברוסט,
ער שילט גאָדאָי און שװינט דעם טאָג אויך ניט
װען ס'האָט די קעניגין נאָך איהם געלוסט,
און ס'איז פעראַט געשעהן — די פרוכט פון זינדיגער לוסט.

### XLIX.

אויף יענעם טהאָל װאו ערטערװײַז צושפּרײט,
געציערט מיט טהורעמס, שטעהען פעלזען-װענד,

1) האָך דעם קעניג פערדינאַנד VII (1808—1833) װעהר בעליעבטען פון פאָלק. דער פאָריגער אָבגעזעצטער קעניג קאַרל און זײַן פרוי מאַריע לואיזע זאָגען געװען פערהאַסט — די לעצטע דורך איהר אונטרײַקײַט; איהר ליעבהאָבער איז געװען גאָדאָי.

פון פערד־טריט שפּורען זעהט מען ווײַט און ברייט;
אַרום איז אַלעם חרוב און פערברענט;
סמנים אַלץ נאָך וועלכע מען דערקענט,
אַז אַנדאַלוזיען האָט געזעהן דעם פײַנד,
בײַ יענע פעלזען איז געוועזען זײַן ענד.
דער פויער ווײַזט די פעלזען־ווענד נאָך הײַנט
און פראַהלט זיך פיעל דערבײַ און טריאומפירט און שײַנט.

L.

און איטליכער ווער עס בעגעגענט אײַך,
האָט אויף זײַן מיץ אַ צייכען רויט קאָלירט 1):
דעם פײַנד פון פרײַנד דאָן אונטערשיידט איהר גלײַך;
וועה אָבער דעם ווער ניט ווי לײַט זיך פיהרט
און טראָגט אַ הוט פון צייכען ניט געציערט!
שאַרף איז דער קלונג וואָס איז פאַר איהם געגרייט!
קיין פראַנק וואָלט דאָ פערבליעבען ריזיקירט
אויב יעדער קלונג, וואָס שטעקט אין אויבערקלייד,
וואָלט אָבשטומפּען אַ שווערד, צי קוילען אָבגעלייט.

LI.

אויף יעדען בויג פון די מאַרינאַ־קייט
איז אויפגעשטעלט אַ שווערע באַטאַרײַ,
און בערג־קאַנאָנען שטעהען אָנגעגרייט,
ווי ווײַט דאָס אויג גרײַכט זעהט זיך זייער רייה.
די גריבער און דער וועג צושטערט דורך זיי,
און ערגעץ אַ געוועהר־הויז שטרענג בעוואַכט,
פּאַטרולען, רעגימענטען אַלערלײַ,
און פערד געזאָטעלטע בערייט צום שלאַכט,
גראַנאַטען, קוילען און דער ברענענדיגער דאַכט, —

1) א רויטער צייכען אויפ'ן הוט האָט בעדײַט טרײַקײַט דעם קעניג פערדינאַנד.

## LII.

פערקונדען קריעג. דאך ער וואס ווינקט נאר בלויז
און דעספאטען פערליערען זייער טהראן
א רגע הארט נאך צונד — זיין האנד שטרעקט אוים —
נאך האט ער יענעם ווינק זיינם ניט געטהאן!
דאך באלד פערפלייצט דאס לאנד זיין לעגיאן,
איהם מוז געהערען אויך דער אצירענט.
וועה שפאניען דיר! דיין משפט-טאג קומט אן!
אויף דיר האט גאליענס אדלער זיך געווענדט,
עס פאלען דיינע זיהן, עס נעהערט זיך דיין ענד!

## LIII.

א! מוז דען פאלען אלץ וואס יונג און שעהן
צו זעטיגען א הערשערס מאכט-בעגעהר?
פון אונטערגעבען זיך ביז אונטערגעהן
האט שפאניען דען קיין מיטעלוועג ניט מעהר?
האט גאט זיין משפט אבגעריכט און ער
פערנעהמט מעהר צונד צו קיינעמס תפילה-קול?
און קען דא גאר נישט אויפטהון מעהר געוועהר?
די קלוגע, די געניטע און דאס צאהל
פערצווייפעלט-מוטהיגע מיט מענער-בריסט אוים שטאהל?

## LIV.

און שפאניענס טאכטער, וואס אין צייט פון נויט
פערווארפט איהר ציטהער און איהר פרויען-טראכט,
איהר צארטען לייב הילט איין אין אייזען-קלייד,
א קריעגס-ליעד זינגט און דרייגנט זיך אינ'ם שלאכט? 1)

1) אגוסטינא, די יונגפרוי פון סאראגאסא.

אונ זי, וואָס איהר האָט ציטערן געמאַכט
דאָס אויסזעהן פון אַ וואונד, אַ וואַלד געשריי,
ווערדט יעטצט ניט.בלאָס ווען אַ קאַנאָנע קראַכט,
און געהט געזיבערט דורך די מתים־רייה,
וואו טאַרם דער קריעגס־גאָט וואָלט וואַגען קוים אַוי!

## LV.

ווער וועט דאָס הערענדיג ניט שטוינען רען?
אָ, וואָלט איהר זי געקענט נאָך פון אַמאָל!
איהר אויג, פון שלייער שוואַרצערעס, געזעהן,
געהערט אין לוסטיג־ליעבען העלען קול!
איהר האָר — ווער איז ער ווער זיי מאָלען זאָל? —
איהר גאַנג, איהר הימלישע געשטאַלט בעטראַכט, —
איהר וואָלט ניט טרויען, אַז געקליידט אין שטאָהל,
פעראַכטענדיג געפאַהר, אין סאַראַגאָזאָס שלאַכט,
וועט זי נאָך רוהם זיך יאָגען אין אַ ווילדער יאַגד.

## LVI.

איהר ליעבסטער פאַלט — זי לאָזט נאָך איהם קיין טרעהר;
איהר פיהרער זינקט — זי שטעלט זיך אויף זיין אָרט;
מען לויפט פון שלאַכט — זי צווינגט צום וויעדערקעהר;
דער פיינד שטויסט אָן — זי דריינגט איהם אָב פון דאָרט;
ווער צאָהלט ווי זי פאַר אַ געליעבטענס מאָרד?
ווער קען זיך נוקם זיין פאַר אַ פיהרערס טויט?
ווער קען, ווען אַלץ פערצווייפעלט, זיעגען פאָרט?
דעם שונא בּייטראָגען אַזוי פיעל לייד,
ער זאָל פון פרויען־האַנד ענטרינען זיין געבויט?

## LVII.

דאָך שפּאַניערינס ז'קיין אַמאַזאָן־געשלעכט,
געשאַפען איז זי בלויז צום ליעבען נאָר,

און שטרייט זי מיט מיט ברידער אין געפעכט,
און וואגט זי וואו געפאהר און שרעק שטעהט פאַר, —
איז עס אויס טרייקייט: ווי ביים טויבען־פאָר
די טויבין צופט די האַנד וואָס דראָהט איהר פריינד;
אין זאַנפטמוט אָבער איבערשטייגט זי גאָר
די פרוי ווי זי אונז איבעראַל ערשיינט, —
איהר גייסט איז נאָבעלער, איהר ריין גיט מינדער שיינט.

# LVIII.

דאָס חן־גריבעל, וואָס ויי.ט ווי ווייך איהר וואנג
האָט דאָרט דער ליעבעס־הונגער איינגעדריקט;
די ליפען האַלטען נאָך דעם קוש אין צוואנג
און נאָר דער ווירדיגער וועט זיין דורך זיי בעגליקט.
פון אויג וואָס פאַר אַ ווילדע שעהנקייט בליקט!
ווי גלוסט עס פערדאַרבען איהר קאָליר!
דאָך האָט זיין ליעבעס־גלוטה איהר נאָך געשמיקט.
זעהט ווער אין נאָרדען פרויען גלייך צו איהר?
ווי אָרעם איז דאָרץ אַלץ, אָהן פאַרב, אָהן רייץ, אָהן ציער.

# LIX.

איהר לענדער! צי פערוואוינט פון ליבגעזאַנג,
האָרעווען פונ'ם לאַנד, וואו כ'האָב בעגעהרט
פון ווייטען ריהמען, דורך מיין ליעדער־קלאַנג,
די שעהנהייטען פון ציניקערס פערעהרט,
די גור'יען 1) ועמען ס'איז די לופט פערוועהרט
ס'זאָל ליעבע ניט אריינברענגען דער ווינד, —

1) די שעהנהייטען פון אָריענט, געוואוינטליך פערשפאַרט און שטרענג בעוואַכט.

פערגלײַכט מיט שוואַרץ בעהנ'טע דאָרט אויף שפּאַניענס ערד,
וואו זיך דעם נביא'ס פּאַראַדיז געפינט.
יאָ, ווײַסט, אין שפּאַניען דאָרט איז דער גן עדן צינד!

---

### LX.

זײַ דו געגריסט, פּאַרנאַס, דיך זעה איך צינד
ניט ווי אַנ'אָבּבילד פון אַ ווײַטען טרוים,
ניט אין פאַנטאַזיען־לאַנד פון מוזען־קינד, —
נאָר אין דײַן הײַמאַטליכען הימעל־רוים 1).
דאָרט שוועבט דײַן ווילדע פּראַכט צום וואָלקען־זוים!
אָ, קען איך געהן פון דיר אָהן לויב־געזאַנג?
דער מינדעסטער פון אונז, וואָס זעהט דיך קוים,
גלוסט שוין דיך ריהמען דורך זײַן האַרפען־קלאַנג:
באָטש ס'ווײַזט קײַן מוזע זיך צו קײנעם ניט — פון לאַנג.

---

### LXI.

כ'האָב אָפט דערמאָהנט דײַן נאָמען אין דער שטיל,
ווער ס'ווײס איהם ניט, דעם איז דאָס שעהנע פרעמד.
צינד זעה איך דיך! אַך, וואָס פאַר שאַנד־געפיהל
בעפאַלט די זעלע, וואָס דײַן הערליכקײט בענעהמט!
ווי האָט מיך יעצט מײַן אָרעמקײט בעשעהמט!
ווען כ'דענק פון דײַנע פּריסטער פון אַ מאָל,
פערציטער איך, מײַן האַרץ ווערדט מיר בעקלעמט,
כ'בלײַב שטעהן און דרײסט ניט אויפהויבען מײַן קול...
שטום קניע איך, גליקליך שוין, דיך אָנזעהן כאָטש פון טהאָל.

---

(פאָרטזעצונג קומט).

---

1) בײַראָן איז דעמאָלט געווען אין גריכענלאַנד און בײַ פּאַרנאַס.

עס מיך אויף . דער מענש װעט אַמאָל שטאַרבען אויף דער גאַס , סײַדען עס װעט זיך פאַר איהם געפינען אַנ'ענערגישע פרוי !

— נו , דערציי געהערט מוט , און מען מוז אין איהם ביז צום משוגע װערען פערליעבט זײַן , אַז ניִשט — — — — — הײסט דאָך מען װאַרפט זיך גִּידים אין דאָס גרעסטע אומגליק אַרײַן ! דװאָראַל איז אַ פראַכטפאָלער חבר , אַ גוטער ברודער , אָבער אין די ראַהמען פון אַ פאַמיליען-לעבען פּאַסט ער ניִשט אַרײַן ! דאָך , ביטע , פרוי ק אָ ך , נעהמען זי דעם יונגעל , איך מוז נאָך די אַדרעסען פון דעם אַדרעסען-קאַלענדאַר אַרויסשרײַבען . דער קױפמאַן װיל די פראָספּעקטען פונאַנדער שיקען און האָט שוין געמאָהנט .

— װיפיעל קאָנװערטען האָבען זי נאָך ? — האָט די ר אָ ז ט געפרעגט מיט אַ הײס רחמנות'דיגע שטימע .

— אַנ'ערך פיער הונדערט זענען שוין אָנגעשריבען , בעדאַרף איך נאָך טױזענד אָנשרײַבען ! — האָט אַ נ נ אַ רוהיג און ערנסט געענטפערט .

—דאָך מאַך איך עס מיר לאַכט . איך שרײַב יעדעם קאָנװערט גלײַך צװײ מאָל , פערשפּאָר איך פיעל נאָכצוזוכען . הערר שולץ האָט מיר צו זײַנעם אַ שװעסטער-קינד רעקאָמאַנדירט . יענער איז אַ קױהלען-העגדלער און האָט די זעלביגע קונדען . באַלד װי יענער װעט נאָר בעקומען זײַנע רעקלאַמען-פראָספּעקטען פון דרוקער , קאָן איך איהם באַלד אַ טײל פון די אַדרעסירטע קאָנװערטען געבען .

— טאָמער בעשטעלט אָבער יענער ניִשט ?

— דאַמאָלס איז מײַן שפּעקולאַציע אַ נאַרישע און איך װעל האָבען געאַרבײַט אומזיסט ! — אַ נ נ אַ האָט געצױגען מיט די אַקסלען . —איך האָף , אַז ער װעט זײַן צװזאָג האַלטען . האָטש דער פרײַז איז זעהר אַ ביליגער , פונדעסטװעגען פרעה איך מיך זעהר מיט די אַרבײַט , װאָס פערמעהרט מײַן קלײַנעם קאַפּיטאַל מיט נאָך עטליכע מאַרק . אַדיע דערװײַל , קלײַנע , און מאַכט זיך איבער מיר ניִשט קײן שװערע געדאַנקען , עס װעט שוין מסתמא רעכט װערען !

אַ נ נ אַ איז אַרײַנגעגאַנגען אין איהר צימער , צו װעלכען זי איז שוין ביסלעכװײַז צוגעװאױנט געװאָרען און די פוסטקײַט אין איהם האָט שוין אויף איהר ניִשט אָנגעטראָגען אַזאַ אומעט . זי האָט איהר טאַאַלעטע שוין אײַנגעאָרדענט צום מיטאָגס-מאָלצײַט און האָט זיך גענומען צו שרײַבען די

אדרעסען. די דאָזיגע ארבייט האָט זי דורך אַנ'אַנאָנסע אין לאָקאַל-אַנצייגער בעקומען, איהרע גערעאַנקען זענען אָבער היינט גאָרנישט געוועזען ביי דער אַרבייט. זי האָט נאָר געטראַכט וועגען דאָס יונגע פּאָר, וואָס געפינט זיך יעצט אַזוי ווייט פון איהר. פאַר די אויגען איז איהר געשטאַנען אָטטאָ'ס קרעפטיגער וואוקס, זיין אומעטיגליכער שמייכעל, זיינע ערנסטע קלוגע אויגען. אין איהר זכרון זענען די טעג פון ציגאָוויטש ארויפגעשוואומען, וואו ער האָט איהר אַזוי צניעות'דיג ערקלערט זיין ליבע, וואו זי דאָט אין זיין צערטליכע ליבע דאָס גרעסטע הימעלשע גליק גענאָסען —— און שפּעטער —— —— די שטונדען ביי איהם אין דער היים, וואו עס האָט אין איהם די ליידענשאַפט מיט איהר גאַנצען גלוט אויפגעפלאַמט —— —— ווי שעהן איז ער דעמאָלם געוועזען! —— —— —— —— און דאָס אַלץ פערשוועגדעט ער יעצט אויף זיין שעהנע, רייכע יונגע פרוי! זי געניסט יעצט זיין ליבע, זיין שעהנקייט, דאָס גאַנצע אונענדליכע גליק —— —— —— און אַלץ בהיתר, אַזוי שטאָלץ, אַזוי זיכער! —— בשעת זי מאַטערט זיך דאָ און קיוע'ט זיך אין עלענד און נויט —— —— ——

אַננאַ האָט זיך מיט די הענד אויף דעם טיש אָנגעשפּאַרט, דעם קאָפּ אין די הענד בעהאַלטען און לייכט אָבגעזיפצט: אָטטאָ! אָטטאָ! דער קליינער ביים שפּיעלען האָט די ווערטער אויפגעהאָרכט און אַוועקגעלעגט זיינע פאַפּיערענע קעסטלעך מיט דעם בילדער-בוך און צו די מוטער צוגעלאָפען:

—— מאַמאַ, אָט בין איך! —— דער קליינער שעלם נעבאַך האָט געמיינט, אַז דאָס רופט זי איהם.

זי האָט זיך אויפגעמונטערט און צערטליך צו איהם גערעדט: מיין שעהן יונגעל, מיין זיסער יונגעל! דערביי האָט זי איהם מיט קושען בעדעקט. אָבער איהר נאַטור נישט צו וועלען זיך גופא אָבנאַרען האָט איהר ווי געזאָגט, אַז נאָך אַלע ליעבליכקייט, נאָך אַלע צערטליכקייט וואָס זי בעווייזט איהר קינד, איז דאָך די ליבע צום מאַן —— —— —— —— דאָס געפיהל פאַר דעם געליבטען מאַן פיעל שטאַרקער ביי איהר! אפשר איז עס דריבער —— האָט זי זיך געטראַכט, —— ווייל דאָ קאָן איך מיין בענקשאַפט שטילען, איך נעהם מיין קינד אַרויף אויף מיינע אָרעמס, איך און מיין קינד זענען מיר אייגם! ער אָבער איז עפּים אויסער אונז ביידען, ער איז ווייט פון אונז און איך קאָן מיין בעגעהר נאָך איהם מיט קיין זאַך נישט שטילען, דאַרום שטייגט די בענקשאַפט נאָך איהם אין מיין האַרץ אַלץ

שטאַרקער און שטאַרקער! אַ ט ט אַ האָט הערצליכע קינדערשע ליבעס־ווערטער צו זיין מוטער געשעפטשעט.

די קינדער־פרוי, וועלכע האָט אין אַ דערבייאיגען צימער דעם קליינעם וועש געפלעט, האָט דורך די טהיר אַריינגעקוקט און געשאָקעלט מיט דעם קאָפּ. — וואָלט זי איהם נישט מעהר געזעהן! — האָט זי ביי זיך געטראַכט. — זייט דעם מיר זענען אין דעם פערשאָלטענעם נעסט געוועזען, האָט זי זיך אין גאַנצען פערענדערט. פריהער, אַז די פרוי האָט נאָך געלעבט האָט זי גאָרנישט אַזוי פיעל נאָך איהם געבענקט! קאָן זיין, אַז ווען די פרוי פאָן ד ר אָ ס וואָלט נאָך געלעבט און זי וואָלט נישט געהאַט וואָס צו זאָרגען, וואָלט זי גאָר אַנדערש אויסגעזעהן? אפשר גרעמט זי זיך שטאַרק וואָס זי בעקומט קיין שטעלע נישט. איך וואָלט שוין געוואָלט זי זאָל עפּיס וועלכע נישט איז בעשעפטיגונג בעקומען! דען בעקומען נאָר די האַלבע לויהן און די פּראָסטע עסענס און דאָס קריכען אויפ'ן פיערטען עטאַזש דאָס איז שוין איבער מיינע כחות; לאַנג אויסהאַלטען קאָן איך דאָס נישט, און אונזער איינע קריגט לייכט אַ שטעלע! — — איהר לאָזען ווידער אַזוי און אַוועקגעהן קאָן איך אויך נישט, עס וועט זיין זעהר נישט אַנשטענדיג פון מיין זייט! — —

פריילין מ אַ ר ס ו האָט אַ נ נ אַ'ן נישט נאָכגעלאָזען און זי האָט געמוזט איהר צוליעב זיך אויספוצען איידער זי איז צום צאָהן־אַרצט געגאַנגען. די זינגערין איז געבליבען ביי איהר אין צימער און האָט אַכטונג געגעבען. — אַזאַ הערר האָט אויך ליעבער אַ שעהנע ווירטשאַפטערין פאַר אַ נאַכט־סאָווע, און אַן עלעגאַנט געקליידעטער מענש קאָן גאָר אַנדערע פּרעטענזיעס מאַכען! — — — אָט אַזוי, יעצט וועל איך איין נאָך אַ ביסעל די האָר פריזירען און אייך דעם שלייער אַרומבינדען, אָט אַזוי! — — — — — איהר זייט דאָך עפּיס אַ מין זעלטענע ערשיינונג, נישט שעהן, אָבער טויזענד מאָל מעהר ווי שעהן: אַ האַרץ־געווינערין! ווען ער זאָל נישט פאַר אייך באַלד ווערען די כפּרה, ווייס איך נישט, איז ער אַן אייז־קאַלטע בריאה! — — —

— איך וואָלט געוואָלט ער זאָל אויף מיר מיט אייערע אויגען קוקען! — האָט אַ נ נ אַ געזאָגט און איהר לייכט די באַקען געגלעט. דערביי איז איהר פריילין מ אַ ר ס ו אויף דעם האַלז געפאַלען און איהר הערצליך געקושט: — זאָל זיין מיט מזל, פריילין, נאָר נישט זיין אַראָבגעפאַרען — — — פריילין ז אַ נ ד ע ר ס! איך קאָן אייך גאָרנישט זאָגען ווי

גרויס מיין שמחה וועט זיין, אַז איהר וועט דורך מיר בעקומען אַ שטעלע! —— ——

—— דאָס ווייס איך און איך דאַנק אייך שוין פאַר אייער גוט האַרץ אויב עס וועט דערפון עפּיס יאָ ווערען אָדער נישט. און איבריגענס רופט מיך פּשוט פריילין-מוטער, איך בין עס דאָך און ווייס מיין צונאָמען! ——

די מאַרסו איז געקומען אין פערלעגענהייט ווי אַ קינד, אַז מען דערטאַפּט איהם ביי עפּיס נישט שעהנעס. אַננאַ האָט פון איהר אָבשיעד גענומען און מיט אַ האַרץ פול האָפנונג די טרעפּען אַראָבגעשטיגען.

זי איז מיט דעם טראַמוויי צוגעפאָהרען ביז דעם ראָג פון דער פאָרנעהמער גאַס אין וועלכער דער בעריהמטער צאָהן-אַרצט האָט געוואוינט. מיט לייכטע טריט איז זי אויף די טרעפּען אַרויפגעשטיגען. די איינפאַכע בעפּוצונג פון די טרעפּען, דער עדלער ריח פון די בלומען, האָט ענטציקט איהר צאַרטע זעלע וואָס האָט אַזוי שטאַרק נאָך שעהנקייט געדאָרשטעט. אויף די טרעפּען-פענסטער זענען געשטאַנען פּראַכטפולע פּאַלמען און שטענדער מיט בליהענדיגע און וואָהלריכענדיגע בלומען. די איינטריטס-טהיר האָט אויסגעזעהן ווי אַ שפּיגעל. זי האָט גאַנץ שטיל אָנגעקלאַפּט, אַ יונגער דינער אין אַ העלען קאָסטיום האָט איהר געעפענט און העפליך געזאָגט:

—— די שפּרעך-שטונדען זענען שוין צו ענדע, גנעדיגעס פריילין.

—— זי וועלען אַזוי גוט זיין דעם הערן פּראָפעסאָר מיין קאַרטע איבערגעבען, איך קום נישט אַלס פּאַציענטין.

דער דינער האָט, זיך שטום פערבויגענדיג, די קאַרטע פון איהר האַנד צוגענומען און איז דערמיט פערשוואונדען געוואָרען, אָבער אין אַ פּאָר מינוטען שפּעטער איז ער צוריקגעקומען און זיך לייכט פערבויגענדיג געזאָגט:

—— דער הערר פּראָפעסאָר לאָזט אייך בעטען אַריינצוקומען!

דער דינער האָט איהר אַריינגעפיהרט אין אַ גרויס צימער, וועלכעס איז מיט עלעקטריש פייער בעליייכטעט געוועזען און מיט דעם געשמאַקפולסטען פּראַכט איינגעריכטעט געוועזען, טייערע בילדער און בראָנז-פיגורען האָבען די ווענד בעציערט —— אַננאַ'ס אויגען האָבען זיך נישט געקאָנט זאַט אָנקוקען פון דער שעהנער און גאַנצער האַרמאָניע, וואָס האָט אין דאָס דאָזיגע צימער געהערשט. איהר פאָטער איז געוועזען אַ קונסט-פערעהרער. און האָט אין זיין טאָכטער'ס האַרץ איינגעפלאַנצט די ליידענשאַפט צו אַלץ וואָס איז שעהן און געשמאַקפול, און זי איז איהם דערין אַ טרייע

שילערין און חבר׳טע געוועזען! — דאָ קאָן נאָר אַן׳עדלער מענש וואהנען! אַזאַ וואהנונג בויט זיך נאָר אַן׳עדלע נשמה אויס! — האָט זי ביי זיך געטראַכט און איהר הארץ האָט שטאַרק אָנגעהויבען קלאַפּען, בשעת איהר בליק האָט זיך אויף די אײנצעלנע געגענשטאַנדען פון צימער געוואָרפען, זי האָט נישט געזעהן, אַז שאָלצינג האָט איהר שוין דורך די פּאָרטיערען בעטראַכט. ערשט דאַמאָלס ווען דורך אַ דריק פון זיין האַנד איז אויך דער דערבייאיגער צימער, אַ פּערסישער רויכער־צימער בעלייכטעט געוואָרען האָט זי זיך אומגעקוקט. יעצט האָט זי איהם בעמערקט. ער איז צוגעגאַנגען נעהנטער. אַ שלאַנקער הערר מיט אַ קאָפּ ווייסע האָר מיט אַ פּיינעם שוישפּילער־געזיכט אָהן אַ באָרד. אויף זיינע צאַרט־ווייסע הענד האָבען טייערע רינגען געבלישצעט, זיינע קליידונג און זיין גאַנצעם בענעהמען איז געווען פון אַן׳ערפאַהרענעם וועלטמאַן. געשיקט האָט ער זיך אַריינגעלאָזט מיט אַננאַ׳ן אין אַ שמועס וועגען קונסט און פּאָליטיק, נישט בעריהרענדיג דאָס טהעמאַ איבער וועלכע זיי האָבען אייגענטליך געברויכט צו רעדען. צו ערשט האָט זי איהם געענטפערט בעקלערענדיג זיך פאַר דעם אַ געוויסע צייט, דערנאָך געשווינדער און פעסטער. זי האָט זיך זעהר גוט געפיהלט אין דער אונטערהאַלטונג און זי האָט גאָר ווי פערגעסען, אַז זי איז דאָ געקומען וועגען אַ שטעלע. זי האָט אַלץ פרייער און מונטערער אַרום זיך געקוקט. דאָס געזיכט האָט אַ לייכטע עדלע רויטקייט בעקומען. איהר שלאַנקע געשטאַלט איז אומגעצוואונגען אין דעם פּאָלסטער־שטול געזעסען. ער האָט זי געבעטען זי זאָל דעם זשאַקעט אויסטהון, כדי זי זאָל זיך אַרויסגעהענדיג נישט צוקיהלען. זי האָט זיין עצה געפאָלגט. — שאָלצינג האָט זיך נעהנטער צו איהר צוגערוקט איהר בײם אויסטהון דעם זשאַקעט צו העלפען. ער האָט שוין געהאַט דערצו די הענד אויסגעשטרעקט, זי האָט איהם אָבער נישט צוגעלאָזען, העפליך דאַנקענדיג. מיט אַ זאַנפטען שמייכעל האָט זי צו איהם אַרויפגעבליקט און אַ שוידער געמישט מיט עקעל האָט איהר פּלוצלונג דורכגענומען. נישט ווילענדיג האָט זי זיך צוריקגעבויגען. זיין בליק, וועלכער איז אַזוי מעסטענדיג אויף איהר פיגור געוועגדעט געווען, זיין פעסט געקלעבטער שמייכעל אין דעם מויל־ווינקעל האָט איהר דענערווירט. ער האָט עס, ווייזט אויס, בעמערקט, דען ער איז באַלד צוריקגעטרעטען און זיך איהר קעגענאיבער געזעצט. דער אונאַנגענעהמער צוג אויף זיין געזיכט איז פערשוואונדען געוואָרען.

— האָבען זי שוין דאָס פריילײן מאָרסו געהערט זינגען? — האָט

ער געפרעגט, און אז אננא האט צו איהם מיט דעם קאפּ אויף ניין געשאָקעלט, האט ער ווייטער גערעדט. — זי האט א פּראַכטפולע, סימפּאַטישע שטימע, אבער ליידער איז זי קראנק, און מוז שטענדיג פון א האלז-ארצט בעהאנדעלט ווערען! — —

— איך ווייס עס, הערר פּראָפעסאר, און בעט איהר דעריבער קיינמאל נישט, זי זאל מיר עפּיס זינגען. איך הער מעהר נישט אמאל דורך דער וואנד ווי זי איבט זיך אין זינגען. מיר וואהנען נישט אויף איין עטאַזש! —

— א, אזוי, מיין פריילין! — האט זיך שאלצינג אבגערופען — עס איז גוט, וואס זי איז אלס געזאנג-לעהרערין אנגעשטעלט! איבריגענס, שיינט מיר, האט פריילין מארסו זיך געוואלט אנ'אייגענע וואהנונג גענומען, ווי באלד אז זי קאן נישט מאכען איהרע קאָנצערט-רייזען און מוז זיצען אויף איין אָרט. איהר וואהנונג איז צו ווייט פון איהרע שילערינען, און ווי זי זאגט, אויך נישט עלעגאנט גענוג!

— איך מייד אוים יעדען פערזענליכען געשפרעך מיט אונזערע פּענסיאָנערען, — האט אננא געענטפערט, — און ווייס דעריבער אייך קיין ענטפער נישט צו געבען. פריילין מארסו איז צו מיר זעהר פריינדליך און נעמט זיך פאר מיר אָן — — — און — — — — מיין קינד אזוי צוגעטהון, אז זי פערדיענט פון מיר דעם העכסטען דאנק! —

— יא, זי איז א ווארעמהערציגע, ליעבע דאמע! — האט דער פּראָפעסאר בעשטעטיגט, — זי האבען אין איהר א טרייען אנגעהמער און פערטהיידיגער געפונען, פריילין זאנדערס! —

אננא האט זיך שטום פערבויגט. איהר הארץ האט אנגעהויבען צו פּאכען. זי האט געפיהלט, אז זי שטעהט יעצט פאר אנ'ענטשיידונג.

שאלצינג האט אבגעהוסט לייכט און ווייטער גערעדט:

— דורך פריילין מארסו ווייס איך אייער לאגע, מיין גנעדיגע! הם, איך מוז מיר מודה זיין, איך בין אנ'אלטער, ערפאהרענער מאן, און האב מיר שוין הם, דאס אורטהיילען, הם, איך מיין דאס פעראורטהיילען שוין אין גאנצען אבגעוואוינט! אייער שיקזאל און די ארט ווי איהר עס טראגט דערוועקט מיין אויפריכטיגע סימפּאטיע און בעוואונדערונג. — — —

איך שטעה היינט אזוי, אז איך ברויך נאך קיין מענשען נישט צו פרעגען; מיינע קינדער זענען שוין לאנג אויסגעגעבען, מיינע דיענערשאפט אזוי לאנג טריי און איבערגעגעבען ווי לאנג איך בעהאנדעל זיי גוט און בעצאהל זיי גוט. דאס איינציגע אויף וואס איך דארף אכטונג געבען איז מיין פּראקטיק,

גאר צו לאנג ווײל איך מיר דערמיט אויך נישט פערנעמען! איך וועל קירצליך מײנע פראקטיק אין גאנצען אויפגעבען. דאמאלס בלײב איך אן אלטער אײנזאמער מענש, וואס זײן הײם זאל איהם אויספילען דעם ארט פון דער פערשוואונדענער פאמיליע, פון דער בעשעפטיגונג. איך האב ליעב א בעקוועם הויז, א גוטע אונטערהאלטונג, א פײן-בעזעצטען טיש. מײן ליעבע, גוטע פרוי פאן בריננק האט זעקס יאהר נאך מײן ווײבס טוידט געפיהרט מײן הויז אין בעסטען ארדנונג. מיר שײדען זיך זעהר נישט גערן פונאנדער! —

א קורצע פויזע. ווידער האט אננא זײנע בליקען אויף זיך געפיהלט. ווידער האט זי זיך זעהר אונבעקוועם געפיהלט.

— א ווירטשאפטערין בײ אן'אלטען מאן זאל ——— ——— ——— אין א געוויסען מאס ——— איהם די שטעלע פון א פרוי און קינדער אויספילען!

— איך קאן אײך גארנישט זאגען, מײן פרײלײן, ווי זעהר איהר זײט מיר געפעלען! ווי איך זעה אין אײך די אײנציגע אויספילונג פאר מײן געטרײע בריננק! ——— ———

אננא האט זיך פערבויגט.

— פרײלײן מארסו האט אײך מײנע בעדינגונגען געזאגט. אײער קומען צו מיר בעווײזט, אז איהר געהט דערויף אײן! — איך פון מײן זײט האב פיעל וועגען אײך, פרײלײן זאנדערס נאכגעדאכט. איך וועל אײך נישט פערלײקענען, אז איך האב שטארק, זעהר שטארק געקלערט און נישט געקאנט זיך ענטשליסען. שוין נישט קוקענדיג פון דעם קאמפף מיט מײן פאמיליע, אויף די אונאנגענעהמע פראגען פון אײניגע גוטע פרײנד צווישען מײנע פאציענטען. מיט די אלע קלײניגקײטען וועל איך שוין פארטיג ווערען, אזוי ווי איהר וועט פארטיג ווערען מיט אײניגע ווידערשפענסטיגקײטען פונ'ם פערזאנאל! ——— ——— ——— איך ווײס, אז איהר וועט זיך פון אײער קינד נישט שײדען, און דאס געפעלט מיר גראד זעהר גוט! אבער איהר דארפט אויף מיר נישט האבען קײן פערארבעל, אז איך אלטער מאן וויל אז בײ מיר אין הויז זאל זײן רוהיג! א געזונדטער יונגעל אבער, וואס האלט אין וואקסען ——— ——— ——— ——— ביטע אונטערברעכען זי מיר נישט!

אננא האט א בעוועגונג געמאכט און געוואלט עפיס זאגען: ——— ———

ער האט איהר אבער נישט געלאזט און ווײטער גערעדט: די וואהנונג ליעגט אין א זעהר גינסטיגע לאגע. זומער איז דער גארטען פאר מיר אלײן בעשטימט. ווען איהר זאלט עס פערשטעהן ריכטיג אײנצוארדנען, וועל

איך דעם יונגע קוים שפירען. עס פערשטעהט זיך אַליין, אַז די קינדער־פרוי מוזט איהר בײַ איהם ווײַטער האַלטען, בכדי איהר זאָל זיך קענען אין גאַנצען איבערגעבען מיר און די ווירטשאַפט, בעצאָהלען די קינדער־פרוי וועט איהר, פרײַליין זאַנדערס! די קאָסט, נו, וואו עס וועלען אַזוי פיעל זאַט ווערען וועט זי אויך נישט הונגעריג בלײַבען. איך האָב מיר אפילו בעשלאָסען איהר געהאַלט אויף הונדערט מאַרק אַ חודש פעסט־צושטעלען! ער האָט גערעדט קורץ און געשעפטליך. — זײַט איהר דערויף אײַנשטימיג?

שאָלצינג האָט זיך אויפגעהויבען, דאָס זעלבע האָט אויך אַננאַ געטהון. אַ סעקונדע האָט איהר פאַר די אויגען געשווינדעלט. זי האָט איהם אָנגעקוקט. ער האָט אויסגעזעהן ערנסט און אויפריכטיג.

— נון, פרײַליין זאַנדערס, זײַט איהר מסכים?

— מסכים! — האָט זי געענטפערט קאַלט, און איהר שטימע איז ווי אָבגעהאַקט געוואָרען פאַר אינערליכער אויפרעגונג. ער האָט איהר האַנד צו זײַנע ליפען צוגעצויגען און דערנאָך געזאָגט:

— יעצט ווילט איהר אַודאי די וואָהנונג זעהן? דאַרף איך אײַך בעטען?

אין עס־צימער האָט ער איהר פאָרגעשטעלט פאַר דער פרוי ברינק, וועלכע האָט זיך בײַם בופעט בעשעפטיגט. די פאָרנעהמע דאַמע געקליידעט אין אַן עלעגאַנטע טאָאַלעטע, וואָס פאַסט שוין נישט צו איהרע עלטערע יאָהרען איז איהר נישט געפעלען. זי האָט זעהר נישט פײַן אויסגעזעהן און האָט איהר מיט די אויגען אַזוי עקזאַמענירענדיג בעקוקט, אַז עס האָט איהר אַן עקעל אָנגענומען. די דיענערשאַפט האָבען איהר אויך אַזוי אָנגעקוקט, האָבען זיך געסוד'עט און געוואונקען. אַננאַ'ס געזיכט האָט אָנגעהויבען פלאַמען פאַר צאָרן. איז דאָס איהר קינד וואָס האָט איהר שוין דאָ וויעדער געשאַדט? — ווי אין חלום איז זי דורך די שעהנע, עלעגאַנטע צימער דורכגעגאַנגען. ער האָט איהר ערקלערט: — דאָ איז דער קאָרידאָר, ביטע! די דאָזיגע בײדע צימער זענען לאַבאָראַטאָריען, דאָס פאַר די טעכניקער. דאָ איז מײַן אָנקליידע־צימער און דאָס דערבײַאיגע — מײַן שלאָפצימער. — דאָס וועט זײַן אײַער צימער, פאָרלויפיג וואָהנט דאָ נאָך די פרוי פאָן ברינק, דערבײַ האָט שאָלצינג אַ דרעה געטהון אַן עלעקטרישען קנאָפּ און אַננאַ האָט דערזעהן אַ ווײַכליכען בעקוועמען צימער, פערשמעקט מיט פערפומע. קעגענאיבער די בעט פון צימער איז

(פאָרטזעצונג קומט).

מאַרק טוועֶן.

# די טאָגע־ביכלעך פון אדם און חוה.

## I.

## אָדם׳ס טאָגע־ביכעל.

מאָנטאָג. דאָס נײַע בעשעפעניש מיט די לאַנגע האָר שטערט מיר גענוג. דאָס לאָזט מיר נישט אָפּ אויף אַ טריט פון זיך, זי הענגט זיך שיער נישט אויפ׳ן האַלז. איך בין נישט געוואוינט שטענדיג צו זײַן אין קאָמפּאַניע, און דאָס הויבט מיר אָן דערעסען. עס וואָלט געווען בעסער, אז זי וואָלט זיך צוגעטשעפּעט צו עפּיס אַנ׳אַנדערע חיה... הײַנט איז וואָלקענדיג, ס׳בלאָזט אַ מזרח־ווינד — ס׳וועט זיכער זײַן אַ רעגען, און אונז וועט ווידער אויסקומען צו ווערען דורכגענעצט... מיר? אונז? פון וואַנען האָב איך גענומען די ווערטער? אַך, יאָ, זיי האָט בענוצט דאָס נײַע בעשעפעניש.

דינסטאָג. הײַנט האָב איך בעקוקט אַ גרויסען וואַסער־פאַל. אַ וואונדערליבע שעהנע שטיק! דאָס נײַע בעשעפעניש האָט איהם צוליעב עפּיס אָנגערופען ניאַגאַרישער „וואַסער־פאַל״. עס פערוויכערט, ס׳איז הייסט עס עהנליך אויף ניאַגאַרע — און לויט מיר דאַכט איז דאָס איינפאַך אַ נאַרישער קאַפּריז. איך האָב ביז דער צײַט נאָך פאַר קיינעם זיך נישט בעמיהט אויסצוזוכען אַ נאָמען, און דאָס נײַע בעשעפעניש אַיילט אַ נאָמען געבען אַלץ, וואָס עס פאַלט איהם נאָר אויף די אויגען. איך בעוויַיז נישט אפילו צו פּראָטעסטירען. און שטענדיג איין און דערזעלבער פּירוש. אַז דאָס, זאָגט עס, איז עהנליך אויף דאָס און דאָס. לאָמיר נעהמען למשל, אַפילו אַנ׳עפּעלע, אַזוי זאָגט עס, דו טהוסט נאָר אַ קוק אויף איהם, דערקאָנסטו גלײַך, דאָס איז נישט עפּיס אַנדערש, נאָר אַנ״עפּעלע״. איך אַמפּער זיך נישט, ווײַל מיר איז דאָס אַלץ איינס. פאַר וואָס זשע אָבער, מוז דאָס זײַן אויסדריקליך אַנ״עפּעלע״?

מיטוואָך. כ׳האָב זיך אויפגעבויט אַ געצעלט פאַר׳ן רעגען, האָטש איך קאָן זיך נישט מיט איהם רוהיג בענוצען, אַ דאַנק דאָס נײַע בעשעפעניש. ווען איך האָב עס געוואָלט אַרויסוואַרפען, — האָט דאָס אָנגעהויבען גיסען וואַסער פון די שפּאַלטען מיט וועלכע דו קוקסט, צו רײַבען זיי מיט די לאַפּעס און פּישטשען, ווי פיעלע אַנדערע חיות, בעת דו שלאָגסט זיי. ס׳איז גאָר נישט, אויב דאָס נײַע בעשעפעניש וואָלט געשוויגען, און דאָס פּלוידערט עס, און הערט נישט אויף.

איך וויל אין גאַנצען ניִשט אונטערדריקען דאָס אָרעמע בעשעפעניש אָדער לאַכען איבער איהם, אָבער, דאָך דערעסט עס שרעקליך חרוב מאַכענדיג די גרויסאַרטיגע שוויַיגזאַמקייַט, וואָס האָט געהערשט ביז דער צייַט אַרום מיר, און דאָס וויכטיגסטע עס פלאַטעלט אונטער'ן סאַמע אויער. איך בין צו דעם ניִשט געוואוהנט. איך קלאַנגען זענען דערבעגפלויגען אמאָל צו מיר, איז שטענדיג מעהר אָדער וועניגער פון דערווייַטען.

דאָנערשטאַג. זי גיט אַלץ וויַיטער נעמען. איך שטער איהר ניִשט מעהר. האָטש אָפּט=מאָל איז דאָס זעהר פּערדריסליך; בעזונדערס, ווען עס בייַטען זיך די נעמען, צו וועלכע איך בין צוגעוואוהנט. מייַן ממשלה, למשל, האָב איך אָנגערופען אַ גאַנצע צייַט „אָרם'ס גערטנער", — זעהט אויס שעהן און פייַן=קלינגענדיג, און דאָס נייַע בעשעפעניש האָט אייַנגעפונען, אַז דאָס איז ניִשט צוגעפּאַסט, אַז מייַן ממשלה דערמאַהנט גיכער אַ פּאַרק, איידער אַ גאָרטען, און ניִשט עצהנ'דיג זיך מיט מיר, האָט זי זיי אָנגערופען „ניאַגאַרישער פּאַרק". נאַריש, ניִשט אַזוי? נאָר איך האָב זיך אונטערגעגעבען. האָטש טיעף אין דער זעעל רוף איך ווי פריהער דעם פּאַרק–גאָרטען. הייַנט האָבען אויף די בוימער זאָגאַר זיך געמאָלדען אויפשריפטען „איבער'ן גראָז זאָל מען ניִשט געהן". אמת, ס'אַנגעלעכטער אין אַלגעמיין, מייַן לעבען יעצט איז ניִשט אַזוי אַנגענעהם ווי פריהער.

פרייַטאַג. דאָס נייַע בעשעפעניש האָט שרעקליך ליעב פרוכט, אַזוי אַז אין זיבען וועלען זיי פאַר אונז, ניִשט זייַן גענוג. ווידער „מיר" „אונז". וואָס טהוט מען! איך העַר אַזוי אָפט די ווערטער, אַז כ'בין שוין געוואוהנט צו בענוצען זיי. הייַנט אין דער פריה איז געוועזן אַ שטאַרקער נעבעל, און איך בין ניִשט אַרויסגעגאַנגען פון געצעלט, נאָר דאָס נייַע בעשעפעניש לויפט אום אָהן אויפהער און דערנאָך טראָגט עס אָן בלאַטע אויף די לאַפּעס. און פלוידערט, פלוידערט אָהן שוויַיגען! ווי דאָ איז אָהן איהם געוועזן גוט און שטיל!

זונטאַג. די גאַנצע צייַט איז אַ רעגען. דער טאָג, פאַרגעצייַכענט פאַר אַברוה, געהט זיך בעזונדערס לאַנגווייַליג. הייַנט האָט דאָס נייַע בעשעפעניש שוין פּראָבירט אַראָפּקלאַפּען עפּעל פון עץ הדעת. וואָס זשע איז דאָס, ענדליך, אַזוינ'ס?

מאָנטאַג. דאָס נייַע בעשעפעניש זאָגט, אַז איהם רופט מען חוה! מיר איז דען ניִשט אַלץ איינ'ס? זאָל זייַן חוה! דאָס זאָגט אויך אַז עס איז ניִשט „דאָס" נאָר „זי". ווידער איז מיר אַזוי אַלץ איינ'ס. אַבי נאָר „דאָס" אָדער „זי" זאָל ניִשט אַזוי פיעל פלוידערן, זאָל מיך לאָזען צורוה.

דינסטאַג. זי האָט דעם גאַנצען וואַלד פאַרשמירט מיט אויפשריפטען:

„דער וועג צום וואַסער=פאַל"

„דער וועג צום געננ=אינזעל"

„צו דער הייל פון ווינטען"

אַ שפּיעל. און שוין.

זי זאָגט, אַז אונזער פּאַרק איז אַ שעהן ווילדען אָרט. וואָס איז אַזוינס „אַ ווילדען אָרט"? אַ וואָרט וואָס האָט אפשר אַ בוים געדאַנק. נאָר כ'האָב ניִשט אָנגעהויבען פרעגען קיין ערקלערונג, ווייַל אַזוי וואָלט אויסגעקומען אפצוזאָגען דרייַ טעג. זי האָט שרעקליך ליעב צו ערקלערען.

דאָנערשטאָג. זי בעט מיך נישט באָדען אין וואַסער=פאַל. און פריהער האָב איך דאָס אַזוי געליעבט. זי זאָגט אַז זי שרעקט זיך פאַר מיר. וואָס, פרעגט זיך? אָהן איהר, האָב איך דאָך שטענדיג דאָס געטהון. אַזוי אַנגענעהם: און דו וואַשט זיך אָב, און דו שווימסט. אַנדערש צו וואָס זשע עקסיסטירט אויף דער וועלט וואַסער=פאַלען? ווי זענען דאָך נישט אומזיסט בעשאַפען געוואָרען. זי זאָגט אַז דאָס איז פאַר שעהנקייט, פאַר'ן בילד, ווי וואַסטאַדאַנטען און נאַסאַראַגען. כ'האָב זיך היינט איבערגעפּעקעלט דורכ'ן וואַסער=פאַל אין אַ פעסעל — אַ סצענע! איך האָב איבערגעשוואומען אויף אַ פלאַט פון פייגען=צווייגען — ווידער אַ סצענע. זי קלאָגט זיך אויף מיין האַראַקטער, אַך, ווי דאָס אַלץ האָט מיר דערעסען! איך דאַרף נישט אַנדערש רייזען, כדי אַביסעל אָפּצורוהען.

שבת. פאַרגאַנגענעם מיטוואָך ביי נאַכט בין איך אַנטלאָפען פון חוה. כ'בין געגאַנגען גאַנצע צוויי טעג, בעמיהענדיג זיך נישט איבערצולאָזען קיין צייכענס, און אין אַ פערוואָרפען אָרט האָב איך זיך געבויט אַ צווייטעס געצעלט, מיינענדיג, אַז דאָ וועט מען מיך נישט געפינען. אָבער חוה האָט מיך אויסגעשפּירט, מיט דער הילף פון אַ האַנד=חיה, וועלכע זי רופט אָן אַ וואָלף. זי האָט זיך בעוויזען און, געוועהנליך, האָט זי ווידער אָנגעהויבען פלוידערן, פערגיסען וואַסער און אַלץ, ווי עס געהער צו זיין. איך האָב געמוזט זיך צוריק קעהרען צו איהר, נאָר ביי דעם ערשטען בעקוועמען צופאַל אַנטלויף איך ווידער.

מיט וואָס פאַר אַנ'אומגעגליכע נאַרישקייטען זי פאַרנעהמט זיך! פאַר וואָס לייבען, טיגערס און אַנדערע חיות וואָס האָבען שאַרפע צייהן שפּייזען זיך מיט גראָז, ווען זיי, לויט דעם געבוי פון זייערע צייהן געהערען צו עסען פלייש! אָבער אַזוי וועלען זיי דאָך אָנהויבען צו פרעסען איינער דעם צווייטען, און דאָס, ווי ס'ווייזט זיך אויס, וואָלט אַריינגעברענגט אין מיין ממשלה דעם טויט וועלכער האָט זיך דאָ נאָך קיינמאָל נישט בעוויזען... (האָטש דאָס איז אַ שאָד, נאָך איינינגע סבות).

זונטאָג. אַ גאַנצען טאָג האָב איך געהערט פלוידערן.

מאָנטאָג. ענדליך האָב איך פאַרשטאַנען צו וואָס עס זענען בעשאַפען די וואָכענ'ס=טעג — פאַר אָפּרוה פון זונטאָג. נישט שלעכט אויסגעקלערט! זי איז ווידער געקראָכען אויפ'ן עץ הדעת, נאָר כ'האָב זי אַראָפּגעשלעפּט פון דאָרט. זי מאַכט זיך בערעכט מיט רעם, וואָס קיינער האָט נישט געזעהן, ווי דאָס וואָלט געקאָנט זיין אַ בערעכטיגונג פאַר אַ שלעכטער טהאַט. איך האָב איהר אַזוי געזאָגט, האָט זי דורכגעלאָזט מיינע בעווייזען און איז אין בעגייסטערונג פון דעם וואָרט בערעכטיגונג. דאָס האָט איהר שרעקליך געפעלען. זי איז מיך מקנא, פאַר וואָס נישט זי האָט דאָס אויסגעקלערט. —

פרייטאָג. חוה זאָגט, אַז זי, הייסט עס, איז בעשאַפען פון מיין ביין. דאָס איז גענוג צווייפעלהאַפט, אַזוי ווי ביי מיר זענען אַלע ביינער גאַנץ. אַ גאַנצען טאָג האָט זי זיך געקאָכט וועגען קאַרשון; זי מיינט, אַז ער דאַרף עסען נבלה, און נישט קיין גראָז. אָט האָט זי זיך געגעבען אַרבייט! מיר קאָנען דאָך נישט איבערדרעהען דאָס געבוי פון דער וועלט, כדי צו פערגניגען דעם קאַרשון. זאָל ער אַליין וועגען זיך זאָרגען, ווי ער וויל.

שבת. געכטען איז זי אַריינגעפאַלען אין ברונען, אין וועלכען זי ק.קט

זיך שטענדיג איין און שיער זיך נישט דערטרונקען. זי זאָגט אַז דאָס איז זעהר אונאַנגענעהם. זי בעדויערט זעהר די לעבענדיגע וועלכע לעבען אין וואַסער. איבער איהר נאַרישע געוואוהנהייט, רופט זי זיי פיש, האָטש זיי גוטיגען זיך נישט אין קיין שום נאָמען און אויף קיינעם רופען זיי זיך נישט אָן. זי האָט זיי אָנגעהאַפּט אַ גאַנצע קופּע און בייַ נאַכט האָט זי זיי אַרייַנגעלעגט צו מיר אין בעט אַרייַן, זיי זאָלען זיך אָנוואַרעמען. קאַלטע, גליטשיגע, און דאָס גלייך אויפ'ן נאַקעטען קערפּער! זייט מוחל שלאָפט איהר בייַ אַזעלכע בעדינגונגען! אויף די קומענדע נאַכט וועל איך זיי נישט אַנדערש אַלע אַרויסוואַרפען. ס'איז דען קוים פאַר זיי אַנגענעהם צו שלאָפען מיט מיר. הייַנט אַ גאַנצען טאָג זענען זיי אָבגעלעגען אָהן בעוועגונג.

זונטאַג. אַ גאַנצען טאָג האָב איך פערצווייַפעלט געלאַנגווייַלט-זיך.

דינסטאַג. יעצט איז זי פאַרנומען מיט'ן שלאַנג. אַלע אַנדערע חיות זענען צופריעדען, וואָרום זי האָט זיי אַלע דערעסען. צופריעדען בין איך אויך: די שלאַנג קאָן רעדען, — און אָפשר, וועט זי מיך לאָזען צורוה.

דאָנערשטאַג. לויט חוה'ס ווערטער עצהט איהר דער שלאַנג פּרובירען די עפּעלעך פון עץ הדעת, פערזיכערנדיג, אַז זי וועט פון דעם זעהר קלוג ווערען. איך שפּאַר נישט אָפּ די מייַנונג, פונדעסטוועגען האָב איך געפונען פאַר אַ חוב צו וואָרענען, אַז אויב דער איסור וועט אָנגעריהרט ווערען קומט דאַן דער טויט. יעצט וועה איך אַז איך האָב דאָס אומזיסט געטהון. בעסער וואָלט געווען כ'וואָלט גע-שוויגען, דען חוה, וועט זיך אָנחאַפּען אָן דער מעגליכקייַט אָנצוגרייַטען אַ בעקוועהמע שפּייַז פאַר'ן קאַרשון, דעם לייב און דעם טיגער. איך האָב איהר געגעבען אַ עצה זיך האַלטען וואָס מעגליך ווייַטער פון בוים, און זי האָט גלייך געמאָלדען, אַז זי וועט מיך נישט הערען. כ'זעה פאַר גרויסע שוועריגקייַטען. ס'וועט זייַן נויטיג צו עמיגרירען.

(פאָרטזעצונג קומט).

Ред. Изд. Я. ЛИДСКІЙ, Европейская Литература То. 17.
Тип. Г. Пиментъ, Варшава, ул. Сѣраковская № 4.

קופּאָן פיר ניט אַבאָנענטען.

די וועלכע ברענגען 4 קופּאָנעם אין רעדאַקציע, און אין פּראָווינץ צו די אַגענטען, בעקומען די מאָנאַטליכע פּרעמיע פיר 10 קאָפּ. אין וואַרשע. אין פּראָווינץ 11 קאָפּ. די וועלכע האָבען 15 קופּ. צאָהלען פיר די איבריגע פּרעמיעס וואָס זענען אויסגערעכענט אין דער אַנאָנסע פון אייראָפּעאישע ליטעראַטור ווי אַבאָנענטען.




## אינהאלט.


5) אלאה׳ם פערד (לעגענדע) — א. לאָווענגארד.
2) אמעטיסטען — סט. פשיבישעווסקי.
3) ... פייל און דאס ליעד (געדיכט) — לאנגפעללאָ.
4) אויפ׳ן וואסער — גוּאי דע מאָפאסאַן.
1) ארטור שניצלער — געאָרג בראנדעס.
6) דער אונטערגאנג פון דעם הויז אושער (ענדע) — עדגאר פאָע.
7) פרייליין מוטער (ראָמאַן פון דייטשען) — ערנסט געאָרגי.
8) די טאגע-ביכלעך פון אדם און חוה — מארק טווען.


א. לאָווענגארד.

# אלאה׳ם פערד.

(א בעדואינער לעגענדע).

אין אראביען האָט אַ מאל געלעבט אַ מעכטיגער בעדואינער שבט. און דער שייך פון שבט, גאסאן, האָט פיעל מלחמות געפיהרט, בלוטיגע מלחמות און בעזיעגט אַנדערע שבטים.

און גאַנץ אָפט האָט ער אויפ׳ן שלאַכט-פעלד מאָהלצייטען געפּראַוועט. די געפאַנגענע שונאים זענען אין אַ טיעפען קוטער געווען און ער האָט געשכּור׳ט. און דאָס זיפצען פון די בעליידיגטע פרויען און זקנים האָבען פויקען און טראָמפּעטען פערטויבט. און רויטען וויין, ווי דאָס בלוט פון שלאַכט-פעלד, האָט מען אין גרויסע קרוגען געגאָסען און געטרונקען

נאָר אַ מאל איז גאסאַן קראַנק געוואָרען, און מען האָט צו איהם דערווישען און זנאַכערס גערופען; און מכשפים און בעדי־אוב זענען געקומען, נאָר עס האָט גאָרנישט געהאָלפען. נישט די גרעזער וועלכע פלעגען מופתים בעווייזען, נישט דאָס אָבשפּרעכען און פרעפלען און נישט די תפילות — קיין זאך האָט איהם אויסהיילען נישט געקאָנט.

אויפ׳ן פינפטען טאָג איז גאַסאַן ענטשלאָפען געוואָרען. און ער איז געוואָרען אונבעוועגליך און קאַלט, ווי אַ טויטער קערפער. און די נאָהנטע האָבען געמיינט, אַז ער איז געשטאָרבען. און זיי האָבען בעפוילען די קריעגסלייט פאַר זיינע פיס די שווערדען און פיילען אַנידערצולעגען. און אין זיינע קאַלטע הענד האָט מען אַ שאַרפען שפּיז אַריינגעלעגט און אַלע קריעגסלייט האָבען זיך פאַר איהם געקניעט.

און פּלוצלונג האָט גאַסאַן זיינע אויגען געעפענט. און די קריעגסלייט און אַלע נאָהנטע זענען דערציטערט געוואָרען. נאָר גאַסאַנ׳ס אויסזעהן איז געווען פינסטער און פון זיינע שוואַרצע אויגען האָט אַ פערצווייפלונג אַרויסגעקוקט.

— איך האָב אַ חלום געזעהן, — האָט גאַסאַן גענומען רעדען. אַלץ אַרום איז שטיל און אָבגעשטאָרבען געוואָרען, — פאַר מיר איז אַ גרייז געשטאַנען, און לאַנגע ווייסע האָר האָט ער געהאַט, און ווייס איז געווען זיין באָרד און נאָך ווייסער איז זיין געזיכט געווען. פאַר די שאַרפע שפּיזען און בלישטשינע שווערדען אין קריעג האָב איך קיין מורא נישט געהאַט, נאָר דער בליק פון גרייז האָט פון מיר מיין נשמה אַרויסגעריסען...

גאַסאַן איז ענטשוויגען געוואָרען און דעם קאָפּ אַראָבגעלאָזט. טיעפע קנייטשען האָבען זיין שטערן בעדעקט און זיין געזיכט איז נאָך שטרענגער און פינסטערער געוואָרען.

— דער גרייז, — האָט גאַסאַן ווייטער גערעדט, — האָט אָנגעהויבען רעדען און ווי אַ דונער האָט זיין שטים געקלונגען און ווי אַ בליץ האָבען זיינע אויגען געבלישטשעט. און ער האָט צו מיר גערעדט וועגען אַלאַה׳ס צאָרן, פאַר וואָס איך האָב אַזוי פיעל בלוט פון אונזערע נאָהנטע שבטים פערגאָסען און פאַר וואָס מיך האָבען די טרעהרען פון די אַלמנות און יתומים נישט גערירט. און ער האָט געזאָגט, אַז אויף אונז וועט אַ שונא בעפאַלען און מיר וועלען בעזיעגט ווערען.

און איידער גאַסאַן האָט רעדען אויפגעהערט, האָט זיך אַ טראַמפּלען פון פערד געלאָזט הערען. גאַסאַן איז פון בעט אַרויסגעשפּרונגען און פון צעלט אַרויסגעלאָפען. מען האָט איהם צוגעפיהרט אַ פערד. ער האָט זיך אַרויפגעזעצט און אַוועק מיט די קריעגסלייט צו דער מלחמה.

נאָר געזיעגט האָט דער שונא. און פון דאַן אָן האָבען זיי גענומען לעבען אונטער׳ן יאָך פון אַ פרעמדען שבט.

און גאַסאַן איז איבער די מדבריות געגאַנגען, געקלאַפּט דעם קאָפּ אָן דער ערד און צו אַלאַה׳ן מתפלל געווען.

און וועגען איין זאַך האָט ער צו אַלאַה׳ן מתפלל געווען: אַז ער זאָל איהם געבען כחות אַראָבצוואַרפען דעם יאָך. און געשוואָרען האָט ער

מעהר קיין שבטים נישט צו אונטערדריקען.

און אַ מאָל, אַז ער האָט איבער די מדבריות געוואַנדערט, איז גאַסאַן, ביי'ם פוס פון אַ באַרג ענטשלאָפען געוואָרען. און ווידער איז איהם דער גרייז צו חלום געקומען, און ער האָט געזאָגט גאַסאַן'ן: שטעה אויף און געה אַוועק אין דער מדבר. צוויי טעג און צוויי נעכט וועסטו אָהן עסען און אָהן וואַסער געהן. אויפ'ן דריטען טאָג וועסטו אַ שוואַרצען פערד דערזעהן. וועסט זיך אויף איהם אַרויפזעצען און וועסט מעכטיגע כחות בעקומען און וועסט דעם יאָך פון דיין שבט אַראָבוואַרפען. און אַז דער פערד וועט פערשוואונדען ווערען און דו וועסט דאַן געהן מלחמה האַלטען מיט בעדואינישע שבטים — וועסטו ווידער דעם צאָרן פון אַלאַה'ן דערפיהלען.

און גאַסאַן האָט זיך אויפגעכאַפּט און אין דער מדבר אַוועק. און ווי דער גרייז האָט איהם געזאָגט אַזוי איז עס געשעהן: אויפ'ן דריטען טאָג האָט ער אַ פערד דערזעהן. און מערקווירדיג שעהן איז דער פערד געוועזען. און גאַסאַן האָט זיך אַרויפגעזעצט און מעכטיגע כחות דערפיהלט. און מיט אַ מעכטיגער קלינגענדיגער שטים האָט ער זיינע קריגס-לייט צום קאַמפף גערופען.

און אין שלאַכט האָט גאַסאַן אַלע זיינע פיינד בעזיגט און אַראָבגעוואָרפען דעם יאָך.

און דער שבט האָט ווידער אָבגעלעבט. און גאַסאַן האָט ליעב געהאָט זיין פערד, און אין די לבנה-נאַכט פלעגט ער מיט'ן פערד איבער די מדבריות רייטען און פלעגט שפירען, אַז ער ווערט צוריק יונג.

נאָר אַ מאָל האָט זיך אין גאַסאַן'ן דערוועקט די אַלטע ליידענשאַפט צו מלחמות און פערפיהרט אַ קריעג מיט אַ צווייטען שבט. און ווי ער האָט זיך נאָר בעגעגענט מיט'ן שונא האָט איהם דאָס פערד פון זיך אַראָבגעשליידערט און פערשוואונדען געוואָרען.

און ווידער האָבען די שונאים געזיעגט.

און גאַסאַן איז ווידער אַוועק וואַנדערן איבער די מדבריות. אַלע מדבריות איז ער אויסגעגאַנגען און אַלץ דאָס פערד געזוכט. און ער איז מיט אַ באָרד און האָר בעוואַקסען געוואָרען, און וויים זענען זיי געווען ווי די שפּיצען פון באַרג לבנון, און מאָגער, אָבגעברענט איז זיין קערפער געוואָרען, און שטומפּ און טונקעל איז זיין בליק געוואָרען, און גאַנצע טעג און גאַנצע נעכט האָט ער צו אַלאַה'ן מתפלל געווען.

אַלאַה האָט איהם נישט געהערט און נאָר די שטילקייט פון דער מדבר האָט איהם געענטפערט.

איבערזעצט פון רוסישען L. K.

סט. פשיבישעווסקי.

# אמעטיסטען.

— אבער איך וועל קענען אין גיכען, אין גיכען קומען צו דיר; דו וועסט מיר ערלויבען — זי האט, טיעף גערירהט, זיך איהם אויף דעם האלז אנגעהאנגען.

— יא, יא, צייט צוויי, דריי וואכען וועל איך שרייבען נאך דיר, און דאן...

זיי האבען זיך צוגעדריקט איינער צום צווייטען אין א לאנג, הייס אומארמונג. ער האט גענומען איהר קאפ און זיך געצערטעלט מיט איהרע האר.

— איך בין דיר אזוי דאנקבאר, אזוי גאר אהן א מאס, אהן א ענדע דאנקבאר. איך האב קיין מאל נישט געגלויבט אין ליעבע, יעצט ווייס איך צום ערשטען מאל, אז איך בין געליעבט, אז עס איז נישט פארהאן קיין קרבן, וועלכען דו וואלסט נישט געקאנט פאר מיר ברענגען.

ער האט זי צוגעצויגען צו זיך.

— איך וועל פון דיר קיין מאל גאר נישט פערלאנגען, אבער איך גלויב, איך ווייס, אז דו וואלסט אלץ געקענט טהון פאר מיר, אלץ...

— דעם שווערסטען קרבן — האט זי שטיל געזאגט — עס איז נישטא קיין זאך אויף דער וועלט, וועלכע איך וואלט פאר דיר נישט געאפפערט... פאדער נאר. א גליק, דאס גרעסטע פערגעניגען וועט זיין פאר מיר, דיר די נשמה, אלץ אוועקצוגעבען...

ער האט זי לאנג געקושט, דעם שטערן, די אויגען, די האר.

— אצונד בין איך גליקליך — האט ער אין א ווייל ארום געזאגט — איך בין אינגאנצען, אינגאנצען גליקליך. ווי איך וואלט אויף דאס ניי, נאך א מאל געבוירען געווארען, אזוי שטארק, אזוי יונג פיהל איך זיך.

זי האט געלויכטען פון פרייד.

— אויך איך פיהל, ווי דו ביזט יונגער געווארען. ווען איך האב דיך דאס ערשטע מאל געזעהן ביזט דו געגאנגען איינגעהויקערט, דאס

מויל האָט זיך דיר יעדעס מאָל פערקרימט אין אַ מיאוס, קרענקליך שמייבעלע. שפּעטער האָב איך דערזעהן, אַז דיין קערפּער ווערט אַלץ שטאָלצער און שטאָלצער. און ווען דו ביסט אין אַ געוויסען טאָג איבער דער גאַס געגאַנגען — דו האָסט מיך נישט געזעהן, אָבער איך בין געגאַנגען פול גליק און פערוואונדערונג — ביזט דו געגאַנגען מיט דעם קאָפּ שטאָלץ אויפגעהויבען. ווי אַ קעניג ביזט דו געגאַנגען צווישען די מענשען... און דאָס האָב איך — איך געמאַכט...

— יאָ, דו, דו...

ער האָט גענומען איהרע הענד און זיי היים געקושט, מיט שטומע דאַנקבאַרקייט.

פּלוצלונג האָט זי זיך פון אָרט אַ ריס געטהון.

— גאָט מיינער! איך האָב שיער נישט פערגעסען. איך מוז דאָך דיר וויזען מיין פערמעגען, מיינע אוצרות. — זי האָט אָנגעהויבען זוכען די שליסלען.

זי האָט אַרויסגענומען אַ שקאַטולקע פון שופלאָד און האָט אָנגעהויבען פון איהר אַרויסצונעמען איין אוצר נאָך דעם צווייטען: אַ שווערע גאָלדענע קייט מיט גרויסע אַמעטיסטען, אַ פּאָר טייערע, אַלט-פראַנקישע רינגלעך און בריליאַנטענע שפּילקעס.

— דאָס איז געווען די גאַנצע ירושה איהרע. דאָס איינציגע פערמעגען, וואָס זי האָט געקענט אַרויסראַטעווען.

— דאָס איז די איינציגע זאַך, וואָס איך ליעב נאָך דיר. איך בעהאַלט דאָס צירונג, איך וועל דאָס נישט אָנטהון, ביז איך וועל קומען צו דיר צו פּאָהרען. דעמאָלט, באַלד אין ערשטען אָבענד, וועל איך זיך אויספּוצען אין זיי צו דעם שווערען, זיידענעם קלייד צו, פאַר דיר, פאַר דיר, פאַר דיין כבוד; זעה! דאָס איז נישט גרויסאַרטיג? — זי האָט אָנגעטהון די קייט אויפ'ן האַלז.

ער איז אומעטיג געוואָרען. ער האָט נישט געוואוסט פאַר וואָס. נאָר עס איז איהם מיט אַ מאָל עפּיס אַזוי אומאַנגענעהם געוואָרען. ווי אַ שווערער וואָלקען איז איהם דורך דעם קאָפּ אַ געדאַנק דורך-געגאַנגען: ווי אָרעם ער איז, ווי שווער וועט ער מוזען אַרבייטען. אָבער פאַר איהר אָ, יאָ!

— דו האָסט שוין ווען געזעהן אַזעלכע שעהנע זאַכען? — האָט זי געפרעגט, ענטציקט מיט איהרע אוצרות...

— טהו דאָס נישט אויס אַ גאַנצען אָבענד,

ער האָט מעכאַניש גענומען אַ רינגעל אין דער האַנד אַריין.

— ניין, ניין, אַמעטיסטען ברענגען אומגליק פאַר דעם שיידען זיך.

די נאַכט איז צוגעפאַלען, עס איז פינסטער געוואָרען. די לופט אין צימער איז געוועזן ווייך, ווי די פאַרבען פון הימעל אין דעמערונג, זאַנפט, ווי דאָס העלע זייד פון איהרע האָר, ווי דאָס לייטזעליגע פאָרגעפיהל פון דעם גליק, וואָס האָט גאָר קיין נאָמען נישט, וועלכעס מען קען גאָר נישט אָנרופען — פון דעם גליק, וואָס האָט געזאָלט אַראָבפליסען אויף זיי.

---

ער איז געגאַנגען אויף דער גאַס. עס איז געוועזן דעמפיג. דער קאָפּ איז איהם שווער געוועזן. ער איז עפּיס געוועזן טרויעריג, אונרוהיג...

נאָך וואָס אייגענטליך האָט ער איהר געדאַרפט זאָגען, אַז ערשט אין אַ חדש אַרום וועלען זיי זיך קענען פעראייניגען. מען האָט דאָך מעהר נישט געדאַרפט ווי דריי טעג...

נאָר ניין, מען האָט געדאַרפט אָבלעגען די מינוט פון גליק. אַלע קרעפטען פון זיין בעגנשאַפט האָט ער געמוזט צונויף־זאַמלען, ביז דער דעק אויסטרינקען דאָס וועהטאָג פון צושיידט זיין, צו קענען דורך דעם פיהלען פון דאָס ניי טוויזענדער מאָל דאָס גרויסע גליק פון טרעפען זיך.

ער מוז דאָס דערפיהלען, ווי אַ פּלוצלינגע שרעק, ווי עפּיס, וואָס ראַשט איבער, וואָס ענטוואָפענט, וואָס מאַכט אָבהענגיג. עס מוז אויף איהם אָנשפּרינגען אַזוי ראַש, אַז ער זאָל מוזען האָבען גאַנצע שעה'ן, צו בעהויפּטען, צו בעזיגען דעם ווירבלענדען שטראָם פון גליק.

ער שטעהט אויף דער פּלאַטפאָרמע און וואַרט. דער צוג קומט אָן. דאָס האַרץ קלאַפּט ווי עס וואָלט וועלען פּלאַצען.

ער ציטערט און לויפט פון וואַגאָן צו וואַגאָן, אָבער דער צוג איז אונענדליך לאַנג, און דאָס געדיכטיגקייט פון די מענשען איז גאָר נישט דורכצושפּאַרען. ער זעהט זי נישט, אָבער ער פיהלט זי. עס וועהט אויף איהם די לופט, מיט וועלכער איהר געשטאַלט, וואָס איז פול ריין און שעהנהייט, הויכט. ער אָטהעמט מיט דעם געשמאַק, וואָס שלאָגט פון איהר, נאָר פון איהר. יעצט האָט ער זי דערזעהן: איין שנעלער, דורכפליהענדער בליק... זיי געהען נעבען זיך. זיי רעדען נישט קיין וואָרט, קוקען נישט אויף זיך, אָבער זיי זעהען נישט קיין מענשען, פיהלען נישט קיין ענגשאַפט, פיה־לען נישט ווי מען שטויסט זיי, ווי מען שטופּט זיי—הערען נישט קיין גערויש, קיין

נעטומעל, הערען נישט דעם דורכדרינגליבען פייף פון לאָקאָמאָטיוו. אויף דעם פלאַץ פאַר דעם באַהן-הויף פריהער איין קורצער, גיעריגער, שעמעוודיגער בליק און נאָכהער אַ גאַנצע רייהע בליקען און נאָך יעדען בליק אַ ציטעריג שמייכעלע פול מיט לייטזעליגקייט... דאָ אַנטקעגען איז אַ קאַפּע: דאָרט וועלען זיך ערשט צונויף-פלעכטען זייערע אַפּלען, דאָרט וועלען זיי ערשט אַריין-וואַקסען אין זיך... זיי וועלען זיך חאַפּען פאַר די הענד...

ער האָט שווער אָבגעאָטהעמט.

...און אויף וואָס פאַר אַ ניי אַרט וועט דאָס ערשיינען פאַר איהם איהר קליין פּנים'ל, מיט וואָס פאַר אַ נייע, נאָך נישט דורכגעפיהלטע מוזיק וועט זיך דאָס איהר שטימע צוהוליען איבער זיינע נערווען. מיט וואָס פאַר אַ נאָך אונבעוואוסטע ריטמען וועלען איהרע וועליגע בעוועגונגען אַריינפליסען אין זיינע בעלויכטענע אויגען...

ער איז אַריין-געגאַנגען צו זיין פריינד אין וואָהנונג — צו זיין פריינד אויף וועלכען ער האָט מיט זיין גאַנצען צוטרויען געהעכענט. פון קינדווייז אָן האָבען זיי זיך דאָך צונויף געלעבט. זיי זענען געווען, ווי ברידער. דער פריינד האָט איהם געהאָט אַ סך, אַ סך צו פערדאַנקען.

אָבער דאָס איז שוין נישט געווען דאָס אייגענע הערציגע בעציהונג. ער האָט זיך געפיהלט אונהיימליך—געקוועהלט. די וועגען, אויף וועלכע זיי האָבען זיך געוויהנליך צונויף-געטראָפען. זענען זיך עפּיס פונאַנדער געגאַנגען, אַזוי זאָנדערבאַר. יעדער טריט פאָראויס האָט זיי אַלץ מעהר ערווייטערט פון זיך.

ער האָט געפיהלט, ווי עס האָט אָנגעהויבען אויפצושטעהן צווישען זיי, צווישען איהם מיט זיין פריינד, עפּיס אַ דריטעס, אַ געהיימעס, עפּיס נייעס, פרעמדס, עפּיס, וואָס האָט פון איהם אַליין געשטראָמט, פון יעדע צעלע זיינע, פון יעדען פעדעמ'ל, וואָס זענען אַלע געווען מיט איהר דורך און דורך-געזאַפּט.

ער האָט זיך אויסגעשמייכעלט פון זיין געדאַנקען ווימלונג. אָבער זיין פערוווירונג איז אַלץ דאָך געוואַקסען. דורך איהר איז ער גאָר אַ צווייטער געוואָרען. אַלץ, וואָס עס איז געווען נישט זי—איז איהם געוואָרען פרעמד, נישט אינטערעסאַנט, אָבשטויסענד.

ער האָט נישט געקענט אויסווירקען ביי זיך, זיין פריינד זיך אָנצופערטרויען.

יעדע מינוט איז אַלץ געוואָרען אונערטרעגליכער. דאָס פרעמדע, וואָס האָט זיך צווישען זיי געשטעלט, איז געוואַקסען, מעכטיג, געוואַ-

רען, האט זיך אלץ מעהר און מעהר ברוטאל פונאנדערגעשטופט אין דער אונענדליכקייט מיט ארעמס, וואס זענען אלץ געוואקסען, אלץ געוואקסען...

ער איז אוועקגעגאנגען...

אויף דער גאס, נאך דעם הייסען טאג, איז געפאלען א רעגען. א אונזיניגער, מעלאנכאלישער רעגען. פערביסען, גאר נישט צום איינבעטען, האט ער געשמיסען די ערד, מיט לאנגע, ברודיגע שטריך, האט צוטאפיעט די גאס אויף בלאטע, — נישט נאר די גאס, ערגער, די נשמה... א קוועהלענדער עקעל, א האפנונגסלאזער אבשטוים.

א גאט!

---

עס איז געווען שרעקליך, ווען דאס בענגשאפט איז איהם אנגעפאלען. דאס איז הונדערט מאל ערגער געווען פון יענע אלע בענגשאפטען פון זיין גאנץ לעבען נאך דער גרויסער ליבע, וועלכע ער האט געזוכט, און נאך נישט געהאט...

יעצט. אבער, ווען ער האט זי אונאויפהערליך געפיהלט נעבען זיך, ווען איהר שמייכעל האט זיך איהם אין די אדערן אריין געלויכטען, ווען איהר בליק האט זיינע אפלען געקושט...

ביי נאכט האט ער זיך געווארפען אין היץ. דער וואוטה האט איהם דאס הארץ צושפארט. ער האט געפיהלט, ווי עס וואקסט איהם עפיס. מיט א ווילד געפיהל פון שרעק, ביז דער קעהל צו. ער האט געפיהלט, ווי עס קלאפען איהם די שלעפען, ווי עס שרייט, ווי עס וואויעט פערצווייפעלט... ער איז ארויסגעשפרונגען פון בעט. די הענד זענען איהם אונרוהיג, אירינ געלאפען, דער קערפער האט געציטערט, דער קאפ האט געברענט: א, ארויסרייסען זי און שטענדיג, עביג האבען זי נעבען זיך.

אהן צווייפעל. ער האט זיך געמוזט נעמען צו דער ארבייט. ער האט זיך געמוזט נעמען צו זיין גרויס ווערק, וועלכעס האט געדארפט דערגרעהן ביז די לעצטע ציעלען פון דער קונסט, פונאנדערבינדען די לעצטע רעטעענישען פונ׳ם דאזיין, דורך דעם צונויפשמעלצען צוויי וועזענס אין איין קאסמישען איך—דו.

זיין גאנץ ווערק איז איגענטליך נאר געווען דער איך—דו.

ווייל פון איהר איז ענטשטאנען זיין קראפט, פון איהר האבען זיך געגאסען גאנצע נעוויסערם קרעפטען. פראכט.

אבער וויפיעל מאל ער האט זיך צו דער ארבייט געזעצט, האט זיך

איהם אַלץ אויסגעוויזען, אַז עס חאַפּט איהם ווער אָן פון הינטען און שלעפּט איהם אויפ׳ם גוואַלד פון דער אַרבייט אַוועק.

ער האָט נישט געקענט די געדאַנקען צוזאַמען־נעמען. און ער איז געגען ווילען פערטרונקען געוואָרען אין דעם גליק, וואָס ער האָט מיט איהר איבערגעלעבט. יעדע מינוט, וואָס ער האָט מיט איהר אַנומעלט פערברענגט האָט ער נאָך אַמאָל דורך־געפיהלט — ער האָט איבער־געשאַפּען אין זיין נשמה דעם קלאַנג פון איהרע ווערטער, האָט זיי געליעבט, געצערטעלט, געקושט. און נאָך דעם האָט ער גע־נומען איהרע בריעף און געלעזען — געלעזען...

— „און ווען איך וועל זיין צוזאַמען מיט דיר, וויל איך נישט זעהן, נישט די וועלט, נישט די זון, נאָר דיך, דיך איינעם. איך וויל נישט קענען קיין קלאַנג, נאָר הערען דיין שטימע ווי זי ציטערט, ווי זי מורמעלט, ווי זי קושט זיך מיר איין אין מיין האַרץ. איין אָרעמע בעט־לערין זאָל איך זיין, הונגעריג, אָבגעריסען זאָל איך איבער דער וועלט געהן, נעבען דיר, מיט דיר, נאָר ביי דיר״.

ער האָט אָנגעהויבען היים צו קושען דעם בריעף.

פּלוצלונג איז ער אומעטיג געוואָרען.

ער האָט גענומען אין דער האַנד אַריין אַ צווייטען בריעף.

„ווי אומעטיג דו ביזט, און וואָס פאַר אַ פערצווייפלונג! דיינע בריעף טהוען מיר וועה, רייסען מיר מיין האַרץ. איך האָב פאָראויס געפיהלט, אַז עס וועט אַזוי געשעהן. עס איז אַלזאָ נישט מעגליך איך זאָל יעצט קענען קומען צו דיר. אָבער האָב נישט קיין קרענקונג. מיר זענען יונג, מיר קענען וואַרטען״...

ער האָט געלעזען און אַלעס אומעטיגער געוואָרען.

און ווייטער איז ער אַריין־געקראָכען אין יעדען וואָרט, און ווייטער עס גענ׳צעוועט אויף אַלע זייטען. ער האָט זיך איינגעהערט אין זייער קלאַנג, איבערגע׳חזר׳ט אין דער שטיל, פאַר זיך, די ווערטער. בעמיהט זיך פאָרצושטעלען, צי וואָלט ער געקאָנט אָנשרייבען צו איין געליעבטען מענש אַ זעלבע ווערטער.

און ווידער האָט ער שטיל איבערגע׳חזר׳ט די ווערטער, און לאַנג־זאַם, פאַמעליך איז אַלץ געוואַקסען דער צווייפעל, דאָס אונגלויבען אין דער ליעבע, וואָס קען אַזוי איבערלעגט וואַרטען, וואָס קען אַזוי צופריעדען זיין מיט איהר גורל.

און אַלץ טיעפער איז ער פערזונקען געוואָרען אין די געדאַנקען,

וואָס האָבען זיין נשמה געגרייזשעט, וואָס האָבען איהם וועה געמאַכט, פערוואונדעט. ביז ער האָט אַ פערסמ'טער פון דעם אונרוהיגקייט, אָם ענדע אָנגעהויבען אַרום צו לויפען גאַנצע שעה'ן איבער זיין קליין שטיבעל...

אַ מיעדער, אַנ'אויסגעשעפטער איז ער געפאַלען אויף דעם בעטעל. יעצט האָט ער זיך געפיהלט רוהיג.

ער איז געפאָהרען צו איהר און זי צו איהם. זיי האָבען זיך געדאַרפט טרעפען אין אַ קליין שטעדטעלע ביי'ם ים. ער איז געווען גליקליך. איהם האָט נאָר בעאונרוהיגט, מיט וואָס וועט ער פערטרייבען די עטליכע שעה ביז זי וועט אָנקומען. זי האָט געדאַרפט קומען מיט עטליכע שעה שפּעטער.

און די שיף האָט זיך געשלעפּט פאַמעליך, וואָס אַ מאָל פאַמעליכער. ווען ער וואָלט זיך אַריינגעוואָרפען אין ים, וואָלט ער געווים גיכער צוגעשוואומען צום ברעג.

ער איז געזעסען אויף דער אויבערשטער דעק פון שיף און האָט געקוקט אין ים אַריין, אין הימעל אַריין.

ער האָט אונענדליך געליעבט די ווייסע נעכט פון דעם צפון-הימעל.

פּלוצלונג האָט ער דערפיהלט, ווי דער הימעל איז נידריג געוואָרען, אַראָבגעהאָנגען. ער האָט איהם געפיהלט אַזוי נאָהנט צו זיך, ער וואָלט איהם געקענט מיט דער האַנד אָנכאַפּען.

זיין ערשטוינונג איז אַלץ געוואַקסען. ער האָט דערזעהן, ווי אויף דעם הימעל הויבען אָן צו וואַקסען בלוט-רויטע געשטאַלטען, עפּים אַזעלכע זאָנדערבאַרע. עפּים ווי אַ פער'כשופ'ט לאַנדשאַפט, דאָ איז דאָס שוין אַנ אינזעל, אָבער ניין, דאָס איז אַ ריעזיגע, גרויסע שטאָדט.

ער האָט דייטליך געזעהן די פּאַלאַצען, די טויערן, די זיילען. די שלאַנקע מינאַרעטען האָבען מיט טורעמלעך געשאָסען אין הימעל אַריין. ער האָט געהערט דעם אָבקלאַנג פון די גלאָקען, ווי עפּים אַ ווייט וויעגען-ליעד...

און אַלץ איז אָנגעגליהט ביז רויט, מיט אַ בלאָהליכען אָבגלאַנץ פון דמשק-שטאָהל. פון הינטער דעם אַלעם איז אַפּויר געשוואומען אַ וויזע — צופליקטע צויטען, — פאַר-טאָגיגע נעבלען. און איבער אַלעם, אין דער ווייטער טיעפעניש האָט אַרוים-געשטאַרט אַ שוואַרצער ווילדער וואַלד.

מיט אַ מאָל האָבען זיך אַלע שפּיצען מיט גאָלדענע פלעמלעך אָנגעצונדען, די דעכער פון די פּאַלאַצען האָבען זיך אין גאָלד-שטראָמען

געבּרענט, מיט אַ ברייטען שלאַק האָבּען זיך די מויערן און די בּעשיטצונג־טהורעמס פערגאָלדעט. און דער וואַלד האָט זיך מיט אַ קליין, דין, גאָלדען בּוימעל אַרומגעצוימט. מיט גאָלד האָט פונאַנדער געבּליהט די וויזע...

און דאָס גאַנצע גאָלד האָט אָנגעהויבּען אָנגעמען לעבּען, גיסען זיך, אויפצוהויבּען און אַראָבּצופאַלען. עס איז מיט פורפור פערפלאָמט געוואָרען און מיט פייעריגע קליגעס זיך אַריינגעשניטען אין דעם פינסטערען אַשור, אין חשך. די שטאָדט האָט זיך פונאַנדערגעוויקעלט, די וויזע איז אין וואַלד אַריינגעקראָכען, אַנ'איבּערראַשטע, מיט דעם מבּול גאָלד. דער וואַלד האָט זיך פון דער ערד אָבּגעהעקעלט און צושוואומען אונטער דעם הימעל, ווי אַ בּלאָהליכער וואָלקען.

און דאָס גאַנצע גאָלד, וואָס האָט די שטאָדט, די וויזע, דעם וואַלד צושמאָלצען, האָט דער הימעל אין זיין אָפען מויל פערשלונגען. ער האָט זיך אין דער הויך אויפגעהויבּען, האָט זיך אויסגעצויגען, איינגעקורטשעט, בּעשאַפען רינגעלעך און רינגען. פון מזרח בּיז מערב האָט זיך די פלאַמענדע קייט צוצויגען, האָט דעם גאַנצען הימעל אַרומגענומען, אַ ריזיגע קייט מיט גרויסע אַמעטיסטען, מיט מיליאַרדען ווילדע דיאַמאַנטען...

ער האָט ערוואַכט. זיינע געדאַנקען האָבּען געבּלאָנדזשעט, דער קאָפּ איז איהם געווען שווער, ווי אַ שטיין. ער איז אויפגעשטאַנען און האָט לאַנג אַרויסגעקוקט דורך דעם פענסטער. די קאַשטאַן־בּוימער זענען געוואָרען דער ווילד־וואַטענדער חראַפּ פונ'ם שטורם, די וואָלקענס זענען זיך צולאָפען, זיך ווייטער צונויף־געפלאָנטערט אין איין געדיכטע דונקעל בּאַלוואַן־חמאַרע. און מיט אַ מאָל איז, ווי אַ שניצעל קלעפיג גאָלד, געפאַלען דער ערשטער בּליץ...

ער האָט נישט געהערט קיין דונער, נישט געזעהן קיין בּליץ; ער האָט נאָר געטראַכט, וועגען איהר פערמעגען, וועגען איהרע קייטען, מיט פערל און אַמעטיסטען אויסגעזעצטע.

און ער האָט זיך דערמאַהנט, ווי זי האָט איהם איהרע יובּעלען געוויזען. דאָס איז דאָך אַ גאַנץ רייכטהום, פאַר דעם וואָלטען זיי דאָך אַ גאַנץ יאָהר געקענט רוהיג לעבּען.

אַ וואונדערליכע זאַך, וואָס ער האָט שוין בּיז אַצונד וועגען דעם נישט געטראַכט.

אָבּער ער האָט נישט געוואָלט טראַכטען וועגען דעם. בּעסער אַזוי

עלענד צו גרונד צו גײן, אײדער צו פערלאַנגען פון איהר זי זאָל פער־קויפען דאָס, וואָס זי האָט אַזוי ליעב בעקומען. און זאָ ווי זאָ, וואָס וואָלט דאָס געהאָלפען? די עטליכע חדשים וואָלטען אַריבער געפלויגען, ווי פון אַ בײַטש אויסגעקנאַקט, און דערנאָך, דערנאָך?

„יעדען קרבן וועל איך אָפּפערן פאַר דיר, עס איז נישט פאַראַן קײן זאַך אויף דער וועלט, וואָס איך וואָלט פאַר דיר נישט געאָפּפערט. פאָדער, און עס וועט פאַר מיר זײַן אַ גליק, דאָס העכסטע פערגעניגען פון מײַן נשמה, מײַנס, אַלעס, אַוועק צו געבען דיר".

ער האָט געהערט אַמאָל די ווערטער, די ליעבעס־ווערטער אין יענעם אָבענד, ווען זי האָט איהר טײַוועלשען אוצר געוויזען.

און אײנצײַטיג האָט זיך דער שטן, פון אונגלויבען און צווײַפעל, פונאַנדערגעלאַכט:

— פּרוב־זשע — זעה, צי איהר ליעבע איז גענוג שטאַרק, אום דעם קלײנעם קרבן צו ברענגען פאַר דיר, אַצונד, נאָר אַצונד, ווען דו ביזט אונקרעפטיג...

ער איז אין כעס געוואָרען אויף דעם שטן!

אָבער ביסלעכווײַז האָט ער פערשטאַנען, אַז נישט ער לײַדט און קעמפפט, נאָר עפּיס אַ טיעף פאַרגעפיהל אין איהם לײַדט און קעמפפט. און שוין איז זי נישט אומשטאַנד איהרע יובעלען צו אָפּפערן, און שוין האָט זי זײ אַזוי ליעב, אַז זי קען זיך מיט זײ נישט שײדען!

ער האָט געציטערט, ווי אין פיבער. פאַר זײַנע אויגען האָט גע־טאַנצט אַ גאָלדענע קײט, אין הימלישע נעבלען האָבען אַמעטיסטען גע־לאַכט, האָבען דיאַמאַנטען־פונקען פײַער געשיט.

און ער האָט געזעהן, ווי זי גײט צו איהם, אַזוי זאַנפט און שטיל, ווי די נאַכט ווען זי געפינט דאָס פעלד אָהן ליכט.

איהרע האָר האָבען געפינקעלט מיט דעם בלאַסק פון טויזענדער לאַנגע גאָלדענע נאָדלען מיט גרויסע דיאַמאַנטענע קעפּ. ער האָט, אײגענט־ליך, גאָר קײן האָר נישט געזעהן, נאָר אײן דיאַמאַנטען־נעץ.

און זי איז אַלץ נעהנטער צו איהם צוגעגאַנגען. זי שטעהט שוין נעבען זײַן בעט, אָבער זי רעדט קײן וואָרט נישט אויס.

ער האָט זיך אַ געוואַלדיגען רים געטהון.

— וואָס ווילסט דו? — האָט ער אַרויסגעקרעכצט.

זי האָט זיך מיט אַ שטיל שמײכעלע, אויף דעם ברעג פון זײַן בעט אַנידערגעזעצט, האָט זיך איבער איהם אַריבערגעבויגען. איהר אָטהעם

האָט איהם אָפּהענדיג געמאַכט און ער האָט געפּיהלט מיט שרעק, מיט איבעררעשונג ווי זיין קערפּער פריערט, גליווערט, ווי עס ווערען פער־שטאַרט זיינע גליעדער.

און ער זעהט, ווי זי ציהט אַרויס איין שפּילקע נאָך דער צווייטער, ווי זי האַלט איהר אויף די ליכט, ווי זי דרעהט איהר אויף אַלע זייטען, הויבט איהר אויף, פרעהט זיך מיט איהר בליאַסק.

פּלוצלונג שטעכט זי איהם מיט איין העפטיגען שטויס דורך זיין האַנד. ער האָט זיך אָפּגעטרייסעלט פון וועהטאָג. ער האָט געוואָלט שרייען, אָבער דאָס וועהטאָג האָט זיין געשריי פערשטיקט.

און כסדר האָט זי שפּילקעס פון איהרע האָר אַרויסגעצויגען, אויף די ליכט זיי געהאַלטען, מיט זייער גלאַנץ, מיט זייער בליאַסק זיך גע־פרעהט, און זיי איהם אַריין־געשטופּט, אַריין־געשטאָכען אין דער ברוסט, אין די אָרעמס, אין דער קעהל, אין האַרץ...

ווילד, וואוטהיג, משוגע זענען איהרע הענד געוואָרען. מיט אַ גוואַלדיג שנעלקייט האָט זי געחאַפּט די שפּילקעס, דורך־געשלאָגען זיין לייב, געשטאָכען, געשפּיזט, געשטילעטעוועט. מיט דינינקע שטראַהלען האָט דאָס בלוט געשפּריצט און זיין לייב געפּלעקט. די אויגען זענען איהם, ווי די סלופּעס געוואָרען אין די אונמענשליכע ליידען. און דורך זיין שטערבליכען כאָרכלען האָט איהר ווילד געשפּאָט אַרויס־געשריגען: דאָ האָסט דו מיין גאָלד — דאָ האָסט דו מיינע דיאַמאַנטען?

ער האָט זיך עטוואָס אָבגעקיהלט — ער האָט זיך אַנידערגעשטעלט אין מיטען צימער און געציטערט.

— די חלומות פיהרען צו משוגעת — האָט ער שטיל, צו זיך געשעפּטשעט.

— פרוב זשע, פּרוב זשע, פּרוב — האָט חוזק געמאַכט דער שטן. — דו שטעהסט זיך נישט אונטער? דו וואַגסט נישט? דו ווילסט בלינד גלויבען, ווייל דו האָסט מורא, דו שרעקסט זיך, אַז זי וועט נישט פערקויפען איהר נאַריש צירונג, זיך מיט דיר צו פעראייניגען? האַ, האַ... געדענקסט, וואָס דו האָסט איהר געזאָגט אין יענעם אָבענד?

— זאָל איך דיך דערמאַהנען, דיר איבער'חזר'ן? „קיין מאָל האָב איך נישט געגלויבט אין ליעבע, יעצט ווייס איך צום ערשטען מאָל, אַז עס איז נישט פאַרהאַן קיין קרבן, קיין אָפּפער, וועלכען דו וואָלסט פאַר מיר נישט געקענט ברענגען!” דו געדיינקסט? זאָל זי זייט פערקויפען איהר פערמעגען! איהר אוצר! וואַרף אַרויס דאָס געאָפּפערטע געלד אין דער

בלאָטע אַרײַן, אָבער דו ווייסט אַמווענינגסטענס וויסען, צי זי ליעבט דיך אזוי, ווי דו ווילסט זײַן געליעבט.

ער האָט זיך נאָך קיין מאָל נישט אזוי געמאַטערט.

ער האָט זיך געזעצט בײַ דעם פענסטער. דער שטורם האָט פאָראיבערגעשטורמט. איבער דעם וואַלד קאַשטאַן־בוימער האָט דער רעגען־בויגען זײַן מעכטיגען בויגען פונאַנדערגעשלאָגען. די ערד האָט זיך גערויכערט, און אין איהר נעבעלדיגע אויסהויכונגען, האָט ער אַ בלייך געבליט דערזעהן, וועלכעס האָט מיט זײַן גערוך זײַן וועהטאָג פערטויבט, אין זײַן האַרץ אַרײַן געפלאָסען, מיט דעם פּראַכט, מיט דעם גרויסאַרטיגקײַט פון פערגעסען זיך.

און ווייטער פון דאָס נײַ האָט ער געזעהן, ווי זי געהט צו איהם דורך אַ העלען, ליכטיגען ים, פון דער נעבעלדיגער ווייטקײַט. איהר קאָפּ האָט געשטראַהלט מיט לײַטזעליג, זאַנפט גליק. זי האָט געלאַכט, ווי אַ קינד, און איז געגאַנגען פאַמעליך, ווי אַ קינד, וועלכעס טראָגט אַ גרויסע משא.

ער איז געלעגען אויפ'ן ברעג, אין זאַמד און האָט געלאַכט. פון גאַנצען האַרץ האָט ער געלאַכט. און זי האָט אויך געלאַכט. עס האָט זי געפרעהט, געשפּילט, וואָס זי קען קוים געהן, אזוי האָט די משא, וואָס זי האָט אין איהר פאַרטוכעל געטראָגען זי צו דער ערד געצווינגען.

ער איז איהר אַקעגען געלאָפען, אָבער זי איז שוין געווען בײַם ברעג און האָט מיט פולע הענד אָנגעהויבען אַרויסצוואַרפען די יובעלען פון איהר קליידעל. און דאָס גאָלד, די טײַערע שטיינער האָבען זיך צופלאַטשט אויף דער ברענענדיגער היץ, אויף דעם זאַמד.

זי איז איהם געפאַלען אויף דעם האַלז.

— זעה, מײַן קעניג! דאָס איז אַלץ דײַן! נאָר לאָז מיך, איך זאָל בלײַבען בײַ דיר. אַבי דו זאָלסט קיינמאָל פון מיר נישט אַוועקגעהן, מיך נישט פערלאָזען. אונזערע נשמות זאָלען זיך נישט פּײַניגען אין בענגשאַפט.

און זי האָט זיך געטוליעט צו איהם און געוויינט מיט טרערען פון גליק.

און באַלד האָט ער זיך אין אַ ברייטען פּלאַשטש מיט גראָנאַסטײַ אונטערגעשלאָגען דערזעהן. ריעזיג, גרויסע קייטען זענען פון זײַן האַלז אַראָבגעהאָנגען, אַ גאָלדענע, קעניגליכע קרוין האָט אויף זײַן קאָפּ גערוהט.

זי איז געפאַלען אויף די קניען ציטעריג, אונטערטהעניג. און אין די אויגען פון אַ גרויסער מענגע, גאָר נישט צום איבערצעהלען, האָט ער אויף איהר העלען, ליכטיגען קאָפּ די קעניגין־קרוין אַרויפגעלעגט.

עס האָט זיך צוקלונגען דאָס פרעהליכקײַט, ווי דער ים וואָלט געזאָלט די ערד מקדיש זײַן. עס האָבען זיך צובאָמט די גלאָקען, צובריליט די אַרמאַטען, און דאָס פאָלק האָט זיך אין שטויב געוואָרפען, און געגרויסט, און פערהערליכט דאָס שטאָלצע, מעכטיגע, קעניגליכע פּאָר.

יעצט האָט ער שוין נישט געקעמפּפט.

מען דאַרף נאָר נאָך פערשעמען דעם שטן, ער זאָל מעהר קײַן מאָל זיך נישט אונטערשטעהן, נישט וואַגען זײַן משונה'דיגען קאָפּ אַרויס צו שטעקען.

און מיט אַ ציטעריגע האַנד האָט ער אויף דעם פּאַפּיער עטליכע ווערטער אַנגעוואָרפען:

„וואַרט נישט קײַן איין ווײַלע לענגער. פערקויף דײַנע יובעלען. אויף די ערשטע עטליכע חדשים וועט דאָס גענוג זײַן. מיר וועלען פעראיבריגען אויף דער צײַט. געבען דיר וועל איך אַרבײַטען, געבען דיר, צוזאַמען מיט דיר בין איך שטאַרק, בין איך אומשטאַנד צו יעדער אַרבײַט. אָבער דערווײַל איז קײַן אַנדער אויסוועג נישטאָ. אויב דו ליעבסט מיך, טהו דאָס. אײַל זיך, וואָרום אַנדערש וועל איך דאָ צו גרונד געהן, איך קען לענגער דאָס בענגשאַפט נישט איבערטראָגען, דאָס וועהטאָג. איך קען לענגער נישט וואַרטען".

און לאַנג האָט ער מאַיעסטעטיש־זיבער, רוהיג דורך דעם פענסטער געקוקט.

דער טאָג איז פאָראיבער, דאָס דעמערונג האָט זיך איבער דעם הימעל פונאַנדערגעגאָסען, און דער לעצטער אָבגלאַנץ פון דער קאַלט ווערענדער זון האָט די שפּיצען פון די קאַשטאַן־בוימער פערגאָלדעט.

טעג זענען פאָראיבער געגאַנגען.

אָם ענדע האָט ער פון איהר אַ בריעף ערהאַלטען.

ער איז זיך נישט אונטערגעשטאַנען איהם צו לעזען. ער האָט זיך געוואָרפען, ווי אין פיבער, און פאַר זײַנע אויגען האָט אַלץ ווילד געטאַנצט, געשפּרונגען.

ער האָט זיך בעהערשט און צוריסען דעם קאָנווערט.

„מײַן איינציגער! דײַן עצה איז גאָר נישט קײַן איבערלעגטע. דו

מוזט זיין זעהר פערצווייפעלט, ווען דו האפּסט זיך אָן אין אַ זאָלכע נישט קלוגע פּלענער. און וואָס וועט דאָס העלפען"?!

ער האָט נישט געלעזען ווייטער.

ער האָט אָנגעהויבען לאַנג, קראַמפּהאַפט צו לאַכען.

דער שטן האָט טריאומפירט.

ער האָט זיך פערקוקט אין די דילען ביז די נאַכט איז אַראָבגע-פאַלען אויף זיין נשמה מיט איהרע שווערע חלומות.

ער האָט געזעהן, ווי די בריליאַנטענע שפּילקע איז אויסגעוואַקסען אין אַ געשפּענסט. די אויגען, צוויי ריעזיג גרויסע דיאַמאַנטען, האָבען געבלישטשעט און געשטאָכען איהם מיט שאַרפע פייערינע שטראַהלען. די צייהן זענען געווען פון האַרט גאָלד און האָבען געקלונגען הויל, מיט אַ טויטען-קלאַנג. די מעטאַלענע אָרעמס האָבען איהם אַרום-גענומען מיט אַ זילבערנע אומאַרמונג, אַזוי אַז אַלע ביינער האָבען געקנאַקט. זיין ברוסט האָט אַ גאָלדענע קייט אַרום-געשנירט און זיך טיעף אין זיין לייב איינגעגעסען.

מיט אַ שרעקליך קול האָט ער צום הימעל געשריגען, אָבער דער הימעל האָט אויף איהם געקוקט מיט אַ קאַלטען מעטאַלענעם גלאַנץ, בעשיט מיט גאָלדענע שטיינער. און איבער דעם מעטאַלענעם הימעל האָבען זיך די וואָלקענס גערוקט ווי קוליסען פון רויטע, געשמידטע בלעך.

אַלעס איז געווען פון גאָלד, פון טייערע מעטאַל. די אויגען זענען איהם בלינד געוואָרען און זיך צו זיין נשמה איבערגעקעהרט. ער איז פערטויבט געוואָרען פון דעם קלאַנג פון די גאָלדענע בלעכען, און אין מויל האָט ער געפיהלט אַ זויערן טעם, ווי ער וואָלט לאַנג מעטאַלענע פּליטעס געלעקט.

פון שרעקליכע פערצווייפלונג האָט ער זיך אין דער ערד געוואָלט בעגראָבען אָבער זיין לייב האָט זיך אָן די שאַרפע, טייערע שטיינער געריסען; דאָס בלוט פון זיינע וואונדען איז אויף מעטאַלענע פּליטעס פערגליווערט געוואָרען אויף אַ בייסענדען גיפט, די זון האָט די שטיקער גאָלד צוגליהט און זיי האָבען מיט אַ פייער אויסגעזעצט...

און דער טויט-שרעק האָט איהם איין ווילד, משוגע'ן גיעריגקייט בעהערשט. ער וויל נאָך מעהר גאָלד, נאָך מעהר אוצרות, ער וויל קענען די גאַנצע וועלט מיט זיינע אָרעמס אַרום-נעמען און אַלע אוצרות פון איהר שוים אויסגראָבען. ער האָט געוואָלט אויף טויזענדער טיילען זיך

קענען אויסציהען, ער זאָל קענען די ריעזיגע ברילעס טייערע שטיינער מיט זיין קערפּער צודעקען. ער האָט געוואָלט ווערען איין מעכטיגע קייט פון גאָלד־טראָגענדע בערג, ער זאָל קענען אויף עביג, דורך אַלע הונדערטער־יאָהרען דאָס אַלץ אין זיין שוים בעהאַלטען...

---

עס האָט לאַנג געדויערט ביז ער איז צו זיך געקומען.

ער איז אַריין־געפאַלען אין אַ טיעפע אַפּאַטיע, אין אַ לאַנג בלאָנד־זשענד טראַכטען אָהן געדאַנקען, אָהן וועהטאָג, אָהן עראינערונג.

ביז ער האָט אין איין טאָג דערפיהלט יענעם קראַפּט, יענע שאַפּונגס־מאַכט, וואָס שטעקט מיט איהרע וואורצלען אין וועהטאָג.

די קאַשטאַן־בוימער האָבען אָבגעבליהט, און די גרינע בלעטער זענען בלאַס געוואָרען, אָבגעס'מ'טע מיט דער היץ פון דעם דעמפּיגען זומער.

ער האָט דערפיהלט אין זיין נשמה בערוהיגונג און שטילקייט, און ער האָט איהר געוואָלט זאָגען זיינע לעצטע ווערטער:

דורך לאַנגע יאָהרען ביזט דו געוועזען מיין גרעסט גליק און מיין שענסטער חלום.

יעצט האָב איך דיך פערגעסען. אָבער אַלע מאָל פלאַקערט זיך מיין נשמה פון דאָס ניי פונאַנדער מיט דעם גליק, וואָס דו האָסט מיר געגע־בען, צו נייע מאַכט.

איך ליעב דיך נישט מעהר, אָבער איך ליעב דאָס וועהטאָג פון דעם עראינערונג אין מיין שעהנעם חלום.

איך בין דיר דאַנקבאַר.

איך האָב גענוג אָנגעוואָרפענע בערגער ליידען איך זאָל קענען שאַ־פען. און איך פאָהר ווייט, איבער דעם ים.

ווייל עס איז פאַרהאַן איין ווייַלע אויף דעם ים, ווען שעהנהייט, קראַפט און גליק נעמען אַרום דעם מענש.

ווען עס ראַנגעלט זיך פערביסען די נאַכט מיט דעם דעמערונג פאַר דעם זון־אויפגאַנג, ווען יעקב הויבט אויף דעם הימעל אָן זיין ראַנגלען זיך מיט די מלאכים, ווען דער הימעל פּלאַצט און גיסט פון דעם בּרייטען שפּאַרט שטראָמען ליכט אויף דעם ים, דעמאָלט דערפיהלט מען אַ גרויס וועהטאָג — אַ וועהטאָג, וואָס איז גליק.

זיי געזונד. נאָך איין מאָל וואָלט איך דיך געוואָלט זעהן, אָבער

ערשט דאַן, ווען דאָס גרויסע גליק וועט אויף מיין נשמה אַראָבפליסען,
און עס וועט אַראָבפליסען — עס וועט.

איבערזעצט ח. פ.

לאָנגפעללאָ.

# די פייל און דאָס ליעד.

(אויס דעם ענגלישען).

---

פעסט געדריקט האָב איך מיין בויגען
און מיין פייל איז שנעל געפלויגען,
דאָס מיינע אָנגעשטרענגטע אויגען
אומזיסט געזוכט איהר פלונגס-אָרט.
וויים פערשוואונדען איז זי דאָרט.

---

איך האָב אַ ליעד אין דער לופט געשאַלען
צו דער ערד איז זי געפאַלען.
וואו איז דער מענש, וואָס זאָל פערמאָגען
אַ בליק, דאָס ליעד מיינס צו דעריאָגען.

---

אין אַ לאַנגע צייט אַרום
געזוכט האָב איך זי אומעדום.

---

אויף אַ הויכען, גרינעם בוים
האָט די פייל געמאַכט איהר היים,
און מיין ליעד, דאָס ליעד פון שמערץ
קלינגענד זינגט אין אַ פריינדס אַ הערץ.

איבערזעצט פ. אלעקסאנדראוויץ.

גּי דע מאָפּאַסאַן

# אויפ'ן וואסער.

דעם פאָריגען זומער האָב איך געדונגען א קליינע דאַטשע אויפ'ן ברעג „סענע" 1), עטליכע מייל פון פאַריז. אַלע אָבענד פלעג איך געהן אַהין נעכטיגען. באַלד אין א פּאָר טעג אַרום, האָב איך שוין זיך בעקענט מיט איינעם פון מיינע שכנים, א מאַן פון א יאָהר דרייסיג-פערציג. דאָס ערש-טע מאָל אויף מיין לעבען זעה איך אזא אינטערעסאַנטען טיפּ. דאָס איז געווען אַן'אַלטער שיפמאַן, א פערברענטער שיפמאַן. זיינע גאַנצע יאָהרען האָט ער פערבראַכט אויפ'ן וואסער, גאַנצע טעג מיט נעכט פלעגט ער נישט אָבטרעטען פון טייך. ער איז מסתמא געבאָרען געוואָרען אין א שיף און וועט קענטיג שטאַרבען אויך אין א שיף.

א מאָל האָבען מיר ביידע געשפּאַצירט אין אָבענד אויפ'ן ברעג „סענע". איך האָב איהם געבעטען, ער זאָל מיר דערצעהלען עטליכע מעשות פון זיין וואסער-לעבען. איך האָב דערזעהן, אז דער מענש איז פּשוט לעבעדיג געוואָרען, ער האָט זיך עפּיס אין גאַנצען איבערגעביטען אין געזיכט, געוואָרען אויפגערעגט ווי אַן'אמת'ער דיכטער. ער האָט געהאַט אין זיך א גרויסען געפיהל, א מוראדיגע ליידענשאַפט — דעם טייך.

— אַך — האָט ער אויסגעשריען — וויפיעל האָב איך ערא(י)נערונגען איבער דעם טייך, וואָס איהר זעהט. איהר אַלע שטאָדט-לייט, איהר קענט גאָר נישט האָבען דעם בעגריף, וואָס הייסט א טייך. אָבער הערט זיך גוט איין, ווי א פישער רעדט אויס אָט דעם דאָזיגען וואָרט. פאַר א פישער איז דאָס א טיעפע א מיסטישע זאַך, א אונבעוואוסטע, א לאַנד פון מיראַזשען, פון פאַנטאַסמאַגאָריעס, וואו מען זעהט ביי נאַכט א זעלכע מיני זאַכען וואָס עקזיסטירען נישט, וואו עס חאַפּט אָן א שוידער פונקט ווי אויפ'ן בית-עולם. און אין דער אמת'ן דאָס איז איינער פון די שרעקליכ-

1) א טייך אין פראַנקרייך.

סטע בית עולמ'ס; דאָס איז אַ בית־עולם וואו עס איז נישטאָ קײן קברים.

פאַר'ן פישער איז די ערד בעגרענעצט, און נאָר אין פינסטערניש, ווען די לבנה איז נישטאָ, דאַן איז דער טײַך אָהן ברעגען אָהן אַ עק.

מען קען נישט פיהלען דאָס זעלביגע זאַך אויפ'ן ים. דער ים איז אָפּט־מאָל דעספּאָטיש און שלעכט: ער שרײַט, ער ברומט, ער יאָמערט, ער קלאָגט, נאָר ער איז ערליך. דער טײַך אָבער איז שטיל רוהיג און דאָך נישט אָפּענהערציג. ער בעזערט זיך נישט, ער פליסט שטענדיג אָהן רעש אָהן טו־מעל, און די עביגע בעוועגונג פון אָט דיזע פליסענדע וואַסער מאַכט אויף מיר מעהר אײַנדרוק, זענען מעהר שרעקליך ווי די הויכע וועלען פון אָקעאַן.

די פאַנטאַזיאָרען האָבען אויסגעקלערט אַז אין ים געפינען זיך גרוי־סע בלויע לענדער, וואו די דערטרונקענע קײַקלען זיך צווישען מורא'דיגע פישען, אין ווילדע וועלדער און אין קריסטאָלענע גראָטען.

אויף דעם טײַך אָבער הערשט נאָר זײַן שווארצע טיעפקײַט, און מען ווערט נאָר פערשימעלט אין זײַן זומפּ.

דאָך איז ער שעהן אין דער צײַט פון זון־אויפגאַנג, און אַז ער פליסט שטילער־הײד צווישען זײַנע ברעגען, וועלכע זענען בעדעקט מיט לאָזען, וואָס רוימען זיך אײנער דעם אַנדערן סודות.

און איך דענק, דאָס די סודות פון די דינע לאָזען, מיט זײערע זיסע און ווײכע שטימען זענען אַ סך שרעקליכער, ווי די געהײמע דראַ־מען וואָס דערצעהלען אונז די יאָמערן פון די וועלען.

נאָר הערט אוים, אָט, וועל איך אײַך דערצעהלען עטוואָס פון מײַנע ערָאינערונגען, אַ מעשה וואָס האָט פּאַסירט מיט מיר געוויס שוין צעהן יאָהר צוריק. איך האָב געוואוהנט דאַן אין דעמזעלבען הויז וואָס איצט. אײנער פון מײַנע בעסטע חברים, לודוויג בערנע, וועלכער האָט שוין איצטער פערלאָזען דעם טײַך און געוואָרען אַ מיטגליעד אין רײַכס־ראַט, האָט דאַן געוואוהנט צוויי מײַל פון מיר אין דאָרף ס... אַלע טאָג פלעגען מיר בײדע צוזאַמען מיטאָגען, אַ מאָל בײַ מיר און אַ מאָל בײַ איהם. עס האָט געטראָפען אַז איך האָב זיך אומגעקעהרט אין אַ אָבענד אַלײן אַ הײם, אויף מײַן שיפעל. איך בין געוועזען זעהר מיעד, האָב איך זיך אָבגעשטעלט אַ ווײַלע אָברוהען נעבען אַ קוסט פון לאָזען. דאָס איז געוועזען צוויי מײַל פון אײזערנעם בריק. דער וועטער איז געוועזען אַ אויסגעצײכענטער, די לבנה האָט געשיקט אַ מילדע ליכטיגקײַט, דער טײַך האָט געבלישטשעט, די

לופט איז געווען שטיל און ווייך. דיזע שטילקייט האָט מיך געהויבען אין דער לופטען. איך האָב פערדרייבערט אַ ציגאַר און כ'האָב אַראָבגעלאָזען דעם אַנקער אין טייך. איך בין געזעסען אויפ'ן שיף און געקוקט. אַרום איז געוועזן שטיל, מען האָט נישט געהערט קיין שום שאָרך; נאָר פון צייט צו צייט פלעגט זיך מיר דאַכטען, דאָס איך הער ווי די וואַסער פליעסקעט זיך אָן ברעג, די לאָזען האָבען אָנגענומען וואונדערבאַרע געשטאַלטען און ריהרען זיך פון די ערטער.

דער טייך איז געווען אונגעוואָהנליך רוהיג. די אַרומיגע שטילקייט האָט אויף מיר געווירקט זעהר שוידערהאַפט. אַלע חיות, די פרעש און די זשאַבעס — די נאַכטיגע וואַסער־זינגער, אַלע זענען פערשטומט געוואָרען. מיט אַ מאָל האָב איך דערהערט ווי נעבען מיר האָט אַ ליאַגושקע אַ קוואַקע געטהון. איך האָב זיך פערציטערט. זי איז די רגע אַנשוויגען געוואָרען. מעהר האָב איך גאָרנישט געהערט.

איך האָב אַרויסגענומען נאָך אַ ציגאַר כדי פונאַנדערטרייבען אַ ביסעל די שרעק. נאָר באַלד האָט מיר די האַרץ אָנגעהויבען צו קלאַפען, און איך האָב אויפגעהערט רויכערן. כ'האָב אָנגעהויבען צו זינגען, נאָר מיר איז געווען צו שווער הערען מיין שטימע און איך האָב זיך אָוועקגעלעגט אין שיפעל און געקוקט אויפ'ן הימעל. אַ צייט בין איך געלעגען רוהיג. נאָר באַלד האָט עפּיס מיין שיפעל אָנגעהויבען וויגען זיך. מיר האָט זיך געדאַכט אַז אַ בעשעפעניש, אָדער אַ געהיימער כח ציהט די שיפעל אין וואַסער, הויבט זיך אויף כדי אַראָבלאָזען זי ווידער. עס האָט מיך געוויעגט פונקט ווי אין אַ שטורם. איך האָב דערהערט אַ געשריי, כ'האָב זיך אַ חאַפּ געגעבען. די וואַסער האָט געבלישטשעט, אַרום איז געווען שטיל.

איך האָב פערשטאַנען אַז מיינע נערווען זענען געווען זעהר אויפגערעגט, און האָב בעשלאָסען פאָהרען אַ היים. איך האָב אַ שלעפּ געטהון פאַר'ן קייט, און געוואָלט אַרויסנעמען דעם אַנקער, נאָר ער האָט זיך נישט געהויבען. איך האָב אַ רוק געגעבען אַ ביסעל די שיף, כ'האָב ווידער אָנגעהויבען צו ציהען פאַר'ן קייט, נאָר אומזיסט, עס האָט גאָר נישט געהאָלפען, דער אַנקער האָט זיך אַ פּנים פאַרטשעפּעט פאַר עפּיס אַ שווערע זאַך און איך האָב פאַר קיין אופן נישט געקענט דאָס אויפהויבען.

איך בין געוואָרען זעהר אין כעס, האָב אַ שלעפּ געטהון די קייט מיט אַלע קרעפטען, נאָר עס האָט ווידער גאָר נישט געהאָלפען. איך בין געוואָרען זעהר אָבהענגיג. כ'האָב נישט געוואוסט פּשוט וואָס צו טהון.

נאָר אַזוי ווי דער וועטער איז געוועז זעהר אַ גוטער, האָב איך בעשלאָסען ווארטען, טאָמער וועט פערביי־פאָהרען אַ פישער, וועלכער וועט מיר קענען העלפען אַרויסנעמען דעם אַנקער. כ'האָב פערדרייכערט אַ ציגאַר, האָב אויסגעטרונקען אַ פּאָר גלעזלעך ראָם און עס האָט מיך אַ ביסעל בערוהיגט.

די נאַכט איז געוועז זעהר אַ וואַרעמע, און די גאַנצע צייט ליעגענדיג אונטערן ברייטען הימעל, האָב איך נישט געפיהלט קיין קעלט.

פּלוצלונג האָט זיך מיין שיפעל אָן עפּיס אָנגעשלאָגען. איך האָב זיך אַ חאַפּ געטהון, און אַ קאַלטער שווייס האָט מיך בעגאָסען. דער קלאַפּ איז אַ פּנים געוועזען פון אַ שטיקעל האָלץ וואָס האָט פערביי־געשוואומען און האָט אָנגעריהרט מיין שיפעל. נאָר דאָס איז געוועזען גענוג איך זאָל זיך ווידער אויפרעגען. איך האָב אַ שלעפּ געטהון פאַר'ן קייט, נאָר דער אַנקער האָט זיך אַלץ נישט גערירהט פון אָרט.

דער טייך איז געוועזען בעדעקט מיט אַ ווייסען, געדיכטען נעבעל וואָס האָט זיך פערשפּרייט איבער'ן וואַסער. אַז איך האָב זיך אויפגעהויבען, האָב איך לחלוטין גאָר נישט געזעהן, נישט דעם טייך, נישט מיין שיף, נישט מיינע פיס, איך האָב נאָר בעמערקט די שפּיצען פון די לאָזען און נאָך ווייטער, — אַ גרויסע גלייכע פעלד, בלייך פון דער לבנה־שיין.

איך בין געוועזען ווי פערזונקען ביז'ן גאַרטעל אין אַ קלאָר־ווייסען לייַלאַך. מיין מח איז מיט אַמאָל אינגאַנצען פול געוואָרען מיט אַלערליי פאַנטאַסטישע געשטאַלטען, מיר האָט זיך פאָרגעשטעלט אַז אימיצער פּרובט אַרייַנדרינגען אין מיין שיפעל; און דער טייך, וואָס איז בעהאַלטען אין שוואַרצען נעבעל איז פול מיט משוגה'דיגע חיות וועלכע שווימען מאַסען־ווייז אַרום מיר. איך בין געוועזען אין זעהר אַ שרעקליכען צושטאַנד, די שלייפען זענען ביי מיר געוועזען צוזויפגעדריקט, דאָס האַרץ האָט מיר געקלאַפּט פונקט ווי מיט אַ האַמער. פערלירענדיג דעם זינען, האָב איך געוואָלט לאָזען זיך שווימען, נאָר אין אַ רגע אַרום האָט מיך שוין געטרייסעלט פון דעם געדאַנק. איך האָב זיך שוין געזעהן אַ פערפּאַלענעם, אַ דערטרונקענעם אין דעם שוואַרצען געדיכטען נעבעל, ראַנגלענדיג זיך מיט די גראָז און די לאָזען, וועלכע האָבען מיך אינגאַנצען אַרום־געטשעפּעט, ציטערנדיג פון שרעק, נישט זעהענדיג דעם ברעג, נישט געפינענדיג מעהר מיין שיפעל, און מיר האָט געדוכט, דאָס מען ציהט מיך פאַר די פיס אין אַם דעם שוואַרצען טיעפען זומפּ.

און אין דער אמת'ן, איז געווען ניין שאַנסען אויף צעהן, איך זאָל נישט געפינען דעם וועג אין דעם נעבעל און געוויס זיך דערטרינקען, איך מעג זיך זיין דער בעסטער שווימער.

איך האָב זיך געפּרובט בעדענקען. איך האָב שטאַרק בעשלאָסען נישט מורא האָבען. נאָר אין מיר איז געזעסען אַ אַנדער זאַך חוץ מיין ווילען, און אָט די אַנדער זאַך האָט מורא געהאַט. מיין דרייסטער איך האָט געלאַכט פון מיין ציטערנדיגען איך. און קיין מאָל אויף מיין לעבען, האָב איך נישט געפיהלט ווי יענעם טאָג דעם אונטערשיעד צווישען די צוויי וועזענס, וועלכע געפינען זיך אין אונז. איינער וואָס וויל, דער צווייטער וואָס איז נישט מסכים.

דער דאָזיגער טירישער, אונבעגרייפליכער פּחד איז אַלץ געוואַקסען און איז אַריבער אין אַ אימה. איך בין אַזש פערשטיינט געוואָרען. די אויגען אָפענע, די אויערן אָנגעשטעלט, איך האָב זיך צוגעהערט.

צו וואָס?

איך האָב אַליין נישט געוואוסט. איך האָב גאָר נישט געהערט. נאָר דאָס איז געווען שרעקליך. איך דענק, דאָס ווען אַ פיש וואָלט דאַן אַ שפּרונג געטהון אין וואַסער ווי עס טרעפט זיך אָפּט־מאָל, איז קיין ספק דאָס איך וואָלט געוויס אָהן זינען אַרויסשפּרינגען פון שיפעל.

עס האָט מיר אַ ביסעל געלונגען, אָנווענדענדיג אַלע מיינע קרעפטען, צו נישט פערלירען מיין זינען. איך האָב ווידער אויסגעטרונקען אַ ביסעל ראָם, און נאָכדעם, איז מיר געקומען אַ געדאַנק, און איך האָב אָנגעהויבען שרייען. אויף וויפיעל איך האָב נאָר געהאַט כח, ווענדענדיג זיך אין אַלע פיער זייטען פון האָריזאָנט.

אַז איך בין שוין געוואָרען הייזעריג, האָב איך אויפגעהערט צו שרייען. איך האָב זיך צוגעהערט: אַ הונד האָט געוואָיעט זעהר וויים.

איך האָב ווידער גענומען אַ ביסעל ראָם, און איך האָב זיך אינגאַנצען אויסגעצויגען אויפ'ן שיפעל. איך בין אַזוי געלעגען אפשר אַ שעה, אפשר צוויי, נישט געשלאָפען, מיט אָפענע אויגען און קאָשעמאַרען האָבען מיך געפּייניגט.

מיר האָט זיך זעהר פערוואָלט אויפשטעהן, נאָר איך האָב בשום אופן נישט געקענט אויפרייסען זיך. איך האָב מורא געהאַט מאַכען האָטש איין בעוועגונג.

אין אַ ביסעל צייט אַרום האָב איך זיך פאַמעלינקעם אויפגעהויבען,

פונקט ווי מיין לעבען האָט זיך געווענדעט פון אַ מינדסטען שאָרך, וואָס איך האָב געקענט מאַכען. איך האָב זיך אַרום־געקוקט אַרום מיר.

איך בין געוואָרען ערשטוינט. פאַר מיינע אויגען האָט זיך אויסגעשפּרייט אַ צויבערליכע אַ וואונדערבאַרע פּאַנאָראַמאַ. דאָס איז געווען אַ ריינע פאַנטאַסמאַגאָריען פון אַ לאַנד פון פעען. איינער פון די וויזיאָנען וועגען וואָס דערצעהלען די רייזענדער פון די ווייטע לענדער און צו וועלבע מיר הערען זיך צו, נישט גלויבענדיג אין דעם.

דער געבעל האָט שוין בעפרייט דעם טייך, און האָט זיך אַרומגעשפּרייט אין גאַנצען אויף די בערגען. יעדער בערג האָט אויסגעזעהן פונקט ווי אַ באַרג, פון זעקס, זיבען מעטער אין דער הויך, וואָס האָט געפינקעלט אונטער דער לבנה מיט אַ זילבער־קלאָרען שיין.

מען האָט געקענט זעהן בלויז דעם טייך צווישען צוויי הויכע ווייסע בערג. און ווייטער, אין דער הויך, איבער מיין קאָפּ, האָט געוואַנדערט אַ גרויסע, אַ ברייטע, אַ פולע לבנה אין בלויען הימעל.

אַלע וואַסער־חיות האָבען זיך אויפגעהאַפּט. די פרעש האָבען געקוואָקעט, און צייטענווייז האָט זיך געהערט אַ קורצע אומעטיגע נאָטע, פון די זשאַבעס.

אַ מאָדנע זאַך! איך האָב שוין מעהר נישט מורא געהאַט. איך האָב זיך געפונען צווישען אַזאַ אומגעוואָהנליכען פּייזאַזש, דאָס אַלע איבעריגע זאַכען האָבען אויף מיר שוין נישט געקענט האָבען אַ גרויסע ווירקונג. וויפיעל צייט דאָס האָט געדויערט ווייס איך נישט, ווייל איך בין ענדליך איינגעשלאָפען. אַז איך האָב אויפגעעפענט די אויגען, איז די לבנה שוין נישט געווען, דער הימעל איז געווען אין גאַנצען בעדעקט מיט וואָלקענס, די וואַסער האָט זעהר אומעטיג געפּליעסקעט, דער ווינד האָט געבלאָזען, עס איז געווען שרעקליך קאַלט, די פינסטערניש איז געווען אַ מורא'דיגע. איך האָב אויסגעטרונקען די לעצטע פאָר גלעזלעך ראָם, און קלאַפּענדיג אַ צאָהן אָן אַ צאָהן, האָב איך זיך צוגעהערט צו דעם שאָרך פון די לאָזען און צו די געהיימניספולע שטימען פון דעם טייך. עס איז געוועזען אַזאַ פינסטערניש, דאָס איך האָב נישט געקענט דערקענען נישט מיין שיף, נישט אַפילו מיינע הענד. ביסלעכווייז איז די שוואַרצע חמאַרע קלענער געוואָרען. מיט אַ מאָל האָב איך דערפיהלט אַ שטן נעבען מיר. איך האָב אַ געשריי געטהון. עס האָט זיך דערהערט אַ שטימע. דאָס איז געווען אַ פישער.

איך האב איהם א רוף געטהון, ער איז צוגעפאהרען, איך האב איהם דערצעהלט די געשיכטע. ער האט אוועקגעשטעלט זיין שיף גלייך מיט מיינער, און ביידע צוזאמען האבען מיר זיך גענומען שלעפען די קייט. דער אנקער האט זיך נישט געריהרט. דערווייל האט שוין אנגעהויבען טאגען; דאס איז געווען, א חמארנער, א פינסטערער, א רעגענדיגער טאג, איינער פון די טעג, וואס ברענגען שטענדיג מיט זיך נאר צרות און אומגליקען. איך האב דערזעהן א בארקע, מיר האבען א געשריי געטהון; צו אונז האט זיך צוגעזעצט נאך א דריטער מענש.

און אלע דריי, האבען מיר אנגעהויבען צו ציהען די קייט, און דער אנקער האט זיך געריהרט. ער האט זיך געהויבען זעהר שטיל, פאמעליך, אנגעלאדען מיט א גרויסער משא.

ענדליך האבען מיר דערזעהן א שווארצע מאסע. מיר האבען זי צוגעצויגען נעהנטער, דאס איז געווען א טויטער קערפער פון א אלטער פרוי, א גרויסער שטיין איז געווען אנגעבונדען אויף איהר האלז.

איבערזעצט **שטערע ראטשילד**.

געאָרג בראַנדעס.

# ארטור שניצלער.

## I.

אין אַ משך פון וועלכע ניִשט איז זיִעבען־אַכט יאָהר איז אַרטור שניִצ־לער געוואָרען איינער פון די אינטערעסאַנטסטע עסטרייכישע שרייבער. ער איז אויף אַזוי פיִעל פיִעלאַרטיִג און פיִעלפאַרביִג, אַז עס איז שווער אָנצו־ווייזען אויף זיינע בעזונדערע אויסגעצייכענטע אייגענשאַפטען. נאָר מען קען ווירקליך זאָגען וועגען איהם: דאָס איז — אַ געניאַלער מענש. דיעזע פיִעלזאָגענדע און דאָך וועניג בעשטימטע פאָרמול ווייזט אָן דערויף, אַז

אין שניצלער'ן געפינט זיך איין און זעהר אַ גרויסער מאָס שבלדיג'עס, בעשטימטעס און אין דער זעלבער צייט אַ סך אונבעשטימטעס און אונראַציאָנעלעס (נישט שכל'דיגעס).

ווען עס ערשיינט זיינער אַ נייער בוך קען מען נישט מיט זיכערהייט זאָגען, אַז דאָס איז אַ פאָרטשריט ווייטער אין פערגלייך מיט זיין פריהער־דיגען שאַפען, נאָר מען קען רוהיג האָפען אויף דעם, אַז ער וועט געבען דער נשמה נייע שטימונגען, אויפוועקען נייע און גייסטרייכע געפיהלען.

איינע פון זיינע לעצטע ווערק, די פינף־אַקטע דראַמע „דער דעקטוך פון בעאַטריצע" איז זעהר רייך מיט איהר אינהאַלט, זי שניידט זיך איין אין זכרון, און פער'כשופ'ט מיט איהר אונזין. זי איז רייך מיט זון־ און יום טוב־שטימונגען; זי איז זעהר אמת'דיג און אין דער זעלבער צייט רייך מיט פאַנטאַזיע.

אין איהר איז, אויפ'ן עכט שניצלערישען שטייגער איבערגעמישט דער שטאַרקסטער בעגעהר פון פערגעניגען מיט די טרויעריגע מחשבות וועגען דער קומענדער נאָהענטקייט פונ'ם טוידט; זי איז פול מיט ברענענ־דער תאוה און בעגייסטערט מיט אמת'ער קונסט. די דראַמע קומט פאָר אין באָלאָניע אין די צייטען פון צעזאַר באָרדזשיאָ, און ענטהאַלט אין זיך אַלץ, וואָס איז נויטיג פאַר אַ גרויסען סצענישען ערפאָלג.

זעלטען ווען האָט אַ בוך אין דער מאָדערנער דייטשער ליטעראַטור געהאַט אַזאַ גלענצענדען ערפאָלג, ווי שניצלער'ס קליינער זאַמעלבוך אונ־טער'ן נאָמען „אַנאַטאָל". אין דעם בוך — איז די לייכטזיניגע וויען מיט איהר פוסטקייט און מיט איהרע ליידען, מיט איהר קומער און שאַרפזין, מיט איהר וועלט־חכמה און פרויען־קלוגשאַפט. דער בוך איז דורכגעדרונגען מיט שאַרפער און בייסענדער איראָניע. אויף געצעהלטע בלעטלעך לעבט דאָ אויף גאַנץ וויען מיט איהר פלירט און איהר לייכטען פערהאַלטען זיך צום לעבען.

די דראַמע „דאָס מערכען" ווייזט אונז שניצלער'ן גאָר אין אַ גאַנץ אַנדערען ליכט. דאָ טרעט אַרויס צום ערשטען זיין נשמה־ווייכקייט, זיין האַרציגקייט און גלייך מיט דעם זיין טיעפער קענען פון מענשען, זיין שאַר־פער וויסען דאָס מענשליכע האַרץ. די פיעסע בעריהרט די טעאַטראַלע וועלט, וועגען וועלכע שניצלער שרייבט זעהר אָפט, ווייל אַ גרויסען טייל פון זיין לעבען האָט ער פערבראַכט אין איהר.

אין דער דאָזיגער דראַמע דריקט אויס שניצלער זיין פראָטעסט נעגען דער אונגערעכטער בעציהונג פון דער היינטיגער געזעלשאַפט צו דער

„געפאלענער" פרוי; ער ווייזט אן, אז טאקי די פעראכטונג, וועלכע זי בעגעגענט אויף יעדען טריט טרייבט זי טיעף אין אבגרונד אריין פון וועלכען זי געפינט שוין נישט קיין אויסוועג.

אין דער פיעסע בעווייזט ער, אויף וויפיעל דער אייפערזיכט צו דער פערגאנגענהייט פון דער פרוי, וועלכעס טהעאדאר (דער הויפט-העלד פון דער פיעסע) ליעבט, פייניגט זי אויס מאראליש און מאכט אונמעגליך זייער ווייטערדיגען געמיינזאמען לעבען.

די פיעסע איז נישט קיין עפעקט-רייכע, זי צייכענט זיך אבער אויס מיט איהר עהרליכקייט, און אויפריכטיגקייט, מיט איהר טיעפען וויסען דעם מענשענס נשמה.

די העלדין פון דער פיעסע איז וועניגער גלענצענד, ווי די העלדין פון א עהנליכער זודערמאנ'ס פיעסע „דאס פאטערלאנד"; זי איז אבער אמת'ער און מעהר צוגעפאסט צו דער סצענע.

נאך „דאס מערבען" איז ערשיענען די קליינע, צערטליך-שעהנע פיעסע „דאס שפיעל"; מיט דיזער פיעסע איז שניצלער צום ערשטען מאל ארויסגעטראטען אויף דער ביהנע. דאס איז א עכט ויענ'נישעס ווערק, דא איז אויך איבערגעמישט נשמה-ווייכקייט מיט דער קאלטקייט פונ'ם לעבענ'ס-שטודיום, נאר זי צייכענט זיך אויסער דעם אויס אויך מיט איהר גרינגקייט און גראציעזקייט.

מיט א יאהר פריהער האט שניצלער אבגעדרוקט, זיין איינציגע צו יענער צייט גרויסע ערצעהלונג, א שפאנענדע נאוועלע אונטער'ן נאמען: „דאס אבשטארבען".

מיט דער גענויקייט פון א ספעציאליסט א פסיחאלאג-פארשער, בעשרייבט ער דאס לעצטע יאהר לעבען פון א מענשען, פון וועלכען אלע דאקטוירים האבען זיך אבגעזאגט און ער ווייס וועגען דער נאהנטקייט פון זיין טוידט. מיט גרויס מייסטערשאפט בעשרייבט שניצלער אין דער נאוועלע דאס פערהאלטען זיך פון דעם דאזיגען שטארבענדען צו א יונגער פרויליין, וועלכער ער האט ליעב מיט דער גאנצער קראפט פון פערגעטערונג, לעבענ'סלוסט, תאוה און אייפערזיכט; ער מאלט דעם עגאאיסטישען ווילען, וועלכער ערוועקט זיך פלוצלונג ביים קראנקען מיטצונעמען מיט זיך אין קבר זיין געליעבטע, זיינע אילוזיעס און חלומות צוריק געזונד ווערען, דעם וואוכס פון זיין גרענעץ-לאזער זעלבסט-ליעבע, ביז עס קומט נישט זיין סוף.

(18 העפט

(ענדע פון זיעבענצעהנטען העפט).

---

וועלכער געשווינדיגקייט זיי זענען, גלייך ווי עפּיס לעבעדיגע ברואים, פון אלע זייטען איינער קעגען דעם אנדערן צוגעשטראָמט, זיך נישט פערצייהענדיג ווידער אין די ווייטקייט אוועק. איך זאָג, אז די געדיכטע וואָלקענס האָבען אונז נישט געהינדערט צו בעמערקען, חאָטש עס האָט זיך אפילו קיין שום שימער, קיין שום אָבשיין פון דער לבנה אָדער פון די שטערען נישט געוויזען, אפילו נישט קיין אויפצוקענדער בליץ־שטראַהל. אָבער די אלע זאַכען, וועלכע האָבען זיך געפונען גאַנץ נאָהנט פון אונז זענען בעגאָסען געווען מיט אַ מאָט לייכטענדיגען אָבער, דייטליך זיכטבאַרען גאַז־אויסהויכונג, וועלכער האָט זיך אין דער לופט פערשפּרייט און דאָס געבייידע ארומגעהילט.

— דו טאָרסט עס נישט, דו זאָלסט עס נישט זעהן, — האָב איך מיר שוידערנדיג צו אושהער געוועדנעט, און האָב איהם מיט גוואַלד אָבער דאָך געניג זאַנפט פון פענסטער אַוועקגעריסען און צו אַ שטוהל צוגעפיהרט. — די דאָזיגע ערשיינונגען, פון וועלכע דו ביזט אַזוי אויסער זיך געוואָרען זענען גאַנץ געוועהנליכע עלעקטרישע פּראָצעסען און עס איז זיך גאָרנישט דאָ פאַר וואָס צו שרעקען, — עס קאָן אָבער אויך זיין, אז זיי האָבען צו פערדאַנקען זייער גייסטער־האַפטעט שפּיעל די פערדאָרבענע אויסדונסטונגען פונ'ם טייך. לאָמיר בעסער דאָס פענסטער צומאַכען; די לופט איז פראָסטיג און פאַר דיין צושטאַנד געפעהרליך. דאָ איז איינס פון דיינע ליעבלינג־דיכטונגען. איך וועל דיר פאָרלעזען און דו ווען מיר צוהערען; אַזוי וועלען מיר די שרעקליכע נאַכט צוזאַמען פערברענגען.

דאָס אַלטע בוך וועלכעס איך האָב אין דער האַנד געהאַלטען איז געוועזען „מעד טריסט“ פון סער לאַנקלאָט קעניננג. דאָס האָב איך מעהר אין שפּאַס ווי אין ערנסט געזאָגט, וואָס איך האָב עס אָנגערופען אושהערס ליעבלינגס־בוך; ווייל דער אויבערפלעכליכער אינהאַלט פון בוך איז נישט אומשטאַנד געוועזען צו פעראינטערעסירען דעם ערהאַבענעם און גייסטרייכען אידעאַליזמוס פון מיין פריינד. דאָך האָב איך געוועהלט דאָס דאָזיגע בוך צום לעזען, ווייל איך האָב גראַדע קיין אנדער בוך ביי דער האַנד געהאַט; און איך האָב עפּיס געהאַט אַ נישט געוויסע האָפנונג, אז גראָד די נאַרישקייטען וועלכע געפינען זיך אין דעם דאָזיגען בוך וועלען פערגרינגערן די אויפרעגונג פון וועלכע דער געמיטהס־קראַנקער האָט יעצט אַזוי שטאַרק געליטען; דען די געשיכטע פון די גייסטעס־שטערונגען ווייזען אונז אויף פיעל ראיות אז אַזוינע מיטלען ווירקען פיעל מאָל זעהר

גוט. ווען איך זאָל קענען אורטײלען לויט די לײדענשאַפטליכע געשפּאַנטע מינעם מיט וועלכע ער האָט זיך אויפמערקזאַם צוגעהאָרכט יעדעס געלעזענע וואָרט פון דער נאַרישער ערצעהלונג, וואָלט איך געוויס זיך געקאָנט בעריהמען, אַז מײן מיטעל האָט דעם בעסטען ערפאָלג געהאַט.

איך בין אין דער ערצעהלונג געקומען צו יענע בעקאַנטע שטעלע, וואו עטעלרעד, דער העלד פון טריסט, נאָך דעם ווי ער האָט זיך אומזיסט געהאַט בעמיהט מיט גוטען אַרײנצוקומען בײ דעם מאָנאַך אין הויז, שטרענגט ער זיך אָן אַרײנצוקומען דאָרט מיט גוואַלד. ווי מען ווייסט זיך דערמאהנען שטעהען די ווערטער פון דער ערצעהלונג פאָלגענדער־מאַסען:

„און עטהעלרעד, וואָס איז פון דער נאַטור בעשאָנקען געווען מיט אַ מוטהיגען גײסט, און וועלכער האָט זיך יעצט דורך די קראַפט פון ווײן, וואָס ער האָט געטרונקען נאָך שטאַרקער געפיהלט, האָט שוין לענגער ניט געוואַרט זיך אַרומצוקריגען מיט דעם מאָנאַך, וועלכער איז קענטיג געווען אַ גרויסער עקשן און ניט קײן נאָכגיביגער; און אַזוי ווי עטהעלרעד האָט שוין דעם רעגען אויף זײן דוקען דערפיהלט און האָט מורא געהאַט פאַר דעם געוויטער וואָס איז שוין אין דער לופטען געהאַנגען, האָט ער באַלד אויפגעהויבען זײן האַק און מיט איין העפטיגען שטוים האָט ער זיך באַלד געשאַפט אַזוי פיעל רוים וויפיעל ער האָט פאַר זײן בעפּאַנצערטע האַנד נויטיג געהאַט. נון האָט ער שוין געוואוסט וואָס ער האָט מיט זײן קראַפטפולע האַנד צו טהון; ער האָט אַלץ צעבראָכען און צעריסען אַזוי, אַז דער ליאַרם פון די טרוקענע קנאַקעדיגע האָלץ האָט איבער דעם גאַנצען וואַלד אָבגעקלונגען".

בײם שלום פון דעם דאָזיגען זאַץ האָב איך אַ שוידער געטהון מיט אַלע גליעדער און האָב אויף אַ ווײלע אויפגעהערט צו לעזען. עס האָט זיך מיר אויסגעוויזען, — כאָטש איך האָב זיך באַלד בעטראַכט, אַז דאָס אין נאָר געווען אַ טעות, אַ דאַנק מײן אויפגערעגטער פאַנטאַזיע, — עס האָט זיך מיר אויסגעוויזען, גלײך ווי פון אַ זעהר ווײט אָבגעלעגענעם טײל פון דער געבײדע איז אין מײנע אויערן עפּיס אַ טאָן אַרײנגעדרונגען, וואָס לויט זײן געגויע עהנליכקײט, כאָטש אונטערדריקטער און טעמפּיגער, איז ער געווען אַן אָבקלאַנג פון יענעם קרעכציגען און קראַכענדיגען טאָן, וועלכען סער לאַנקלאָט האָט אַזוי גענוי בעשריבען. עס איז בײ מיר קײן שום ספק ניט, אַז נאָר צוליעב דאָס גלײכצײטיגע אײנטרעטען פון יענעם טאָן און דאָס לעזען אין בוך איז מײן אויפמערקזאַמקײט אַזוי ערוועקט געוואָרען, דען בשעת דער ווינד האָט אַזוי שטאַרק געריסען בײ די לאָ

יענס, און דער שטורם דרויסען איז פון מינוט צו מינוט אַלץ גרעסער גע־
װאָרען, איז מיר גאָר אונמעגליך געװעזען יענעם טאָן צו דערהערען, און ער
װאָלט געװיס פאַר מיר גלײַכגילטיג פאַרבײַגעגאַנגען און אויף מיר קײַן
שום שרעק נישט אַרויפגעיאָגט. איך האָב די ערצעהלונג װײַטער
געלעזען:

„אָבער אַז דער דרײַסטער עטעלרעד איז יעצט אַרײַנגעקומען, איז
ער געבליבען שטעהן ערשטוינט און איז שרעקליך אין כעס געװאָרען
ערויף, װאָס פון דעם בעזען מאָנאַך איז קײַן שום שפור נישט איבער־
געבליבען. אַנשטאָט איהם האָט ער געפונען אַ שופּיגען שלאַנג פון אַ
שרעקליך אויסזעהן און מיט אַ פײַער־שפּריציגער צונג; ער איז געלעגען
פאַר אַ גאָלדענעם פּאַלאַץ מיט אַ זילבערנער פּאָדלאָגע װעלכען ער האָט
בעװאַכט. אויף דער װאַנד איז געהאָנגען אַ שילד, פון שימערדיגען
ערץ, װאָס אויבען איז געװען אײַנגעקריצט דער װײַטערדיגער אויפשריפט:

אַ גבור איז דער, װער דאָ קאָן אַרײַנקומען;

װער ס'האָט דערהרג'עט דעם שלאַנג, דעם שילד צוגענומען.

און עטעלרעד האָט אַ פאָך געטהון מיט דער האַק און דערמיט גע־
טראָפען דעם שלאַנג אין קאָפּ. דער שלאַנג איז באַלד צו דער ערד גע־
פאַלען און האָט זײַן אָטהעם מיט אַ שרעקליכען געהײַל אויסגעהויכט. דאָס
געהײַל איז אַזוי שרעקליך געװעזען, אַז עטעלרעד האָט זיך געמוזט פאַר־
מאַכען די אויערן נישט צו הערען דאָס געהײַל, װאָס קײנמאָל אין זײַן לע־
לעבען האָט ער נאָך עפּיס ענליכעס נישט געהערט".

דאָ האָב איך פּלוצלונג װײַטער אויפגעהערט צו לעזען און דאָס מאָל
שוין אין געפיהל פון העכסטער בעשטירצונג: דען יעצט איז מיר שוין
מעהר קײַן שום ספק נישט געװעזען, אַז אין דעם דאָזיגען אויגענבליק —
חאָטש מיר איז אונמעגליך צו זאָגען פון װעלכער ריכטונג — האָב איך
פאַקטיש געהערט אַ שטילען און קענטיג אַ װײַטען לאַנג־געצויגענעם גריל־
ציגען אָדער שנאַרענדיגען טאָן; די גענויע װידערהאָלונג פון'ם אונגאַטיר־
ליכען שלאַנגען־געהײַל, װי מײַן אײַנבילדונגס־קראַפט האָט מיר, לויט דעם
דיכטערס בעשרײַבונג, אין די אויערן אַרײַנגעקלונגען.

זײַענדיג בעהערשט פון טויזענדערלײַ געפיהלען, װאָס זענען זיך אײנס
דאָס אַנדערע סותר, געפינענדיג זיך אונטער דעם אײַנדרוק פון העכסטען
ערשטוינען, װי איך בין דאַמאָלס געװעזען, האָב איך זיך דאָך אויף אַזוי
פיעל געקאָנט האַלטען, אַז איך זאָל דורך ערגעץ װעלכע בעמערקונג נישט
אויפרעגען די עמפּפינדליכע נערװעזיטעט פון מײַן חבר. איך בין נישט

זיבער געוועזען אויב ער האָט די איינגעבילדעטע טענער בעמערקט, חאָטש אין די לעצטע פּאָר מינוטען איז אין זיין וועזען געוויס פאָרגעקומען אַ זאָנדערבאַרע פערענדערונג. זיין שטוהל אויף וועלכען ער איז מיר געגענאיבער געזעסען האָט ער אַזוי לאַנג אַרומגעדרעהט ביז איהם איז אויסגעקומען צוזיצען מיט'ן פּנים קעגען טהיר. אויף אַזאַ אופן איז מיר שווער געוועזען צו בעמערקען זיינע צוגען אין געזיכט, איך האָב נאָר קוים געזעהן ווי איבער זיינע ליפּען האָט אַ לייכטע בעוועגונג געציטערט, גלייך ווי ער וואָלט פאַר זיך, שטיל אַז קיינער זאָל נישט הערען, עפּיס געמורמעלט. זיין קאָפּ איז אויף די ברוסט אַראָבגעזונקען געוועזען, און דאָך האָב איך דערקענט אָן די שטאַרע און ווייט געעפענטע אויגען, אויף וועלכע איך האָב אָן אַ זייט אַ קוק געחאַפּט, אַז ער איז נישט איינגעשלאָפען געוועזען. אויך די בעוועגונג פון זיין קערפּער האָט בעוויזען, אַז ער איז וואַך, דען ער האָט זיך בעוועגט מיט זאַנפטער, אָבער מיט שטענדיגער און גלייכמאָסיגער שווינגונג פון איין זייט אויף דער אַנדערער. נאָך דעם ווי איך האָב דאָס אַלץ געהאַט בעמערקט האָב איך ווידער אָנגעהויבען לעזען סער לאָנקלאָטס ערצעהלונג:

„און יעצט ווען עס האָט זיך שוין מעהר נישט געהערט דאָס שרעקליכע געהייל פון'ם שלאַנג האָט ער זיך דערמאַהנט אָן דעם מעטאַלענעם שילד און די אויפלעזונג פון'ם כשוף, וועלכע איז דערמיט פערבונדען געווען. ער האָט דעם טוידטען שלאַנג ערגעץ אָן אַ זייט אַוועקגעשלעפּט, ער זאָל איהם פאַר די אויגען נישט ליגען און איז מוטיג אויף דער זילבערנער פּאָדלאָגע פון'ם פּאַלאַץ געשריטען ביז ער איז צוגעקומען צו דער שטעלע וואו דער שילד איז אויף דער וואַנד געהאָנגען. דער שילד אָבער האָט נישט געוואַרט ביז דער העלד איז צו איהם גאָר נאָהנט צוגעקומען, זאָנדערן האָט זיך מיט אַ פורכטבאַר שמעטערדיגען קלאַנג איהם געוואָרפען צו די פיס, אויף דער זילבערנער פּאָדלאָגע".

קוים האָב איך נאָר געהאַט די לעצטע זילבען אָבגעלעזען, דאָ איז גאַנץ דייטליך אין מיינע אויערן אַריינגעדרונגען אַ הויהלער מעטאַלישער דורכבויערנדיגער אָבער געדעמפּטער אָבקלאַנג, גלייך ווי עס וואָלט ווירקליך אין דעם זעלבען אויגענבליק אַ מעטאַלענער שילד אויף אַ זילבערנער פּאָדלאָגע געפאַלען מיט שוואונג. אויסער זיך האָב איך פון מיין אָרט אַ שפּרונג געטהון, אוסהער אָבער האָט זיך גאַנץ רוהיג ווי פריהער אויפ'ן שטוהל געשאָקעלט. איך האָב זיך אַ וואָרף געטהון צו דעם שטוהל אויף וועלכען ער איז געזעסען, זיינע בליקען האָבען שטאַר פאַר זיך געקוקט

און אין זײַן גאַנצעם אויסזעהן האָט זיך אויסגעדריקט די שטאַרקע אונבעוועגליכקייט פון אַ שטיינערנער רוהיגקייט. דאָך, ווען איך האָב מיין האַנד אויף זײַן אַקסעל אַרויפגעלעגט איז אידם אַ שוידער איבערן גאַנצען קערפער אַריבערגעלאָפען; אַ מאַטער שמייכעל האָט איבער זײַנע ליפען געציטערט און איך האָב בעמערקט, אַז ער האָט האסטיגע און נישט פערשטענדליכע ווערטער פאַר זיך שטיל געמורמעלט, גלייך ווי ער וואָלט מיר גאָר נישט האָבען בעמערקט. אַז איך האָב זיך טיעף איבער איהם אַריבערגעבויגען האָט זיך מיר איינגעגעבען צו פערשטעהן דעם אינהאַלט פון זײַנע ווערטער:

„עס נישט הערען? — אַ, יאָ! איך הער עס עס אָבער און האָב עס געהערט. לאַנג — לאַנג — זעהר לאַנג — אַ סך מינוטען לאַנג — אַ סך שטונדען, יאָ, פיעל טעג לאַנג האָב איך עס געהערט! אָבער איך האָב עס נישט געוואַגט — אָ, בעקלאָג מיך עלענדען, יאָמערפולען, דאָס בין איך! — איך האָב נישט געוואַגט — איך האָב נישט געוואַגט צו רעדען! לעבעדיגערהייד האָבען מיר זי אין קבר אַרײַנגעלעגט! האָב איך דען נישט געזאָגט, אַז מײַנע חושים זענען שאַרף? יעצט זאָג איך דיר, אַז איך האָב געהערט איהרע ערשטע שוואַכע רעגונגען אינ'ם טיעפען קבר. איך האָב עס געהערט — עס איז שוין עטליכע, שעהנע עטליכע טעג אַוועק — אָבער איך האָב נישט געוואַגט צו רעדען! און יעצט — אין דער היינטיגער נאַכט — עטעלרעד — האַ! — האַ! — דאָס אַרײַנרײַסען זיך אין דעם מאָנאַך'ס טהיר און דאָס שטאַרבענס־געהייל פונ'ם שלאַנג, און דער בוּיערנדיגער קלאַנג פונ'ם שילד! — זאָג בעסער: דאָס שפּרענגען פון איהר אָרון און דאָס קנאַקען פון די אײַזערנע זאַוויעסעס פון איהר געפענגניס, און איהר קוואַלפולעס אַרומטאַפּען אויף די מיט קופּער איבערגעצויגענע וועגד פונ'ם געוועלבטען צימער! אָ, וואו זאָל איך לויפען? וועט זי נישט עבּיג דאָ זײַן? אײַלט זי דען שוין נישט דאָ אַהער מיר פאָרוואירפע צו מאַכען פאַר וואָס איך האָב איהר אַזוי געשווינד בעגראָבען? האָב איך דען שוין נישט געהערט איהרע טריט אויף דעם טרעפּ? הער איך דען נישט דאָס שווערע און שרעקליכע פּאָכען פון איהר האַרץ? האַ, משוגענער"! — יעצט איז ער אויפגעשפּרונגען וויטהענד פון שטוהל און האָט געשריען גלייך ווי ער וואָלט געוואָלט די נשמה פון זיך אַרויסשרײַען: „משוגענער! איך זאָג דיר, אַז זי שטעהט אין דעם אויגענבליק פאַר דער טהיר"!

גלייך ווי עס וואָלט אין די איבערמענשליכע קראַפט פון זײַן געשריי עפּיס אַ צויבערקראַפט געווירקט, האָבען אין דעם זעלבען אויגענבליק זיך

אָנגעהויבען לאַנגזאַם פונאַנדער צו רוקען די שווערע האָלץ-טאָוולען פון דער טהיר, אויף וועלכער ער האָט מיט דער האַנד אָנגעוויזען. געשעהן איז דאָס נאַטירליך דורך דער ווירקונג פון דעם אַריינבלאָזענדיגען צוג-ווינד, — אָבער הינטער די דאָזיגע טהיר-פליגלען האָט זיך בעוויזען די הויכע געשטאַלט פון דער פערשטאָרבענער לעדי מאָדעליין איינגעוויקעלט אין תכריכים. איהרע ווייסע קליידער זענען געווען מיט בלוט בעפלעקט און אויף איהר אָבגעמאָגערטען קערפּער זענען אומעטום געווען צו דערקענען די שפּורען פון אַ שווערען קאַמפּף. איין מינוט איז זי ציטערנדיג אויף דער שוועל שטעהן געבליבען — דערנאָך האָט זי זיך בעוועגט מיט אַ טיעף-אויפאָטהעמדיגען געשריי קעגען די געשטאַלט פון איהר ברודער, אין איהר יעצט ערשט אָנקומענדיגען לעצטען טוידט-קאַמפּף האָט זי איהם אַלס אַ קרבן פון זיין אייגענעם נאָך פאַר דער צייט עמפּפונדענעם שרעק אַראָבגעצויגען מיט זיך אַ טוידטען אויף דער פּאָדלאָגע.

אַ דערשראָקענער בין איך פון יענץ הויז אַנטלאָפען. אַז איך בין שוין ווידער געווען אויפ'ן בעקאַנטען וועג, האָט נאָך דרויסען דער ווינד געריסען מיט זיין גאַנצער קראַפט. פּלוצלונג איז איבער'ן וועג אַ גרעלער שיין אַריבער, איך האָב זיך אומגעקוקט און געוואָלט זעהן פון וואַנען איינענטליך קומט דאָס דער דאָזיגער אונגעוואָהנליכער שטראַהל, אַזוי ווי הינטער מיר איז מעהר נישט געווען ווי דאָס ווייטע געביידע פון וועלכען איך בין אַנטלאָפען. געקומען איז יענע שטראַהלענדיגע ליכטיגקייט פון דער בלוט-רויטער פולער לבנה, וועלכע האָט אין דעם אויגענבליק בעלויכטען מיט גרעלען שימער יענעם קוים מערקבאַרען ריס, וועלכער האָט זיך געצויגען אין אַ זיגזאַג, ווי מיר האָבען שוין אויבען געשריבען, פון דעם דאַך ביז צום פונדאַמענט איבער דער גאַנצע געביידע. בשעת איך האָב אַזוי שטוינענד זיך דערויף פערקוקט האָט זיך דער שפּאַלט מיט אונבעשרייבליבער געשווינדיגקייט פערגרעסערט — דערנאָך איז געקומען אַן אונגעהייער שרעקליכער ווינד-שטורם — פאַר די אויגען האָט מיר געבלענדעט דער שימער פון אַ ים ליכטיגקייט; אין מוח האָט מיר אָנגעהויבען שווינדלען ווען איך האָב דערזעהן ווי די מעכטיגע ווענד פון שלאָס האָבען אָנגעהויבען זיך פונאַנדער רייסען. עס האָט זיך געהערט אַ ליאַרם און אַ טומעל, וואָס האָט זיך געדאַכט, אַז ס'וועט שוין גאָר קיינמאָל נישט אויפהערען און דער טיעפער אומעטיגער טייך צו מיינע פיס האָט זיך פינסטער און שוויינענדיג געשלאָסען איבער די חורבות פון דאָס אונטערגעגאַנגענע „הויז אושער".

געוועזען א טהיר פערהאנגען מיט פאָרטיערן. אננא'ס הארץ האָט אנגעהויבען שטאַרקער קלאַפּען. אַ שרעקליכער חשד איז איהר אין די געדאַנקען אויפגעשטיגען. וואָס זאָל דאָס בעדייטען? פון דאָרט איז געוועזען אַ גלייכער וועג וואָס פיהרט צו שאָלצינג'ס שלאָף-צימער. זי האָט זיך אויף אַ ווײַלע אָבגעשטעלט, האָט זיך צו איהם אויסגעדרעהט און איהם אָנגעקוקט. ער האָט אַ לײַכטען שמייכעל געטהון. פון זיין שעלמישען בליק איז אננאַ אייז-קאַלט געוואָרען.

— און וואו זאָל דאָס קינד מיט זיין ניאַנע וואהנען? — האָט זי געפרעגט זיך בעהערשענדיג. —

— ביטע, קומען זי מיט מיר! — האָט ער איהר געענטפערט און איז מיט איהר ביז צום עגדע פונ'ם לאַנגען קאָרידאָר געגאַנגען. אַ פליגעל-וואהנונג אין גאָרטען איז מיט זיין וואהנונג צוזאַמען קאָמבינירט געווען. אייגענטליך האָט זיך געקאָנט דאַכטען, אַז עס איז גאָר אַ בעזונדער וואוינונג געווען און דאָך, אַז מען האָט געוואָלט, איז עס מיט די אַנדערע צימערן פערבונדען געוועזען.

— אַזוי, דאָ האָט צולעצט געוואהנט מיין חתונה געהאַטע טאָכטער. יעצט לעבט זי אין פּאַריז. איך מיין, אַז דיזען צימער זאָלען מיר מאַכען אַלס וואהנונג פאַר אייך דרייען! דאָ וועט איהר קענען אונזשעניערט זיין אַ מוטער צו אייער קינד! און דאָרטען וועט שלאָפען דער קליינער מיט דער ניאַנע! — —

אננאַ האָט די הענד צוזאַמענגעקרעמפּט און מיט אַ ציטריגער שטימע געפרעגט:

— אפשר וואָלט איך דאָ אויך געקאָנט שלאָפען! הערר פּראָפעסאָר? — — זי האָט זיך בעקלערט, אַז זי וועט מוזען זיין אַזוי ווייט אָבגעשיידט פון איהר אָטטאָ און אַ שוידער איז איהר דורך אַלע גליעדער דורכגעגאַנגען. דאָס געזיכט איז איהר געוואָרען בלאַס ווי ביי אַ מת. האַסטיג האָט ער זיין אָרעם אויף איהר אַרויפגעלעגט. זיין געזיכט האָט זיך מיט פּאָטערליכער אויסדרוק איבער איהר אַריבערגעבויגען און מיט אַ צערטליכע טיילנעמענדיגע שטימע האָט ער איהר געפרעגט:

— וואָס איז אייך, מיין אָרעם קינד?

און האָטש די ווערטער זענען אַרויסגעזאָגט געוואָרען אַזוי ווייך, פול מיט רחמנות און ווי מיט טרעהרען דורכגעווייקט, דאָך האָט עס אויף איהר אַ שלעכטע ווירקונג געמאַכט. זי האָט אין זיינע אויגען, צו וועלכע

זי האָט איהר בליק אויפגעהויבען, עפּיס נישט הימליבעס דערזעהן! עפּיס האָט דאָרטען געליוערט! און דער דרוק מיט וועלכער ער האָט איהר צו זיך געפּרעסט! —— אַננאַ האָט געוואָלט זיך אַרויסרייסען, אַנטלויפען. ער האָט איהר אָבער פעסט געהאַלטען. זיין שטימע איז געוואָרען אַ מין הייסער איינגעהאַלטענער שעפּטשען. ער האָט איהר געמאָלען איהר שרעקליכע לאַגע, אַז דאָס קינד וועט איהר אומעטום זיין אַ שטערונג, אַז ביי איהם וועט זי לעבען רוהיג און נישט בעדאַרפען זאָרגען. ביסלעכווייז האָט ער זיך אין רעדען אַלץ מעהר און מעהר דערהיצט, ווען ער האָט איהר רייצענדען קערפּער אַזוי נאָהנט נעבען זיך דערשפּירט. ער האָט איהר אַלץ פעסטער אַרומגעקלאַמערט, זיך אַלץ טיעפער געבויגט איבער איהר געזיכט, וואָס איז אַ ווייסע בלאַס אַ ווייסע טונקעל-רויט אויפגעגליהט. —— ער האָט זיך ביי איהר געבעטען, אַ גן עדן אויף דער וועלט צוגעזאָגט, איהר מיט קאָמפּלימענטען בעשאָטען. — דאָס יונגע ווייב איז אין גאַנצען ווי געלעהמט געוועזען. עס האָט אויסגעוויזען גלייך ווי די אויפרעגונגען, די אַנגסטען וואָס זי האָט די לעצטע צייט איבערגעליטען האָט איהר די כחות אין גאַנצען אַוועקגערויבט און זי איז נישט מעהר אים שטאַנד געוועזען זיך צו ווערען. זי האָט געוואָלט עפּיס רעדען, עפּיס טהון, זי האָט עס אָבער נישט געקאָנט. ער האָט איהר געלאָזען אין אַ שטוהל זיך אַניעדער-זעצען און איז פאַר איהר אויף די קניע געפאַלען, כסדר איהר די הענד געגלעט, — נישט בעוועגענדיג זיך האָט זי זיינע צוזאָגען אויסגעהערט, אַז זי וועט שוין מעהר נישט דאַרפען זאָרגען. — גליקליך און אָהן זאָרג וועט איהר יעצט אין אייער פּראַכטפולסטען שעהנקייט וויעדער אויפבליהען! אייער קינד וועל איך פאַר אַ טיכטיגען מענש ערציהען, אַננאַ, אַננאַ'שי, מיין ——

פלוצלונג האָט זי צוריק איהרע אַמאָליגע כחות בעקומען. זי איז אויפגעשפּרונגען. ער איז געשטאַנען אַ דערשראָקענער.

— אַזוי, אַזוי הייסט עס פערשטעהט איהר דאָס, — האָט זי צאָרניג געשריען, — דאָס ווילט איהר! אַ גאָט, אַ גאָט — און דערביי האָט זי די הענד צוזאַמענגעבראָכען.

—נון, איהר נאַרישעס קינד, האָט איהר דען געמיינט, אַז איך וועל מיר אַנדערש אַרויפנעמען אויפ'ן האַלז אַ ווירטשאַפטערין מיט אַ קינד? בעדאַרף איך דען איבערהויפּט אַ דאַמע? האָ האָ! —— איהר ווילט זיין די ערשטע, וואָס וויל זיך אַנטקעגען נאַטירליכע זאַכען אַנטקעגען-שטעלען. זייט קלוג, פרײַליין, און פרעגט זיך אויס ביי אַנדערע אַלמנ'ס און אַלטע בחורים, וועט איהר הערען וואָס מען דערלעבט מיט די אַזוי גענאַנטע הויז=

דאמען! פון די פײנסטע, סאי א פרוי, סאי א מײדעל! האט דאך שכל, קינד! נישט יעדען טאג טרעפט זיך אזא גוטע שטעלע און דערצו נאך, אז איהר האט נאך אזא חסרון, אז איהר טראגט נאך אזא הארב אויף דעם רו— — — —

שאלצינג האט דעם אנגעהויבענעם זאץ נישט פערענדיגט. פער לעגען האט ער אויף אננא געקוקט. זי האט איהם אן א זײט אבגעשטויסען, איז דורך דעם קארידאר ווי א בליץ פארבײ די צימער און פארבײ די ברינק דורכגעלאפען. בלינד און טויב איז זי װײטער געלאפען ביז צום ענטרע, האט די טהיר אויפגעריסען און ווי א שטורם פון די טרעפען אראב, ארויס פון הויז און אין דעם טונקעלן טירגארטען אריין. טיפע זיפצען האבען זיך פון איהר ברוסט ארויסגעריסען. אנגסטען שווײס האבען איהר בעגאסען. שמערץ, שרעק, אויפרעגונג, קרענקינג, ביטערקײט און פערצווייפלונג האבען זיך אין איהר געראנגעלט.

א היים איז זי געקומען שפעט. זי איז מעהר נישט געגאנגען צו דעם אלגעמײנעם אבענד־טיש. פרוי קאך האט פאר איהר דאס עסען בעהאלטען. דוואראל איז אין זײן פעראיין געװעזען. פרײלײן ראזט וױדער בײ א קאנפערענץ. דאס פרײלײן מארסו אויף א קאנצערט. אננא האט דעריבער געקאנט פערבארגען איהרע פערוויינטע אויגען און דעם טיפען וואונד פון איהר בלײדיגטער און געקרענקטער זעלע... נאר די טרײע קאך האט זי געזאגט: — ...דער נישט! יענע האט נאר ...ט דעם קאפ געשאקעלט און געזאגט:

— גאט וועט שוין העלפען! אין איהר שטימע האט געקלונגען א מין זיכערהײט, א מין פעלזען־פעסטע איבערצײגונג.

---

## זיעבענטעם קאפיטעל.

גאט האט אבער נישט געהאלפען! דאס ביסעל מזומנע געלד איז צושמאלצען געווארען. אננא זאנדערס האט בעקומען אפט בעשעפטיגונג אויף א קורצע צײט. דוואראל האט איהר פערשאפט איבערצושרײבען ראמאנען און נאוועלען. זי האט גענײט קינדער־קלײדער, איבערגעמאלט פאטאגראפיעס, געשריבען אדרעסען, געשטיקט, גערעטושירט. — דערבײ האט זי געמוזט ארומלויפען גאנצע שטונדען, זיך פארגעשטעלט, געאנטווארט אויף אנאנסען־אנפראגען, אלץ אבער איז געוועזען אומזיסט, קײן פעסטע שטעלע האט זי נישט בעקומען. דאך האט זי

איהרע כחות נאָך ניִשט פערלאָרען. אדרבא. איהר שטאָלץ איז ווי גרע=
סער אויסגעוואַקסען. איהר ענערגיע האָט זיך פערדאָפּעלט. דאָס קינד
איז דאָך דאָ! אין באָללס פענסיאָן זענען פאָרגעקומען פערענדערונגען.
בעטינע מאַרסו האָט זיך אין דער וויקטאָריא=גאַס אַריבערגעצויגען.
זי האָט עס געהאַלטען פאַר אַ פערזענליכע בעליידיגונג, וואָס אַננאַ איז צו
שאָלצינג ניִשט געגאַנגען, חאָטש זי האָט אַלץ אַזוי גוט אייגעאָרדענט.
אַננאַ האָט איהר די אֶמת'ע סבה ניִשט געזאָגט, נאָר אַנדערע תירוצים
און אויסרעדען אָנגעגעבען. אַזוי=ערנאָך האָבען זיי זיך צעשיידט ברוגז'לעך.
בעטינאַ האָט אַננאַן גערופען די „גאַנז מיט דעם הויכען שנאָבעל" און
שיער שיִער איז צוליעב דעם ניִשט אויסגעבראָכען אַ שאַרפע מחלוקה מיט
דוואַראָל, וועלכער האָט זיך אויף דעם צאָהן=אַרצט ערקונדיגט און פער=
שטאַנען דעם אֶמת, וועלכען די שטאָלצע אַננאַ האָט אויף קיין אופן
ניִשט געוואָלט מודה זיין. אַלע האָבען אַננאַ'ן געטרייסט און צוגעזאָגט
כמעט, אַז אויף דעם נייעם קוואַרטאַל וועט זיך פאַר איהר געפינען בע=
שעפטיגונג, און זי האָט שוין מיט דער גרעסטער אונגעדולד אויף דעם
געוואַרט. און אַזוי וואַרטענדיג איז אויך דער ווערנאַכטס=יום=טוב אָנגע=
קומען און אַוועקגעגאַנגען. אין דעם הייליגען אָבענד האָבען פרוי ראַט
באָלל און איהרע פענסיאָנערן בעזוכט אַננאַ זאַנדערס זייער
סימפּאַטיע. יעדער איינציגער האָט [illegible]אַר דעם קליינעם אָטטאָ, דעם
[illegible]יעבלינג פון פענסיאָן געבראַכט [illegible]נקע.

ווען אָטטאָ איז געבאָרען געוואָרען האָט איהר דאָס פאָרמונדשאַפטס=
געריכט בעשטימט אַן אַפּעקון: אַ מענש וואָס האָט געהאַט אַ סך געשעפ=
טען און קלאָפּאָטען אויפ'ן קאָפּ, און האָט זיך מיט זיין אַפּעקונשאַפט זעהר
ווייניג געקימערט. דעם פערגאַנגענעם ווערנאַכטען האָט ער אַננאַ'ן אין
דער דראָסטישער וואָהנונג בעזוכט. ער האָט זיך אַרומגעקוקט אויף די רייכע
וואָהנונג, אויף דעם געזונדען קרעפטיג געוואַקסענעם קינד און האָט זיך
געזעגענט זייענדיג שטאַרק צופריעדען. היינטיגעם מאָל איז ער אויך גע=
קומען. אַננאַ האָט איהם פון איהר פערענדערטע לאַגע צו=וויסען געגע=
בען און איהר נייע אַדרעסע איהם אָנגעוויזען. — דעם דריי און צוואַנציג=
סטען אין דער פריה האָט ער דעם קליינעם אָטטאָ דורך אַ שפּיעל=וואַרען=
געשעפט אַ שויקעל=פערד געשיקט. מיטאָג=צייט האָט ער זיך אַליין מטריח
געווען, זייענדיג אויפגעמונטערט דערצו פון זיין פליכט=געפיהל, און איז
אויף דעם פיערטען עטאַזש אַרויפגעקלעטערט. דער אַלטער הערר איז
אָבער דאָרטען פערבליבען אַ גאַנץ קורצע צייט, האָט דאָס קינד אָנגע=

קושט און באַלד אַוועקגעגאַנגען. ער האָט זיך קעגען אַ נ נ אַ'ן זעהר פער־לעגען געפיהלט. זי איז געוועזען אַ דאַמע, וועלכע האָט זיך קעגען איהם געהאַלטען ווי עס פּאַסט פאַר אַ פאָרנעהמע, שטאָלצע דאַמע. ער האָט אויך בעמערקט ווי שטאַרק זי ליידט און קומט אָב פאַר די זינד וואָס זי איז בעגאַנגען, מיט וואָס פאַר אַ פּיינליכען בליק זי האָט אויף איהם געקוקט. ער האָט נישט געוואַגט איהר עפּיס צו פרעגען, האָט נאָר אויס־געדריקט זיין צופריעדענהייט וואָס דאָס קינד וואַקסט אַזוי קרעפטיג און זיך געזעגענט. היינט האָט איהם אַ נ נ אַ מיט אומעטיגע בליקען נאָכגעקוקט! —— וואָלט ער געפרעגט! —— וואָלט זי דאָך געהאַט דעם מוטה איהם צו דערצעהלען פון איהר יאָמערליכער לאַגע! —— —— אָבער איהר פערשאָלטענער שטאָלץ. איהר שעמעוודיגקייט האָט איהר אָבגעהאַלטען ביי איהם עפּיס אַנ' עצה צו פרעגען. אַזוי איז זי געזעסען פערצאַגט מאַכענדיג זיך אַליין די ביטערסטע פאָרוואַרפע ביז זי האָט דערקענט פון דרויסען ד וו אַ ר אָ ל ס טריט אויף דער קאָרידאָר־פּאָדלאָגע און זיין פייפען האָט איהר אין די אויערן אַריינגעגרילצט. ער האָט זיך אונענטשלאָסען פאַר איהר טהיר אָבגעשטעלט, אַ ווײַלע אָבגעוואַרט און דערנאָך אָנגעקלאַפּט. —— זיפצענדיג האָט זי זיך אויפגעהויבען און איהם דעם געוועהנליכען „אַריין” צוגערופען.

—— איך בין עס, מאַדאָנאַ! איז עס ערלויבט? דרויסען איז אַ קעלט מיט אַ ווינד, בררר! די מענשען זענען אַלע משוגע געוואָרען! אין ערגעץ קאָן מען נישט אָנקומען! קיין געלעגענהייט נאָך צו געפינען אַנ־אָרט אויף די באַהנען! —— האָט ער אין איין אָטהעם־צוג געזאָגט און האָט זיך די פינגער געריבען.

—— זעצט אייך. העררן דוואַראָל, און וואַרעמט אייך אָן! —— ——

—— איז עס ערלויבט? אָח, איהר זייט אַ מלאך! —— ער האָט זיך אין אַ שטוהל אַריינגעוואָרפען. —— ווייסט איהר וועמען איך האָב געזעהן?

—— נון? ——

—— ערשטענס ה ו י ך! דער מענש האָט שוין אָנגעקריגען אַ נייע מציאה: אַ רייצענד מיידעל. ער איז אַזוי פערטיעפט געוועזען, אַז ער האָט מיר נישט בעמערקט. ——

—— יאָ, גליקליכע יוגענד! ——

—— יאָ, ווייסט גאָט! אָבער עס געהט ווייטער: ביין ראָג האָב איך זיך מיט ב ע ר ט ה אַ ר אָ ז ט אָנגעשטויסען. ——

—— איהר זאָגט דאָס אַלץ אַזוי מאָדנע!

—— יאָ, איך בין געוועזען אונהעפליך; דאָס אַלטער שיצט נישט פאַר

קיין נאַרישקייט. אונזער צנועה'דיג מלאך'ל איז זיך געשטאַנען מיט אַ פערקלערט פנים פאַר עפּיס אַ הערן, און ביידע האָבען זיך געשאָקעלט און געשאָקעלט די הענד, אַז איך האָב געמיינט ס'וועט גאָר קיינמאָל קיין סוף נישט נעמען. נאַטירליך, ווייסט איהר ווער דאָס איז, דאָס דערקען איך שוין נאָך אייערע מינעס! זאָל בערטעטשקע עפּיס אויסזיכט האָבען? עי, עי! נאָ, געשמאַק דאַרף מען צו איהר האָבען; אָבער אויף איהם גלויב איך דאָס! דער מאַן נעמט איהר! גוטען אַפּעטיט! —

אַננאַ האָט געשמייכעלט. זי האָט געוואוסט, אַז הערר שנעווינד רייזט היינט אָב אויף אַכט טאָג צו זיין זוהן. צווישען די ביידע קאָלעגען האָבען זיך געהיימע פעדעם געוועבט. זי האָט זיך דערמיט געפרעהט און האָט אויסגעמידען אַפילו מיט אַנ' איינציגע פראַגע אָדער בעמערקונג צו בעריהרען די דאָזיגע ענטוויקלענדיגע קנאָספּען. —

— איהר זאָלט זיך איבער מיין ליעבע ראָזט נישט לוסטיג מאַכען, הערר דוואָראַל, — האָט אַננאַ איהם געבעטען.

— ניין, ניין, זאָל זי גליקליך ווערען, איך פערגין איהר יעדען אַנדערען אָהן שום קנאה! — האָט ער לאַכענדיג פערזיכערט. — די באָרמער האָט יאָ דאָ נישט לאַנג אין דער פערזאַמלונג גרויסע און וויכטיגע ווערטער גערעדט; איין דאַמע פון אונזערע „גריעכען" איז גאָר אַרויס פון די כלים און האָט אונזערע טרייע באָרמער ערקלערט פאַר דעם איבערגעצייגטעסטען אַפּאָסטעל פון דער נייער פרוי! —

— אַזוי? יאָ, זי איז אַנ' אינטערעסאַנט מיידעל און געפעלט מיר שטענדיג! רעדענדיג אַזוי האָט אַננאַ די אויגען אַראָבגעלאָזט. פריילין יוליע באָרמער האָט זיך נאָך אַלץ פון איהר געהאַלטען פון דער ווייטענס און עס האָט אויסגעוויזען, אַז זי בעמערקט גאָרנישט דאָס בעמיהען זיך פון אַננאַ, וועלכע האָט געוואָלט איהר סימפּאַטיע געווינען.

— איך ווער פון איהר נישט קלוג, — האָט זיך דער שריפטשטעלער אָבגערופען. — אַזוי דאַכט זיך דאָך, פּראָקלאַמירט זי „פרייהייט אויף יעדען געביעט", „רעכט פון דעם אינדיווידיום, פון פרט", „זיך אויסלעבען" און דערביי איז זי אַזוי אַ וצדקתך'לע! אין אָנפאַנג האָט זי מיך זעהר שטאַרק אינטערעסירט. איך האָב געאַרבייט אויף אַלע כלים, אָבער זי איז געבליעבען קאַלט ווי אַנ'אייז! —

— דאָס גלויב איך שוין

אַ קורצע פויזע איז אײנגעטרעטען, דערנאָך האָט דער שריפטשטעלער ווײטער גערעדט:

— זאָגען זי נאָר, פרײלײן זאַנדערס, מיר דאַכט, איהר האָט דאָ נישט לאַנג געהאַט הערען־בעזוך... און אין זײן שטימע האָט זיך געהערט אַנ'אָבקלאַנג פון קנאה. דערבײ האָט ער זיך פערבויגען, כדי איהר שאַרפער אָנצוקוקען.

— יאָ! — האָט זי קאַלט אָבגעענטפערט.

— הם, אַ פאָרנעהמער הערר, עלעגאַנט געקלײדעט.

— אָ, יאָ, דאָס איז געוועזען אָטטאָ'ס אָפעקון, וועלכען דאָס געריכט האָט בעשטימט, — האָט זי רוהיג געענטפערט, — איך זעה איהם הײנט צום פירטען מאָל.

דוואראַל האָט אויפגעאָטהעמט און ווײטער געפרעגט:

— איז ער אַנ'אַלמן?

— ווי ווײט איך ווײס איז ער עס נישט! — אָדער דעם ריכטיגען אמת זאָגענדיג, איך ווײס, אַז ער האָט אַ פרוי! —

— נאַ, זעהר קלוג פון זײן זײט. זאָגט מיר נאָר, מײן ליעבע זאַנדערס, קאָן ער אפשר אײך העלפען?

— איך האָב איהם קײן זאַך נישט געזאָגט.

— איהר זײט — און נישט ענדיגענדיג זײנע רעד האָט ער אַ שפרונג געטהון און האָט זיך אין אוייוען אָנגעשפאַרט. — אַח קינד, קינד, אײער שיקזאַל האָט מיר אין גאַנצען אומגעאַנדערשט. ווען איך הויב נאָר אָן — —

— אָ, מיט וואָס קאָן איך אײך אָבדאַנקען פאַר דעם וואָס איהר אינטערעסירט זיך אַזוי שטאַרק פאַר מיר, און איהר זײט מיר שוין אַזוי נוצליך געוועזען און אַזוי פיעל טובות געטהון. ליעבער הערר דוואראַל.

ער האָט זיך אין קאָפּ געקראַצט און געזאָגט:

— משוגע האָט איהר מיר שוין געמאַכט, מאַדאַנאַ! אַזוי וואָס — לויפט אַרום, מוז אַ שטיקעל ברויט זוכען, וויל אַרבײטען און געפינט נישט! אַ ווײב ווי איהר, און דאָס אַלץ ווענען — — — — הימעל־דונערוועטער, וואָלט איך געוועזען אַזאַ רײכער דוזה, אַזאַ מיט געלד אָנגעשטאָפּטער הונד ווי לײט זענען, איך וואָלט שוין געוואוסט וואָס דערמיט צו טהון! — — — — — בין איך אָבער דער גרויסער קבצן און אַ בעל־חוב איבער'ן קאָפּ — — — — —

אננא האָט איהם ערשטוינט אָנגעקוקט און מיט גרויס אַכטונג געזאָגט:

— דוואראל וואָס רעדט איהר? איהר מיינט דאָך מיר נישט פאַרצושלאָגען.

— אַך גאָט, ווייב, מאַדאָנאַ, ווען איהר וואָלט געוואוסט, וואָס — — — — — אָבער איך טאָר נישט! — — — — — ניין, ניין, ניין! — נאָר איין זאַך זאַנדערס! — — זעהט איהר ס'איז מיר אַזוי אין קאָפּ דורכגעלאָפען — — — די מענשען זענען אַלע פּאָדליעצעס אָדער עזעלקעפּ! — — איך בין אויך נישט בעסער, איך בין אַנ'אָבגעלעבטער שלימזל, אַ לאָ־יוצלח, אַלץ — — —

— איהר זייט אַ פּראַכטפולער גוטער פריינד! — האָט אננא געזאָגט גערירט און איז צו איהם נעהנטער צוגעגאַנגען און איהם די האַנד דערלאַנגט. ער האָט עס אָנגענומען מיט ביידע הענד און צערטליך און פעסט געדריקט.

— זעהט איהר, אַנ'אַנשטענדיגען נאָמען האָב איך, אננא, האָט ער, נאָך אַלץ האַלטענדיג איהר האַנד אין זיינע, געזאָגט. — אויב איהר קאָנט פון דעם וועלכע נוצען האָבען — — — איך מיין, אַז איהר נעמט זיך דערמיט קיין שום פליכט נישט אַרויף און איך אויך נישט! אָבער ווען איך זאָל אייך מיין נאָמען געזעצליך געבען און דעם יונגעל אייערן אויף מיין נאָמען פערשרייבען — — — דאָס וועט מען קענען, ווען דאָס נייע בירגערליכע געזעץ־בוך וועט אין איהר פולען קראַפט שוין אָנהויבען גילטען — — — זעהט איהר, די גרעסטע שוועריגקייט וואָלט שוין דאַמאָלס געווען אַריבער! — — צו אַל די שוואַרץ יאָהר, דאַמאָלס וועט איהר שוין זיין אַ פרוי, און ווער עס וועט דאַמאָלס נאָך דערמאַהנען אָן אייער פערגאַנגענהייט, דעם זאָל דער טייוועל צונעהמען! און קיינער וועט דאָס גאָר אויך נישט טהון! — — — איך האָב דאָס מיר אַזוי — — אויסגעטראַכט! — האָט ער אַ רעכט ביסעל פערשעמט געענדיגט.

אננא איז פון זיינע ווערטער אַזוי צערודערט געוואָרען, אַז זי האָט צוערשט קיין וואָרט נישט געקאָנט ענטפערן. ענדליך האָט זי זיך צוזאַמענגענומען און מיט גרויס אָנשטרענגונג געזאָגט:

— איהר ווייסט נישט וואָס איהר רעדט. — דערמאַהנט עס מעהר נישט, קיינמאָל נישט, העדר דוואראל, קיינמאָל נישט! איהר הערט! איך וויל עס נישט! — — — איהר דערלאַנגט מיר דאָ אַ זים פערפיהרערישען געטראַנק; אָבער ער איז פערגיפטעט. איך וויל נישט,

קאָן ניִשט און דאַרף ניִשט מעהר פון דעם אַ וואָרט הערען, איהר פערשטעהט! אָבער איך שווער אײַך, אַז איך וועל די דאָזיגע שעה קיינמאָל ניִשט פערגעסען, קיינמאָל ניִשט! איהר זײַט אַנ׳עדלער מענש, און די דאָזיגע ערינערונג וועט מיר זײַן הייליג!

— אָבער זאַנדערס, קינד, וואָס רעדט איהר — — —

— גענוג! קיין וואָרט ניִשט מעהר דערפון, ליעבער פרײַנד! פערשטעהט מיך ניִשט פאַלש, איך וויל ניִשט איהר זאָלט מיך פערלאָזען! בלײַבט מיר אַ גוטער פרײַנד. פון הײַנט מאָל אָן פערטרוי איך זיך אויף אײַך אין גאַנצען, און — — דערבײַ האָט זי זיך פונאַנדערגעוויינט און האָט זיך בײַם טיש געזעצט. ער איז צו איהר צוגעלאָפען און האָט איהר לײַכט די האָר געגלעט, און מיט אַ ציטערנדיגער פון טרעהרען פערשטיקטע שטימע האָט ער געזאָגט:

— קינד, קומט וועניגסטענס מיט צו די נײַע גריבען! איך שווער אײַך, אַז איהר וועט דאָרטען טרעפען אַזעלכע מענשען וואָס וועלען אײַך זעהר נוצליך זײַן.

— איך געה מיט, דוואַראָל, איך זאָג עס אײַך צו! די ערשטע זיצונג נאָך יום טוב, וועל איך זעהר גערן מיטמאַכען, אויב איהר וועט מיר נאָר דאַמאָלס וועלען מיטנעהמען.

— אויב איך וועל דאַמאָלס וועלען מיטנעהמען? אַ שאלה דאָס איז אַ ביסעל! אַלע ערוואַרטען דאָך אײַך מיט אָפענע אָרעמס! — —

דוואַראָל איז אַרויסגעגאַנגען און האָט אַננאַ׳ן איבערגעלאָזען פערטיעפט אין שטורמדיגע געדאַנקען. האָט זי ריכטיג געטהון, וואָס זי האָט די דאָזיגע בכבוד׳יגע רעטונג, וואָס דוואַראָל האָט איהר אַזוי האַרציג אָנגעבאָטען, ניִשט אָנגענומען? האָט זי עס געדאַרפט, האָט זי עס געקאָנט פאַר אָטטאָן, פאַר זיך גופא יוצא זײַן? איז דאָס ניִשט געוועזען אַ שטריק, וואָס מען האָט איהר, וועלכע איז אין אַ טיעפען גרוב אַרײַנגעפאַלען, צוגעוואָרפען בכדי איהר פון דאָרט אַרויסצוציִהען? זי האָט נאָכגעקלערט. דער קאַמפף פאַר׳ן דאַזײַן וואָלט זיך ווײַטער געגאַנגען. איהר גורל אָנקניפען צו דוואַראָלס איז אַ שווערער נסיון, זי וואָלט ווײַטער געמוזט אַרבײַטען און קעמפפען. אפשר נאָך שווערער און האַרטנעקיגער ווי פריִהער, דען זי וואָלט בעדאַרפט זײַן לײַכטזיניגע אָבגעלאָזענע נאַטור בעקעמפפען און פון איהם אַ גאַנץ אַנדערן מענשען מאַכען! אָבער זי וואָלט דאָך פון איהר שרעקליכע לאַגע פאַר דער וועלט געראַטעוועט געוואָרען! זי וואָלט דאָך איהר ח־פה פון

זיך געקאָנט ריין אַראָבוואַשען! — — — — — און דאָך, אַ שוידער איז איהר דורך אַלע ביינער דורכגעגאַנגען. פון זיינע בליקען האָט אַרויסגעקוקט ניכט נאָר די עדלע מסירות־נפש פון אַ טרייען פריינד! ניין, עס איז עפּיס נאָך וואָס דרינגען געוועזען! עס איז געוועזען דאָס בעגעהרען פון אַ נאָך יונגען, קרעפטיגען, צו ליעבען פעהיגען מאַן — — די מעגליכקייט פון אַן אויפגעוואַכטע ליידענשאַפט. און דערפאַר האָט זי זיך שטאַרק געשראָקען. דאָס האָט איהר געקעלט. אָטטאָ פאָן קאַנטהאַגען איז איהר פאַר די אויגען געשטאַנען. אַלץ וואָס זי האָט פערמאָגט אַלס יונגע לעבענס־לוסטיגע, ליעבעס־בעגיעריגע און ליידענשאַפטליך אויפבראויזענדע — האָט דאָך נאָר איהם געהערט. אפשר ווייל זי איז פון קינדהייט אָן געוועהנט געוועזען נאָר פון איהם צו טראַכטען, ווייל זיין שעהנקייט, זיין גאַנצעס בענעהמען איז צום פערפיהרען בעשאַפען געוועזען! — און מערקווירדיג, גראַד יעצט, ווען דוואָראַלס ציגאַר האָט איהר צימער נאָך מיט איהר גערוך אָנגעפיהלט, ווען זיין געשטאַלט איז נאָך דייטליך פאַר איהרע אויגען געשטאַנען — — — גראָד יעצט האָט איהר בעוועלטיגט אַ שרעקליכע, גליהענדע בענקשאַפט נאָך קאַנטהאַגען. עפּיס אַ מין נצחון, וואָס אַמאָל איז ער אין גאַנצען איהרער געוועזען! — און באַלד דערויף האָט איהר בעהערשט אַ פאָלשטענדיגער צוזאַמענבראָך פון אַלע איהרע געפיהלען דורך דעם, וואָס זי האָט איינגעזעהן, אַז ער האָט געגען איהר געהאַנדעלט ווי דער פערדאָרבענסטער מענש אויף דער וועלט, אַז ער האָט איהר שוין היינט אין גאַנצען פערגעסען און פיהלט זיך איבערגליקליך מיט אַן אַנדערער. —

אין די ערשטע פאָר טעג יום־טוב איז ביי פרוי ראַט באָלל אין פענסיאָן פאַר מיטאָג רעכט שטיל געוועזען. די הערדען זיינען דאָס רוב געווען אויעקגעפאָהרען. די דאַמען מיט דער פרוי ראַט באָלל אין דער קירכע. אַננאַ האָט די פרוי קאָך מיט דעם קליינעם אין טיער־גאָרטען אַוועקגעשיקט. זי האָט געוואָלט ענדיגען איבערשרייבען די נאָוועלע, וואָס אַ בעריהמטע שריפטשטעלערין האָט איהר דורך דוואָראַלס רעקאָמענדאַציע געגעבען איבערצושרייבען. — די רוהיגקייט אָבער, וואָס האָט אַרום און אַרום געהערשט, האָט איהר נערוועאיש געמאַכט. אין איהר אינעווייניג האָט עפּיס אונרוהיג געאַרבייט. איהר זעלע האָט געדאָרשט נאָך מוזיק. זי האָט זיך אויפגעהויבען און איז אין זאַל פון דריטען עטאַזש אַרונטערגעגאַנגען. דאָרט איז געשטאַנען דאָס קלאַוויר און דער נאָטען־

(פאָרטזעצונג קומט).

מאַרק טווען.

# די טאָגע־ביכלעך פון אדם און חוה.

## I.

## אָדם'ס טאָגע־ביכעל.

(פאָרטזעצונג פון זיעבענצעהנטען העפט).

פרײטאָג. ס'האָט זיך געטראָפען פיעל אונאַנגענעהמעס, חאָטש איך האָב עס ערוואַרטעט. בײ נאַכט האָב איך זיך געזעצט רײטענדיג אויף אַ פערד און אַוועקגעלאָזט זיך וואוהין די אויגען קוקען, קלערענדיג וועגען דעם, ווי אַזוי אַרויסצוקלויבען זיך פון פּאַרק און בעהאַלטען זיך וואו עס איז, כל זמן די שוועריגקײטען האָבען זיך נישט אָנגעהויבען, נאָר ס'איז דאָ נישט געווען. אַ שעה נאָכ'ן אויפגאַנג פון דער זון ווען איך בין דורכגעפאָהרען דורכ'ן פעלד, בעדעקט מיט בלומען און בעזײעט מיט פערשידען־אַרטיגע חיות, פריעדליך רוהענדיגע אָדער שפּיעלענדיג זיך אײנער מיט'ן צווײטען, האָט פּלוצלונג צווישען זײ זיך אָנגעהויבען אַ אויפקאָך. ס'האָט זיך אויפגעהויבען אַ גערויש און זײ האָבען אָנגעהויבען זיך שלאָגען אײנער מיט'ן צווײטען. איך האָב באַלד פערשטאַנען וואָס דאָ שטעקט. חוה האָט פערזוכט די געאַסר'טע פרוכט און דער טויט האָט זיך אַרײנגעריסען אין מײן ממשלה. נישט הערענדיג מײנע בעפעהלען, האָבען די טיגער'ס באַלד צעריסען מײן פערד. זײ וואָלטען מיך אַלײן אויך אויפגעגעסען, אויב איך וואָ.ט נישט אַנטלאָפען...

געפינענדיג אַ בעקוועהם אָרט נאָכ'ן פּאַרק האָב איך זיך שוין אינגאַנצען אײנגעאָרדענט, נאָר זי האָט מיך דאָ אויך געפונען. די ערשטע זאַך, האָט זי אויסגעקלערט אַ נאָמען מײן נײ וואָהנונג'ס אָרט, אָנרופענדיג איהם „טאָנאַוואַנדאַ". זי זאָגט, אַז דאָס איז זעהר עהנליך אויף אַ טאָנאַוואַנדאַ. געוועהנליך, זי ווײסט דאָס בעסער. איבריגענ'ס, איך טרויער נישט זעהר איבער דעם וואָס זי האָט מיך געפונען. דאָ איז אינגאַנצען נישטאָ וואָס צו עסען, און זי האָט געבראַכט מיט זיך עפּעל. די זעלבע... איך בין געווען זעהר הונגעריג און, — וואָס טהוט מען, כ'האָב פּראָבירט. חאָטש דאָס איז נישט אין מײנע פּרינציפּען, נאָר אַ פּרינציפּ לויט מײן איבערצײגונג, טויג נאָר פאַר אַ זאַטען מענשען. זי איז געקומען אינגאַנצען אײנגעהילט אין בלעטער, און ווען איך, אַ איבערגעשראָקענער פון אַזאַ נאַרישקײט, האָב געריסען פון איהר די ציערונג, האָט זי זיך פערשעמט און איז

רויט געוואָרען. איך האָב קיינמאָל פריהער נישט געזעהן אַז מענשען זאָלען רויט ווערען און מיר האָט זיך דאָס אויסגעוויזען אַ שרעקליכע נאַרישקייט, נאָר זי האָט געזאָגט, אַז אין גיכען וועל איך רויט ווערען. שטעלט אייך פאָר, אַז דאָס איז טאַקי אַזוי געשעהן! איך האָב נאָך נישט דערעסען דאָס עפּעלע — אַ וואונדערליך געשמאַקעס, — האָב איך גענומען פערדעקען זיך מיט בלעטער, און דערנאָך האָב איך זאָגאַר אַ געשריי געטהון אויף איהר דערפאַר, וואָס זי שעמט זיך נישט צו בלייבען אַזוי נאַקעט. ערפילענדיג מיינע בעפעהלען, האָט זי זיך באַלד איינגעהילט. נאָך דעם האָבען מיר זיך דורך־געגנבה'ט אויפ'ן פעלד, וואו ס'האָבען זיך געשלאָגען די חיות, און זיך פערוואָרגט דאָרט מיט פעל, פון וועלכע חוה האָט אויפגענעהט זעהר אַרטיגע קאָסטיומען, וואָס טויגען האָטש אויף וויזיטען. ווי זעגען געוועהן נישט זעהר בעקוועם, נאָר דערפאַר אויף דעם העכסטען אַרט סטיליסטיש, און סטיליזם איז דאָך די וויכטיגסטע מעלה פון קאָסטיום. צום ווענינגסטענ'ס, איך קלער אַזוי... יאָ, חוה קומט צו עפּיס צו ניץ. אָהן איהר וואָלט איך געוועהן צופיעל איינזאַם, בעזאָנדערס יעצט, ווען ס'האָבען זיך אַזוי געביטען די בעדינגונגען. אויסער דעם, איינשטימיג מיט דעם בעפעהל, דאַרפען מיר פון היינט אָן אַליין זיך פערדיענען שפּייז. חוה וועט זיין זעהר נוצליך, און איך וועל אָנהויבען איהר נאָכקוקען.

נאָך צעהן טעג. זי רעכענט די סיבה פון אונזער אונגליק — מיך! ווייט מוחל זעהט! דער שלאַנג האָט איהר פערזיכערט, אַז אונז איז געאַסר'ט אָנצורירען נישט די עפּעל, נאָר פּוסטע ניס־שוויסעס. איך האָב געענטפערט, אַז אויב דאָס איז אַזוי, טאָ בין איך דאַמאָלסט נישט שולדיג, ווייל איך האָב קיין איין מאָל נישט אָבגעריזשעט קיין איין סוויש, נאָר זי זאָגט, אַז אונטער דעם נאָמען סווישצעס מיינט זיך אַ נאַריש געלעכטער'ל אָדער וויץ, און אַז איך האָב זיכער, וואו עס איז, נאַריש געחוזק'ט. ביי די ווערטער בין איך זאָגאַר בלאַס געוואָרען. אין די לעצטע צייט איז מיר אין דער אמת'ן אויסגעקומען צו חוזק'ן פון לאַנגווייל. אמת, חוזק'ן האָט זיך מיר אויסגעוויזען אי ניי אי שפּיעלענד. דאַן האָט זי מיך געפרעגט, האָב איך נישט געחוזק'ט ווי אַ מאָל אין דער צייט פון דער קאַטאַסטראָפע. וואָס זשע מיינט איהר? ס'איז אויסגעקומען זיך מודה צו זיין, אַז ווירקליך, כ'האָב געחוזק'ט, האָטש נישט אויפ'ן קול. אָט ווי אַזוי דאָס עסק איז געוועזן. דורכפאָהרענדיג דורכ'ן פעלד, האָב איך געקלערט וועגען וואַסער־פאַל, און מיר איז איינגעפאַלען אין קאָפּ אַריין, ווי דאָס איז משונה'דיג, אַז אַזאַ מאַסע וואַסער פאַלט אַראָפּ; און די מינוט האָב איך זיך געקלערט, אַז עס וואָלט געוועזן נאָך משונה'דיגער, ווען זי וואָלט געפאַלען אַרויף. דער געדאַנק האָט מיך גענויט צו צולאַכען זיך און, ווי אַ מאָל די צייט האָט זיך אָנגעהויבען דאָס געשלעג צווישען די חיות. „נו אָט זעהסטו” האָט געזאָגט חוה מיט נצחון, „ווי אַמאָל איז עס אַזוי אַרויסגעקומען. און דער שלאַנג האָט גערעדט נאָר וועגען דיזען חוזק, וועלכען ער האָט אָנגערופען דעם ערשטען סוויש”. אָ וואָ, איך בין ווירקליך שולדיג. און צו וואָס בין איך בעשאַפען אַזאַ שאַרפזיניגער! מען דאַרף נאָר אַ קלעהר טהון, אַז ווען איך וואָלט נישט געחוזק'ט פּונקט אין דער צייט. וואָלטען מיר ביז דער צייט געלעבט אין גן עדן.

דאָס פאָלגענדע יאָהר. מיר האָבען איהם אַ נאָמען געגעבען קין. זי: ב.ג.ז אַז זי האָט איהם געפונען אין וואַלד, נאָך דריי אָדער פיער מייל פון אונזער בעצעלט, אין די צייט ווען איך האָב צושטעלט נעצען אויפ'ן צפונ'דיגען ברעג פון „ערי". ער איז אין פיעלעס עהנליך אויף אונז, אַזוי, אַז ער קומט אויס אפילו אַ פאַמיליאַנט, אַזוי מיינט זי, און מיר ווייזט זיך אויס אַז דאָס איז פון איהר זייט אַ טעות. ער איז פיעל קלענער פון אונז און גיכער פון אַלין איז דאָס עפּיס אַ בייער מין חיה. איך האָב פון אָנפאַנג איהם אָנגענומען פאַר אַ פיש און כ'האָב איהם געלאָזט שווימען, נאָר ער איז אין די רגע אַראָפ אויפ'ן גרונד. חוה האָט זיך געוואָרפען איהם ראַטעווען, אַזוי אַז כ'האָב נישט געקענט פערענדיגען מיין פּראָבע. דערמיט נישט וועניגער, קלער איך אַלין אַז דאָס איז אַ פיש. וואָס געהער זיך אָן חוה, ווייל זי איינגאַנצען נישט ווייסען, וואָס איז דאָס אַזוינס, און פערוועהרט מיר מאַכען פּראָבעס. אין אַלגעמיין, פון דער צייט, ווי זי האָט געפונען קינ'ען. האָט איהר אַליין אויפגעהערט צו אינטערעסירען. זי קלערט נאָר וועגען איהם. חאָטש זי קאָן נישט דערקלערען פאַר וואָס. מיר ווייזט זי זיך אויס אַ ביסעל נישט נאָרמאַל. ווען קין שרייט, איז זי גרייט אַ גאַנצע נאַכט צו טראָגען איהם אויף די הענד, און זי אַליין הויבט אָן צו פישטשען און גיסען וואַסער פון די שפאַלטען, מיט וועלכע זי קוקט. אין אַלגעמיין פיהרט זי זיך מיט איהם, ווי מיט עפּיס אַני=אוצר. קיינמאָל האָט זי זיך מיט קיין שום חיה נישט אַזוי געפיהרט, און דאָס טהוט מיר זעהר בעאונרוהיגען. פריהער האָט זי זיך געשפּיעלט מיט קליינע טיגערלעך, נאָר איינגאַנצען נישט אַזוי. דאָס איז געווען אַ איינפאַכע שפּיעל. און דאָס איז פּראָסט אויף גאָרנישט עהנליך. וועגען יענע האָט זי גאָר געטרויערט, וואָס זיי האָבען גאָרנישט צו עסען, און דעם... שפּייזט זי שיער נישט מיט'ן אייגענעם קערפער.

זונטאַג. אין די זונטאַגען אַרבייט זי נישט, נאָר גאַנצע טעג פיהרט זי זיך מיט קינ'ן, פערשפּיעלענדיג איהם מיט פערשיעדענע מיטלען. זי מאַכט, למשל, אַ פּנים, אַז זי וויל אויפעסען זיין לאַפּע, און ער לאַכט. כ'האָב קיינמאָל פריהער נישט געזעהן, אַז אַ פיש זאָל לאַכען. דאָס פיהרט מיך אַרויף אויף פערשיעדענע צווייפלונגען... איך אַליין ליעב יעצט די זונטאַגען און בעדויער, וואָס זיי זענען אַזוי וועניג. איבער אַ וואָך ווערסטו אַזוי מיעד פון קאָמאַנדעווען, אַז אונגווילענדיג קלערסטו וועגען אָברוה.

מיטוואָך. קין איז ריכטיג נישט קיין פיש, חאָטש איך קאָן נישט בעשטימען, וואָס אַזוינס ער איז. ווען ער איז אונצופריעדען, גיט ער אַרויס אַ מאַסע פערשיעדענאַרטיגע קלאַנגען, און ווען ער איז צופריעדען, שרייט ער אויס „האַ־האַ". ער איז נישט קיין מענש, דערפאַר וואָס ער געהט נישט; ער איז נישט קיין פויגעל, דערפאַר וואָס ער פליהט נישט; ער איז נישט קיין זשאַבע (חאָטש ער איז זעהר עהנליך אויף איהר, ווי איך האָב דאָס יעצט בעמערקט), דערפאַר ווייל ער שפּרינגט נישט; ער איז נישט קיין שלאַנג, דערפאַר וואָס... נו, דערפאַר וואָס ער האָט נישט מיט איהם קיין שום שייכות. יעצט בין איך איבערצייגט, אַז ער איז נישט קיין פיש, חאָטש די צייט האָט זיך מיר נישט איינגעגעבען איהם אַרייַנצולאָזען אין וואַסער. ער האָט ליעב צו ליעגען אויף אַ

זייט אויפהויבענדיג די פיס אין דער הויך. דאכט זיך, קיין איינע פון די חיות האט נישט אזעלכע געוועהנהייטען. פאר מיר מעלדעט ער זיך אלס א רעטעניש, און זי, נאר זי, צערטעלט זיך מיט איהם און וויל נישט וויסען וואס עס איז אזוינס. דאס איז עפיס א נאטור־שפיעל. אויב ער וועט שטארבען, וועל איך איהם שוין בעקוקען ווי ס'דארף צו זיין, ווי אזוי ער איז געבויט. קיינמאל און קיין זאך האט מיך נישט אזוי אינטערעסירט.

נאך דריי מאנאטען. אלץ שווערער ווערט צו בעשליסען, וואס ער איז אזוינס. יעצט ליעגט ער נישט מעהר, נאר ער קריכט אויף אלע פיער, — אבער זעהר אומגעלומפערט, און נישט שעהן, — אינגאנצען נישט אזוי, ווי אנדערע פיער־פיסיגע חיות. איך מוז זיך מודה זיין, אז ער איז עהנליך אויף א מענש, נאר זיין מיטעל פון בעוועגונגס־גאנג בעווייזט, אז ער איז נישט אונזער מין. די קליינע פאדערשטע פיסלעך און די לאנגע אונטערשטע נויטען מיך אויסצוגעפינען אין איהם דאס פערשיעדענע אויסזעהן פון א קענגורא. נאר א אמת'ע קענגורא שפרינגט, און דער קריכט נאר. ווי אזוי עס זאל נישט זיין נאר דאס איז זעהר א אינטערעסאנטעס פערשיעדען אויסזעהן.

זיכער, אז ער איז אין אונזערע הענד ארייננעפאלען נאך א קליינטשיק'ס, אזוי אז ער איז יעצט זעהר אויפגעוואקסען, כמעט פינף מאל אנטקעגען פריהערדיגען, און ער שרייט, ווען ער איז אונצופריעדען צעהן מאל שטארקער. איך האב פראבירט איהם בעשטראפען, נאר דאן האט ער געשריגען נאך שטארקער. עס איז אויסגעקומען זיך צו ענטזאגען פון בעשטראפונג. חוה בערוהיגט איהם מיט דעם וואס זי גיט איהם אלץ וואס איהם ווילט זיך. איך האב שוין געזאגט, אז זי האט איהם געפונען אין וואלד, אין דער צייט פון מיין נישט זיין, און איך, פון דער צייט, ווי אזוי איך זאל זיך נישט בעמיהען, קאן איך נישט געפינען א צווייטען אזעלכען, האטש ס'איז שוין אוועקגעגאנגען עטליכע מאנאטען. הגם דאס וואלט געווען זעהר גוט. ערשטענס וואלט זיך דערפילט מיין קאלעקציע, און צווייטענס, וואלט קינ'ען נישט געווען אזוי לאנגווייליג, ער וואלט נישט געשריגען אזוי דערעסענד. א מאדנע זאך, צי דען שטעלט ער פאר מיט זיך דער איינציגער עקזעמפליאר בעשאנקען מיט פערשיעדענעם אויסזעהן? אזוינס קאן נישט זיין! און, פונדעסטוועגען, וויפיעל איך געה נישט, וויפיעל איך צושטעל נישט נעצען אין קאפקאנעס, קאן איך נישט כאפען אזעלכעס, זאגאר איך געפין נישט אין ערגיץ קיין צייכענס.

(פארטזעצונג קומט).

Ред. Изд. Я. ЛИДСКIЙ. Европейская Литература То. 18.
Тип. Г. Пиментъ, Варшава, ул. Сѣраковская № 4.

קופאן פיר ניט אבאנענטען.

די וועלכע ברענגען 4 קופאנעס אין רעדאקציע, און אין פראווינץ צו די אגענטען, בעקומען די מאנאטליכע פרעמיע פיר 10 קאפ. אין ווארשע. אין פראווינץ 11 קאפ. די וועלכע האבען 15 קופ. צאהלען פיר די איבריגע פרעמיעס וואס זענען אויסגערעכענט אין דער אנאנסע פון אייראפעאישע ליטעראטור ווי אבאנענטען.

19 טעס העפט

# אייראפעאישע ליטעראטור

## אינהאלט.

1] קליינע בילדער — קאטול מענדעס.
2] אימריים צוריקקומען — ר. קיפלינג.
3] דאס רוהיגע געוויסען — א. קיללאנד.
4] ביערנסטערנע ביערנסאהן (חאראקטעריסטיק) — לאזאר כהן.
5] פרייליין מוטער (ראמאן פון דייטשען) — ערנסט געארגי.
6] די טאגע-ביכלעך פון אדם און חוה — מארק טווען.

---

קאטול מענדעס.

# קליינע בילדער.

## I

## אלטע לייט און רויזען.

אלטע לייט מיט צוקנייטשטע שטערנ'ס און בלאסע ליפען זאלען ליעבען! אזוינס האט דאס געזעץ נישט דערלאזען אין יענעם ווייטען לאנד, וועלכעס געפינט זיך נישט אין די געאגראפישע ביכער. און כדי צו בעשטימען, צי עמיצער איז ווערט די פרישע ליפען פון א פרוי, האט יעדער פערליעבטער, וועלכער איז עלטער געוועזען פון פיערציג יאהר, געמוזט אבהאלטען אנ'עקזאמען: בעריהרען רויזען מיט זיין אטעם.

ווען דאס בלימעל האט פון זיין אטעם נישט גענומען וועלקען, האט מען איהם ערלויבט לעבען איינינע טעג; ווען אבער דאס בלימעל האט גענומען וועלקען, אדער פון איהם אין לאנגווייל זיך אבגעקעהרט,

האט מען איהם באלד אויפגעהאנגען.

אלטע לײט מיט צוקנײטשטע שטערנ׳ס און בלאסע ליפען זאלען לעבען! דאס האט דאס געזעץ נישט דערלאזען אין יענעם װײטען לאנד, װעלכעס געפינט זיך נישט אין די געאגראפישע ביכער.

פונדעסטװעגען האבען פיעל אלטע, װעלכע האבען א פריש הארץ געהאט, זיך בעקלאגט אויף דעם גערעכטען געזעץ. און זײ צופריעדען צושטעלען האבען די פערבערעכערישע בלומען־הענדלער ערפונדען קינסט־ליכע ראזען אהן ריח און אהן דופט, װעלכע פלעגען נישט װעלקען און זיך נישט אבקעהרען.

און דערום געפינט מען אין יענעם װײטען לאנד און אין פיעל אנ־דערע לענדער אלטע לײט מיט צוקנײטשטע שטערנ׳ס און בלאסע ליפען, װעלכע לעבען אויך.

---

II

# א גוטע מאסקע.

— װעלכע מאסקע זאל איך אנטהון, אז מען זאל מיך נישט דער־קענען אויף דעם באל, װאו מען װעט אבטהון די מױזענדער נארישקײ־טען? — האט מיך געפרעגט מײן קלײנטשיקע מיט די שעלמישע אוי־גען און װײכע ליפען. — זאגט זשע מיר, עס װערט דאך שפעט. זאל איך אנטהון אנ׳אטלעסענע דאמינא אהן שפיצען, אדער א ראזאװע אט־לעסענע דאמינא מיט שפיצען?

אדער אפשר זאל איך גאר אנטהון א יאפאנישע מאסקע, אזא שרעקליכע, אויסערגעװעהנליכע, מיט אויערן װי ביי א פודעל? אדער זיך אנקלעפען אנ׳עקעלהאפטע נאז, עס איז דאך אזוי אמיזאנט זיך מאכען פאר א פערזעהעניש, װען דו ביסט װירקליך א שענע.

— נור מען זאל מיך נישט דערקענען אויפ׳ן באל, װאו מען װעט אבטהון די טױזענדער נארישקײטען, — האט געזאגט מײן קלײנטשיקע מיט די שעלמישע אויגען און װײכע ליפען.

— נײן, — האב איך געענטפערט — מען דארף נישט קײן שװארצע און נישט קײן ראזאװע דאמינא, נישט קײן יאפאנישע מאסקע

און נישט קיין קאמישע אנגעקלעבטע נאז. זאל זיך אויף אייערע ליפען א שמייכעל באווייזען, זאל דער בליק פון אייערע אויגען קלאר זיין און די פארב אויף די באקען — א ציימען פון וואהרער שעמעוודיגקייט, דאס וועט שוין זיין גענוג, אז מען זאל אייך נישט דערקענען אויפ'ן באל, וואו מען וועט אבטהון די טויזענדער נארישקייטען.

III

## א גליקליכע אבשפיעגלונג.

אנטקעגען מיר וואוינט א רייצענדע נאכבארין, וועלכע איך קען כלל נישט און וועלכע איך קען אזוי גוט. יעדען אווענד טהוט זי זיך אוים אין איהר עלעגאנטען בודואר, וועלכער ווערט בעלויכטען פון בראנזאווע קאנדעליאברעס. און אזוי ווי די שווערע לאדענס זענען נישט אראבגעלאזט, זעה איך דורך די שויבען און שפיצען-שטארען, ווי עס בעוועגט זיך איהר געשטאלט אין דעם שענעם טואלעט-שפיגעל.

איינם נאכ'ן אנדערן פאלען אראב די זיידענע קליידער, דערנאך דאס באטיסט און דאן פאלען אראב די שווארצע שטרימפף, — און דער גאנצער ליליע-ראזאווער רייץ פון איהר נאקעטען קערפער דערלאנגט א שיין מיט א בלענדענדער אבשפיגלונג אין שפיגעל, ווען מיין רייצענדע נאכבארין, וועלכע איך קען כלל נישט און קען אזוי גוט, קומט א היים פון א באל און טהוט זיך אוים אין איהר עלעגאנטען בודואר, וועלכער ווערט בעלויכטען מיט בראנזאווע קאנדעליאברעס.

ווער איז זי: א מארקיזין, א הערצאגין, אדער א פרינצעסין? איך וויים נישט. דערפאר וויים איך — אי, — אז זי וועט מיך נישט האלטען פאר ווערט זאגאר איינצואטעמען דעם אראמאט פון איהרער א פערלווירע-נער האנדשוה, נאר איך בויג זיך איין אויפ'ן באלקאן און שטעל זיך אוועק אזוי אנטקעגען שפיגעל, אז מיין אבשפיגלונג ווערט צונויפגעגאסען מיט איהר אבשפיגלונג. איך נעהם זי ארום מיט ליידענשאפטליכע הענד און קוש מיט טויזענד קושען מיין רייצענדע נאכבארין, וועלכע וואוינט אנטקעגען מיר, וועלכע איך קען כלל נישט און וועלכע איך קען אזוי גוט.

ר. קיפּלינג.

# אימרײס צוריקקומען.

## 1.

אימרײ האָט ערפילט אונמעגליכעס. קײנעס נישט אָנזאָגענדיג, אָהן װעלכע עס איז ערקלערבאַרע אורזאַכע, נאָך גאָר אַ יונגער, אין אָנפאַנג פון זײַן קאַריערע, האָט ער געהאַלטען פאַר דאָס בעסטע צו פערשװינדען פון דער װעלט, — איך װיל זאָגען פון דער קלײנער אינדישער סטאַציאָן, װאו ער האָט געװאוינט.

נאָך בײַ טאָג, איז דאָס געװען אַ מענש פול מיט לעבען, אַ געזונדמער, אַ גליקליכער, װעמען פיעל האָבען געזעהן אין קלוב, בײַם ביליאַרד־טיש; פריה־מאָרגענס אָבער, האָט ער שוין מעהר נישט עקזיסטירט, און בשום אופן האָט מען נישט געקענט זיך דערװיסען עטװאָס װעגען איהם. ער איז פערשװאונדען פון זײַן אַמט, אין דער געװעהנליכער צײַט אין קאַנצעלאַריע נישט געקומען, און אויף די װעגען האָט מען מעהר זײַן בריטשקע נישט געזעהן. נעהמענדיג אין אַנבעטראַכט נאָך אײניגע עהנליכע אורזאַכען און אויך דערפאַר, װײַל זײַן אָבװעזענהײַט האָט אין אַ מיקראָסקאָפּישער שטופע שװערער געמאַכט די פערװאַלטונג פון דער אינדישער אימפעריע, האָט די אינדישע אימפעריע געאָפּפערט אַ מיקראָסקאָפּישען מאָמענט, כדי זיך צו דערװיסען װעגען אימרײס שיקזאַל. אַרומגעזוכט אַלע בלאָטעס, דורכגעזעהן און אומגעגענד אַלע ברונען׳ס, פאַנאַנדערגעשיקט טעלעגראַמען אויף די אײזענבאַהן־ליניען, ביז דעם נאָהנטסטען ים־האַפען, װעלכער האָט זיך געפונען אויף 1200 מײַל װײַט פון דאַנען. נאָר אימרײ האָט זיך נישט אויסגעפונען נישט אין די ברונען׳ס, נישט אויף די אײזענבאַהן־ליניען. ער איז פערשװאונדען. און דער אָרט, װאו ער האָט געלעבט האָט איהם שוין מעהר נישט געזעהן. — און צוליעב דער דאָזיגער אורזאַכע האָט די אינדישע אימפעריע, װעלכע האָט

זיך נישט געקענט אפהאלטען אין איהר בעוועגונג, פארטגעזעצט איהר וועג. און אימריי האט זיך פון א מענשען אין א געהיימניס פערוואנדעלט; אין איינע פון די זאכען, וואס גיעבען שטאף די קלובען צו רעדען וועגען דעם אין פערלויף פון א גאנצען מאנאט און ענדליך ווערען זיי פערגעסען.

זיינע ביקסען, פערד, און קארטען זענען אויפ'ן אאוקציאן פערקויפט געווארען; א סטאציאנס-בעאמטער האט אוועקגעשיקט זיין מוטער א אונגעוועהנליך-נארישען בריעף, אין וועלכען ער איז איהר מודיע, אז אימריי איז פערשוואונדען אויף א אונערקלערבארען אופן, און זיין בענגאלאו 1) שטעהט לעדיג.

אונגעפעהר דריי-פיער חדשים נאך דער דאזיגער פאסירונג, האט מיין פריינד סטריקלענד, א אויספארשונגס-ריכטער, געדונגען אימריי'ס בענגאלאו, וועלכע האט יעצט בעלאנגט צו א ארטיגען איינוואהנער. דאס איז געשעהן פאר דער האכצייט פון סטריקלענדן מיט מיס יוגעל, — דאס איז שוין א צווייטע געשיכטע, וועלכע איך וועל דערצעהלען א צווייטען מאל, — און ריכטיג אין דער צייט ווען ער האט אויסגעפארשט די גרונד-יסודות פון ארטיגען לעבען.

וואס אנבעלאנגט זיין אייגענעם ארט לעבען, איז דאס געוועזען נישט פון די געוועהנליכע, און זעהר פיעל האבען מיטליידענד געשאקעלט מיט די קעפ, דערצעהלענדיג זיינע פערשיעדען-ארטיגע געוועהנהייטען. ער האט שטענדיג געהאט וואס צום עסען, נאר קיינע בעשטימטע שטונדען פאר מיטאג אדער פריהשטיג. ער האט געגעסען שטעהענדיג אדער שפאציערענדיג איבער די צימערן, דאס, וואס ער האט געפונען אין שפייז-שראנק און איז נישט געוועזען געקרענקט פון דעם, דאס אזא געוועהנהייט וואלט שלעכט געווירקט אויף דעם געזונדס-צושטאנד פון דער גרעסטער טהייל פון זיינע בעקאנטע.

זיין ווירטשאפט איז בעשטאנען פון 6 געוועהנליכע ביקסען, דריי יאגד-ביקסען, פינף זאטלען און פון א גאנצע קאלעקציאן נעצען, מיט וועלכע מען פאנגט די פיש „מאשיר". זיי זענען געוועזען דיקער און שטארקער פון יענע נעצען, וועלכע ווערען געברויכט צו פאנגען עכטען. דאס אלעם האט פערנומען א העלפט פון זיין בענגאלאו; די צווייטע העלפט האט בעלאנגט פערזענליך סטריקלענד'ן מיט זיין הונד, טעטושענס, א אונגעוועהנליך גרויסער הונד, וועלכער איז ביכולת געוועזען אויפעסען יעדען

1) א פארם-הויז אין אינדיען.

טאָג אַ פּאָרציאָן פון צוויי מענשען. טעטושענס האָט גערעדט מיט סטריקלענדן אויף זיין אייגען־אָרטיגער שפּראַך. און אויב אין דער צייט פון זיין שפּאַציר־גאַנג פלעגט ער בעמערקען עטוואָס אַזעלכעס, וואָס האָט געקענט שטערן די רוה פון איהר מאַיעסטעט די קייזערין פון אינדיען, האָט ער, צוריקקעהרענדיג, געמאַכט אַנ׳אויספיהרליכען בעריכט צו זיין הערר.

אויף דעם סמך פלעגט סטריקלענד אָננעהמען די נויטיגע מיטלען, וועלכע פלעגען זיך ענדיגען פאַר אַנדערע מיט אונאַנגענעהמליכקייטען, געלד־שטראָף און געפענגניס.

די אָרטיגע איינוואָהנער האָבען געקוקט אויף טעטושענסען, ווי אויף אַ בעשעפעניש, וועלכע בעזיצט אַ אוננאַטירליכע קראַפט און געהאַלטען זיך צו איהם מיט אַכטונג, וואָס איז בעשאַפען געוואָרען דורך שרעק און פורכט. איין צימער פון בענגאַלאָאו איז בעשטימט געווען ספּעציעל פאַר׳ן הונד. ער האָט געהאַט זיין אייגענע בעט, קאָלדרע און אַ אייגענע שיסעלע וואַסער, צום טרינקען. און ווען עמיץ פלעגט פּרובירען ביי נאַכט אַריין־געהן אין סטריקלענדס צימער, האָט ער געהאַט אַ הינטישע טבע אַנידערוואַרפען יענעם אויף דר׳ערד און בילען ביז עמיץ פלעגט זיך בעווייזען מיט ליכט.

סטריקלענד האָט איהם געהאַט צו פערדאַנקען מיט זיין לעבען. איינמאָל, ווען ער איז געווען אויפן גרענעץ, זוכענדיג אַ מערדער, איז דער זעלביגער חברה־מאַן געקומען פאַר טאָג צו סטריקלענדן, מיט׳ן צוועק אוועקשיקען איהם פיעל ווייטער פון די אַנדאַמאַן־אינזלען, וואו מען שיקט געוועהנליך פערברעכער. נאָר טעטושענס האָט איהם געכאַפּט. ווען ער איז מיט אַ מעסער אין די צייהן געקראָכען אין סטריקלענדס צימער. און נעהמענדיג אין אַנבעטראַכט די פריהערדיגע קאַריערע פון דעם דאָזיגען חברה־מאַן, האָט מען איהם געהאָנגען. פון דענסטמאָל אָן האָט טעטושענס געטראָגען אַ זילבערנעם האַלזבאַנד און אויף זיין קאָלדרע איז אויסגעהעפט געוואָרען אַ מאָנאָגראַם. אויסער דעם איז די קאָלדרע געווען פון דאָפּעלן קאַשמיר, ווייל טעטושענס איז געווען זעהר אַ דעליקאַטע בעשעפעניש. אין קיין פאַל האָט זיך טעטושענס נישט אָפּגעשיידט פון סטריקלענדן, און איינמאָל, ווען סטריקלענד איז קראַנק געוואָרען אויף פיבער, האָט דער גרויסער הונד פערורזאַכט פיעל אונאַנגענעהמליכקייטען די דאָקטוירים, ווייל ער האָט קיינעם נישט דערלאָזען צו זיין בעל הבית. ענדליך איז דאָקטאָר מאַקאַרנאַטען אויסגעקומען צו בעקענען איהם מיט׳ן שטעקען, געבענדיג איהם צו פערשטעהן, דאָס ער דאַרף אָפּטרעטען זיין פּלאַץ צו

מענשען, וועלכע האבען די מעגליכקייט איינגעבען זיין בעל הבית חיונין.

## 2.

באלד נאך דעם, ווי סטריקלענד האט אפגעדונגען אימרייס בענגאלאו, איז מיר אויסגעקומען צוליעב געשעפטס־אורזאכען בעזוכען די זעלבע סטאציאן, און אזוי ווי, נאטירליך, אלע צימערן אין קלוב זענען געווען פערנומען, האב איך זיך אפגעשטעלט ביי סטריקלענדן.

די הויז אין וועלכער ער האט געוואהנט איז בעשטאנען פון אכט צימערן, בעדעקט מיט א דיקען פלאסט שטרוי, וועלכער האט איהם אויסגעצייכענט בעשיצט פון רעגען. אנשטאט א סטעליע איז געווען אנגעצויגען א וויים־בעפארבטער לייווענד, ווייל דער איינגעטימער האט אבגעפארבט די הויז, באלד פאר דעם, ווי סטריקלענד האט איהר געדונגען.

א מענש, וועלכער איז נישט בעקאנט מיט דער קאנסטרוקציע פון אינדישע בענגאלאוס, וואלט קיינמאל נישט געדאכט, אז צווישען דעם דאזיגען לייווענד און דעם דאך געפינט זיך א דרייעקיגער שטח, וואו די הינטערשטע טהייל פון די דאך־שטרוי און די ווינקלען צווישען די באלקענס, דיענען אלס א מקום־מקלט פאר פערשידענע מינים מייז, פלעדער־מייז און אנדערע אנשיקענישען.

ביי מיין אויפשטייגען אויף דער ווערענדא, האט מיר טעטושענס בעגריסט מיט א בילען, געגליכען צום קלאנג פון א גרויסען גלאק, אויפ'ן קלויסטער פון היילינגען פאאול, און האט ארויפגעלעגט אויף מיר זיינע לאפעס, בעווייזענדיג דערמיט, אז עס פרעהט איהם מיך צום זעהן. סטריקלענד האט שפאצירט נעבען שפייז־שראנק און עפיס געגעסען. דאס האט ביי איהם געהייסען פריהשטיגען.

ווען ער האט געענדיגט איז ער אוועקגעגאנגען צו זיין אמט. איך בין געבליבען אין הויז צוזאמען מיט טעטושענסען.

די הייסע לופט האט צו דיעזער צייט זיך פערוואנדעלט אין א וואַרעמע רעגען־פייכטקייט. די פייכטע לופט האט זיך נישט בעוועגט, נאר דער רעגען האט געגאסען אין גלייכע שטראמען, און אין דער לופט איז געהאנגען א בלאהליכער נעבעל. די באמבוקען, לאווערען און קאשטאן־בוימער זענען אונבעוועגליך געשטאנען אונטער די שטראמען פון ווארעמע וואסער, און די זשאבעס האבען אנגעהויבען אפצוגעבען זייער איינען־אר־

טיגען קאָנצערט. אַ קורצע צייט פאַר דעם נאַכט-אָנקומען, ווען דער רעגען איז געווען אויסערגעוועהנליך שטאַרק, בין איך געזעסען אויף דער הינטערשטער וועראַנדע, זיך צוגעהערט, ווי עס גיסט זיך די וואַסער פון דאַך און געקראַצט דעם גאַנצען קערפּער, ווייל פון היץ האָבען זיך אויף מיין לייב בעוויזען פּרישטשיקעס.

מעטושענס, וועלבער איז אַרויסגעגאַנגען פון צימער גלייך מיט מיר, האָט אַנידערגעלעגט זיין קאָפּ אויף מיינע קניע און האָט אויסגעוויזען צו זיין זעהר מעלאַנכאָליש; און דעריבער, ווען דער טהיי איז פאַרטיג געוואָרען, האָב איך איהם געגעבען ביסקוויטען און געטרונקען טהיי אויף דער זעלבער וועראַנדע, ווייל דאָ איז געווען עטוואָס פרישער. די צימערן הינטער מיין רוקען זענען איינגעהילט געווען אין פינסטערניש. דער ריח פון זאָטלען און שמאַלץ, מיט וועלבען די ביקסען זענען אויסגעשמירט געווען האָט דערגרייכט צו מיין נאָז, און איך האָב נישט געהאַט קיין שום לוסט אַריינצוגעהן אין הויז.

מיין דינער האָט זיך בעוויזען אויף דער האַלב-פינסטערער וועראַנדע, — זיינע ווייסע קליידער זענען נאַס געווען און צוגעקלעפּט צום קערפּער, — און האָט מיר געזאָגט, אַז אין הויז וואַרט עפּיס אַ הערר, וואָס פערלאַנגט אימיצען זעהן. אָהן חשק. די אורזאַכע דערפון איז געווען די פינסטערניש אין די צימערן, בין איך געגאַנגען צו דעם לעדיגען אויפנאַהמסצימער און געהייסען ברענגען פייער.

ס'איז מעגליך, אַז עמיץ איז דאָרט געווען, מיר האָט זיך אויסגערוכט, אַז איך האָב געזעהן אַ שאָטען פון אַ מענשען געגען איבער דעם פענסטער, — נאָר ווען מען האָט פייער געבראַכט, האָב איך קיינעם נישט געזעהן, נאָר אונטער די פענסטער האָט גערוישט דער ווינד און אין דער לופט האָט זיך געפיהלט אַ ריח פון נאַסע ערד.

איך האָב געזאָגט מיין דינער, אַז ער האָט געמעגט זיין עטוואָס קליגער און כ'האָב זיך צוריקגעקעהרט אויף דער וועראַנדע צו פלאַפּלען אַ ביסעל מיט מעטושענסען, נאָר דער הונד איז אַרויסגעגאַנגען אויפ'ן רעגען און מיט גרויס שווערינקייט, אַפילו דורך דער הילף פון ביסקוויטען, האָט זיך מיר קוים איינגעגעבען איהם צוריקקעהרען אויף דער וועראַנדע.

באַלד איז אויך סטריקלענד געקומען, שטאַרק אין כעס אויפ'ן רעגען, און די ערשטע פראַגע זיינע איז געווען:

— קיינער איז נישט געקומען?

איך האָב איהם אויספיהרליך דערצעהלט, ווי אַזוי מיין דינער האָט

מיר ארויסגערופען אין אויפנאהמס-צימער, וואו איך האב קיינעם נישט געפינען; איך האב דאס ערקלערט דערמיט, אז עמיץ האט דאס געוואלט שפאס מאכען איבער איהם, און אוועקגעגאנגען, נישט זאגענדיג זיין נאמען. סטריקלענד, מעהר נישט רעדענדיג וועגען דעם דאזיגען ענין האט געהייסען דערלאנגען מיטאג, און אזוי ווי דאס איז געווען א ווירקליכער מיטאג, אפילו מיט א ווייסען טישטוך, האבען מיר זיך געזעצט צום טיש.

א ווייגער ניין האט זיך סטריקלענד אויפגעהויבען, צום געהן שלאפען. איך האב זיך אויך געפיהלט מיעד. ווי נאר טעטושענס האט בעמערקט, אז זיין בעל הבית איז אוועקגעגאנגען צו זיך אין צימער, איז ער ארויסגעקראכען פון אונטערן טיש, און אנשטאט צום געהן אין די צימערן איז ער ארויסגעגאנגען און זיך געלעגט הארט אויפ'ן ברעג וועראנדע.

ווען ביי א פרוי זאל זיך האבען ערוועקט א פאנטאזיע צו שלאפען אויפ'ן פרייען לופט אונטער'ן גוס-רעגען, וואלט דאס מיר ווייניגער פערוואונדערט, ווי די האנדלונג פון טעטושענס'ן, ווייל ער, טעטושענס, ווי איך האב שוין פריהער געזאגט, איז געווען זעהר א דעליקאטע בעשעפעניש. איך האב א קוק געגעבען אויף סטריקלענדען, ערווארטענדיג, אז ער וועט זיך נעהמען צום בייטש, נאר ער האט אויף א מאדנעם אופן א שמייכעל געטהון, ווי א מענש, וואס קלויבט זיך אייך דערצעהלען א פאמיליען-טראגעדיע, און האט געזאגט:

— ער האנדעלט אזוי פון יענער צייט אן, זינט איך האב זיך דא בעזעצט. לאזט איהם צורוה.

---

## 3.

דער הונד איז געווען סטריקלענדס אייגענטהום, און דארום בין איך ענטשוויגען געווארען. טעטושענס האט זיך געלעגט שלאפען אויף דער וועראנדע, אונטער דעם פענסטער פון מיין צימער.

די גאנצע נאכט האט גערוישט דער ווינד, געשטורעמט איבער אונזער שטרויענעם דאך און פלעגט פערשווינדען אין דער ווייטקייט.

די בליצען האבען בעלויכטען דעם גאנצען הימעל מיט א בלאהליכען שיין. און ביי די מאמענטאלע אויפבליצונגען האב איך געקענט זעהן דורך די באמבוק-שטארען פון מיין צימער, דאס דער גרויסער הונד איז נישט געשלאפען אויף דער וועראנדע, נאר געשטאנען ווי אויסגעגאסען פון איין

שטיק, קוקענדיג אין גאָרטען. די וואָל צושויבערט אויפ'ן רוקען. האַרט זיך אָנשפּאַרענדיג מיט זיינע פיער לאַפּעס אָן דעם באָדען. אין די קורצע מאָמענטען פון שטילשטאַנד, ווען דער ווינד האָט נישט גערוישט, האָב איך פּרובירט שלאָפען, נאָר מיר האָט זיך די גאַנצע צייט געדוכט, אַז עמיץ ברויכט זעהר נויטיג מיין הילף; עמיץ האָט פּרובירט מיר רופען ביי'ם נאָמען, נאָר זיין שטימע האָט זיך פערוואַנדעלט אין אַ כאָרכלענדיגען שעפּטשען. ענדליך האָט דער שטורם אויפגעהערט. טעטושעגס איז אַרויס אין גאָרטען און געבילט אויף דער לבנה, וועלכע איז געשטאַנען נידריג איבער'ן האָריזאָנט. עמיץ האָט פּרובירט עפענען מיין טהיר, געגאַנגען איבערן שטוב אין אַלע ריכטונגען, זיך אָבגעשטעלט, שווער אָטהעמענדיג, אויפ'ן וועראַנדע, און גלייך, ווי איך האָב אָנגעהויבען איינשלאָפען, האָט זיך מיר געדוכט, אַז איך הער ווילדע געשרייען ביי מיר איבער'ן קאָפּ אָדער אונטער'ן טהיר. איך בין אויפגעשטאַנען און זיך געלאָזען געהן צו סטריקלענדס צימער, פרעגען איהם, פיליכט איז ער קראַנק און צי האָט ער מיר גערופען. ער איז געלעגען אויפ'ן בעט, האַלב-אָנגעטהון, מיט דער פּיפּקע אין מויל.

— איך האָב געוואוסט, אַז איהר וועט קומען, — האָט ער געזאָגט,
— איך האָב שפּאַצירט איבער'ן שטוב! נישט וואָהר?

איך האָב איהם ערקלערט, אַז איך האָב זיינע טריט געהערט אין אַלע צימערן. ער האָט זיך פאַנאַנדערגעלאַכט און מיר געהייסען געהן שלאָפען.

איך האָב זיך צוריקגעקעהרט אין מיין צימער און געשלאָפען ביז פריה-מאָרגענס; צווישען צאָהל-רייכע און פערשידען-אַרטיגע חלומות, וועלכע איך האָב געזעהן, האָב איך די גאַנצע צייט געפיהלט, אַז איך האָב געהאַנדעלט נישט אָרענטליך אין בעצוג צו עמיצען, אַז איך האָב נישט ערפילט וועמענס עס איז פערלאַנג. וואָס כ'האָב געברויכט איז מיר נישט בעוואוסט געווען, נאָר „עמיץ" איז די גאַנצע צייט געגאַנגען מיט אונזיכערע טריט, געשטופּט די טהירען, בעריהרט די פערדוקערס, געשעפּטשעט עפּיס, און האָט מיר געטאַדעלט פאַר מיין זאָרגלאָזיקייט. און דרעמלענדיג, האָב איך געהערט טעטושעגס בילען אין גאָרטען און דעם גלייכמעסיגען גערויש פון רעגען.

## 4.

צוויי טעג האָב איך שוין געוואוינט אין דיזעם הויז. סטריקלענד פלעגט יעדען טאָג אויפקוועהן אין זיין קאַנצעלאַריע, איבערלאָזענדיג מיר אין דער געזעלשאַפט פון טעטושענסען.

ווען עס איז נאָך ליכטיג געווען, איז אַלץ געגאַנגען גוט. נאָר בין השמשות, צווישען טאָג און נאַכט פלעגען מיר זיך איבערקלויבען אויף דער הינטערשטער וועראַנדע, און אָנגעווענדעט אַלע מעגליכקייטען אום זיך נישט צו פאַנאַנדערשיידען. מיר זענען אַליין געווען אין הויז, — און נאָך האָט זיך דאָ געפונען אַ בעל הבית, אין וועמענס אַנגעלעגענהייטען איך האָב קיין חשק געהאַט זיך אַריינצומישען.

איך האָב איהם קיינמאָל נישט געזעהן, נאָר איך האָב געקענט בעמערקען, ווי עס בעוועגען זיך די פאָרהאַנגען, ווען ער פלעגט דורכגעהן; געהערט דעם סקריפען פון שטוהלען, גלייך ווי עמיץ וואָלט זיך אויפגעהויבען פון זיי.

און ווען איך בין פון דער הינטערשטער וועראַנדע געגאַנגען אין עסצימער נאָך אַ בוך, האָב איך געפיהלט אַז עמיץ אויף דער פאָרערשטער וועראַנדע וואַרט, ביז איך וועל אַוועקגעהן.

טעטושענס האָט נאָך מעהר פערגרעסערט דעם דאָזיגען נאַכט-אומעט, פלוצלונג אויפשפרינגענדיג, און קוקענדיג מיט אַ ברענענדען בליק אין דער פינסטערניש פון די לעדיגע צימערן. זיין וואָל אויפ'ן רוקען פלעגט זיך אויפשטעלען, ווי שאַרפע נאָדלען, און ער האָט נאָכגעשפירט עמיצענס בעוועגונגען, וועמען איך האָב נישט געקענט זעהן. ער איז קיינמאָל אין די צימערן נישט אַריינגעגאַנגען, נאָר זיינע אויגען האָבען זיך געקעהרט דאָ אין איינער, דאָ אין דער צווייטער זייט. ער האָט עמיצען געזעהן.

אָבענדס-צייט האָט טעטושענס געוואַרט אין גאָרטען, ביז וואַנען מיין דיענער האָט די לאָמפען אָנגעצונדען, בעלויכטענדיג די וועראַנדע. דאַן האָט ער זיך צוריקגעקעהרט אויף דער וועראַנדע און פערבראַכט די צייט, זיצענדיג מיט אָנגעשטרענגטע אויערן און נאָכגעשפירט די בעוועגונגען פון דער אונזיכטבאַרער בעשעפעניש, הינטער מיין רוקען. היינד זענען אין אַלגעמיין פרעהליכע קאָמפּאַניאָן...

אויף ריכטיג, אויף וויפיעל איך בין פעהיג געווען, האָב איך פרובירט ערקלערן סטריקלענדען, אַז כ'וויל זיך איבערקלויבען אין קלוב.

כ'האָב געזאָגט דאָס איך בין זעהר צופרידען מיט זיין גאַסט-פריינד-

ליבקייט, דאָס איך האַלט פאַר אויסגעצייכענט גוט זיינע ביקסען און נעצען, נאָר מיר געפעלט נישט זיין הויז־אַטמאָספערע. ער האָט מיר אויסגעהערט ביז צום ענדע.

נאָך דעם האָט ער געשמייכעלט מיט אַ מאָדנעם אויסזעהן, נאָר אָהן פעראַכטונג, ווייל ער איז געווען אַ מענש, וואָס איז פעהיג געווען צו פערשטעהן פיעלע זאַכען.

— בלייבט דאָ, האָט ער געזאָגט, מען דאַרף אויספאָרשען, וואָס דאָס אַלעס בעדייט. אַליין, וואָס איהר דערצעהלט מיר, איז מיר שוין בעוואוסט פון דעם טאָג, ווען איך האָב זיך בעזעצט אין דיזער בענגאַלאָו. בלייבט איבער און וואַרט. טעטזשענס האָט מיר שוין פערלאָזען. ווילט איהר אויך דאָס זעלבע טהון?

נישט לאַנג פאַר דעם האָב איך געהאָלפען סטריקלענדען זיך אויספּלאָנטערן פון אַ געשיכטע, אין וועלכעס עס איז געווען פערמישט עפּיס אַ אינדיאַנער אָבגאָט. און איך בין שיער נישט משוגע געוואָרען פון דער דאָזיגער געשיכטע. און דעריבער האָב איך יעצט קיין לוסט נישט געהאַט זיך אַריין־פּלאָנטערן אין אַ נייע געשיכטע. סטריקלענד איז געווען אַ מענש, אויף וועלכען אונאַנגענעהמליכקייטען האָבען זיך געגאָסען ווי אַ רעגען, ווי צום ביישפיעל אויף אַנדערע מענשען איינלאַדונגען צו מיטאָג.

איך האָב פּרובירט דייטליך איהם געבען צו פערשטעהן אַז איך פיהל מיר גליקליך איהם צו זעהן ביי טאָג, נאָר דער נסיון צו שלאָפען מיט איהם אונטער איין דאַך איז צו גרויס פאַר מיר. דאָס איז שוין געווען נאָך מיטאָג, און טעטזשענס האָט שוין דאַן פערלאָזען דאָס הויז און זיך אויסגעצויגען אויף דער וועראַנדע.

— דער טייוועל זאָל דאָס נעהמען, איך פערשטעה אייך, האָט סטריקלענד געזאָגט, שטאַרק קוקענדיג אויפ׳ן לייווענד איבער אונזערע קעפּ. קוקט נאָר אַהער!

אויבען, צווישען לייווענד, וואָס האָט געדיענט אַנשטאָט אַ סטעליע און דעם קאַרניז פון וואַנד האָבען אַרויסגעשטעקט צוויי שלאַנגען־עקען.

דער שיין פון לאָמפּ האָט זיי בעלויכטען פון אַ זייט און זיי האָבען אָבגעוואָרפען פון זיך לאַנגע שאָטענס.

— אויב איהר האָט מורא פאַר שלאַנגען, האָט סטריקלענד פאָרטגעזעצט, איז דאָס גאַנץ פערשטענדליך... גלייכצייטיג האָב איך מורא און האַס שלאַנגען. ערשטענס, ווען איהר וועט אַ קוק געבען אין די אויגען פון אַ שלאַנג, וועט איהר בעמערקען אַז איהר איז בעוואוסט דאָס געהיי-

ניִם פון דער ערשטער מענשליכער זינד. און זי שפירט צום מענשען די גאַנצע פעראַכטונג, וואָס דער טײַוועל האָט געפיהלט אין דער צײַט, ווען אָדם איז פון גן־עדן אַרויסגעטריבען געוואָרען. אויסער דעם, איהר ביִס ברענגט מיט זיך דעם טוידט און זי האָט אַ געוואוהנהײַט אַרײַן־קריכען אונטער די הויזען.

— איהר דאַרפט הײַסען פאַנאַנדערוואַרפען אײַער דאַך, האָב איך געזאָגט. גיט מיר אַ שטעקען, מיר וועלען פּרובירען אַראָפּשלײַדערן זיי פון דאָרט.

— זיי וועלען זיך בעהאַלטען נאָך פריהער, ווי איהר וועט בעוויזען זיי צו בעריהרען, האָט סטריקלענד געזאָגט. אָבער איך קען נישט וואָהנען צוזאַמען מיט שלאַנגען איבער מײַן קאָפּ. איך וועל אַרויפשטײַגען אויבען און איהר נעמט די האַק און ווי נאָר זיי וועלען צו דער ערד אַניִדערפאַלען, צוברעכט זיי דעם רוקען.

איך האָב נישט געפיהלט קײַן בעזונדערן פערגניגען צו מיטהעלפען סטריקלענדען אין דער דאָזיגער אָפּעראַציאָן, נאָר איך האָב גענומען די האַק און געוואַרט אין עס־צימער ביז ער האָט געבראַכט פון גאָרטען אַ לײַטער און איהם אַוועקגעשטעלט נעבען וואַנד. די שלאַנגען־עקען האָבען זיך געריהרט און פערשוואונדען. מיר האָבען דערהערט אַ טרוקענעם און שנעלען גערויש אויפ'ן לײַוועַנד איבער אונזערע קעפּ. סטריקלענד האָט גענומען דעם לאָמפּ און אויפגעשטיגען אויפ'ן לײַטער, אין דער צײַט, ווען איך האָב איהם ערקלערט די געפאַהר פון אַ יאַגד נאָך שלאַנגען, צווישען דער לײַוועַנד־סטעליע און דעם שטרויענעם דאַך.

— זיי וועלען בעשטימט אויפ'ן לײַוועַנד בלײַבען, האָט סטריקלענד געזאָגט. דער באַלקען איז צו קאַלט פאַר זיי. זיי רעספּעקטירען בעסער די וואַרעמקײַט פון אונזערע צימערן.

ער האָט אָנגעגריפען אײין זײַט פון לײַוועַנד און האָט איהם אָפּגעריסען פון קאַרניז.

מיט גערויש האָט זיך דער לײַוועַנד צוריסען און סטריקלענד האָט זײַן קאָפּ אַרײַנגעשטעקט אין דער נײַפאָרמירטער עפנונג.

איך האָב צונויפגעדריקט די צייהן און אויפגעהויבען די האַק, חאָטש איך האָב זיך גאָרנישט פאָרגעשטעלט, וואָס עס וועט אַרונטערפאַלען פון אויבען.

— הם! האָט סטריקלענד אַ ברום געטהון, זײַן שטימע האָט זיך

יעצט בעוועגט אונטערן דאך, — דאָ איז גענוג פּלאַץ פאַר אַ צווייטען עטאַזש, און ביי מײן עהרען-וואָרט עמיץ וואהנט שוין דאָ.

— אַ שלאַנג? האָב איך געפרעגט.

— ניין, אַ גאַנצער אָקס. גיט מיר די גרויסע ווענדקע, איך וועל פּרובירען אַרויפקריכען צו איהם, ער געפינט זיך אויפ׳ן גרויסען באַלקען.

איך האָב איהם דערלאַנגט די ווענדקע.

— אַ גאַנצע נעסט פון פלעדער-מייז און פליגען, האָט סטריקלענד געזאָגט, אַרויפקריכענדיג העכער. — עס איז גאָר קיין וואונדער נישט אַז דאָ וואהנען שלאַנגען.

איך האָב געזעהן, ווי עס האָט זיך בעוועגט זיין האַנד, וועלכע האָט געהאַלטען די ווענדקע.

— נו, נו. ריהר זיך, האָט זיין שטימע געברומט. — היט זיך, אונטען, עס פאַלט.

דער לייווענד האָט זיך אויסגעצויגען אויפ׳ן מיטען פון צימער, אונטער דער אַראָפּגעפאַלענער משא, און לאַנגזאַם אָנגעהויבען זיך אַראָפּלאָזען אויפ׳ן לאָמפּ, וואָס איז געשטאַנען אויפ׳ן טיש. איך האָב שנעל אָנגעגריפען דעם לאָמפּ, איהם אַוועקגעשטעלט אויף אַ זיכערן אָרט און צוריק אָפּגעשפּרונגען, דער לייווענד האָט אָנגעהויבען זיך אָבּרייסען פון די ווענד, געפּלאַצט, זיך אַ שאָקעל געטהון, און אַרויסגעוואָרפען אויפ׳ן טיש עפּיס אַזעלכעס, אויף וואָס איך האָב זיך נישט בעשלאָסען אַ קוק געבען, ביז סטריקלענד איז פון לייטער אַראָפּגעשפּרונגען און זיך געשטעלט נעבען מיר.

אַלס אַ מענש, וואָס ליעבט נישט אומזיסט אויסברענגען ווערטער, האָט ער גאָרנישט געזאָגט, נאָר אויפגעהויבען דעם ברעג פון טישטוך און בעדעקט מיט איהם דאָס, וואָס ס׳איז אויפ׳ן טיש געלעגען.

— מען קען דענקען, — האָט ער געזאָגט, אַוועקשטעלענדיג דעם לאָמפּ, — אַז אונזער פריינד אימרײ האָט זיך צוריקגעקעהרט.

— אָ, דו ביזט אויך דאָ, וואָס דאַרפסטו?

דער טישטוך האָט זיך אָנגעהויבען בעוועגען און פון דאָרט איז אַרויסגעקראָכען אַ קליינער שלאַנג און באַלד צוקוועטשט געוואָרען מיט דעם טעמפּען זייט פון דער האַק.

סטריקלענד האָט פערקלערטערהייד אָנגעגאָסען זיך עפּיס צום טרינקען. דאָס, וואָס איז אונטערן טישטוך געלעגען האָט נישט בעוויזען קיין שום לעבענס-צייכענס.

— איז דאָס אימריִי? — האָב איך געפרעגט. סטריקלענד האָט אויפגעדעקט דעם טישטוך און אַ קוק געגעבען.

— אימריִי! האָט ער געענטפערט. און זיין האַלז איז איבערגעשניטען פון איין אויער ביז'ן צווייטען.

נאָך דעם האָבען מיר מאָרגנע בעוועגט מיט די הענד און גערעדט צו זיך אַליין:

— אַט פאַר וואָס ער איז געגאַנגען און געשעפטשעט איבער'ן גאַנצען הויז.

5.

אין גאָרטען האָט זיך דערהערט טעטושענס בילען, אין אַ קורצע צייט אַרום האָט זיך זיין גרויסע מאָרדע בעוויזען אין טהיר פון עס-צימער. ער האָט געצויגען מיט'ן נאָז די לופט און זיך נישט גערירט.

דער צוריסענער לייוענד איז געהאָנגען שטיקערווייז ביז'ן סאַמע טיש, און אין צימער איז קוים פלאַץ געווען האַלטען זיך אין דערווייטענס פון אונזער מציאה. טעטושענס האָט זיך געזעצט, שטשורענדיג מיט די צייהן און געקוקט אויף סטריקלענדען.

— אַ שלעכטע מעשה, הונד — האָט סטריקלענד געזאָגט. געוועהנליך קריכען נישט קיין מענשען אויף די דעכער, צו שטאַרבען דאָרט און יעדענפאַלס קלאַפען זיי נישט צו הינטער זיך דעם לייוענד. מיר וועלען בעקלערען, וואָס דאָס אַלעס בעדייט.

— מיר וועלען בעסער געהן בעקלערען אין צווייטען צימער, — האָב איך געזאָגט.

— אַ פאָרטרעפליכע אידעע. לעשט אוים די לאָמפען און מיר וועלען געהן אין מיין צימער.

איך האָב די לאָמפען נישט אויסגעלאָשען, נאָר גלייך געגאַנגען אין סטריקלענדס צימער, איבערלאָזענדיג איהם דעם פערגניגען צו בלייבען אין דער פינסטער. ער איז באַלד אויך געקומען מיר האָבען אָנגעשטאָפּט אונזערע פּיפּקעס און אָנגעהויבען קלערען, יעדענפאַלס, האָט געקלערט סטריקלענד. איך האָב נאָר געקענט האַסטיג רויכערן, פון גרוים שרעק.

— אימריִי האָט זיך צוריקגעקעהרט — האָט סטריקלענד ענדליך געזאָגט, די פראַגע איז נאָר אין דעם, ווער איז דער מערדער? רעדט גאָר נישט, איך האָב אַנ'אידעע. ווען איך האָב געדונגען די בענגאַלאָאו, האָב איך

אָבגעשטעלט בײַ זיך די גרעסטע טהײל פון אימרײס דיענער. אימרײַ איז געװען א גאַנץ געװעהנליכער מענש אָהן שום קונצען. װאָס װעט איהר זאָגען אויף דעם?

איך האָב אײנגעשטימט, האָטש דאָס, װאָס איז געלעגען אויפ'ן טיש האָט מיר אויסגעװיזען צו זײַן נישט קונצלאָז און נישט געװעהנליך.

— װען איך זאָל אַרײַן־רופען די דיענער, װעלען זײ אונטערהאַלטען אײנער דעם צװײטען און ליגענס זאָגען. װי דענקט איהר?

— רופט זײ אײנציגװײַז, האָב איך געזאָגט.

— דער ערשטער פון זײ צוריקקעהרענדיג, װעט אַלעם דערצעהלען די איבריגע. מען דאַרף זײ פאַנאַנדערשײדען. װי קלערט איהר, אײער דיענער איז עפּיס בעװאוסט װעגען דעם?

—אַלעס איז מעגליך; נאָר איך דענק אַז נישט, ער געפינט זיך דאָ בלויז צװײ־דרײַ טעג. װאָס פאַר אַנ'אידעע האָט איהר?

— איך קען נאָך גאַרנישט זאָגען. מען דאַרף זיך דערװיסען, װעלבער טײַװעל האָט געהאָלפען אימרײען אַרײַן־קריכען אונטער'ן לײַװענד.

הינטער'ן טהיר פון סטריקלענד'ס שלאָף־צימער האָט זיך דערהערט א הוסט. דאָס בעדײַט, אַז באַגאַדור חאַן, זײַן קאַמערדיענער האָט ערװאַכט און געקומען העלפען סטריקלענדן זיך לעגען שלאָפען.

— אַרײַן, — האָט סטריקלענד געזאָגט. — די נאַכט איז זעהר א מוראדיגע, נישט אמת?

באַגאַדור חאַן, א מאַחמער־גלױביגער, זעקס פוס הויך, אין א גרינעם קאַפּטאַן, האָט געענטפערט, אַז די נאַכט איז װירקליך א הײסע, נאָר אין דער לופט פיהלט זיך רעגען, און אַז דאָס, אויב אַללאַה װעט ערלויבען, דאַרף אָבשװאַבען די היץ.

— יאָ, אַזוי װעט זײַן, אויב דער בעשעפער װעט נאָר װעלען, — האָט איהם סטריקלענד אין דעם זעלבען נוסח געענטפערט, ערלויבענדיג איהם אַראָפּציהען פון זיך די שטיװעל — מיר דאַכט זיך, באַגאַדור־חאַן, אַז פאַר דער לעצטער צײַט פערמאַטער איך דיר צופיעל מיט אַרבײַט. יאָ, איך האָב אויך אין גאַנצען פערגעסען, װי לאַנג דו דיענסט בײַ מיר?

— דער זוהן פון הימעל האָט פערגעסען? פון דער צײַט, װען סאַניב אימרײַ איז, קײנעם נישט זאָגענדיג, געהײם אַװעקגעפאָהרען נאָך אײראָפּאַ. יאָ, פון יענער צײַט בין איך אָנגעקומען אין דיענסט צום בעשיצער פון אָרעמע.

— הייסט עס, סאַגיב אימריי איז אוועקגעפאָהרען נאָך אייראָפּאַ ?
— אַזוי האָט מען געשמועסט צווישען זיינע אַלטע דינער.
— און דו ווייסט ווידער געהן צו איהם דינען, ווען ער וועט זיך צוריקקעהרען ?
— בעשטימט, מיין העדר, ער איז געוועזען אַ גוטער בעל הבית און ער האָט העפליך בעהאַנדעלט זיינע דינער.
— אַזוי ? הער נאָר, איך בין זעהר מיעד, נאָר מאָרגען פאָהר איך אויף יאַגד. דערלאַנג מיר דעם ביקס, ער ליגט דאָרט אין קעסטעל.

באַנאַדור-חאַן האָט זיך איינגעבויגען איבער'ן קאַסטען, אַרויסגענומען דעם ביקס און דערלאַנגט סטריקלענדען, וועלכער האָט געגעצענדיג אַריין-גע-ריקט די האַנד אין זשילעט-קעשענע, אַרויסגענומען אַ פּאַטראָן מיט אַ קויל 360 עקספרעס, אַריין-געדריקט אין ביקס און פערשלאָסען די עפענונג.
— הייסט עס, דענקסט דו, אַז אימריי איז געהיים אוועקגעפאָהרען אין אייראָפּאַ ? עס איז דאָך עפּיס קשה, באַנאַדור-חאַן, דענקסט דו נישט אַזוי ?
— וואָס קען איך דען זאָגען, וועגען די מנהגים פון די ווייסע מענשען ? זוהן פון די ווייסע מענשען, זוהן פון הימעל !
— ווייניג, פערשטעהט זיך. נאָר באַלד וועסט דו זיך מעהרער דערוויסען. סאַגיב אימריי האָט זיך צוריקגעקעהרט פון זיין ווייטע רייזע און ערוואַרט אין צווייטען צימער זיין פריהערדיגען דינער.
— סאַגיב !

דער שיין פון לאָמפּ איז געפאַלען אויפ'ן ביקס, וועלכער האָט זיך שנעל אויפגעהויבען און איז געווען געווענדט אין דער ריכטונג פון באַנאַדור-חאַנס ברייטע ברוסט.
— נעה און זעה ! האָט סטריקלענד געזאָגט. נעהם דעם לאָמפּ ! דיין העדר איז מיעד, און ער וואַרט אויף דיר. נעה !

דער דינער האָט גענומען דעם לאָמפּ און געגאַנגען אין עס-צימער. סטריקלענד האָט איהם נאָכגעפאָלגט און אונטערגעשטופּט מיט'ן ביקס.

---

## 6.

און איין אויגענבליק האָט באַנאַדור-חאַן אַרומגעכאַפּט מיט'ן בליק דעם צוריסענעם לייווענד, דעם שלאַנג, וואָס האָט זיך געוואַלגערט אויפ'ן

באָדען און דאָס וואָס איז געלעגען אויפ'ן טיש אונטערן טישטוך. איך האָב בעמערקט, ווי זיין געזיכט איז גראָה געוואָרען.

— האָסטו געזעהן? — האָט סטריקלענד געפרעגט נאָך אַ קורצען שטיל־שווייגען.

— יאָ, איך האָב געזעהן, איך געפין זיך אין די הענד פון ווייסען מענש. וואָס דענקט איהר צו טהון מיט מיר?

— מען וועט דיר אויפהענגען נאָך פריהער, ווי דער מאָנאַט וועט פאַרבייגעהן.

— דערפאַר, וואָס איך האָב איהם ערמאָרדעט? נאָר בערעכענט זיך, מיין הערר, דורכגעהענדיג צווישען אונז, זיינע דיענער, האָט ער דערזעהן מיין קינד, וואָס איז פיער יאָהר אַלט געוועזען, האָט ער עס פערבשופט, און אין צעהן טעג אַרום איז מיין קינד געשטאָרבען פון פיבער.

— וואָס האָט דען אימרי געזאָגט?

— ער האָט געזאָגט, אַז דאָס איז אַ שעהנע קינד און איהם אַ גלעט געטהון איבער'ן קעפּעל. דערפון איז ער געשטאָרבען. און דערפאַר האָב איך ערמאָרדעט אימרייען, אָבענדס־צייט, ווען ער איז צוריקגעקומען פון זיין אַמט. איך האָב איהם אַרויפגעשלעפּט אויבען צווישען די באַלקענס, און נאָך דעם געבראַכט אַלעס אין אָרדנונג, איך, דער דיענער פון הימלישען זוהן.

סטריקלענד האָט אַ קוק־געגעבען אויף מיר פון איבער'ן ביקס און געזאָגט אויף דער אָרטיגער שפּראַך:

— איהר זענט אַנ'עדות, ער האָט זיך מודה געוועזען, האָט איהר געהערט?

באַגאַדור־חאַן איז געשטאַנען נעבען אונז מיט אַ אַש־גראָהען געזיכט, ביי דער שיין פון אַ איין איינציגען לאָמפּ. דער פערלאַנג זיך צו רעכט־פערטיגען האָט איהם בעהערשט.

— איך בין אין אייער מאַכט, — האָט ער געזאָגט, — נאָר ער האָט מיר בעליידיגט; ער האָט געוואָרפען אַ בעזע אויג אויף מיין קינד, האָב איך איהם ערמאָרדעט און בעהאַלטען, נאָר די יעניגע וואָס דיענען דעם טייוועל (זיין בליק האָט זיך ווי אַ בליץ געווענדעט אין דער זייט פון טעטזשענסן, וועלכער איז געלעגען אויסגעצויגען אונבעוועגליך ביי אונזערע פיס), נאָר דיזע האָבען זיך געקענט דערוויסען, וואָס איך האָב געטהון.

— דאָס איז זעהר שעהן; נאָר דיר מוז מען צובינדען מיט אַ שטריק צום סלופּ. מען וועט דיר אויפהענגען אויף אַ שטריק. וועכטער!

א פערשלאפענער פאליסמאן האט זיך אפגערופען אויף סטריקלענדס שטימע. נאך איהם איז באלד א צווייטער געקומען, טעטושענס האט זיך געהאלטען וואונדערליך רוהיג.

— פיהרט אב דיזען מענשען אין פאליציי-צירקעל. דאס איז א וויכטיגער פערברעכער.

— הייסט דאס, מען וועט מיך אויפהענגען? — האט באגאדור-חאן געפרעגט, נישט פרובירענדיג ענטלויפען און אראפגעלאזט די אויגען צו דער ערד.

— „כל זמן די זון שיינט און וואסער פליעסט" 1), — יא.

באגאדור-חאן האט געטראטען פון איין פוס אויף דער צווייטער, א ציטער געטהון און זיך מעהר נישט גערירט. צוויי פאליסלייט זענען געשטאנען, ערווארטענדיג בעפעהלע.

— געהט! האט סטריקלענד געזאגט.

— איך וועל שנעל באלד פארטגעהן! האט באגאדור-חאן גענענט-פערט. קוקט! איך בין יעצט א טוידטער מענש!

ער האט אויפגעהויבען זיין פוס און מיר האבען דערזעהן אויף זיין קלענסטען פינגער א קליינעם האלב-צוקוועטשטען שלאנג, וועלכער האט זיך איינגעגראבען מיט זיינע צייהן אין פינגער, אין דער לעצטער גסיסה.

— איך בעלאנג צו א שטאם פון הויך-געבארענע, האט באגאדור-חאן געזאגט, שאקלענדיג זיך. פאר מיר וואלט געווען א חרפה צו געהן אויף דער תליה, דעריבער האב איך אויסגעקליבען דעם דאזיגען וועג. פערגעסט נישט, אז סאניב אימריים העמדער זענען אלע גאנץ, און אויפן וואש-טישעל געפינט זיך זיינע א שטיקעל זייף. מיין קינד האט ער פער-כשופט, דעריבער האב איך איהם ערמארדעט. ווארום ווילט איהר, איך זאל אומקומען אויף דער תליה? נאר מיין עהרע איז יעצט אויסער געפאהר, און... און... איך שטארב.

ער איז געשטארבען וועניגער, ווי אין א שטונדע, ווי עס שטארבען מענשען, וועמען עס האט געביסען א קליינער שווארצער שלאנג. און די פאליסלייט האבען איהם ארויסגעטראגען און אויך דאס, וואס איז געלעגען אונטערן טישטוך, יעדערן אויף זיין ארט.

---

1) א אינדישער שפריכווארט.

## 7.

— דאָס הײַסט דער צוואַנציגסטער יאָהרהונדערט, האָט סטריקלענד מיט אַ רוהיגען טאָן געזאָגט, לעגענדיג זיך אין בעט. — האָט איהר געהערט וואָס דיזער מענש האָט געזאָגט?

— כ'האָב געהערט האָב איך געענטפערט, אימריי איז בעגאַנגען אַ נאַרישקייט, נאָר דערפאַר, ווײַל איהם איז ווענינ בעקאַנט געווען דער מזרח און ער האָט זיך נישט פאָרגעשטעלט די פאָלגען פון זיין האַנדלונג אין בעצוג צו דער פיבער-קרענק. באַגאַדור-חאַן האָט געדינט בײַ איהם גאַנצע פיער יאָהר.

איך האָב אונווילליג אַ ציטער געטהון. גלייך די זעלבע צײַט געפינט זיך בײַ מיר מײַן דינער.

ווען איך בין אין מײַן צימער געקומען האָט מיר מײַן דינער ערווארט, אום אַראָפּצוציהען פון מיר מײַנע שטיוועל, אונבעוועגליך ווי אַ קופּערנע סטאַטוע.

— וואָס האָט פּאַסירט מיט באַגאַדור-חאַן? האָב איך איהם געפרעגט.

— אַ שלאַנג האָט איהם פערגיפטעט און ער איז געשטאָרבען. דאָס איבריגע איז מײַן הערר בעוואוסט. שטילער, איך וועל די שטיוועל אַראָפּציהען.

איך האָב אײַנגעשלאָפען, ווי אַ מענש, וואָס קען שוין מעהר גאָר נישט פערטראָגען, נאָר איך האָב נאָך דערהערט סטריקלענדס שטימע וועלכער האָט געשריען פון שלאָף-צימער:

— טעטזשענס האָט זיך צוריקגעקעהרט אויף זײַן אָרט.

דער הונד האָט זיך ווירקליך צוריקגעקעהרט און מאַיעסטעטיש זיך אויסגעצויגען אויף זײַן אײַגענער בעט, אויף זײַן אײַגענער קאָלדרע. און אין צווייטען צימער האָט זיך לײַכט געשאָקעלט דער צוריסענער לײַוועגד בעריהרענדיג דעם טיש.

איבערז. פון ענגלישען פ. אלעקסאנדראוויטש.

א. קיללאַנד.

## דאס רוהיגע געוויסען.

פאַר דער פאָרטקע פונ'ם גאָרטען, וואָס האָט אָנגעהערט עבעל'ן דעם אַדוואָקאַט, האָט זיך אָבגעשטעלט אַ קאָטש, ניט קיין גרויסע, נאָר זעהר אַ שעהנע, געשפּאַנט מיט אַ פּאָר זאַטע גרויסע פערד.

דער געשפּאַן האָט ניט געהאַט קיין בעפּוצעכץ, ניט פון קיין זילבער, ניט פון קיין אַנדער מעטאַל. אַלץ איז געווען מאַט־שוואַרץ, די שנאָלען זענען געווען בעצויגען מיט פעל, די לאַקירטע טיילען פון קאָטש האָבען זיך געוואָרפען אין דונקעל־גרין, די קישעלעך זענען געווען בעשלאָגען מיט אַ געוועהנליכע גראָהע שטאָף, און נאָר פון נאָהנטען האָט מען אַרויסגעזעהן, אַז דאָס בעשלאָגעכץ איז געווען פון אַ שווערע זיידען־שטאָף. דער קוטשער איז געווען עהנליך צו אַן'ענגלישען פּאַסטאָר,— ער האָט געטראָגען אַ שוואַרצען פראַק, שטייף פערשפּילעט, ניט קיין הויכען שטעהענדיגען קאָלנער און אַן'אָנגעקראָכמאַלעטען שליפס.

פרוי אוֹאָרד, וואָס איז איינע אַליין געוועזען געזעסען אין קאָטש, האָט זיך אויסגעבויגען אויף פאָראויס, אַוועקגעלעגט איהר האַנד אויף די העלפאַנט־ביינענע הענדטעל פון טהיר; זי איז לאַנגזאַם אַרויס, צוגעהויבען די שלעפע און צוריק פערמאַכט די טהיר.

מען האָט זיך געקענט חדוש'ען, וואָס דער קוטשער איז ניט אַראָבגעשפּרונגען איהר צו העלפען אַרויסגעהן פון קאָטש; מען האָט ניט געדאַרפט האָבען קיין פחד, אַז די זאַטע, דיקע פערד וועלען ווערען אומרוהיג, ווען מען זאָל זיי פריי־לאָזען די לייטשעס.

מען האָט אָבער נאָר געדאַרפט אַריינקוקען אין פערזאָרגטען געזיכט פונ'ם קוטשער מיט די סאָלידע גראָהע באַקענבערד און עס איז באַלד געוואָרען קלאָר, אַז דער מאַן ווייס, וואָס ער טהוט און אַז ער מאַכט זיך ניט אַרויס פון זיינע פפליכטען.

פרוי אוֹאָרד איז דורכגעגאַנגען דעם קליינעם גאָרטען, וואָס איז פאַר'ן הויז און זיך געלאָזט געהן אויף דער טעראַסע. די טהיר פון אַנדערן

צימער איז געווען האַלב-אָפן, דאָרטען איז געזעסען די הויז-ווירטהין פאַר א גרויסען טיש, וואָס איז געווען פערוואָרפען מיט פערשידענע העלע שטאָפען און מאָדע-זשורנאַלען.

„אך! דו ביזט אַזוי צו דער צייט געקומען, טייערע עמיליע"! — האָט אויסגערופען פרוי עבעל, — „איך בין אין פערצווייפלונג איינפאַך צוליעב דער שניידערין! נייעס עפּיס קען זי נישט צוטראַכטען, און אָט זיץ איך ערשט און זוך אין זשורנאַל. מיין ליעבינקע! נעם אַרונטער דיין שאַל און העלף מיר; איך וויל זיך אויפנעהען א שפּאַציער-גאַנג-קלייד".

„איך האָב צו-ווינציג געשמאַק, דיר אויסצוהעלפען דאָרטען, וואו עס געהט אין שמוק-זאַכען", — האָט געענטפערט פרוי אוואָרד.

די גוטע פרוי עבעל האָט אויף איהר זיך או געקוקט; אין פרוי אוואָרדס טאָן איז געווען עטוואָס בעאומרוהיגענדעס, און פרוי עבעל האָט שטענדיג געפיהלט אַנ'אונענדליכע אַכטונג צו איהר רייכע חבר'טע.

„דו געדענקסט מסתמא, איך האָב דיר נישט לאַנג דערצעהלט, אַז מיין מאַן האָט מיר צוגעזאָגט — איך וויל זאָגען" — האָט זיך פרוי אוואָרד פערריכט — „ער האָט זיך געבעטען, איך זאָל זיך בעשטעלען א נייע ווינטערנע קלייד".

„ביי מאַדאַם לאַביש? — נו געוויס"! — האָט איהר איבערגעשלאָגען פרוי עבעל, — „און איצט געהסט דו עס צו איהר? — נעהם מיך מיט זיך! עס איז אַזוי אינטערעסאַנט"!

„איך פאָהר נישט צו מאַדאַם לאַביש" — האָט פרוי אוואָרד מיט ענטציקונג כמעט געענטפערט.

„גאָט מיינער! — פאַר וואָס דען נישט"? — האָט געפרעגט פרוי עבעל, און איהרע גוטע, גראָהע אויגען זענען קיילעכדיג געוואָרען פון פערוואונדערונג.

„יאָ — איך וועל דיר זאָגען" — האָט געענטפערט פרוי אוואָרד, — „איך האַלט נישט, אַז מיר זאָלען מעגען מיט א רוהיגען געוויסען פטר'ן אַזאַ סך געלד אויף אוננוצליכע שמוק-זאַכען, ווען מיר ווייסען, אַז אויף די הינטער-קוואַרטאַלען פון שטאָדט — פון דער אייגענער שטאָדט, אין וועלכע מיר לעבען, לעבען הונדערטער מענשען, וואָס ליידען נויט — אין ריכטיגען זין פון וואָרט, — נויט!"

„יאָ, — נאַר" — האָט געענטפערט פרוי עבעל און געוואָרפען אַנ' אומזיכער'ן בליק אויף איהר טיש, — אַזוי פיהרט זיך שוין די וועלט; מיר ווייסען, אַז די אומגלייכהייט צווישען אָרעמע און רייכע"... —

„מיר דארפען אויסמיידען, די אומגליקליכהייט זאל זיך פערגרעסערן; פערקעהרט מיר דארפען טהון אלץ, וואס מיר קענען, צו פערגלעטען", — האט איבערגעשלאגען פרוי אוארד. און פרוי עבעל'ן האט אויסגעדוכט, אז איהר חבר'טע האט געווארפען א פעראכטענדען בליק אויפ'ן טיש, אויף די שטאפען און אויף די זשורנאלען.

„דאס איז דאך אלפאנע, גאר א ביליגע שטאף" — האט פרוי עבעל פערשעמט אנגעמערקט.

„גאט בעהיט — קאראלינע!" האט אויסגערופען פרוי אוארד — „נישט דענק, אז איך ווארף דיר עפיס אויף. דאס ווענדט זיך אן דעם, ווי יעדער פאר זיך קוקט אויף דעם; יעדער בעגעהט זיך, ווי איהם גע- פעלט, ער אליין איז פעראנטווארטליך פאר זיין געוויסען".

דער שמועס האט זיך פערצויגען אויף נאך א ווייל; פרוי אוארד האט דערצעהלט, אז זי קלויבט זיך איצט צו פאהרען אינ'ם ארעמסטען קווארטאל, מיט די אייגענע אויגען צו זעהן, ווי עס לעבען די ארעמע קלאסען.

נעכטען האט זי דורכגעקוקט דעם יאהר-בעריכט פון א וואהלטהעטיג געזעלשאפט, אין וועלכע איהר מאן איז א מיטגליעד. זי האט מיט א כוון זיך נישט געווענדעט נאך ערקלערונגען אין דער פאליציי אדער אין וואהלטהעטיגע געזעלשאפטען; איהר אבזיכט איז געוועזן זעלבסטשטענדיג, פערזענליך בעזוכען די ארמוטה, זיך בעקענען מיט איהר און דערנאך העלפען.

די פרויען האבען זיך צוזעגענט עטוואס קעלטער, ווי געוועהנליך. זיי זענען ביידע געוועזן ערנסט געשטימט.

פרוי עבעל איז פערבליבען אויף דער טעראסע; זי האט קיין חשק נישט געהאט זיך צוריק צו נעמען פאר דעם קלייד, — חאטש די שטאפען זענען אין אמת'ן געוועזן זעהר שעהנע. זי האט זיך צוגעהארכט צום ווייכען גערויש מיט וועלכען די קאטש האט זיך אוועקגעלאזען איבער'ן גלאטען וועג צווישען די ווילעס.

„וואס פאר א גוט הארץ עמיליע פערמאגט" — האט זי אבגעזיפצט.

קיין זאך איז נישט געוועזן אזוי פרעמד דער גוטער פרוי עבעל, ווי קנאה, און דאך — מיט אזא מין געפיהל האט זי היינט נאכגעקוקט די פערשווינדענדע לייכטע קאטש. נאר צי איז דער קנאה-געגענשטאנד נ'זיין דאס גוטע הארץ פון איהר חבר'טע צי יענע שעהנע קאטש — דאס איז שווער געוועזן צו דערגעהן.

דעם קוטשער איז אָפּגעגעבען געוואָרען אַ בעפעהל, וועלכען ער האָט אויסגעהאָרכט. נישט בעוועגענדיג מיט קיין מוסקעל אויפ'ן געזיכט, נישט קלויבענדיג זיך צו ענטפערן עפּיס ענטקעגען, איז ער געפאָהרען אַלץ ווייטער און ווייטער איבער די משונה'דיגע גאַסען פונ'ם אָרעמען קוואַרטאַל, מיט אַזאַ פוריע, ווי ער וואָלט האָבען געפאָהרען אויף אַ באַל צו אַ פּאַלאַץ.

אַם ענדע האָט ער געקראָגען אַ בעפעהל זיך אָבצושטעלען, און עס איז אויך צייט געוועזען. די גאַס איז געוואָרען אַלץ שמעלער און שמעלער, און עס האָט זיך אויסגעדוכט, אַז די דיקע פערד און די ברייטע קאָטש קענען זיך אין גאַנץ אַנ'אויגענבליק פערקוועטשען אין גאַס, ווי אַ קאָרק אין אַ העלזעל פון אַ פלעשעל.

דער בראַווער קוטשער האָט נישט אַרויסגעוויזען קיין סימן פון פחד, כאָטש די לאַגע איז אין אמת'ן געוועזען אַ פערצווייפעלטע. עפּיס אַ לין, וואָס האָט אַרויסגעקוקט דורך אַ בוידעם-פענסטערל, האָט געראָטען דעם קוטשער, ער זאָל די פערד צושניידען אָט דאָ אויף'ן אָרט, ווייל זיי וועלען זיך סיי ווי נישט דורכשטופען פון דאַנען קיין לעבעדיגע.

פרוי אואָרד איז אַרויס פון קאָטש און זיך פערקעהרט אין נאָך אַ שמעלערע געסל; זי האָט געוואָלט געפינען דעם ערגסטען אָרט.

ערגיץ פאַר אַ טהיר איז געשטאַנען אַ קליין מיידעלע; פרוי אואָרד האָט געפרעגט: „אַ סך אָרעמע לייט וואָהנען אינ'ם הויז?"

דאָס מיידעלע האָט זיך צולאַכט, געענטפערט עפּיס, זיך פערביי־געשאַרט און זיך פערבעהאַלטען הינטער דער שמאָלער טהיר. פרוי אואָרד האָט נישט פערשטאַנען, וואָס יענע האָט געזאָגט; נאָר איהר האָט זיך געדוכט, אַז דאָס מיידעלע האָט עפּיס אַ מאוס וואָרט געזאָגט.

פרוי אואָרד איז אַריין אין דער ערשטער דירה, וואָס זי האָט געטראָפען.

ביי פרוי אואָרד איז נישט געוועזען קיין נייעס, אַז אָרעמע־לייט לופטער'ן נישט אויס, ווי געהעריג זייערע קאַמער'ן. נאָר פון דעסטוועגען האָט אויף איהר די אַטמאָספערע געווירקט און זי איז געוועזען זעהר צופריעדען, אַז זי האָט זיך געקענט ערגיץ צוזעצען.

פרוי אואָרד האָט גוט בעמערקט, ווי די אָרעמע ווירטהין האָט אויף גיך אַראָבגעוואָרפען די בגדים פון בענקעל אויף דער פאָדלאָגע און געבעטען די רייכע מאַדאַם זיצען.

פרוי אואָרד האָט באַלד בעשטימט, אַז די אָרעמע פרוי האָט געוויס

געקוואוסט פון בעסערע ציטען, חאטש איהרע בעוועגונגען זענען געווען גיבער פלינק ווי העפליך, און איהר שמייכעל איז געווען ווייט נישט געמוטהיג.

די לאנגע שלעפע פון פרוי אוארד'ס פערעלנע־גראהע וויזיטען־קלייד איז געלעגען אויף דער שווארצער פאדלאגע, און ווען זי האט זיך איינגעבויגען און צוגעשארט די שלעפע נעהנטער צו זיך, האט זי א טראכט געטהון פון היינעם אנ'אויסדריק:

„זי האט אויסגעוויזען, ווי א קאנפעטי וואס איז אראבגעפאלען אין שמוץ".

דער שמועס האט זיך אנגעפאנגען און זיך געפיהרט, ווי עס פיה־רען זיך געוועהנליך אזוינע ארטען שמועסען. אויב יעדע פון די ביידע פרויען וואלט גערעדט אויף איהר שפראך און פערבליבען אין קרייז פון איהרע געדאנקען, וואלט נישט איינע פון זיי אפילו קיין איין ווארט פער־שטאנען פון דער אנדערער.

נאר אזוי ווי דער ארעמער קען דעם רייכען אלע מאל בעסער, איי־דער דער רייכער דעם ארעמען, האט אט דער לעצטער זיך אויסגעארבייט אזא שפראך — א בעזונדערן טאן, מיט וועלכען די פראקטיק האט איהם אויסגעלערנט זיך צו בענוצען, ווען ער וויל, אז מען זאל איהם פער־שטעהן; אז מען זאל איהם, געוועהנליך, פערשטעהן אזוי, אז ביי'ם רייכען זאל זיך דערוועקען א חשק איהם צו קומען צו הילף. נעהנטער איינער צום צווייטען קענען זיי קיין מאל נישט צונויפקומען.

די ארעמע פרוי האט פאלקאם בעהערשט אזא שפראך, און פרוי אוארד איז באלד געוואהר געווארען פון איהרע שרעקליכע נויטען. זי האט געהאט צוויי קינדער — אנ'אינגעל פון א יאהר פיער־פינף, וואס איז גע־לעגען אויף דער פאדלאגע, און א קינד ביי דער ברוסט.

פרוי אוארד האט געקוקט אויף דעם קליינטשינקען נפש'על און בשום אופן נישט געקענט טראכטען גלייכגילטיג, אז דאס איז אלט דרייצעהן חדשים. ביי איהר אין דער היים איז אין א וויגעלע געלעגען אנ'־אינגעלע פון זיבען חדשים, וואס איז געוועזען צום ווינציגסטען אנדער־האלבען מאל אזוי די גרוים.

„איהר בעדארפט געבען דעם קינד עפיס צום שטארקען" — האט זי געזאגט. זי האט געטראכט פון קינדערשע מעהל און פון אפעלסינען־זאפט.

ביי די ווערטער „עפיס צום שטארקען" האט זיך פון שטרוי־זאק אויפגעהויבען א צושויבערטער קאפ; דאס איז געווען א בלייכער מאנסביל,

מיט איינגעפאַלענע אויגען און מיט אַ גרויסע וואָלענע טיכעל אַרום קאָפּ.

פרוי אוואָרד האָט זיך דערשראָקען.

„אייער מאַן?" — האָט זי געפרעגט.

די אָרעמע פרוי האָט געענטפערט: יאָ, דאָס איז איהר מאַן. ער איז היינט נישט געגאַנגען צו דער אַרבייט, ווייל די צייהנער טהוען איהם וועה.

פרוי אוואָרד האָט אַליין אָפט געליטען פון צייהן-וועהטאָג און געוואוסט, ווי דאָס איז נישט אַנגענעהם. זי האָט אויסגעדריקט אין עטליכע ווערטער איהר איניגסטע מיטגעפיהל.

דער מאַנסביל האָט עפּיס אונטערגעמורמעלט און זיך ווידער געלעגט; דערווייל האָט פרוי אוואָרד ענטדעקט אַ בעשעפעניש, וועלכע זי האָט פריהער גאָרנישט בעמערקט.

דאָס איז געוועזען נאָך גאָר אַ יונג מיידעלע, וואָס איז געזעסען אין ווינקעל ביים אויווען. זי האָט זיך איינגעקוקט אין דער רייכער מאַדאַם; נאָר זי האָט זיך גלייך אָבגעקעהרט און זיך איינגעבויגען מיט דעם רוקען צו דער אומבעקאַנטער פרוי.

פרוי אוואָרד האָט געטראַכט, אַז אויף די קניע ביי דער יונגער מיידעל ליגט עפּיס אַן'אַלטער בגד, וואָס זי פעררייכט, מסתמא שטאַרק צופלינדערט, אַז זי בעהאַלט זיך אַזוי.

„נאָר פאַר וואָס ליעגט דאָס דערוואַקסען יונגעלע אויף דער פּאָדלאָגע?" האָט געפרעגט די וואָהלטהעטיגע פרוי.

„ער איז אַ הינקעדיגער" — האָט געענטפערט די מוטער. און עס האָט זיך אָנגעפאַנגען אַ לאַנגע בעשרייבונג, דורכגעוואָרפען מיט זיפצערייַ און קרעכצען, ווי דאָס יונגעל איז געבליבען הינקעדיג נאָך די סקאַרלאַטין, און פיעל ער שטעהט זיך אויס...

„איהר דאַרפט איהם קויפען"... — האָט אָנגעפאַנגען פרוי אוואָרד.

„אַ פאָטעל אויף רעדלעך", — האָט זי געוואָלט זאָגען. נאָר זי האָט זיך בערעכענט, אַז עס וואָלט זיין גלייכער, זי זאָל אַליין דעם פאָטעל קויפען. ס'איז נישט גלייך אָרעמע לייט אַזוי פיעל געלד געבען אויפ'ן האַנד; נאָר פון דעסטוועגען וועט זי עטוואָס דער אָרעמער פרוי געבען באַלד. זי וויל, נישט אַנדערש, בעהילפיג זיין מיט עפּיס. דאָ הערשט אין דער אמת'ען אַ שרעקליכע נויט; און זי האָט אַריינגעשטעקט די האַנד אין קעשענע נאָך דאָס ביטעלע.

זי האָט דאָס בייטעלע נישט געפונען. אַ שאָד! — עס איז געווים פערבליבען אין קאָטש.

קוים וואָס זי האָט אָנגעפאַנגען צו ערקלערען דער אָרעמער ווירטהין איהר פערדרוס, וואָס זי האָט פערגעסען דאָס בייטעלע און איהר צוגעזאָגט, באַלד צושיקען עטוואָס געלד, ווי די טהיר האָט זיך געעפענט און עס איז אַריין אַ שעהן געקליידעטער הערר. זיין געזיכט איז געווען אַ פולע, נאָר זיך אויסגעצייכענט מיט אַ מין טרוקענע בלייכקייט, אַזוי ווי ער וואָלט זיך שפּייזען נאָר מיט מעהל־שפּייז.

„פרוי אוואָרד! — איך האָב אייך דוכט זיך, דערקענט" — האָט געזאָגט דער אומבעקאַנטער הערר, — „איך האָב געזעהן אייער קאָטש אויפ'ן גאַס, און אָט האָב איך אייך געבראַכט — דאָס; ס'איז מסתמא אייער בייטעלע!"

פרוי אוואָרד האָט זיך איינגעקוקט; יאָ — עס איז פונקט איהר בייטעלע; אויף די העלפאַנד־ביינענע פּאָלירטע פלאַטקע זענען געווען אויסגעקריצט שוואַרצע ליטערן: „E. U.".

„איך האָב דאָס צופעליג דערזעהן, ווען איך האָב זיך פערקעהרט אין דעם קוואַרטאַל. דאָס בייטעלע האָט געהאַלטען אַ מיידעלע, — דאָס פערדאָרבענסטע מיידעלע פונ'ם גאַנצען קוואַרטאַל" — האָט אָנגעמערקט דער הערר. „איך בין פון אַ וואָהלטהעטיגע געזעלשאַפט אויפזעהער אויף דעם קוואַרטאַל" — האָט ער דערצעהלט.

פרוי אוואָרד האָט בעדאַנקט, האָטש דער הערר איז איהר נישט גאָר געפעלען. נאָר אַז זי האָט זיך אַרומגעקוקט, האָט זי זיך שטאַרק דערשראָקען! אַלע פון שטוב זענען פערביטענע געוואָרען.

דער מאַן איז געזעסען אַנ'אויסגעגלייכטער אויפ'ן בעט און געקוקט פון אונטער'ן שטערן אויפ'ן אַריינגעקומענעם הערר'ן. אויפ'ן פנים פון דער אָרעמער פרוי האָט זיך בעוויזען אַ גיפטיג שמייכעל, און אַפילו דאָס קליינע הינקעדיגע יונגעל איז צוגעקראָכען צו דער טהיר, און, זיך אָנשפּאַרענדיג אויף זיינע דאַרע הענדטלעך, געקוקט אין דער הויך, ווי אַ קליין חיה'לע.

אין אַלעמענס אויגען האָט געפונקעלט איינע און די זעלבע שנאה, איינע און די זעלבע אויפפאָדערנדע עקשנות, און פרוי אוואָרד'ן האָט אויסגעדוכט, אַז פּלוצלונג האָט זיך אויסגעוויקעלט די ווייטע שטרעקע צווישען איהר מיט דער אָרעמער פרוי, מיט וועלכע זי האָט אָקאָרשט גערעדט אַזוי האַרציליך און מיט צוטרוי.

„ווי זעלטזאם דו ווייזט היינט אויס, מארטין“! האט געזאגט דער הערר שוין מיט גאר אנ'אנדער קול, — „מען קען איינפאלען, אז דו ביזט אין פאריגע נאכט ווידער ערגיץ וואו געוועזען. יא, יא! — נאך מיטאג וועט מען קומען נאך דיר און מען וועט דיך פערזעצען אויף א צווי חדשים אין ארבייטס־הויז“...

מאן און ווייב האבען זיך פלוצלונג אנגעפאנגען צו זידלען, איבער־האקענדיג איינער דעם צווייטען. דאס מיידעלע איז ארוים פון הינטער'ן אויווען און זיי אונטערגעהאלפען, דער הינקעדיגער האט געשריגען און זיך געשארט איבער דער פאדלאגע, — קיין ווערטער האט מען נישט געקענט פאנאנדערשיידען, נאר די קולות, די אויגען, די הענד האבען גערעדט אהן ווערטער — עס האט זיך געדוכט, אז די קליינע פערשטיקטע קאמער איז גרייט ארויפצופליהען אין דער לופטען פון דער אויפפלאצענדער רציחה.

פרוי אוארד איז בלייך געווארען און זיך אויפגעהויבען; דער הערר האט געעפענט די טהיר, און זיי האבען ביידע זיך געאיילט ארויסצוגעהן. אין הויז האבען זיי דערהערט הינטער זיך א הויכען ווייבערשען געלעכטער. עס האט געלאכט, מן הסתם, די הויז־ווירטהין, — די זעלביגע פרוי, וואס האט אקארשט מיט אזוי פיעל רחמנות און ליבע גערעדט וועגען די אומגליקליכע קינדער.

פרוי אוארד'ן איז דער הערר נישט געווען אנגענעהם, פאר וואס ער האט אזא איבערקעהרעניש אין שטוב געמאכט, און ווען זיי זענען געגאנגען איבער'ן גאס, האט זי איהם געהארכט מיט א קאלטען, פערראכטענדען געזיכטס־אויסדרוק.

נאר ביסלעכווייז האט זיך דער אויסדרוק פון איהר געזיכט געביטען; דאס וואס ער האט דערצעהלט איז טאקי געווען אינטערעסאנט.

ער האט איהר פון אנפאנג ערקלעהרט, ווי ער האט זיך דער־פרעהט, אז ער האט געזעהן, אז אזא דאמע, ווי פרוי אוארד בעציהט זיך מיט מיטגעפיהל צו די אומגליקליכע און נויט־בעדערפטיגע; חאטש, אין דער אמת'ן, איז א שאד, וואס די הילף, וואס מען גיט מיט א גוטע אבזיכט, פאלט אזוי אפט אריין אין אומווירדיגע הענד, נאר פון דעסט־וועגען איז הערליך און הויכמוטהיג פון אזעלכע דאמען, ווי פרוי אוארד...

„נאר“ — האט זי איהם איבערגעריסען — „צי דען נויטיגען זיך נישט די דאזיגע מענשען אין הילף? — אויף מיר האט געמאכט אנ'איינ־דרוק, אז יענע פרוי האט געהאט ווען בעסערע צייטען, און אז איהר —

ווען מען וואלט איהר אין דער צייט בעהילפיג געווען — וואלט מען זי צוריק געקענט אויף די פיס שטעלען".

„לײדער מוז איך אייך ערצעהלען, גנעדיגע פרוי, אז זי איז געווען א בעוואוסטע אויסגעלאסענע גאסען-פרוי" — האט געזאגט דער העדר מיט אנ'אומעטיג קול.

פרוי אוארד איז צוריקגעשפרונגען פון שרעק.

און מיט אזא פרוי האט זי גערעדט — און גערעדט וועגען קינדער! זי האט אפילו זיך געהאט דערמאהנט דערביי אן איהר קינד, וואס איז דאן געלעגען אין זיין וויבערע וויעגעלע. און א פערלאנג האט זיך ביי איהר ערוועקט גיכער קומען א היים און זיך איבערצייגען, צי דאס קינד איז אזוי געזונד און צארט, ווי פריהער.

„און דאס יונגינקע מיידעלע"? — האט זי שרעקעדיג געפרעגט.

„יא, איהר האט דאך געווים בעמערקט איהר... הם! — איהר צושטאנד".

„ניין — וואס ווילט איהר זאגען"?

דער העדר האט איהר אריינגעסודעט אין אויער עטליכע ווערטער.

פרוי אוארד האט אויפגעציטערט: „מיט דעם מאנסביל? — מיט'ן וויררטה פון הויז"?

„יא, פרוי אוארד! מיר טהוט זעהר לייד, וואס מיר איז אויסגעקומען אייך דערפון צו ד'ערצעהלען; נאר שטעלט זיך פאר, וואס דאס זענען פאר א מענשען — און ער האט איהר עפים וויעדער אריינגעסודעט.

דאס איז שוין געווען איבער דער מאס פאר איהר. עס האט זיך איהר שיער דער קאפ פערשווינדעלט. און זי האט גענומען דעם העדר'ן אונטער'ן ארעם. איצט האבען זיי זיך מיט גיכע טריט געלאזט געהן צו די קאטש, וואס איז געשטאנען עטוואס וויטער, וואו זי האט איהר געלאזען.

די אורזאכע דערפון איז די, וואס דער קוטשער האט געמאכט אזא קונץ, אז אפילו דער ליץ פון בוידעם-פענסטער'ל האט איהם פערלויבט און זיך דערביי געקיצעלט אויסגעזידעלט. אבזיצענדיג א לאנגע צייט אויף דער קעלנע אומבעוועגליך, ווי א ליבט, האט ער אין דער אייגענער צייט די פערד טריט פאר טריט אבגעצויגען אויף צוריק אזוי וויט, ביז ער איז דערפאהרען צו א ברייטער'ן ארט.

וויסע-חברה'ניקעס האבען זיך ארומגעשמעלט ארום דער קאטש, און געמהון אלץ, וואס זיי האבען נאר געקענט ארויסצובריינגען די זאטע

פערד פון געדולד. די פערד זענען אָבער אין כאַראַקטער געווען עהנליך צום געדולדיגען קוטשער.

דער קוטשער האָט דערווייל אויסגעמאָסטען מיט זיין בליק די ברייט פון דער גאַס און ער האָט צוגעצויגען די לייטשעס אַזוי, אַז די פערד זאָלען זיך גאַנץ לאַנגזאַם אומדרעהען. איין אויגענבליק האָט געדוכט, אַז די קאָטש וועט זיך צושמעטער'ן אויף שטיקלעך נאָר עס האָט קיין ווערשאָק פון ביידע זייטען גאַס נישט געפעהלט און נישט אויסען געבליבען.

איצט איז ער ווידער געזעסען גראָד, ווי אַ ליבט, און נאָך אַמאָל אויסגעמאָסטען מיט די אויגען די ברייט פון דער גאַס. ער האָט אַפילו זיך איינגעצייכענט דעם נומער פון פּאָליציסט, וועלכער איז בייגעווען זיין קונץ, כדי ער זאָל האָבען אַנ'עדות, אויף וועלכען ער קען אָנווייזען, אים פאַל, ווען מען וועט אין שטאַל נישט גלויבען זיין געשיכטע.

פרוי אוּאָרד האָט ערלויבט דעם הערר'ן, ער זאָל איהר העלפען זיך אַריינזעצען אין קאָטש. זי האָט איהם געבעטען, ער זאָל זי מאָרגען בעזוכען און איהם געגעבען איהר אַדרעס.

„צו עבעל'ן דעם אַדוואָקאַט״! — האָט זי גערופען צום קוטשער; דער הערר האָט מיט אַ מעהליגען שמייכעל אַראָבגענומען דעם הוט און די קאָטש איז אָבגעפאָהרען.

וואָס ווייטער פונ'ם אָרעמען קוואַרטאַל אַלץ שטילער און שנעלער האָט זיך די קאָטש געטראָגען. און ווען זיי זענען אַרויסגעפאָהרען אויף די ברייטע, מיט בוימער פערפלאַנצטע גאַס, וואָס איז געגאַנגען איבער'ן קוואַרטאַל פון די ווילּיעס, האָבען די דיקע פערד מיט פערגניגען אַריינגעצויגען אין זיך די ריינע, ווייכע לופט פון די גערטנער, און דער בראַווער קוטשער האָט אָהן נוטצען דריי קנאַלען געטהון מיט'ן בייטש, ווי עס געהער צו זיין.

פרוי אוּאָרד האָט דערפיהלט, ווי אַנגענעהם עס איז איהר איצט די פרישע, ריינע לופט. דאָס, וואָס זי האָט איבערגעלעבט, און נאָך מעהר דאָס, וואָס זי האָט זיך אָנגעהערט פונ'ם הערר'ן, האָט איהר דול געמאַכט. זי האָט אָנגעפאַנגען טראַכטען פון דער שטרעקע, וואָס טיילט איהר אָב פון אַט די מענשען...

איהר פלעגט אַלע מאָל דוכטען, אַז די ווערטער: „אַ סך גערופענע, גאָר ווייניג אויסגעוועהלטע״ זענען אומגערעכטע, שלעכטע ווערטער.

איצט האָט זי פערשטאַנען, אַז אַזוי בעדאַרף זיין.

ווי וואָלטען געקענט אַזוינע געפאַלענע מענשען זיך אויפהויבען צו אַזאַ מאָראַלישע הויך, וועלכע זאָל חאָטש עטוואָס בעפריעדיגען די שטרענגע פפליכטען? אין וואָס פאַר אַ צושטאַנד איז דאָס געוויסען ביי די דאָזיגע אומגליקליכע! — און ווי וואָלטען זיי קענען ביישטעהן אַזוי פיעל נסיונות!

זי האָט אַליין געוואוסט, וואָס אַ נסיון איז! — צי דען איז איהר נישט אויסגעקומען צו קעמפפען מיט'ן געפעהרליכסטען פון אַלע נסיונות! — מיט רייכקייט, וועגען וועלכע עס איז אָנגעשריבען אַזוי פיעל שלעכטס.

זי האָט אויפגעצאַפּעלט פון געדאַנקען נאָר אַליין, וואָס עס וואָלט געווען, ווען אָט דער חיה־מאַנסביל און די אומגליקליכע פרויען זאָלען פלוצלונג בעקומען אַ רייכטום אין זייערע הענד.

רייכקייט איז אין אֶמת'ן נישט קיין קליינער נסיון. איינגעבעטען, צום ביישפיעל, האָט דער מאַן געוואָלט צושטעלען אַ הערליכען קליינטשיקען לאָקיי צום קעלנע נאָר זי איז ביינעשטאַנען און געענטפערט:

„ניין, אוואָרד! — דאָס איז אַנ'אומרעכט; איך וויל נישט האָבען קיין לאָקיי אויף'ן קעלנע. עס קען זיין, אַז מיר זענען גענוג רייך אויף דעם, נאָר מען דאַרף בעקעמפפען די לוסט צו פערשווענדעריי. איך קען אַליין אַרויסגעהן פון קאָטש, און דער קוטשער דאַרף נישט פון דער קעלנע אַראָבקלעטערן צוליעב מיר.

איצט איז איהר אָנגענעהם צו טראַכטען פון דעם; און איהרע אויגען האָבען זיך מיט פערגניגען אָבגעשטעלט אויף'ן לעדיגען אָרט פון נעבען דעם קוטשער.

פרוי עבעל, וואָס האָט צונויפגענומען די זשורנאַלען און די שטאָפען פון טיש, האָט זיך פערוואונדערט, דערזעהענדיג איבער אַ נייס איהר חברטע, און אַזוי גיך.

„עמיליע! ביסט שוין צוריק! איך האָב נאָר וואָס געזאָגט דער שניידערין, זי זאָל אַוועקגעהן. דאָס, וואָס דו האָסט מיר פריהער ערקלערט האָט אין גאַנצען אָבגענומען פון מיר דעם חשק זיך צו געהען נייע קליידער, איך קען אויך אָהן זיי זיך בעגעהן", — האָט געזאָגט די גוטע פרוי עבעל; נאָר איהרע ליפען האָבען געציטערט, ווען זי האָט גערעדט.

„יעדער דאַרף טהון, ווי זיין געוויסען בעפעהלט איהם", — האָט שטיל געזאָגט פרוי אוואָרד, — „מיר דוכט זיך, אַז מענשען זענען צייטענווייז צו וואַך.

פרוי עבעל האָט אויף איהר אַ קוק געטהון — דאָס האָט זי נישט ערוואַרט.

„האָרך, וואָס מיט מיר האָט געטראָפן”, האָט געזאָגט פרוי אָואַרד און אָנגעפאַנגען צו דערצעהלען.

זי האָט בעשריבען איהר ערשטען איינדרוק, די פערשטיקטע קאַמער און די געזונקענע מענשען; דערנאָך האָט זי דערמאָהנט וועגען דער גנבה, מיט דער ביטעלע.

„יאָ, מיין מאַן זאָגט שטענדיג, אַז די דאָזיגע מענשען קען מען קיין מאָל נישט אָבגעוועהנען פון גנב'נען — האָט געזאָגט פרוי עבעל.

„איך האָב מורא, אַז דיין מאַן האָט מעהר רעכט, ווי דאָס דוכט אונז” — האָט געענטפערט פרוי אָואַרד.

דערנאָך האָט זי איהר דערצעהלט וועגען דעם הערן, וואָס זאָרגט זיך אַזוי פיעל פאַר די אומגליקליכע, און ווי נישט דאַנקבאַר זיי זענען.

נאָר ווען זי האָט אָנגעפאַנגען איבערצוגעבען דאָס, וואָס זי האָט געהערט וועגען דער פערגאַנגענהייט פון דער אָרעמער פרוי, און, נאָך מעהר, ווען זי האָט דערצעהלט וועגען דער יונגינקער מיידעלע, האָט די גוטע פרוי עבעל זיך דערפיהלט אַזוי שלעכט, אַז זי האָט געדאַרפט בעטען דאָס שטוב־מיידעל אַריינברענגען פאָרט־ווייַן.

ווען דער גראַפין איז שוין געוועזען דערלאַנגט האָט זיך פרוי עבעל אין דער שטיל אָבגערופען צו דער שטוב־מיידעל: „הייסט דער שניידערין אויפוואַרטען”.

„און שטעל זיך פאָר” — האָט פרוי אָואַרד ווייטער דערצעהלט, — „דאָס איז כמעט אונמעגליך צו דערצעהלען” — און זי האָט איהר אַריינגעסוד'עט אין אויער.

„וואָס רעדסט דו? — אין איין בעט? — אַלע אינאיינעם! — נאָר דאָס איז דאָך אונערטרעכטיג!” — האָט אויסגעשריען פרוי עבעל און אַ פּאַטש געטהון מיט די הענד.

„יאָ, מיט איין שעה צוריק וואָלט איך אויך נישט געגלויבט אַזוינע זאַכען” — האָט געענטפערט פרוי אָואַרד, — „נאָר זענענדיג אויף אָנ'אָרט און אַליין זיך איבערצייגענדיג אין אַלץ”...

„גאָט! — און דו האָסט זיך געוואַגט, עמיליע!”

„איך בין צופריעדען, וואָס איך האָב דאָס געטהון; און נאָך מעהר דאַרף איך זיין דאַנקבאַר יענעם גליקליכען צופאַל, וואָס דער ערעלער הערר איז צו דער צייט געקומען. ווייל ווי האָכמוטהיג עס זאָל נישט זיין צו העלפען די טוגענדהאַפטע אַרמוטה, וועלכע נישט קוקענדיג אויף די נויט וואָס זי ליידט, לעבט זי דאָך ריין און בעשיידען — אויף אַזויפיעל

אונטערטעבטיג איז. ווען איך וואָלט מיטגעהאָלפען צו בעפריעדיגען די פערדאָרבענע געוויסען פון די דאָזיגע מענשען".

„יאָ, דו ביסט גערעכט, עמיליע! — איך קען נאָר נישט פערשטעהן, ווי אַזוי מען קען אין אונזער קריסטליכער געזעלשאַפט פערבלייבען אַזוי פערדאָרבען. יעדען טאָג — און, ביי יעדען צופאַל, יעדען זונטאָג האָבען זיי דאָך די געלעגענהייט צו הערען שטאַרקע, ריהרענדע גאָטספאָרכטיגע רעדעס, און דעם תנ"ך, ווי איך האָב געהערט, קען מען קריגען פאַר אַ נישט געהערטען ביליגען פרייז".

„יאָ, און מען דאַרף נאָך בעטראַכטען" — האָט דערלעגט פרוי אָוּ־אָרד, — „אַז אַפילו די געטצענדינער זענען אַזוינע זאַכען נישט מוחל; דען ביי זיי איז אויך פאַרהאַן געוויסען".

„און דער געוויסענס־קול קלינגט גענוג שטאַרק פאַר יעדער'ן, וואָס וויל איהם האָרכען", — האָט אויסגערופען פרוי עבעל מיט קראַפט.

„יאָ, גאָט זעהט, אַז עס איז אַזוי" — האָט געענטפערט פרוי אוּאָרד און אַ פערקלערהטע זיך פערקוקט מיט אַנ'ערנסט שמייכעל.

ווען די חבר'טעס האָבען זיך צווענט, האָבען זיי זיך הערצליך אַרומגענומען.

פרוי אוּאָרד האָט אַוועקגעלעגט איהר האַנד אויף דאָס העלפאַנד־ביינענע הענדטעל פון טהיר, אַריין אין קאַטש און אויפגעהויבען איהר לאַנגע שלעפע. דערנאָך האָט זי פערמאַכט די טהיר — נישט האַסטיג, נאָר לאַנגזאַם, פאָרזיכטיג.

„צו מאַדאַם לאַביש!" האָט זי גערופען צום קוטשער; און, זיך אויסקעהרענדיג אין דער איינענער צייט צו דער חבר'טע, וואָס האָט זי בעגלייט ביז'ן פאָרטקע פון גאָרטען, האָט זי געזאָגט מיט אַ שטילען שמייכעל: „איצט קאָן איך, אַ דאַנק גאָט, מיט אַ רוהיגען געוויסען זיך בע־שטעלען אַ זיידענע קלייד".

„יאָ, גאָט איז אַנ'עדות, אַז דו מעגסט!" — האָט געענטפערט פרוי עבעל און איהר נאָכגעקוקט מיט טרעהרען אויף די אויגען, — דערנאָך האָט זי זיך איילענדיג אומגעקעהרט אין שטוב.

לאָזאר כהן.

# ביערנסטערנע ביערנסאָהן.

(כאראַקטעריסטיק).

---

עָס איז געשטאָרבען דער נאָרוועגישער ריזע!

און נאָך נעמען האָט ער געהאַט: נאָרוועגישער לייב, קעניג, אָדלער א. ז. וו.

און מיט וועלכען העָרשער־נאָמען מענשען האָבען איהם נישט געקרוינט, האָבען זיי גאָרנישט איבערגעטריבען, אַפילו אַ האָר נישט מגזם געוועָן: ער איז ווירקליך געוועָן דער גרעסטער און גענימאַלסטער מענש ביי'ם נאָרוועגישען פאָלק.

דאָס נאָרוועגישע פאָלק האָט אין נייַנצעהנטען יאָהר־הונדערט דער מענשהייט געגעבען גרויסע מענשען געגעבען; אפשר נאָך גרעסערע פון ביערנסאָהן'ן. קיינער אָבער, אַפילו דער געניאַלער איבסען, האָט נישט בעהערשט, אַזוי ווי ער, די מוחות פון גאַנצען נאָרוועגישען פאָלק; ביערנסאָהן איז געוועָן פאַר'ן נאָרוועגישען פאָלק דער וועגווייַזער פון נייַע אידעאַלען, דער אָנזאָגער פון אַ נייַער מאָראַל, פון אַ נייַער רעליגיע און אַנ'אמת'ער נאַציאָנאַלער העלד.

ווען מען נעהמט רעדען וועגען ביערנסאָהן'ן מוז מען זיך קודם אָפּשטעלען אויף זיין פיעל־זייטיגער מעכטיגער פּערזענליכקייט.

זיין פּערזענליכקייט מוז ביי יעדען אַרויסרופען אַנ'אמת'ע בעוואונדערונג. און אויב איהר ווילט איז ער נישט געוועָן אַ פּערזענליכקייט, נאָר אַ גאַנצער אוצר פון פּערזענליכקייטען. אין זיין פּערזאָן האָבען זיך קאָנצענטרירט איניגע פּערזענליכקייטען, פון וועלכע יעדע בעזונדער איז געוועָן געַנוג מעכטיג און גרויס און אַלע אינאיינעם האָבען צוזאַמען אונז געגעבען דעם גרויסען ריזע, וועלכען די גאַנצע וועלט האָט בעוואונדערט און פערעהרט און די גאַנצע נאָרוועגישע פאָלק — פאַר זיין העָרשער געזאַלבט און פערגעטערט.

און וואס איז ער אלץ נישט געווען אין זיין לאנגען פרוכטבארען לעבען!

דא זעהען מיר איהם אלס מעכטיגען דיכטער, וועלכער דרינגט אריין אין די סאמע טיעפעניש׳ען פון דער פאלקס-נשמה און ענטפלעקט פאר אונז די פערבארגענסטע זייטען פון זיין לעבען אין דער קינסטלערישסטער פארם; דא זעהען מיר איהם אלס טעאטער-דירעקטאר, וועלכער זוכט אין יעדער זאך דעם עפעקט; דא — אלס פריסטער, וועלכער שטראפט פאר די זינד, פרעדיגט א נייע מאראל און דולדעט נישט קיין ווידערשפרוך, און דא — אלס פאלקס-טריבון, פאלקס-אגיטאטאר, וועלכער האלט פייערדיגע רעדעס, מונטערט, וועקט און רופט צו א נייעם לעבען.

אנ׳אונרוהיגע, רוישענדע און עביג זוכענדע נשמה האט ער געהאט. ערווארפט זיך פון איין געביעט צום אנדערן, צוברעכט אלטע געטער, כדי נייע זיך צו שאפען און פיהרט א ברויזענדעס לעבען, פול מיט אינטענסיווער, פרוכטבארע טהעטיגקייט.

נאר וואס ער זאל נישט טהון: שרייבט ער א דראמא, אדער א ראמאן, האלט ער א פאליטישע רעדע, שטעהט ער אן דער שפיץ פון א טעאטער, פערנעהמט ער זיך מיט וועלכער עס איז געזעלשאפטליכער טהעטיגקייט — שטענדיג האט ער איין כונה: נוצען צו ברענגען זיין פאלק, אויפצוהויבען אויף א העכערער קולטורעלער שטופע זיין פאטערלאנד.

אלע זיינע קינסטלערישע ווערק זענען דארום אויך דורכגעדרונגען מיט א געוויסער טענדענץ; ביי איהם איז די ליטעראטור און די קונסט נישט קיין ציעל פאר זיך, נאר א מיטעל נוצען צו ברענגען זיין פאלק.

פערזונקען אין א שטארקער אונוויסענהייט און אין אנ׳אונגעהויערן פאנאטיזם געפינט ער זיין פאלק, אנהויבענדיג זיין טהעטיגקייט. ער נעהמט ענערגיש קעמפפען געגען פינסטערן פאנאטיזם און האט ערפאלג.

זיינע בעוואוסטע ראמאנען: „אויף גאט׳ס וועג", „די שטאדט און דער פארט איז געווען מיט פלאגען אויסגעפוצט" און אנדערע האבען געווירקט פיעל שטארקער, ווי די גרעסטע הארמאטען די פעסטונג פון פאנאטיזם צו צושטערען.

דאס אייגענע איז אויך מיט די אנדערע ווערק; אלע האבען א געוויסע טענדענץ.

זיינע בעריהמטע דראמען: „די הענדשקע", „לעאנארדא" און אנ-

דערע ווערק זענען דורכגעדרונגען מיט דער טענדענץ, אַז אויך דער מאַנספּערשוין מוז זײַן רײן צו דער חתונה פּונקט אַזוי ווי די פרוי.

אין פיעל ווערק האָט ער געלעהרנט זײַן פאָלק צו זײַן אָפּטימיסטען און, למשל, אין זײַנע ווערק „קאַפּיטאַן מאַנסאַנאַ״, „אַרנע״ און אַנדערע פיהרט ער דורך די אידעע, אַז דער מענש האָט גענוג קראַפט אין זיך צו בעהערשען און צו בעצווינגען אַפילו זײַנע שלעכטע מדות און אַפילו פעהלערן, וועלכע מען בעקומט בירושה פון די עלטערן, קאָן מען אויך בעזײַטיגען, ווען מען האָט נאָר אַ פעסטען ווילען.

ביערנסאָהן׳ם ווערק זענען טענדענציעזע, דאָך וועלען פיעל פון זײ ארײַנגעהן אין אוצר פון דער וועלט־ליטעראַטור, דען אין די ווערק פון אַזאַ געניאַלען קינסטלער קאָן די טענדענץ נישט שאַדען דער קינסטלערישער פאָרם.

לעהרענדיג און אויפהויבענדיג זײַן פאָלק אין משך פון זײַן גאַנצען לעבען, האָט ער געטווט ווערען די פערקערפּערונג פון די נאָרוועגישע אידעאַלען און דער מענש, וועמענס שטים עס ווערט געהערט און ערפילט פון גאַנצען פאָלק.

זײַן ווירקונג אין נאָרוועגען גופא איז דערום געווען אונגעהויער גרויס. דאָס האָט אונז בעוויזען זײַן יובילעאום וועלכען מען האָט מיט איניגע יאָהר צוריק געפײַערט. אין גאַנץ נאָרוועגען, אין אַלע שטעדט און דערפער האָט מען אין טאָג פון זײַן יובילעאום פלאַגען אויסגעהאָנגען — אַזאַ כבוד האָט מען נאָך קײן אײן שריפטשטעלער אויף דער וועלט נישט אָנגעטהון.

און ווען ביערנסאָהן וואָלט געווען בלויז אַ שריפטשטעלער, וואָלט ער אפשר אויך אַזאַ כבוד נישט דערלעבט. ער איז אָבער פאַר׳ן נאָרוועגישען פאָלק געווען פיעל מעהר ווי אַ שריפטשטעלער: ער איז געווען זײַן נאַציאָנאַלער שטאָלץ, זײַן ריעז, זײַן הערשער און ווען איהר ווילט, — דאָס נאָרוועגישע פאָלק; אָהן ביערנסאָהן׳ן, קאָן מען זיך כלל נישט פאָרשטעלען דעם נאָרוועגישען פאָלק...

פאַר אַלע איבעריגע נאַציעס איז געשטאָרבען אַ געניאַלער קינסטלער; פאַר׳ן נאָרוועגישען — דער נאַציאָנאַלער העלד, דער פאַקטישער הערשער פון נאָרוועגישען פאָלק.

(פאָרטזעצונג פון אַכטצעהנטען העפט).

שראַנק פרײַ פאַר אַלעמען. — אַננאַ האָט זיך ווײַטער נישט אַרומגעקוקט. זי איז זעהר מוזיקאַליש געוועזען און האָט אַלץ געקאָנט נאָך דעם געהער שפּיעלען. זי האָט אָנגעהויבען לאַנגזאַם שפּיעלען, און פון איין שטיק צום אַנדערן איבערגעגאַנגען, אַלץ מיט מעהר אויפרעגונג אין גאַנצען צו דער מוזיק איבערגעגעבען. און נישט ווײסענדיג אַלײן ווי אַזוי — איז זי געקומען צו דער אָפּערע „באַיאַצי". — —

מיט דער מוזיק האָט זי אין האָטעל אין ציננאָוויטש דעם שפּאַציערענגעהער אין זאַל אַרײַנגעצויגען. קאָנטהאַגען בעצויבערט פון די וואונדער-שעהן קלינגענדיגע טענער איז אין זאַל אַרײַנגעקומען. מען האָט זיך דערקענט, בעגריסט. עס האָט זיך אָנגעהויבען די אַלטע שפּיעל, דער אָנהויב פונ'ם סוף! — — — זי האָט ווײַטער געשפּיעלט, דעם קאָפּ טיעף אַראָפּגעלאָזט אין אַ שוואַכע האַלטונג, נישט מערקענדיג אַלײן זעגען איהר אין שוים טרעהרען געראָנען. — אַננאַ האָט נישט בעמערקט, אַרײַנקומענדיג אין זאַל און צולויפענדיג צום קלאַוויר, אַז יוליע באַרמער איז געזעסען אין אַ ווינקעל מיט אַ בוך אין דער האַנד. די ביליגע פאָרטיערען וואָס האָבען זיך אין זאַל געפונען האָבען איהר פערשטעלט. — די באַרמער איז געבליעבען זיצען זיך נישט רידהרענדיג פון אָרט. ווען זי האָט די מוזיק שפּיעלענדע בעטראַכט, צוערשט מיט אַנטיפּאַטיע פולע בליקען, דערנאָך אַ ביסעלע ווײכער ווערענדיג האָט זיך איהר דאָס האַרץ צוזאַמענגעפּרעסט. אַננאַס האַלטונג, איהרע טרעהרען, די וועקסלענדיגע מינעס אויף איהר געזיכט און די שווערע ערנסטע קלאַנגען האָט איהר, קענען איהר ווילען, טיעף געריהרט, זי האָט זיך פאַרזיכטיג אויפגעהויבען און האָט געוואָלט פּרובען שטיל און אונבעמערקט צום טהיר צוקומען און זיך צוריקציהען. עס האָט אָבער אַ קנאַק געטהון באַלד ווי זי האָט זיך גאָר פון שטוהל אויפגעהויבען. זי האָט זיך דערשראָקען און די שפּיעלערין האָט זיך אַרומגעקוקט. איהרע פינגער האָבען זיך האַסטיג פון די קלאַווישען אויפגעהויבען נאָכלאָזענדיג אַ מאָדנעם נישט אַנגענעהמען קלאַנג, און זי האָט מיט אַ האַלב דערשראָקענער שטימע געזאָגט:

— פרײַלײַן באַרמער, איהר זײַט דאָ? פּאַרדאָן, איך האָב נישט געוואוסט, אַז איהר זײַט דאָ געוועזען, און רעדענדיג האָט זי זיך די נאָך פערעלדיגע טרעהרען פון איהרע אויגען אויסגעווישט. — —

— ביטע, דער זאַל איז פאַר אַלעמען און איהר האָט אויף איהם דאָס אײגענע רעכט וואָס איך! — —

— איך וואָלט אייך דאָך אָבער צוערשט געפרעגט אויב איהר זייט יעצט אויפגעלעגט צו הערען מוזיק, — האָט אננא זיך אָבגערופען. — נאָר איך האָב געמיינט, אַז איהר זייט אין דער קירכע! — —

— איך? דאָס איז גוט, וואָס האָב איך דאָרטען צו טהון? — האָט די באָרמער געלאַכט. — —

— ווייס איך, עס איז דאָך היינט וועהנאַכטען — — — — תפלה טהון! — —

— נו, טאָ פאַר וואָס זייט איהר נישט געגאַנגען אין דער קירכע? ווען דער יום־טוב האָט אייך אַזוי אַ חשק צום בעטען אַריינגעגעבען! — —

— ליעבעס פריילעין, ווער עס האָט אַזוי פיעל געבעטען און אַזוי פיעל אומזיסט צום הימעל געשריגען אַזוי ווי איך, דער קומט סוף כל סוף צו דער איבערצייגונג: אַז דער דאָ וואָס זיצט אויבען טהוט וואָס ער וויל! און דיין תפלה איז אַן׳אומזיסטיגע אויב נישט אין גאַנצען אַ נאַרישקייט! — —

— אַזוי, איך נעהם עס אויף אַלס אַ בעווייז פון שוואַכקייט! פאַר מיר איז אַלץ, וואָס קעהר זיך אָן מיט רעליגיאָן — — — אָבגעווירטשאַפט. העכסטענס טויג עס נאָך אום דעם פעבעל אַ ביסעל איינצוהאַמעווען, ווייטער — —

— אָה, ניין, — האָט אננא זיך אָבגערופען — זי איז מעהר ווי דאָס! עס איז געוויס אַן׳אָנשפּאַר און אַ שוץ פאַר דעם וואָס קאָן גלויבען! איך בין מקנא יעדערן; אָבער איך קאָן נישט מעהר, נאָך דעם וואָס איך האָב אַלץ געזעהן און דערלעבט! — —

די באָרמער האָט געצויגען מיט די אַקסלען און האָט אננא׳ן פינסטער אָנגעקוקט:

— הייסט עס, אַז איהר זייט אויף דעם ליעבען הערר גאָט ברוגז און איהר האָט איהם געקינדיגט? דאָס איז אייך געראָטען! אייגענטליך איז ער דאָך געוועזען; נון, איך מיין, — — — יעדער האָט זיך גופא זיין מזל אויסגעשמידט. ווען דאָס וואָלט זיך נישט איינגעגעבען, וואָלט דאָך נישט געווען קיין גרונד די אַזוי גענאַנטע רעליגיאָן אָן אַ זייט צו לעגען, נאָר איך מיין גראָד פערקעהרט! מען פליהט צוריק און מען קלאַמערט זיך אָן, ווען מען פיהלט זיך שולדיג און מען בעט מוחל זיין!

— זעהר ריכטיג — — — — — אפשר! איך האָב מיר מיין מזל זעלבסט אויסגעריכט. ווען איך וואָלט אָבער געוועזען אַ פאַטאַליסטין אָדער אַן׳עכטע קריסטין, דאַן מוז איך אין אַ געוויסען זין די שולד אויף גאָט אַרויפוואַרפען און זיך דערבײַ טרייסטען. ער האָט די פרטים אַזוי איינגע־

ריכטעט, ער האָט עס אַזוי געוואָלט, ער האָט מיך אפשר געוואָלט אויס־ פּרובירען און איז אַלזאָ מײַן מיטשולדיגער געוואָרען. אָבער ניין, נישט אַזוי מיין איך, די קויל האַלט זיך אין קויקלען, ווי עס קויקעלט זיך, וואו עס האַקט אָן, דאָס איז שוין דאָרטען אויבען קײן נפקא־מינה נישט! אין דעם זין בין איך אויך מיט דער רעליגיאָן פאַרטיג און פיהל מיך אַליין פער־ אַנטוואָרטליך פאַר אַלץ וואָס איך טהו און פאַר די פאָלגען דערפון! ——

—— זעהר גוט! אַזוי מיין איך אויך! וועט איהר פרײַלײן זאַנדערס, הײַנט אַנדערש זיך אויפפיהרען, ווען איהר וואָלט די וויכטיגסטע קאַפּיט־ לעך פון אייער לעבען נאָך אַמאָל קענען איבערלעבען? —— ——

די באָרמער האָט אַננאַ'ן וועלכע האָט זיך דערביי איהר ענט־ קעגען געזעצט, שאַרף אָנגעקוקט.

—— וואָס פאַר אַ שאלה?! אָהן אַ שום ספק!

—— הייסט עס —— —— איהר האָט חרטה?! —— —— —— חרטה אויף אייער פערגאַנגענהײַט, פערצייהט מיר, אָבער —— —— ——

—— ביטע, מיר זענען אַליין, פרעגט און רעדט וואָס איהר ווילט, פרײַלײן באָרמער! —— אַננאַ האָט געזוכט צו געווינען די סימפּאַטיע פון דער דאָזיגער פרוי, וועלכע האָט זיך מיט איהר אַזוי פון ווייטענס גע־ האַלטען. ——

—— וואָלט איהר געוואָלט האָבען עס זאָל נישט זיין געפּאַסירט? —— ——

—— געוויס, געוויס! ——

—— נישט אַפילו דעם מוט האָבען, אַז די טהאַט וואָס איהר האָט אַלס קלאָרער און בעזאָנענער מענש געטהון? ——

אַננאַ האָט ביטער געלאַכט: —— צוויי פאַלשע אויסדריקע מוז איך אייך, די בעוואוסטע רעדנערין און לאָגיקערין צוריק נעהמען. אײנמאָל דעם אויסדרוק „די טהאַט“ און דעם צווייטען מאָל דעם אויסדרוק „געטהון“! גלויבט איהר, אַז איך האָב מיר מיין קינד מחמת פּרינציפּ גענומען? ——

—— דאָס וואָלט איך גאָרנישט געהאַלטען פאַר קיין אונרעכט, אדרבא איהר וואָלט דערמיט ביי מיר אין די אויגען אויסגעקומען פיעל אָרענטלי־ כער, איהר האָט דערצו די פולע רעכט געהאַט! ——

—— אָ, דאָס איז שוין גאָר אַ נייע טהעאָריע! אָ, ניין, מיין פרײַלײן, איך האָב דערצו קיין רעכט נישט געהאַט, אַזוי לאַנג ווי מיר לעבען אין אַ מדינה וואָס איז געשטיצט אויף רעכט און גערעכטיגקייט! ——

—— באַה, ווען איהר וואָלט אין געלד זאַכען אונאַבהענגיג געווע־ זען, וואָלט איהר, נישט דעם מאַן, אָבער דאָס קינד געוואָלט האָבען? —

— איך בעט אייך זעהר, דעם מאַן נישט, נישט! אָבער דאָס קינד? שפּוי, איהם אַלזוי בלויז אַלס מיטעל צום צוועק האָבען? דאָס העכסטע, דאָס הייליגסטע, וואָס מיר קענען האָבען דאָס קינד — פון אַ מאַן, וואָס מען ליעבט נישט? עפּים ווי מען מאַכט אַ חשבון? ניין, ניין! דעריבער נעהם איך פון אייך פריילין באַרמער צוריק דעם אויסדרוק „אַלס קלאָרער און בעזאָנענער מענש געטהון”! — אַלס אַ פרוי וואָס רעדט צו אַ צווייטער פרוי! — — — וואו עס שטעהען זיך דער מאַן מיט דער פרוי אין דער ליידענשאַפט איינס קעגען אַנדערן, הערט דאָס קלאָרע בעזינען זיך אויף! דאַמאָלס איז נאָר פאַרהאַן — — — אָדער אַ גלייכער פערלאַנג פון ביידע צדדים זיך צו בעטייבען אין אַ שכרות'דיגען רויש וואָס לאָזט פאַר קיין לאָגיק מעהר קיין אָרט נישט, אָדער אַ ברוטאַלער ווילען, אונטער וועלכען דער שוואַכערער גיט זיך אונטער. און אויך דאָ קומט עס צו אַזעלכע מינוטען, ווען עס קאָן מעהר פון קיין קלאָרעם דענקען קיין רעד נישט זיין!

אַננאַ האָט זיך פערקוקט אויף דעם קעגענאיבערליגענדען דאַך. די פאַרב אויף איהר געזיכט האָט זיך יעדע מינוט געוועקסעלט. — יוליע באַרמער'ס באַקען האָבען געגליהט. מיט צוזאַמענגעקוועטשטע אויגען האָט זי אויף אַננאַ'ן געקוקט. אַרום איהר מויל האָבען זיך צוויי טיעפע ליניען איינגעגראָבען. — וואָס האָב איך אַלץ געקעמפּפט און געאַרבייט און שטודירט! — — — איך בין נישט מיאוס, און אויך אין מיר לעבט און שטרעבט אַלע ווייבערישע עמפּפינדונגען! וויפיעל האָב איך דעריבער געקלערט און געפאָרשט און געגריבעלט. איך זיץ אָבער דאָ ווי אַ דומע פאַר דער וואָס ווייסט, ווי אַ הונגעריגע פאַר אַ זאַטע! — אַזוי האָט זי זיך געטראַכט און פון איהרע אויגען האָבען אַרויסגעשטראַהלט חשד, קנאה, כמעט שנאה. זי האָט איהרע אויגען געשווינד אויפגעשלאָגען אויף אַננאַ'ן, גלייך ווי זי וואָלט איהר ביז אין איהר טיעפסטע פערבאָרגענקייט געוואָלט אַריינקוקען. פון די דאָזיגע בליקען אַנגעצויגען האָט די זאַנדערס איהר אָנגעקוקט. זי האָט זיך דערשראָקען.

— זאָגען זי מיר, פריילין, — האָט יוליע מיט אַ הייזעריגליכער שטימע אָנגעהויבען, — איהר לייקענט הייסט עס אין גאַנצען אָב דעם פאַקט: אַז דאָס קינד קומט נאָר אַלס צוועק פאַר זיך גופא? איהר ווילט נאָר דאָס פער'שכור'דיגע ליידענשאַפט אַלס מאָטיוו! טאָ ווי קומט נאָך אייך אוים די גאַנצע עהע? קומט נאָר אַזוי ווי איך אין די דאַך= און קעלער שטיבלעך! קוקט זיך נאָר צו צום עלענד און קינדער-צאָהל וואָס דאָרטען

געפינט זיך! פרעגט צי ווייסען נאָר אַט די דאָזיגע אָנגעמאַטערטע און ביז צום לעצטען טראָפען מאַרך אויסגעהאָרעוועטע מענער און פרויען פון דעם פער'שכור'נדיגען רויש? מיר דאַכט זיך, אַז זיי ברענגען נפשות אויף דער וועלט קעגען זייער אייגענעם ווילען, האלב צווישען שלאָפען און וואַכען! — —

— דאָס גלויב איך אויך פריילין באָרמער: — האָט אננא אָבגעענטפערט. — אָבער ווי קומט עס דערצו?

— דאָס זענען אַזעלכע רעטענישען, וועלכע מיר וועלען קיינמאָל נישט קענען אויפלעזען! מען קאָן די אונטערשיידען צווישען מענשען פון דער וועלט נישט אָבשאַפען. ווען דער מיליאָנער קאָן זיך ערלויבען דעם לוקסוס זיך אָנצושאַפען אַ ווילע מיט'ן גרעסטען קאָמפאָרט קאָן זיך עס אָבער דער אָרעמאַן נאָך נישט ערלויבען! וואָס עס קאָן אין דער עהע ווערען צי אַ קללה אָדער אַ ברכה, וואָס עס ווערט געזינדיגט אונטער דעם דעק-מאַנטעל פון דעם לעגיטימירטען, דאָס זעהען מיר דאָך אומעטום! אָבער — — זי האָט פלוצלונג אויפגעהערט צו רעדען.

— ענדיגען זי דאָך, מיין הימעל, מיר זענען דאָך אייגענע מענשען.

— אַלץ וואָס ס'איז נאָר מענשליכעס איז מיר נישט פרעמד! — האָט יוליע האַרט געענטפערט. — איך שטעה אין דער בעוועגונג און געהער צו די פאָרקעמפפערינען, וואָס ווילען די אַלטע מויערן איינברעכען! דאָס האָב איך דאַמאָלס דער באָלל געזאָגט! — נעהמט איך דאָס קינד ווען איהר ווילט. —

— ווען מיר בעקומען אָבער דאָס קינד נישט ווילענדיג, אַפילו גאָרנישט טראַכטענדיג וועגען דעם? ווען מיר האָבען נאָר דעם מאַן געוואָלט און זעענדיג איבערוועלטיגט און פערנאַררישט איהם דאָס העכסטע וואָס מיר פערמאָגען אַוועקגעגעבען? — — — גיבט איהר דען מיט אייערע בעשטרעבונגען צו פרייהייט אונז דאָס רעכט אויף דעם מאַן, נישט מורא האָבענדיג פאַר די פאָלגען וואָס וועלען דערפון אַרויסקומען? — —

יוליע האָט אין פלוג נישט געהאַט וואָס צו ענטפערן נאָר נאָך דעם ווי זי האָט אַ ווײַלע געקלערט האָט זי זיך אָבגערופען: — יעדעם רעכט איז פריי, און מיט געדעמפפטער שטימע האָט זי צוגעגעבען: וואויל איז דעם ווער עס דערגרייכט צו אַזאַ הויכען פונקט וואו עס הערט אויף דאָס פערשאָלטענע קלערעניש! וואויל איז דער, וועלכע געפינט אַ מאַן, אויף וועלכען זי קאָן האָבען רעכטען!

א נ נ א האט צוזאמענגעשראקען. זי האט געקוקט אין דאס אומעטיגע געזיכט פון דער ב א ר ט ע ר און א שוידער איז איהר דורך אלע גליעדער דורך: זי האט אנגעהויבען צו פערשטעהן דאס דאזיגע מיידעל און א רחמנות געפיהל האט איהר הארץ צוזאמענגעפרעסט.

— פריילין י ו ל י ע! — האט זי ווי אהן זיך אויסגעשריען און זיך פון איהר ארט אויפגעהויבען. —

— וואס ווילט איהר? — האט י ו ל י ע שטיל געפרעגט.

— ליעבעס פריילין, — האט אננא מיט א בעטענדיגע שטימע געזאגט, — זאגט מיר דעם אמת! איהר איינע האט מיר פון אלע וואס וואהנען דא אין פאנסיאן בעוויזען שנאה און נישט גונסטיגקייט! איהר זייט די איינציגע וואס האט מיין קינד נישט פערצערטעלט! פאר אייך האב איך מעהר ווי פאר אלע זיך געשעמט און געגרעמט. איהר זייט צו עדעל, צו הויך איך זאל אייך קענען חושד זיין, אז איהר האט מחמת גאוה און שטאלץ קעגען מיר אזוי געהאנדעלט! איך בעט אייך, זאגט מיר וואס האט איהר קעגען מיר?

י ו ל י ע האט זיך אויך אויפגעהויבען פון איהר ארט. זי איז אין צימער אריינגעגאנגען, האט עפיס ווי געזוכט אין די ביכער, וואס זענען אויף דעם טיש געלעגען און געזאגט: יא, — ס'איז אמת, איך האב אייך פיינד געהאט! איך האב מיך געעקעלט פאר אייך! איך בין געוועזען אנגעהענגערין פון פרייע ליעבע, פאר קינדער אהן חתונה, אהן חופה וקידושין; אבער אלץ אין דער טהעאריע, אלץ אין פרינציפ! איך האב געהאפט צו געפינען אין אייך די נייע, שטארקע פרוי! איהר זייט אבער געקומען פערגרעמט, פערשעמט! נישט פריי און שטאלץ, נאר עפיס שרעקענדיג און שעמעוודיג! און ארום אייך האט זיך געוועבט דער צויבער פון עפיס אזא ווייבען, אזא ווייבליכען עראטיק! עפיס זייט איהר אין גאנצען אזוי ווייבעריש — — עפיס אין גאנצען — — — — — — — איהר ווארפט אום אלע פרינציפען, איהר מאכט צו נישט אלע טהעאריעס! איך וואלט אייך וועלען בעשולדיגען — אבער איך קאן דאס נישט! איך וואלט אייך צוגעשמייכעלט — איך וויל דאס אבער נישט! איך בין צוליעב אייך אריינגעפאלען אין ספקות און פערשטעה נישט מעהר די וועלט, טויזענדער פראגען דערשטיקען מיך נישט שיער — — — —

— טא פרעגט זשע, און אויב איך וועל נאר האבען בכח אייך צו ענטפערן, וועל איך אייך ענטפערן! — האט א נ נ א געזאגט שווערמיטיג.

און אין דער דאזיגער פאזע זענען זיי ביידע געשטאנען. י ו ל י ע

האָט געפרעגט קורץ, שווער־אָטהעמדיג און אַננאַ האָט געענטפערט ערנסט און אין קורצע ווערטער.

— פון וואַנען האָבען זי דאָס קינד? איך מײַן —— ווי ——————

— איך בין אַ פעהלער בעגאַנגען, איך האָב זיך געלאָזט אײַנרעדען!

— האָט איהר אײַער פערפיהרער געליעבט?

— מיט דעם גליהענדסטען פײַער, צעהן יאָהר נאָכאַנאַנד, — דערבײַ האָט אַננאַ שווער אָבגעזיפצט.

— האָט ער אײַך אויך געליעבט?

— אַזוי האָט ער מיר ווענינסטענס פײַעריג געשוואָרען און איך האָב איהם געגלויבט.

— איז ער אײַער ליעבע ווערט געוועזען? פאַר וואָס האָט ער אײַך אַוועקגעוואָרפען?

— ער איז געוועזען אַ לעבע־קינד, געהאַט שלעכטע קאָלעגעס און —— שוין זאַט.

— האַסט איהר איהם הײַנט?

— איך ליעב איהם נאָך!

— ענטשולדיגט איהר איהם?

— נײַן!

— קאָן מען דען ליעבען ווען מען פעראַכטעט?

— איך קאָן!

— האָט איהר חרטה אויף אײַער בעגעהן?

— יאָ!

— יאָ?? — האָט פרײַלײַן באָרמער געפרעגט און דערבײַ גע־קלאַפּט מיט די פּיס אויף דער פּאָדלאָגע.

— יאָ, איך האָב חרטה, שטאַרק חרטה!

— פרײַלײַן זאַנדערס!?

— פרײַלײַן באָרמער?

— ווען איהר האָט איהם געליעבט?

— נישט קוקענדיג אויף דעם!

— ווען איהר האָט דורך אײַער געליעבטען בעקומען דאָס העכסטע מיסטעריום פון דער ליעבע?

— ליעבער הימעל! —

— וואָס מײַנט איהר דערמיט?

— אַז דיעזעס מיסטעריום קעהר זיך מיט דער ליעבע גאַנץ ווענינ און

— אזוי ?

— יא !

— און האט איהר איהם דען נישט דאס קינד צו פערדאנקען ?

— מיין קינד אבער האט מיר פאר זיין לעבען גארנישט וואס צו דאנקען !

— הייסט עס, איהר ליעבט אייער קינד נישט ? איהר ווילט איהם נישט האבען ?

— מוטער און קינד זענען איינס ! ווי קאן מען עס נישט ליעבען ? ווי קאן מען אויסקומען אהן דעם ווען עס איז שוין דא ? געוואלט האב איך עס געוויס נישט !

— גא, אודאי איז אנגענעהמער צו זינדיגען און נישט דארפען שפעטער ליידען פון די ביטערע פרוכט פון דער זינדע, — האט באַרמער זיך אבגערופען שארף. אננא האט דערויף גארנישט געענטפערט.

— ענטשולדיגען זי, אבער קאנט איהר אייך פארשטעלען איהר זאלט מיט דעם דאזיגען מענשען נאך אמאל — — —

— ניין, נישט האבענדיג חתונה געהאט, נישט !

— אזוי, הייסט עס איהר זייט אויסגערעכענט, דען איהר ליעבט איהם נאך, און מיט דעם געליעבטען — — — — — ס׳הייסט אלזא נישט צוליעב אנגעבארענער שטאלץ, נישט צוליעב טיעף אינערליכער טוגענד — — —

— שטאלץ פערשווינדעט, ווען מען ליעבט אזוי ! און אויסגערע־בענטקייט איז טוגענד — — —

— טפוי, דאס זענען פוסטע פראזען ! — —

— ניין, דאס איז ערפאהרונג !

— אבער חתונה האבען מיט איהם וואלט איהר געוואלט.

— דאס וואלט פאר מיר דאס גרעסטע גליק געוועזען !

— אהא, חתונה האבען, זיך אנטהון א צוואנגס־יאקע, זיך צוגע־וועהנען צו דער פערשקלאפונג, און אלע אמת׳ע געפיהלען אבשוואכען, אבקיהלען — — — — —

— דאס חתונה האבען איז דאס איינציגע ווען מען ליעבט !

— אלזא, הייסט עס, איהר ברויכט, ווען איהר ליעבט, צוערשט א ערלויבנים פון דער פאליציי און פון דעם גייסטליכען ? —

(פארטזעצונג קומט).

מאַרק טווען.

# די טאָגעביכלעך פון אדם און חוה.

## I.

## אָדם'ס טאָגעביכעל.

(פאָרטזעצונג פון אַכטצעהנטען העפט).

נאָך דרײַ מאָנאַטען. ווי ס'איז נישט מאָדנע, נאָר די קענגורוא טהוט אַלץ ווײַטער וואַקסען, און ענדערן זיך. איך ווײס נישט קײן חיה, בײַ וועלכער דער וואוקס זאָל זיך פאָרטזעצען אַזאַ לאַנגע צײַט. יעצט האָט זיך בײַ איהם אויפ'ן קאָפּ בעוויזען אַ וואָל, נאָר נישט אַזאַ, ווי בײַ אַ קענגורוא, נאָר אַ ענהליכע אויף אונזערע האָר, נאָר זײַער פארב איז נישט קײן שוואַרצע, נאָר אַ רויטע. איך טהו זיך אַמת'דיג פערלירען אין רעטעניישען, נישט ווײסענדיג צו וועלכע פאַמיליע צוצורעכענען די וואונדערבאַרע חיה. וואָלט מיר זיך אײַנגעגעבען צו כאַפּען נאָך אײנע אַ זעלכע! נאָר וועגען דעם איז גאָר נישט וואָס צו קלערען. ס'איז אײנצוזעהן אַז דאָס נײַע פערשײַדען אויסזעהן עקזיסטירט נאָר אין אײן עקזעמפּלאַר. מײנענדיג צוצושטעלען פערגעניגען אונזער קינ'ען, האָב איך געכאַפּט פאַר ווײנעטוען אַ אַמת'דיגע קענגורוא. נאָר ער האָט זיך פאַר איהר אַזוי איבערגעשראָקען, אַז ס'איז אַרויסצוזעהן, ווי וואָלטען זיך קײנמאָל נישט בעפרײַנדעט. אויך קײן אַלגעמײנעם האָבען זײ גאָר נישט (צום ווענידסטענס אין מײַנע אויגען) געהאַט אײנער מיט'ן צווײטען. מיר איז זעהר אַ שאָד די אָרעמע חיה, נאָר רעטעוען איהם פון דער אײנזאַמקײט איז אונמעגליך. אויפ'ן לעצטען אופן, וואָס מעהר איך בעמיה זיך קומט אַרויס נאָך ערגער. כ'האָב פאָרגעלעגט חוה'ן אַרויסצולאָזען איהם אויף דער פרײַ, נאָר זי וויל אפילו נישט הערען. וואָס זשע? זי איז גערעכט. אויב איך קאָן איהם נישט געפינען קײן חבר, וועט ער אַלײן אודאי נישט געפינען. און ער וועט, ווײַזט אויס, זײַן נאָך מעהר אײנזאַם.

נאָך פינף מאָנאַטען. דאָס איז ריכטיג, נישט קײן קענגורוא. יעצט געהט ער שוין אויף די אונטערשטע פיס, האַלטענדיג זיך פאַר חוה'ס פינגער. ווי עס זעהט אויס איז עס דאָס פערשײַדען אויסזעהן פון אַ בער, נאָר אויך אַזאַ בעשטימונג איז קוים ריכטיג, ער האָט נישט קײן וויידעל, אויך די וואָל בײַ איהם וואַקסט נאָר אויפ'ן קאָפּ. ער וואַקסט אַלץ ווײַטער. אויב דאָס איז ווירקליך אַ בער, וואָלט איך

ניִשט געוואָלט פון הײַנט אָן איהם לאָזען אָהן אַ וואַלד=שלאָס. נאָך דער קאַטאַסטראָפע זענען די בערג געוואָרען געפעהרליך. פונדעסטוועגען, ווײַל חוה אויף קײן אופן ניִשט אײַנשטימען, און ווײַל ניִשט אַרויסלאָזען קיִנ'ען אויף דער פרײַ, האָטש איך האָב איהר פאָרגעלעגט אויסטוישען איהם פאַר די ליִעבסטע חיה. זי וועט אונז ניִשט אַנדערש דערפיִהרען ביִז אַ אונגליִק מיִט איהר בליִנדער ליִעבע. פריִהער איז זי געווען מעהר קלוג.

נאָך צוויי וואָכען. איך האָב בעקוקט זײַן מויל. דערווײַל איז נאָך ניִשטאָ קײן שום געפאַהר; די צייהן זענען בײַ איהם קלײנינקע, טעמפּע, אויך די זענען זעהר ווענייג. קײן ווײַדעל איז אויך נאָך ניִשטאָ. דאָך דאַרף מען עפּעטערם אַכטונג געבען אויף זײַנע צייהן. אויב זיי וועלען זעהר אויסוואַקסען, אֶמת, וועל איך איהם אַרויסטרײַבען. וואָס קומט אַרויס דערפון וואָס דער ווײַדעל איז נאָך ניִשט אויפגעוואַקסען! אָבער אָהן אַ ווײַדעל קאָן ער אויך אָנטהון צרות.

נאָך פיִער מאָנאַטען. איך האָב אַ גאַנצען מאָנאַט פערבראַכט אויף געיעג און פיִש=פאַנג. פאַר דער צײַט האָט דער בער זיך אויסגעלערנט געהן אויף די אונטערשטע לאַפּעס און זאָגאַר רעדען „פּאַפּאַ" און „מאַמאַ". אַ מאָדנע פערשיִעדען אויסזעהן! ס'קאָן זײַן אַז ער שרײַט אוים די ווערטער פאָלקאָם צופעליִג און אונבעוואוסטזיניג, נאָר דאָך קײן שום אַנדערע בערען טהוען דאָך דאָס ניִשט. אַזאַ נאָכמאַכען די מענשליִכע שפּראַך צוזאַמען מיִט פעהלען פון ווײַדעל און וואָל אויפ'ן קערפּער, טהוט מיִר שרעקליִך פערסמוטשען. מען וועט נאָך דאַרפען נאָכשפּיִרען נאָך איהם. צווישען אַנדערם, שטעהט מיִר פאַר אַוועקצולאָזען זיך אויף אַ לאַנגע עקספּעדיִציע ווײַט אויפ'ן צפון. וועל איך ניִשט געפיִנען דאָרט אַ צווייטען אַ זעלבען עקזעמפּליאַר? נאָר פאַר'ן אַוועקלאָזען זיך וועט נויטיג זײַן אָנצוטהון אַ מויל=שלאָס אויף דעם.

נאָך דרײַ מאָנאַטען. איך בין לאַנג געווען אויף געיעג און בעטיִהענד און פונדעסטוועגען האָב איך קײן עהנליִכעס ניִשט געפונען, דאַן ווען חוה, ניִשט אַוועקוואַרפענדיג ווײַט דאָס געצעלט, האָט זי געפונען אַ צווייטען אַ זעלבען. אַ משוגעהדיג גליִק.

אויפ'ן פאָלגענדען טאָג. איך האָב זיי צוזאַמען געגלײַכט אײנער מיִט'ן צווייטען און האָב זיך איבערצייגט, אַז בײַ זיי איז דערזעלבער אויסזעהן. איך האָב געוואָלט מאַכען פון אײנעם אַ קוקלע פאַר דער קאָלעקציע, נאָר זי איז צגליִעב עפּים ניִשט אײנשטיִמיג. געוועהנליִך איז דאָס אַ פאָר=אורטהייל, נאָר וואָס קאָן מען מאַכען? ס'וועט זײַן זעהר אַ שאָד, אַז זיי וועלען פערפאַלען ווערען פאַר דער וויסענשאַפט... דער עלטסטער איז יעצט געוואָרען פיִעל רוהיגער, לאַכט און רעדט ווי אַ פּאַפּוגאַי. מוז זײַן ער האָט זיך אויסגעלערנט בײַם לעצטען, אַ דאַנק זייער צוזאַמענלעבען. דאָך וואָס פאַר אַ וואונדערבאַר מיִטעל נאָכצומאַכען! איז ער שוין ניִשט קײן פּאַפּוגאַי, אין דער אֶמת'ן? ווענייג וואָס ס'אַראַ מאָדנע=קײטען עס זענען דאָ אויף דער וועלט! דער נײַער איז יעצט אויך אַזוי אין אויסזעהן און שרײַט אויך אַזוי, ווי דער ערשטער. דער זעלבער קאָפּ איז בײַ איהם, נאָר דערווײַל אָהן וואָל. זי האָט איהם אַ נאָמען געגעבען הבל.

נאָך צעהן יאָהר. זיי זענען בײדע יונגלעך. מיִר האָבען דאָס שוין ענט=דעקט. ווען זיי זענען קלײן האָט אונז אַרײַנגעפיִהרט אין טעות זייער

אויסערליכער אויסזעהן. און יעצט איז שוין ביי אונז דא אויך עטליכע מיידלעך. הבל איז אגוטער יונגעל. נאר מיט קין'ען איז מעהר ניט דערגאנגען נאר בלייבען א בער.

נאכ'ן דורכגעהן אזוי פיעל יאהרען האב איך זיך איבערצייגט, אז פון אנהויב בין איך געווען ניט גערעכט צו חוה'ן. ס'איז בעסער לעבען מיט איהר אויסער דעם גן עדן, איידער אין גן עדן אהן איהר. פריהער האט זיך מיר אויסגעוויזען, אז זי רעדט צופיעל, נאר יעצט וואלט איך געווען אין פערצווייפלונג ווען איך וואלט ניט געהאט די מעגליכקייט צו הערען איהר שטימע. זאל זיין געבענטשט די וועלט, וואס דערנעהנטערט אונז און וואס לערנט אויס מיך אבצושאצען די גוטסקייט פון איהר הארץ און די פרעהליכקייט פון איהר כאראקטער.

---

II.

# חוה'ס טאגביכעל

## (ביז דעם פאלען).

שבת. מיר איז כמעט א גאנצען טאג פון געבוירען. איך האב זיך בעוויזען געכטען, צו ווענינגסטענס אזוי ווייזט זיך מיר אויס. ס'מוז זיכער זיין אזוי, ווייל אז, אויב ס'איז געווען א אייער נעכטיגער טאג, בין איך דאך ניט געווען, ווען ער איז געשעהן, אנדערש וואלט איך איהם געדענקט. עס קען זיין אז ער איז געוועזען, נאר איך האב איהם ניט בעמערקט. אין דער קינפטיגער צייט וועל איך זיין מעהר בעאבאכטונגס־פאל און אויב עס וועט זיך בעווייזען עפיס א אייערנעכטיגער טאג, וועל איך איהם גוט בעמערקען. צום בעסטען פון אלין איז אנצוהויבען א אמת'ע יאהר־בעשרייבונג און ניט דערלאזען אין איהר קיין פלאנטערס, ווייל עפיס א אינסטינקט זאגט מיר אונטער, אז די קלייניגקייטען וועלען זיך ווען עס איז ארויס־ווייזען וויכטיגע פאר דעם היסטאריקער.

היינט האט אלין א בעסערן אויסזעהן איידער נעכטען. נעכטען האבען זיי זיך אזוי געאיילט מיט דער ארבייט, אז די בערג זענען געבליבען צופלאשעטע און טאהלען האבען זיך ארויסגעוויזען אויף אזוי פיעל פערוואָרפען מיט מיסט און אלערליי איבערבלייבעכץ, אז עס האט זיך בעקומען א גאנץ טרויעריגעס בילד. די עדעלע און שעהנע שעפּפונגען פון דער קונסט ליידט ניט קיין געאיילטע ארבייט. די דאזיגע ריזיגע נייע וועלט — איז אויף אנ'אמת — א הויכע עדעלע און שעהנע שעפּפונג. און, ניט קוקענדיג אויף דער קורצקייט פון דער צייט, איז זי אהן צווייפעל, וואונדערליך נאהענט צו דער פערפאלקאמענהייט. אין איין ארט איז צופיעל שטערען, אין צווייטען, פערקעהרט זעהר ווייניג, נאר די אלע ניט דער־רעכענונגען קען מען גיך פעררעכטען. די לבנה האט זיך אין דער פערגאנגענער נאכט אבגעבונדען, האט זיך אראבגעלאזט און איז פערשוואונדען, זעהר א שטאר־קער פערלוסט. ווען איך טראכט וועגען דעם, טהוט זיך דאס הארץ ביי מיר צו־רייסען. צווישען די אלע פערפוצונגען און דעקאראציעס איז נישטא גארניט, וואס זאל זיך קאנען גלייכען, נאך די שעהנקייט און פאלקאמענהייט, מיט דער לבנה. איהם וואלט מען געדארפט פערפעסטיגען ווי מעגליך בעסער. אויב אונז וואלט זיך נאר איינגעבען פון דאס ניי זיך איהם צו דערשלאגען.

נאָר, ווי קאָן מען וויסען, וואוהין ער האָט זיך בעהאַלטען! וואָרום דער, וועך עס האָט איהם פערהאַפט, וועט איהן צווייפעל, איהם געהאַלטען; איך ווייס דאָס אויף געוויס, ווייל איך אַליין וואָלט אויך אַזוי געטהון. און אַלעס איבריגע ווי מיר ווייזט זיך אויס, וואָלט איך געקאָנט זיין עהרליך, נאָר איך הויב שוין אָן אַנערקענען, אַז דער אינהאַלט און דער צענטער פון מיין געמיטה איז די ליעבע צום שעהנעם, און כ'וואָלט געוועזען אַ טעות צו געטרויען מיר אַ לבנה, וואָס געהערט אַ צווייטער פערזאָן, און נאָך אַזוי אַז די פערזאָן זאָל נישט וויסען, אַז ער איז ביי מיר. איך וואָלט נאָך געקאָנט אָבגעבען די לבנה, אויב איך וואָלט איהר געפינען ביי טאָג, פון שרעק, אַז עמיצער האָט נאָכגעקוקט נאָך מיר; נאָר אויב זי וואָלט אַרייַנגעפאַלען צו מיר ווען עס איז פינסטער, וואָלט איך שוין אויף זיכער אויסגע־קלערט עפּיס אַ פיינעם תירוץ, כדי אָבצוהיטען מיין געפינג'ס. ווייל איך פערגעטער לבנות, זיי זענען אַזוי שעהן און פּאָעטיש. וואָלט זיך מיר אַזוי געוואָלט, אַז זיי זאָלען זיין ביי אונז פינף אָדער זעקס. כ'וואָלט זיך קיינמאָל נישט געלעגט שלאָפען, איך וואָלט אַלץ געלעגען אויף דעם מיט מאָך בעוואַקסענעם וואַל און געקוקט אויף זיי.

נאָר די שטערען זענען אויך גוט. ווי וואָלט זיך מיר געוואָלט בעקומען עטליכע שטיק, כדי אויסצוציערען מיט זיי מיינע האָר. נאָר דאָס וועט זיך מיר קוים איינגעבען. זיי ווייזען זיך אויס אויף אַזוי פיעל נאָהנט, אַז איהר וועט נישט גלויבען ווי ווייט זיי זענען. די פערגאַנגענע נאַכט, ווען זיי האָבען זיך אָנגעצונדען דאָס ערשטע מאָל, האָב איך פּראָבירט אַראָבצוקלאַפּען מיט אַ דראָנג עטליכע שטיק, נאָר כ'האָב זאָגאַר ביז זיי נישט דערגרייכט. דאַן האָב איך פּראָבירט צו וואַרפען אין זיי פּויסטען ערד, נאָר כ'בין גיך אָבגעשטאַנען און עס איז נישט אַרייַנגעפאַלען אין קיין איינעם פון די שטערען. זיבער, דערפאַר, וואָס איך בין געלינקט און כ'קאָן נישט גוט וואַרפען. זאָגאַר דאַן, ווען כ'האָב זיך געציעלט נישט אין דעם, וועלכען כ'האָב אָנגעמערקט פאַר זיך, האָב איך נישט געטראָפען אין די לעצטע, האָטש עטליכע קלעפּ זענען געווען זעהר איינגעגעבענע, ווייל כ'האָב געזעהן, ווי דאָס שוואַרצע פינטעלע פּויסט־ערד איז אַרייַנגעפאַלען פערציג אָדער פופציג מאָל אין סאַמע מיטען פון דער גאָלדענער גרופּע. און מיר ווייזט זיך אויס, אַז אויב איך וואָלט אויס־געהאַלטען נאָך אַ ביסעל, טאָ קאָן זיין, אַז איך וואָלט בעהערשט איינעם פון די שטערען.

(פאָרטזעצונג קומט).

Ред. Изд. Я. ЛИДСКІЙ. Европейская Литература То. 19.
Тип. Г. Пиментъ, Варшава, ул. Сѣраковская № 4.

קופּאָן פיר נים אַבאָנענטען.

די וועלכע ברענגען 4 קופּאָנעס אין רעדאַקציע, און אין פּראָווינץ צו די אַגענטען, בעקומען די מאָנאַטליכע פּרעמיע פיר 10 קאָפּ. אין וואַרשע. אין פּראָווינץ 11 קאָפּ. די וועלכע האָבען 15 קופּ. צאָהלען פיר די איבריגע פּרעמיעס וואָס זענען אויסגערעכענט אין דער אַנאָנסע פון אייראָפּעאישע ליטעראַטור ווי אַבאָנעמען.

20עס העפט

# אייראפעאישע ליטעראטור

## איגהאלט.

1) די דמיונות פון יונגען אפעג — אלא גאנסאן.
2) * * (געדיכט) — היינריך היינע.
3) ליעבע און טויט — וש. ראדענבאך.
4) א לעגענדע וועגען א מענשען מיט א גאלדענעם מוח — אלפאנס דארע.
5) די סטאטועס — מארסעל פרעוואָ.
6) טשיילד האראלד — לארד בייראן.
7) פרײליין מוטער (ראמאן פון דײטשען) — ערנסט געארגי.
8) די טאגע־ביכלעך פון אדם און חוה — מארק טוועין.

אלא גאנסאן.

# די דמיונות פון יונגען אפעג.

## 1.

די מאיעסטעטישע און שווייגענדע נאכט האט גערוהט איבער סקאנדינאוויען. דער הימעל איז בעדעקט געווען מיט שטערען, געשלאפען האט די ערד.

ס'איז אויפגעגאנגען די לבנה. זי האט געגלאנצט אויף די שפּיצען פון סוליטעלמא און מיט איהר העלען שיין האט זי בעגאסען אונטען די פעלדער פון סקאניא.

ס'האבען זיך אויסגעשפּרייט לאנגע שאטענס; שטיל און אונבעמערקט האבען זיי זיך צום מזרח געצויגען, פונקט ווי געדאנקען נאך נישט פערקערפערטע אין ווערטער. העל האבען די שטערן געברענט. אזוי העל, אז ווען אויף דער ערד וואלט חאטש איין לעבעדיגעס וועזען געוועזן, וואלט עס געוויס זייער פינקלען הערען אין דער שטילקייט פון דער נאכט.

נאר אין דיעזער נאכט האט מען קיין לעבעדיגע בעשעפעניש נישט

געזען? אַלץ איז געשלאָפֿן אין די פֿעלדער און וועלדער, אויפֿ'ן ים און אין די הייזער, אין די שטעדט און אין די דערפֿער.

און פּלוצלונג האָט זיך פֿון די קאָלמאָרדענער וועלדער באַוויזען אַ מענשליכע געשטאַלט:

ער איז געווען העכער פֿאַר די סאַמע העכסטע אייכען־בוים, און אין די פּלייצעס איז ער ניט נידריגער געווען פֿאַר די זייטען פֿון די אייזעלען־בערג.

דאַן איהם האָט זיך געלעגט אַ שאָטען אויף דעם גאַנצען לאַנד און האָט איהם ווי איינגעוויקעלט אין אַ גיגאַנטען טרויער־שאַל, איין עק פֿון וועלכע האָט אַרומגעכאַפּט גאַנץ שטאָקהאָלם, און דער אַנדערער האָט זיך געטונקט אין די וואַסערן פֿונ'ם באָטנישען אויסגוס.

דער געשפּענסט האָט זיך איינגעבויגען. זיינע אויגען זענען געווען די אויגען פֿון אַ פֿערברעכער, מיט אַ שרעקעדיגען, ציטריגען בליק, און ווען ער האָט אויפֿגעהויבען זיין פּנים און דער לבנה־שיין איז געפֿאַלען אויף איהם, האָט זיך אין זיין בליק אָבגעשפּיגעלט אַזאַ אונרוה, אַזוינע געוויסענ'ס־ליידען אַז די שאָטענס האָבען זיך אָבגעשטעלט און די שטערען האָבען אויפֿגעהערט פֿינקלען.

דער געשפּענסט האָט אַ קרעכץ געטהון, אַ קרעכץ געטהון מיט אַזאַ מורא'דיגען, ענדלאָזען שרעק, אַז קינדער האָבען זיך אין זייערע וויגעלעך צושריען, און מענשען האָבען בעזע חלומות דערזעהן.

און די נאַכט האָט געשוויגען פּונקט ווי זי וואָלט געוואַרט עפּיס דער־הערען; נאָר קיין איין לעבעדיגעס ווענען האָט מען ניט געזעהן אויסער דעם איינזאַמען געשפּענסט אויפֿ'ן קאָלמאָרדען.

נאָר וואַך איז געווען אַן'אַנדער גרויסער גייסט; יענער וועלכער איז אַזוי גרויס, אַז איהם קען ניט זעהן קיין מענשליכעס אויג. אַנדערע רופֿען איהם ציים, די צווייטע שיקזאַל, מען רופֿט איהם אויך שיקזאַל אָדער וואַהרהייט. ער האָט גערוהט אין דעם וועלט־רוים. ער איז געווען אַרומגעגאַרטעלט מיט דעם פּאַס פֿון אָריאָן און אונטער איינער פֿון זיינע פּלייצעס האָט געשיינט דער מזל דוב. זיינע אַלטע ווייסע האָר האָבען זיך צווישען וועלטען געצויגען. מענשען רופֿען דאָס אָן דער „מילך־וועג". אין שטערן האָט ביי איהם אַ אויג געברענט, איין גיגאַנטער אויג, און האָט זיינע שטראַהלען געוואָרפֿען אין דער צפֿון'דיגער נאַכט אַריין, און אויף דעם איינזאַמען געשפּענסט פֿון קאָלמאָרדענער באַרג...

— יודאַ! — האָט זיך אין מיטען נאַכט דערהערט אַ געשריי, ווי אַ קלאַנג פון אַ שטיין, וועלכער פאַלט אין אייז.

דער געשפּענסט האָט אַ ציטער געטהון, גלייך ווי ער וואָלט אונטער דער האַנד פון אַ גיגאַנט געוועזען, ווילד האָט ער געבלאָנדזשעט אַרום מיט די אויגען, און זיין פּנים האָט אויסגעדריקט אַזאַ מין שרעק, גלייך ווי ער וואָלט דערהערט מיליאָנען דערשטיקטע געשרייען. נאָר איהם האָט אַרומגערינגעלט די שוויינענדע נאַכט, איינער אַליין איז ער געוועזען, און מען האָט קיין איין לעבעדיגעם וועזען נישט געזעהן.

— יודאַ! — האָט אַ צווייטען מאָל אַ קלונג געטהון.

און ער האָט נישט געוואוסט פון וואַנען איז די שטימע אַרויס, ווייל דער גרויסער גייסט איז אַזוי אונענדלאָז גרויס, אַז איהם קען נישט זעהן קיין איין שטערבליכע בעשעפעניש. נאָר ווען ער פלעגט אַ קוק טהון אויף די שימערירנדע שטערען, האָט ער געטראַכט אַז דאָס רעדען זיי; ווען ער פלעגט אַ קוק טהון אויף די לאַנגע שאָטענס האָט זיך איהם געדוכט, אַז די שטימע איז פון זיי אַרויס; ווען ער פלעגט זיך אָבער איינקוקען אין דער איינזאַמקייט און שטילקייט, — האָט ער פערשטאַנען אַז די שטימע האָט געקענט נאָר זיי אַליין געהערען.

— יודאַ! — האָט זיך דערהערט די שטימע צום דריטען מאָל.

אַלץ האָט אָנגעפילט דער קלאַנג. ס'איז געוועזען אַ פאָלקאָמענע שטילע... דאָס איז געוועזען אויסער איהם און אין איהם אַליין.

דאַן האָט ער זיך צולאַכט, ווי עס לאַכט אַ מענש פון אונזיניגען שרעק, און דער געלעכטער האָט זיך מיט אַ אָפּקלאַנג צוטראָגען צווישען דער נאַכט, און ער האָט זיך צוגעהערט צו זיין אייגענעם געלעכטער. ס'איז דורכגעגאַנגען אַ אויגענבליק, און ס'האָט זיך נאָך אַלץ געהערט דער דונערנדער געלעכטער, פּונקט ווי דאָרטען אונטען אין די שלאָפענדע שטעדט וואָלטען הונדערטער מענשען געלאַכט.

און נאָך אַמאָל האָט אַ קלונג געטהון די שטימע:

— מיט וואָס האָסט דו זיך היינט פערזינדיגט?

— ניין, איך האָב היינט נישט געזינדיגט! — האָט דער געשפּענסט געענטפערט.

— טאָ פאַר וואָס איז דאָך ביי דיר דער געוויסען נישט ריין?

— מיין געוויסען איז ריין.

— פאַר וואָס זשע דען ביסט די פערציטערט געוואָרען, דערהערענדיג מיין שטימע? פאַר וואָס האָסט דו אַ קרעכץ געטהון? איך וועל

אַראָפּגעריסען דעם טוך פון די וואונדען פון דײַן געוויסען, און דו וועסט דערזעהן אַז זײ צורינען אין בלוט, איך וועל אַלע דײַנע זינד אַרויסרופען און ווי הינד וועלען זײ זיך אין דײַן נשמה אײַנעסען. גאָר לעהן אָן דײַנע פיִס אָן די בערג, נעהם אַרום דעם וואַלד מיט די הענד — ווײַל דײַנע פיִס וועלען פערציטערן אונטער דיר, ווען דו וועסט דערהערען וואָס איך וועל דיר זאָגען.

פון קאָפּ ביז די פיס האָט אַ ציטער געטהון דער געשפּענסט, אַזוי אַז די קאָלמאָרדענער וועלדער האָבען זיך אַ שאָקעל געטהון. גלײַך ווי אַ געוויטער וואָלט זיך דורכגעטראָגען איבער זײ. און ער איז אויף די קניע געפאַלען און האָט זיך מיט'ן קאָפּ אַ קלאַפּ געטהון אָן דעם שטײַנענעם אויסטרעט פון באַרג און האָט אַ געשרײַ געטהון:

— נײַן, איך בין נישט יודאַ! נישט יודאַ!

— דו ביסט דאָס טויטע בלוט פון לעבען און די אומרײַנקײַט (Гниль) פון דער מענשהײַט. דײַן נשמה איז פול מיט עקעל; אַנשטאָט מאַרך איז בײַ דיר בלאָטע. שוואַרצע בלוט רינט אין דײַן האַרץ. צווישען אַלע מענשען איז נישטאָ נאָך אײנער, וועלכער זאָל זײַן אַזאַ שאַנד-פלעק אויף דער מענשהײַט ווי דו. דײַן גלײַכען וועסט דו נישט געפינען אין קײַן טיורמע, אין קײַן שאַנד-הויז פון זינד און פערברעכען!... ווײַל דו ביסט אַ שווײַגלינג!... דו האָסט געשוויגען, געשוויגען דײַן גאַנץ לעבען, געשוויגען דאַן, ווען דו האָסט געמוזט רעדען, מיט דײַן שווײַגען האָסט דו געפּטרט דײַן נשמה, די רוה פון דײַן געוויסען. דו האָסט קײנמאָל נישט געגלאַבט פון דעם, וואָס איז געשטאַנען בײַם שאַנד-סלופּ, נאָר דו האָסט געשוויגען!... דו האָסט קײַן מאָל נישט אײַנגעשפּאַנט אין דײַן וואָגען קײַן שוואַנגערע פרויען, נאָר דו האָסט געפיהרט דעם וואָגען און געשוויגען... דו האָסט קײנמאָל נישט געהאַלטען קײַן פײַניגונג'ס-געוועהר, ווען מען פלעגט פון קערפּער אַרויסרײַסען דאָס האַרץ אום דעם אמת צו דערווײַזען, — נאָר דו האָסט געשוויגען! דו פלעגסט קײנמאָל נישט שלאָגען דײַנע אַרבײַטער אַזוי לאַנג ביז זײערע אָדערן פלעגען פּלאַצען און זײ פלעגען אויסגעהן מיט בלוט, נאָר דו האָסט געזעהן ווי דאָס טהוען אַנדערע, — און דו האָסט געשוויגען!.. ווען מען וואָלט דײַן פאָטער פאַר זײַנע גראָהע האָר שלעפּען, און דײַן אײגענע מוטער פאַר דיר אין די אויגען שענדען, וואָלסט דו אויך דאַן דײַן שווײַגען נישט געשטערט!...

הער-זשע אויס מײַן וואָרט! ווען עס וועט קומען דער יום-הדין, דער גרויסער טאָג פון משפּט. און אַלע בעשעפעניִשען וועלען שטעהן

פאַר מיר, אַלע וועלטען וועלען פּוסט ווערען און די אומענדליכקייט וועט שווייגען אין פּחד און ערוואַרטונג. דאַן וועל איך הייסען פערשליסען די טהירען פון מיין הויז, איך וועל אויפשטעהן און זאָגען:

— איהר אַלע, וועלכע האָט געזינדיגט, איך בין אייך מוחל! איהר שוואַכע, וועלכע האָט נישט געקענט בּיישטעהן דעם נסיון און אויך איהר בּייזע אַנרעדער (искусители) — אייך פערצייהע איך! וואַשט אָב אייערע הענד פון בּלוט און בּלאָטע, טהוט זיך אָן אין יום־טוב'דיגע קליידער און געהט אין עביגע רוהע! אייך שענק איך אַלעמען!.. אַלעמען אויסער איינעם!

און דאַן וועל איך אָנווייזען אויף דיר, שווייגלינג, און איך וועל עפענען די טהירען פון מיין הויז און אָנווייזען דיר אויף די ליגענדע ווייסטע וועלטען און זאָגען:

— דו האָסט אונרעכט דערלאָזט, נישט קוקענדיג דאַרויף וואָס דו האָסט גוט געוואוסט וואָס אונרעכט הייסט!... דו האָסט אונטעטיג גע־קוקט אויף אַלץ וואָס איז געשעהן, חאָטש דו האָסט הענד געהאַט אויף צו העלפען; דו האָסט בּוגד געווען אין דיינע בּרידער מיט דיין שווייגען, ווען מיט דיין איין וואָרט האָסט דו זיי מציל זיין געקענט!.. דו האָסט דעם אמת געוואוסט און דאָך נישט גערעדט וועגען איהם, שטיל־שווייגענדיג פלעגסט דו פאַרבּייגעהן פאַר די אונצאָהליגע קרבּנות פון אמת! אָ, דו ציטריגער שווייגלינג, וועמען'ס נאָמען איז יודאַ, — אויף דור דורות וועסט דו קיין מחילה נישט בּעקומען!... בּלאָנדזשען וועסט דו איבּער די ווייסטע וועלטען, קיינמאָל זיך נישט אָבּשטעלען און קיינמאָל נישט שטאַרבּען, און די וועלטען וועלען אייביג נישט חרוב ווערען און שטענדיג זיין וויסט און אָהן מענשען. די שטילקייט וועט דיר צו משוגעת דערפיהרען, און ווי אַהונד אין מיטען נאַכט וועסט דו בּילען, און שרייען ווי אַ זינלאָזער...

משוגע פון שרעק וועסט דו לאַכען, ווי דו האָסט געלאַכט אין יענער נאַכט, און קיינער וועט דיר נישט הערען, קיינער וועט נישט ענטפערן. נאָר דער אָבּקלאַנג אַליין וועט זיך צוטראָגען אין דער טויטער אומענדליכקייט.

---

דאַן האָט זיך דער געשפּענסט אַ הויב געטהון און זיין שאָטען האָט זיך געלעגט אויף דער בּעלויכטענער פון דער לבנה ערד, גלייך ווי אַ שאָטען פון אַ מענשען'ס קאָפּ, וואָס מאַכט פינסטער אַ ליכטיגען וועג; ער האָט אויסגעצויגען אין דער הויך זיינע הענד, די אויגען זענען פון זייערע ראַמען

אַרויס און ער איז געפאַלען, ווי אַ אונטערגעהאַקטער גיגאַנטער בוים...

ס'האָט געברענט דער מאָרגענשטערן.

מענשען האָבען זיך פון שלאָף אויפגעכאַפּט מיט אַ קאַלטען שווייס פון דעם שווערען קאָשמאַר! וועלכען זיי האָבען אין חלום געזעהן.

---

היינריך היינע.

*  *
*

ס'פליסען, שוימענדיג, די קוואַליעס
ס'לייכט מיט זילבער יעדע וועל;
ס'טראָגט זיך אין אַנ'איינזאַם שיפעל
אַ פערליעבטעס פאָרעל שנעל.

— ווערסט אַלץ בלאַסער, ווערסט אַלץ בלאַסער,
מיין געליעבטעס, טרייעס קינד!
— ליעבער, הערסט? דעם פאָטער'ס שיפעל
יאָגט אונז נאָכ'עט, פליהט געשווינד!...

— וואַרף דאָס שיפעל, לאָמיר שווימען,
מיין געליעבטעס, טרייעס קינד!
— ליעבער, הערסט? דעם פאָטער'ס קללות
ברענגט פון ווייטען מיר דער ווינד!...

— הויב דיין קעפּעל העכער, העכער,
מיין געליעבטעס, טרייעס קינד!
— ליעבער, זעהסט? דאָס וואַסער וואַרפט מיך,
און עס מאַכט מיך טויב און בלינד!...

— ס'ווערען מיינע פיס פערגליווערט,
מיין געליעבטעס, טרייעס קינד!
— כ'וועל דעם טויט אין דיינע אָרעמ'ס
שטאַרבען בעגעגענען אַצינד!...

לייב נײדוס.

ש. ראָדענבאַך.

# ליעבע און טויט.

זונטאָג פאַר נאַכט האָט מען ביי דעם אַלטען שרייבער, ווי [illegible] האָט געוועהנליך געפיהרט אַ לייכטען בחור'שען שמועס, בעריהרט די פראַגע וועגען ליעבע.

אַ באַנאַלע טעמאַ. נאָר דער פריהלינג האָט בעשאַפען שטימונג. פון גאָרטען האָט זיך אויפגעהויבען און דורך דעם האַלב־אָפענעם פענסטער אַריינגעדרונגען דער ריח פון ערשטען בעז, פון די פריה־אויפגעהענדע גראָבען, דער גערוך פון פייכטער ערד, וואָס שמעקט אַזוי גוט. אויסער דעם, האָט מען נאָר וואָס געהאַט דערצעהלט וועגען אַ שווערע דראַמע, וואָס האָט זיך אָבגעשפּיעלט אין דער פריה. צוויי געליעבטע האָבען געענדיגט זייער לעבען מיט זעלבסטמאָרד.

דער ראָמאַניסט דע־האָרן האָט מיט אַ טריבען קול, אַזוי ווי זיינע גראָהע, אַש־קאָליר אויגען, אין וועלכע עס האָבען נאָר זעלטען אויפגעפלאַמט פייערלעך, דערצעהלט:

— דער יעניגער האָט נישט געליעבט, וואָס האָט נישט, האָטש איין מאָל, געטראַכט וועגען שטאַרבען מיט דער געליעבטער פרוי.

— צו אַלדי טייוועל! דאָס איז צו ראָמאַנטיש, האָט אויסגעשריען דער אַלטער שרייבער. לויט זיינע אידעען איז ער נאָהנט געוועזען צום אַכטצעהנטען יאָהר־הונדערט, און עס זענען איהם פרעמד געוועזען די טראַגישע תאווה־פּאַראָקסיזמען. שטענדיג איז ער נאָר „קוריאָז", ווי מען פלעגט דאַמאָלס זאָגען, פאַר וועלכען אַ פרוי האָט נאָר געהאַט די בעדייטונג פון אַ קאָסטבאַר שפּיעלעכצעל.

שלעכט האָט זיך אויך צו דעם בעצויגען וואָלמי, נאָר צוליעב אַנדערע אורזאַכען. לויט זיינע ווערטער, קען מען דאָס גראָד פערקעהרט [illegible] גאַנץ וויסענשאַפטליך, דאָס איז אַנ'אַלגעמיין פיזיש גע־וועבין, [illegible]ליבע ערשיינונג, אַנ'אָבפאַלען פון די קרעפטען, וועלכעס עס שפּירט זיך בעזונדערס דאַן, ווען מען ליעבט זעהר שטאַרק און ווען די

שוואַכע ליעב־האָבער קענען דאָס נישט איבערטראָגען. סוף כל סוף איז דאָס דער געוועהנליכער טרויער פון די אַלטע רוימער. וואָלמי איז געווען אַ דאַרוויניסט, זיינע טעאָריעס האָט ער דערוויזען מיט שווערע וויסענשאַפט־ליכע ווערטער, מיט'ן גלויבען פון איין אונפערטרויטען, מיט ברענענדיגע אויגען, האָט שאַרף זשעסטיקולירט מיט זיינע פאַראויס אויסגעצויגענע הענד, וועלכע האָבען ווי אָנגעוויזען אויף די טיטשקעס. וואָס בעצייכענען דעם וועג.

דע־האָרן האָט זיך נישט אונטער־געגעבען דער איבערצייגטקייט פון דעם פּאָזיטיוויסט.

— פונדעסטוועגען מוז מען מודה זיין, אַז דער קומער נאָך דער ליעבע איז נישט קיין גלאַטע איינפאַכע מידיגקייט, וועלכער קומט נאָך דער פיזישער אַנשטרענגונג, נאָר עפּיס אַ פיעל גרעסערע מאַטקייט. עס האָט זיך דער יום־טוב, דאָס פייערן געענדיגט. דאָס איז אַ נשמה־ער־שיינונג, אַ פסיכישעס.

— גוט, האָט וואָלמי געזאָגט, אָבער דעמאָלס איז דאָס דער רע־זולטאַט פון דעם עדלען אונבעשטימטען אַנערקענען, אַז ליעבע — איז אַ נעטץ, מען פערשטעהט דעם עגאָאיזם פון דער נאַטור, אָבער מען טראַכט נאָר וועגען איהר און נאָר וועגען בעשאַפען. נאָר צו דער ענדע פיהלט זיך דער מענש אָבגענאַרט פון דעם מיראַזש, וואָס געהט זיך פונאַנדער צוזאַמען מיט דער פערלאָשענער תאוה. און דאָס דריקט איהם, בעשווערט איהם.

— ניין, דאָ איז פאַרהאַן עפּיס גרעסערס, האָט נישט אָבגעלאָזט דע־האָרן, — דער קומער וואָס מאַטערט אַזוי, איז נישט בלויז פון אינסטינקט אָבהענגיג. אָפט מאָל איז ער זעהר בעוואוסטזיניג, אינגאַנצען דורכגעטראַכט.

ער האָט ווייטער ענטוויקעלט זיין געדאַנק:

— אויב אַזוי פיעל פערליעבטע האָבען דעם פערלאַנג צום שטאַרבען און שטאַרבען ווירקליך, אין פולען בליהונג פון דער ליעבע, אויב פון טאָג צו טאָג ווערען זיי אַלץ מעהר און מעהר, איז דאָס דערפאַר, וואָס ליעבע און טויט זענען פערבונדען מיט וועלכען נישט איז עהנליכקייט, זענען פער־איניגט מיט עפּיס אונבעמערקבאַרע פעדעם. איינס פיהרט צום צווייטען, דאָס געפיהל פון איינס מאַכט דאָס צווייטע מעהר אויסגעדיענטער, מעהר האָפנונגסלאָזער. און ווייטער מעהרער: טויט קען ערוועקען ליעבע. ווי דען אַנדערש קען מען ערקלערען די מאַניע פון די דאָרפישע פערליעבטע צום

פעראייניגען די העגד און די ליפען ביי דעם צוים פון בית־הקברות ? און דאס איז אלץ איינס ביי איינפאכע שטערבליכע, ווי ביי מעהר אינטעליגענטערע. צי האט דען נישט מישלע געפיהרט די כלה פון זיין שפעטער ליעבע די נאך נישט געעפענטע רויז פון זיין הערבסט, אויף דעם בארג „פער לאשעז" *), וויסענדיג ! אז ער וועט בעסער רעדען וועגען ליעבע צווישען קברים און עוויגקייט, פאר'ן געזיכט פון טויט.

— מען קען געפינען אויך אנדערע ביישפילען. א מערדער נאך דעם פערברעכען לויפט צו די וועסטאלקעס פון פרעהליכקייט: ער מוז האבען ליידענשאפט, ווייל ער האט געזעהן דעם טויט. און דאס וואס אונז ציהט אזוי מאדנע צו פרויען וועלכע טראגען טרויער, צי בעווייזט דען דאס נישט דאס זעלבע? נישט נאר צו בלאנדינקעס, וועלכע זעהען מיט דער שווארצע קרעפע אויס שעהנער און צארטער; נאר אין אלגעמיין די אלע, וועלכע געהען אין טרויער, ציהען צו זיך און ערוועקען די תאוה ביי צווייטע; דער טויט איז ארום זיי, אין זיי און מיר פאנטאזירען צו פעראייניגען איהם מיט דער ליעבע.

דער אלטער שרייבער האט געהערט פעראינטערעסירט, ער האט פערווארפען זיין שעהנעם, בלאסען קאפ, וועלכער האט אויסגעזעהן, ווי אויסגעהויערט ביי דער לבנה־שיין, און יעצט ביי דעם אבשטארבענדען טאג־ליכט נאך בלאסער. דאס געסט־צימער איז פערפאלען אין דעם דעמערונג נישט אזוי פיעל פון דער פארנאכט פינסטערקייט, ווי פון די ארויסגערופענע רוחות מיט דעם געגארטען נשמה־קעניגרייך, וועלכעס האט זיך געעפענט מיט די נאר וואס געזאגטע ווערטער. נישט קוקענדיג אויף דעם, וואס דאס געשפרעך איז געוועזען ערנסט, איז יעדען א פיבער־ציטער איבערגעלאפען איבער דעם געזיכט. אלע האבען זיך דערמאהנט. דע־הארן האט מיט א נבואה־קול אויפגעוועקט די געשפענסטער, יעדער האט אויפערוואכט אין זיין געדאנק פרויען, פריהער געליעבטע, לאנג פערגאנגענע שעה'ן, ווייטע קושען. יעדער האט דערפיהלט אין זיין נשמה טויטע בלעטער, אלטע קברים, א קייט פערגאסענע טרערען. דורך די האלב געעפענטע פענסטער האט זיך אויפגעהויבען דער אטהעם פון פריהלינג, דער גערוך פון פרישען וואלד האט אויסגעגיסען איהר צושטעהענדער אראמאט. עהרליך זיין בליק אויף דער נאטור, איז וואלמי געשטאנען אויף'ס זייניגע:

*) דער בארג וואו עס ליגען אין פאריז בעגראבען די קאנגוארען.
דער איבערזעצער.

— דאָס איז אַלץ נאָר די קונסטליכקייט פון אונטערגאַנג. דאָס האָט קיין שייכות נישט נישט מיט דעם אינסטינקט, נישט מיט וועלכעס עס איז איינגעבוירענעס, אַזוי ווי איהר דענקט. די אוראַלטע פעלקער זענען אונבעקאַנט די דינקייטען, זיי וואָלטען דאָס פעראַכטעט. אויך די ווילדע ווייסען נישט פון דעם אַלעם.

— פונדעסטוועגען — האָט דע־האָרן געזאָגט — פעראייניגט שוין שיר השירים ליעבע מיט טויט. „וואָרום שטאַרק ווי דער טויט איז די ליעבע הארט, ווי דאָס קבר, איז די אייפערזוכט". אויסער דעם איז מיר שוין אַליין אויסגעקומען צו מאַכען אַנ'ענטשליסענדען פערזוך וועגען דער מיסטישער עהנליכקייט פון ליעבע מיט טויט, דאָס איז אַ זאָנדערבאַרע געשיכטע פון מיין פערגאַנגענהייט, וועגען וועלכע איך קען זיך נישט דערמאַהנען אָהן אויפציטערן, צו פינף און צוואַנציג יאָהר בין איך געשטאַנען אין פערבינדונג מיט אַ פרוי, צו וועלכע מיך האָט בעזונדערס געצויגען איהר בלאַסקייט, איהר אויסזעהן, ווי מיט עפּיס אַ פעראומעטיגטע שעהנהייט מיט איהר לאַנגזאַמען טריט. זי האָט געלעבט עלענד, אַוועק־וואַרפענדיג דעם גראָבען מאַן. אַ מאָל איז געקומען צו פאָהרען איהר מוהמע, וועלכע האָט זי ערצויגען, זי געליעבט, ווי אַ אייגענע מוטער, און מיט איהר איז מיטגעקומען אַ שוועסטער, אַ ביסעל אַ יונגערע פון איהר. עטליכע טעג האָב איך זיך מיט איהר נישט געזעהן. פּלוצלונג בעט זי אין אַ טעלעגראַמע איך זאָל דורכאויס אַריינגעהן אין האָטעל, וואו איהרע פריינד האָבען זיך אָבגעשטעלט. דער מוהמען איז געווען זעהר שלעכט... זי האָט אויף קיין איין מינוט נישט פערלאָזט די קראַנקע. זי האָט זי נישט געקענט פערלאָזען. זי האָט מיך געוואָלט זעהן אום צו פערזאָרגען זיך מיט מוטה. איך בין געקומען. אַזוי ווי מיר האָבען זיך נאָר צוזאַמען־געקליבען אין דעם קליינעם געסט־צימער, גלייך נעבען צימער, וואו עס איז געלעגען די קראַנקע, האָט זיך דערהערט אַ הויך געשריי; זי האָט זיך אַ וואָרף געטהון אַ היין. נאָך אַ מינוט, ווידער אַ געשריי אין איך האָב ערקענט איהר אייגען קול: זי רופט מיך, זי רופט, איך הער איהרע געשרייען, איהר יאָמער. מען קען נישט קיין טעות האָבען, ווען עס קומט דער טויט. איך האָב דאָס פערשטאַנען. איך וואַרף זיך אין צווייטען צימער. אויפ'ן בעט איז געלעגען אַ פרוי מיט אָבגעשטעלטע אויגען, אַנ'אָפען מויל וועלכעס האָט אויסגעזעהן ווי אַ פינסטער עפענונג, שוואַרץ נאָך דעם אַרויסגעהן פון דער נשמה. און די הענד זענען לעבענסלאָז אַראָבגעפאַלען אין דער לענג פון איהר קערפּער, ווי דאָס געוועהר פון אַ בעזיעגטען.

שטעלט זיך פאר דעם טויט, עלענד, אונערווארטעט, אהן הילף, אהן א זיי געזונד!

און נאך דעם, אין דעם זעלבען אויגענבליק, איז מיין געליעבטע פרוי, ווי נאך ערנסטער געווארען, נאך בעדייטענדער. זי איז געווען איבערראשענד בלאס, האט אויסגעזעהן ווי א סטאטוע ביי דער טויטערס בעט. די יונגערע שוועסטער האט אהן געדאנקען שטיל אין דעם שטוהל געיאמערט.

נאך דעם, ווי מיין געליעבטע האט אבגעגעבען דער געשטארבענער דעם לעצטען חוב, האט מען געדארפט אוועקגעהן, אויסצופיהרען די פארמאליטעטען: אבגעבען פעראָרדנונגען וועגען בעגראבען, געבען צו וויסען דעם בעאמטען אין אמט־ארט, בעשטעלען טרויער און איבערגעבען די נאהנטסטע קרובים וועגען טויט. זי האט געוואלט אליין אלץ אויספיהרען, זי האט קיינעם נישט געוואלט געטרויען. זי האט מיך נאר געבעטען וועגען איין זאך — בלייבען מיט דער יונגער שוועסטער, וועלכע האט מורא געהאט צו בלייבען אין די האטעל־צימער'ן מיט דער געשטארבענער. דאס לאנגע דאמאלדיגע דעמערונג האבען מיר פערבראכט צוזאמען. און דא קומען מיר צו דער זאנדערבארער אונמעגליכער זייט פון דער געשיכטע. אויף וויפיעל איך האב געהאט כח האב איך זיך בעמיהט צו בערוהיגען די פער'יתום'ט געווארענע, צו מאכען זי ווידער מונטער. נאר די מענשליכע ווערטער זענען אזוי לעער, אזוי פוסט. זי האט דאס געפיהלט און נישט גערעדט. זי האט זיך געזעצט נעבען מיר אין צימער גלייך מיט דעם, וואו אהין מיר ביידע זענען זיך נישט אונטערגעשטאנען אריין־צוגעהן. איך האב געוואלט אנצינדען די לאמפ. זי האט געזאגט „ניין, ס'איז נישט נויטיג; לאזט מיך נישט אליין". זי האט גענומען מיינע הענד אזוי נאר, ווי צום דאנקען פאר מיין מיטלייד, פאר מיין הילף אין אונגליק, פאר דעם, וואס עס האט זיך געפונען א מענש, וועלכער פיהלט מיט איהר עגמת־נפש. זי האט געוויינט און דאן איז זי ענליך געווען צו א קליין קינד. איך האב אויסגעטריקענט איהרע טרעהרען. איין אויגענבליק און איהרע הענד האבען פעסט געדריקט מיינע. איך האב וועגען קיין שלעכטעס נישט געקענט טראכטען. זי האט זיך צוגערוקט צו מיר, האט זיך אנגעלעהנט אויף מיינע פלייצעס, ווי עס וואלט איהר דער קאפ צו שווער געווארען נאך די פערגאסענע טרעהרען. אהן א שום פערלאנג האבען זיך אונזערע האר אנגערירט, אויסגעמישט. וואס פאר א ליידענשאפטליכער אונזין האט אונז פלוצלונג אנגעצונדען?

אין דעם צימער ביי דעם נאָהנטען טויטען־קערפּער האָט זיך איהר געזיכט צוגעבויגען צו מיינס. נאָך דעם האָבען זיך איהרע ליפּען ווי אונוויליג אַריינגעצויגען אין מיינע. ליעבע? אונמעגליך. אין אַזעלכע מינוטען — געשפּאָט! אונגעהויער! און אויסער דעם אין דעם אָבענד־פינסטערניס, אויסגעמישט מיט'ן שאָטען, בין איך געווען עפּיס אונבעשטימט'ס, אַ בילד אָהן אַ נאָמען, הלואי אַ מענשליך־בילד. איך האָב פערשטאַנען, אַז זי רעכענט מיך פאַר גאָרנישט. פאַר איהר איז דאָס נאָר געווען אַ שנעל אונבעדינגט פערגעסען זיך פון דעם זעהר גרויסען ליידען.

זי האָט געוואָלט אַ קוש, ווי אַ נאַרקאָטיש מיטעל, ווי אָפּיום אָדער מאָרפיום. מיט דעם האָט זי זיך פערגעסען, זי האָט מעהר גאָרנישט געוואוסט, זי איז געגאַנגען ביז דער גרענעץ און האָט פערלאָזען זיך זעלבסט.

. . . . . . . . . . . . . . . . . . . .

אַ גרויזאַמע, שרעקליכע סצענע! איך האָב געציטערט, עס איז מיר געווען אַ וויסטע חרפה, אָבער עס איז דאָך נישט מיין שולד געווען!

שפּעטער האָב איך נישט געוואַגט אויף איהר די אויגען אויפצוהייבען. אָבער זי האָט זעהר אַ רוהיגע, אָהן געוויסענס־ביסע, ווידער אָנגענומען דעם רעטזעלהאַפטען קוק, וועלכער איז מיר אויך פריהער בעקאַנט געווען, פון דעם זעלטענעם טרעפען זיך מיט איהר ביי איהר שוועסטער.

ווייטער אַ טיעף גלייכגילטיגקייט צו מיר, ווי עס וואָלט גאָר נישט געהאַט געשעהן. ווירקליך, עס האָט זיך געטראָפען עפּיס מאָדנעס. נאָך איין מאָל האָבען זיך ליעבע מיט טויט פעראייניגט, צונויף־געטראָפען זיך מיט געהיימע פעדעם. דער טויט איז געווען נאָהנט און האָט ערוועקט ליידענשאַפט.

דע־האָרן האָט זיך אויף אַ מינוט אָבגעשטעלט, די איבריגע האָבען געשוויגען. עס האָט זיך געדאַכט, אַז דאָס נישט זעהר גרויסע געסטצימער איז ברייטער, גרעסער געוואָרען: דער אָבענד האָט אָפּגעמעקט, צאַרטער געמאַכט זיינע קאָנטורען.

איילענדיג זיך, ווי ער וואָלט וועלען שנעלער פערענדיגען מיט די ערינערונגען, וואָס זייער ערצעהלען האָט שוין אויף צו־לאַנג צו־געצויגען די אויפמערקזאַמקייט פון די אַנוועזענדע, האָט דע־האָרן צוגעגעבען:

— אַזוי איז דאָס שטענדיג און איבעראַל. דאָס וואָרט ליעבע און דאָס וואָרט טויט געהען אַרויס איינס פון דאָס צווייטע. זיי זענען צוויי קרימונגען פון איין באַרג און איבער דעם האָב איך געזאָגט: „יענער האָט נישט געליעבט, וועלכער האָט נישט פערלאַנגט דעם טויט צוזאַמען מיט זיין

געליעבטע״, ווייל דאָס פּינטעל, וואו עס נעמען זייער אָנפאַנג די קריטמונגען פון באַרג — זענען דער שפּיץ, אָדער דאָס צענטראַלע אָרט פון דער באַרג-פּלעבע; דאָרט נעמען ביידע קריטמונגען זייער אָנפאַנג און דאָרט גיסען זיי זיך צונויף. און ליעבע און טויט זענען אַלעס איינס״.

דע-האָרן איז ענטשוויגען געוואָרען. אין זיינע גראָזע, אַש-קאָליר אויגען זענען די פונקען פערלאָשען געוואָרען. עס איז געוועזען שטיל. דער אַלטער שרייבער איז געוועזען אונענטשלאָסען. זיין ליכטיגער פערשטאַנד, זיין בעאָבאַכטיגונגס-מעטאָד זענען געוועזען קעגען דעם, אַז ער זאָל דערלאָזען אַ מיסטישען אָנפאַנג. וואָלמי האָט געפּרובט שלום צו מאַכען צווישען די צוויי פּאָליוסען.

— יאָ, עס זענען דאָ קרעפטען; עס איז פאַרהאַן אַ געהיימער נישט ערלעזטער נאַטור-ווילען.

מעהר האָט קיינער גאָר נישט געזאָגט.

יעדער האָט געטראַכט וועגען לעבען, וועגען זיין לעבען. פון בריזען סאָד האָט זיך אויפגעהויבען דער וואָהל-געריך פון עבּיגען פריהלינג. אין קליינעם שטיבעל איז געוואָרען באַנגליך; ס'איז געוועזען אינגאַנצען אַרום-געכאַפּט מיט דער אָבענד-פינסטערניס. שאָטענס און שווייגונגען האָבען זיך אויסגעמישט און נאָך אַמאָל, האָט אויסגעוויזען, האָבען זיך פעראייניגט ליעבע און טויט.

חיים.

אלפאנס דאָדע,

# אלעגענדע וועגען אמענשען מיט אגאלדענעם מוח.

געווידמעט א דאמע, וואס בעט פריילעכע מעשיות.

לעזענדיג אייער בריוו, מאדאם, האב איך געהאט א מין געוויסענס-ביסע. איך בין געווען אויף זיך אין כעס פאר דעם האלב-טרויער קאליר פון מיינע מעשה'לעך און איך האב מיר צוגעזאגט אז היינט וועל איך דערצעהלען עפּיס פריילעכעס, עפּיס רעכט פריילעכעס.

און נאך אלעמען, פאר וואס זאל איך טאקי זיין אומעטיג? איך וואוין פאר טויזענד מייל פון די פאריזער חמארעס, אויף א ליכטיג בערג'ל, אין א לאנד פון פויקען און מוסקאט-ווייןן. ארום און ארום מיר איז אלץ לויטער זון און מוזיק; איך האב מיר ארקעסטרעס און כארען פון אלערליי פויגעלעך, אין דער פריה מאכען די בארוואיקעס „קורעלי, קורעלי!“ אין מיט'ן טאג האב איך די היי-פערדעלעך און דערנאך די פאסטוכער, וואס שפּיעלען אויף זייערע פייפעלעך, און די שעהנע שווארץ-חן'עדיגע מיידלעך, וועלכע מען הערט לאכען אין די וויינגערטענער... אין אמת'ען, דער ארט פּאסט ווייניג וואס אויף איבערצוגעבען זיך פינסטערע געדאנקען; גיכער האב איך געדארפט שיקען מיינע דאמען ראזא-פארביגע פּאעמעס און פולע קערב מיט ליעבע מעשה'לעך.

אבער ניין! איך בין נאך צו-נאהנט פון פּאריז. אלע טאג שיקט ער מיר צו שפּריצען פון זיין אומעט ביז אין דער הויך פון מיינע סכך-בוימער... אפילו אט אין דער צייט ווען איך שרייב די דאזיגע שורות קומט מיר אן א ידיעה וועגען טויט פון דעם אונגליקליכען ארעמען שארל באַרבאַרא, און מיין מיהל זעהט דערפון אויס ווי אנ'אבל. זייד געזונד, איהר פויגעלעך און היי-פערדעלעך, עס ליעגט שוין מיר מיין הארץ נישט צו עפּיס פריילעכעס... אט פאר וואס, מאדאם, אנשטאט א שעהנע

לוסטיגע מעשה, וואָס איך האָב מיר צוגעזאָגט אייך צו דערצעהלען, וועט איהר היינט אויך בעקומען נאָר אַ טרויעריגע לעגענדע.

---

עס איז געווען אַ מאָל אַ מענש, וואָס האָט געהאַט אַ גאָלדענעם מוח; יאָ, מאַראַם, אַ מוח דורכאויס פון גאָלד. אַז ער איז געבוירען געוואָרען, האָבען די דאָקטוירים געמיינט, אַז דאָס קינד וועט נישט לעבען, וויַיל זיַין קאָפּ איז געווען זעהר שווער און זיַין שאַרבען אונגעהויער גרוים. פונדעסט־וועגען האָט ער געלעבט און געוואַקסען אויפן זון, ווי אַ שעהנער אייל־בוים; נאָר זיַין גרויסער קאָפּ האָט איהם שטענדיג ווי נאָכגעשלעפּט נאָך זיך, און עס איז אַ רחמנות געווען צו קוקען, ווי ער פלעגט זיך געהענדיג קלאַפּען אָן אַלע מעבעל... ער פלעגט אָפט פּאַלען. איין מאָל האָט ער זיך אַראָבגעקיַיקעלט פון די אויבערשטע טרעפּ און האָט זיך אָנגעשלאָגען מיט'ן שטערן אָן אַ מאַרמאָר־טרעפּ, זיַין שאַרבען האָט דערביַי געהילכט ווי אַ שטיק גאָלד. מען האָט געמיינט אַז ער איז טויט; אַז מען האָט איהם אָבער אויפגעהויבען, האָט מען געפונען נאָר אַ קליינע וואונד און צוויי דריַי טראָפּען פערגליווערט גאָלד אין זיַינע בלאָנדע האָר. אויף דעם אופן האָבען זיך די עלטערן דערוואוסט אַז דאָס קינד האָט געהאַט אַ גאָלדענעם מוח.

די זאַך האָט מען בעהאַלטען בסוד. דאָס אָרעם קינדערלע אַליין האָט פון קיין פּותר חלום נישט געוואוסט.

פון ציַיט צו ציַיט פלעגט ער פרעגען, פאַר וואָס ערלויבט מען איהם נישט מעהר צו שפּיעלען זיך אַרום שטוב מיט די יונגלעך פון גאַס.

— מען וועט דיך גנב'ענען, מיַין שעהנער שאַטץ, האָט יעדעס מאָל די מוטער געענטפערט...

און דאָס קינד האָט גרויס מורא געהאַט מען זאָל עס נישט גנב'ענען, האָט זיך וויַיטער געשפּיעלט אַליין שטילערהיַיט און זיך שווער אַרום־געשלעפּט פון איין צימער אין דאָס אַנדערע...

ערשט צו אַכטצעהן יאָהר האָבען איהם די עלטערן ענטדעקט די משונה'דיגע מתנה, וואָס דער גורל האָט איהם געשענקט; און אַזוי ווי זיי האָבען איהם ערצויגען און מפרנס געווען ביז איצט, האָבען זיי געבעטען דערפאַר אַ ביסעל פון זיַין גאָלד. דאָס קינד האָט זיך נישט געשלאָגען מיט דער דעה; און דער זעלבע מינוט, — ווי אַזוי? אויף אַ מעשה פרעגט מען

קײַן קשיא ניִשט, — האָט ער אַרױסגעריסען פֿון זײַן שאַרבען אַ שטיק גאָלד, די גרױס װי אַ נוס, און האָט עס שטאָלץ אַ שלײַדער געטהון אױף די קניע פֿון זײַן מוטער... דערנאָך, גאַנץ פֿערבלענדט פֿון די רײַכטימער װאָס ער האָט געטראָגען אין זײַן קאָפּ, איבערפֿילט מיט װאונשען, שכּור פֿון זײַן מאַכט, האָט ער פֿערלאָזען זײַן פֿאָטער־הױז און זיך געלאָזען איבער דער װעלט פֿערשװענדעניג זײַן שאַץ.

אַ לעבען האָט ער געפֿיהרט כּיד המלך, פֿערזײַעט זײַן גאָלד ניִשט צעהלענדיג און מען האָט געקאָנט מײנען נאָך דעם נאָך אַז זײַן מוח איז אונערשעפּליך. און דאָך האָט ער זיך ביסלעכװײַז אױסגענומען און דערבײַ זענען די אױגען געװאָרען אַלץ מעהר אױסגעלאָשען און די באַקען — אײנגעפֿאַלען. אַ מאָל, ענדליך, אױף מאָרגען נאָך אַ משוגע־פֿרעהליך צוגעבראַכטע נאַכט, אַז דער אונגליקליכער איז געבליבען אַלײן, האָט ער זיך דערשראָקען פֿאַר דער מורא'דיגער לאָך, װאָס ער האָט שױן געמאַכט אין זײַן גאָלד. עס איז צײַט געװען אָבצושטעלען זיך.

פֿון דער צײַט אָן האָט זיך אָנגעהױבען אַ נײַ לעבען. דער מענש מיט דעם גאָלדענעם מוח האָט זיך דערװײַטערט פֿון דער װעלט, געלעבט מיגיע כּפּיו, ער איז געװאָרען פֿערדעכטיג און אַ פּחדן װי אַלע קאַרגע, האָט געשטיקט זײַן יצר הרע סטאַרענדיג זיך אַלײן צו פֿערגעסען די געהײמניספֿולע רײַכטימער. צו װעלכע ער האָט זיך מעהר ניִשט געװאָלט צוריהרען... צום אונגליק האָט זײַנער אַ פֿרײַנד איהם נאָך־געפֿאָלגט אין זײַן אײנזאַמקײַט, און דער דאָזיגער פֿרײַנד האָט געװאוסט פֿון זײַן סוד.

אַ מאָל בײַ נאַכט האָט זיך דער אָרעמער מענש פּלוצים אױפֿגעחאַפּט פֿון אַ שרעקליכען װעהטאָג אין קאָפּ; ער איז אױפֿגעשפּרונגען אױסער זיך און בײַ אַ שטראַהל פֿון דער לבנה האָט ער דערזעהן זײַן פֿרײַנד, װעלכער איז ענטלאָפֿען בעהאַלטענדיג עפּיס אונטער זײַן מאַנטעל...

נאָך אַ שטיקעל מוח האָט מען בײַ איהם אַװעקגעגנב'עט!...

אין אַ קורצע צײַט אַרום האָט זיך דער מענש מיט דעם גאָלדענעם מוח פֿערליִעבט. און דאָס מאָל איז געװען אַ סוף... מיט די בעסטע קרעפֿטען פֿון זײַן נשמה האָט ער ליִעב געהאַט אַ קלײנע בלאָנדע פֿרױ, װעלכע האָט איהם אױך ליִעב געהאַט, נאָר װעלכער עס זענען נאָך מעהר געפֿעלען געװען זײַדענע סטענגעס, װײַסע פֿעדערן און טונקעל־רױטע קוטאַסעקלעך װאָס צאַפּלען זיך אַזױ שעהן איבער די קאַמאַשלעך.

אין די הענד פֿון דעם דאָזיגען קלײנעם ליִעבען װעזען — האַלב אַ פֿױגעל, האַלב אַ פּופּע, פֿלעגט דאָס גאָלד צוגעהן, אַז עס איז געװען

אַנ'עֶנג צו זעהן. זי האָט געהאַט אַלע קאַפּריזען, און ער האָט קײנמאָל נישט געקענט זאָגען נײן. מורא האָבענדיג צו אָנטהון איהר עגמת נפש, האָט ער אפילו ביז'ן סוף פערבאָרגען פון איהר דעם סוד פון זײַן רײַכטהום.

— מיר זענען דאָך זעהר רײַך? האָט זי אָפּט־מאָל געפרעגט.

און דער אָרעמער מאַן פלעגט ענטפערן:

— אָ! געוויס... זעהר רײַך!

און ער האָט מיט ליעבע געשמײכעלט צום קלײנעם בלויען פױגעלע, וואָס האָט איהם אַזוי אונשולדיג געפּיקט זײַן מוח. דאָך צײַטענווײַז פלעגט אויף איהם אָנפאַלען אַ מורא, און עס האָט זיך איהם געוואָלט זײַן קאַרג, אָבער דאַן פלעגט זײַן קלײנע ווײַבעלע צוגעהן שפּרינגענדיג צו איהם און זאָגען:

— מײַן מאַן, וואָס איז אַזוי רײַך! קויף מיר עפּיס אַ רעכט טײַערע זאַך...

און ער האָט געקויפט אַ רעכט טײַערע זאַך.

אַזוי האָט דאָס געדויערט צוויי יאָהר; דערנאָך איז אין אַ שעהנעם פריה־מאָרגען דאָס קלײנע ווײַבעלע פּלוצים געשטאָרבען, קײנער האָט נישט געוואוסט פאַר וואָס. אָט ווי אַ פױגעלע... דער שאַץ איז כמעט געווען אויס; מיט דעם, וואָס עס איז איהם נאָך איבער־געבליעבען, האָט דער אַלמן געמאַכט פאַר זײַן טײַערן מת אַ פּראַכטפאָלע לויה. די גלאָקען האָבען געקלונגען, די שווערע קאַרעטען זענען געווען מיט שוואַרץ איבערצויגען, די פערד — מיט קאָקאַרדען, זילבערנע פערל אינ'ם סאַמעט — און דאָס אַלץ האָט זיך איהם אויסגעוויזען נאָך צו ווענינ שעהן. אויף וואָס האָט ער איצט בעדאַרפט זײַן גאָלד?... ער האָט עס געגעבען אויפ'ן קלויסטער, די טרעגער, די פערקויפעריגס פון אימאָרטעלן־בלומען; ער האָט עס געגעבען אומעטום נישט דינגענדיג זיך... און אַז ער איז אַרויס פון בית עולם, איז ביי איהם כמעט גאָרנישט געבליעבען פון דעם וואונדערבאַרען מוח. קוים עטליכע שטיקעלעך אַרום די ווענטלעך פון שאַרבען.

און ער איז אַוועק איבער די גאַסען, ווי אַ צוטומעלטער, די הענד אויסגעשטרעקט פאָראויס און שאָקלענדיג זיך ווי אַ שכור'ער. אין אָבענד, אַז די געשעפטען האָבען זיך בעלײַכט, האָט ער זיך אָבגעשטעלט נעבען אַ ברײַטען פענסטער, וואָס עס האָבען געפונקעלט אין די ליכט אַלערלײַ שטאָפען און שמוק־זאַכען, ער האָט לאַנג געקוקט אויף אַ פּאָר בלויע אַטלאַס־שיך אַרומגעלעגט מיט ווײַסען פוך. „איך קען עמעצען וועמען די

שיך וואָלטען פערגניגען פערשאַפט״, האָט ער פאַר זיך געזאָגט מיט אַ שמייכעל, און נישט געדענקענדיג מעהר, אַז דאָס קליין ווייבעלע איז געווען טויט, איז ער אַריין אין קראָם, כדי צו קויפען די שיך.

פון ווייטעסטען ווינקעל פון איהר געשעפט האָט די קרעמערין דערהערט אַ שמערצליכען געשריי; זי איז צוגעלאָפען און איז ערשראָקען אָבגעטראָטען צוריק פאַר אַ מענשען, וועלכער איז געשטאַנען אָנגעלעהנט אָן קאַנטאָר־טיש און האָט קרענקליך געקוקט אַרום זיך. אין איין האַנד האָט ער געהאַלטען אַ פאַר בלויע שיך בעפּוצט מיט ווייסען פוך און מיט דער אַנדערער, וואָס איז געווען אין גאַנצען צובלוטיגט, האָט ער איהר דערלאַנגט קליינע שטיקעלעך גאָלד אויף די שפּיצען פון זיינע פינגער.

אָט דאָס איז, מאַדאַם, די לעגענדע וועגען דעם מענשען מיט דעם גאָלדענעם מוח.

---

איך דוכט זיך, אַז דאָס איז נישט מעהר ווי אַ פאַנטאַסטישע מעשה, אין אמת׳ן אָבער איז די לעגענדע ריכטיג פון אָנהויב ביז׳ן סוף... עס זענען פאַרהאַן אויף דער וועלט אָרעמע מענשען וועלכע עס זענען פער־משפּט צו לעבען פון זייער מוח און פאַר יעדע קלייניגקייט פון לעבען בע־צאָהלען זיי מיט טייערן פיינעם גאָלד — מיט זייער מאַרך, מיט זייער נשמה. דאָס איז פאַר זיי אַ טאָג־טעגליכער וועהטאָג; און דערנאָך אַז זיי מידען זיך אָין צו ליידען...

איבערזעצט פון פראַנצויזישען ר. צ.

מאריסע פרעווא.

# די סטאטוע.

דער פראנצויזישער דעפארטאמענט זשער איז דער לעצטער צוגעשטאנען צו דער רעפובליק. לאנג האט דארט געהערשט נאפאלעאן־באנאפארט'ס גייסט. ביז די לעצטע וואהלען צום פארלאמענט פלעגען דארט אויסגעקליבען ווערען קאנדידאטען, וואס זענען געשטאנען פאר א באנאפארטיסטישע מאנארכיע אין פראנקרייך. און איצט אפילו, ווען דאס רוב קאנדידאטען זענען בפירושע רעפובליקאנער, זענען דאך פערהאן נישט ווייניג שטעדטלעך, וואו אין די מאגיסטראטען זיצען דורכאויס באנאפארטיסטען.

אויף די לעצטע וואהלען אין מאגיסטראט האט זיך סוף כל סוף איינגעגעבען ארויסצוטרייבען דאס שטעדטעל פעלוגא, האנדאמער ראיאן, — ווי די דארטיגע צייטונגען האבען געשריבען — פון די הענד פון דער רעאקציע. צו פערדאנקען האט מען עס געהאט עפיס איינעם דעלאטוש'ן, א גרויסען בראנפען־ברויער, וואס האט זיך ערשט נישט לאנג געהאט בעזעצט אין דעם קאנט. — א מענש, וואס איז נישט קארג געווען — נישט אויף געלד און נישט אויף דריקען יענעם די האנד.

דעלאטוש איז געווען שטארק אויפגעטראגען מיט די גרעסטע בעאמטע אין פאריז. דורך זיין שתדלנות האט דאס שטעדטעל פעלוגא, וואס איז געשטאנען שטאהל און אייזען פאר א באנאפארטיסטישע מאנארכיע, בעקומען: פון מיניסטער פאר רעליגיעזע ענינים פיער טויזענד פראנק אויף צו פערריכטען די קירך, פון מיניסטער פאר פאלקס־בילדונג — געאגראפישע קארטען אויף צו בעפוצען די ווענד פון דער שול פאר מיידלעך, און פון מיניסטער פאר לאנדווירטשאפט — טויזענד פינף הונדערט פראנק פאר די, וואס האבען געליטען פון האגעל...

דעלאטוש, וואס איז נאך נישט געווען נישט קיין מער, נישט קיין מאגיסטראט־ראטה, האט דאס גאנצע געלד בעקומען ארייגעשיקט פון פאריז. ער האט נאר בעדארפט אנשרייבען וועגען דעם עטליכע ווערטער

צו צוויי חברים זיינע, סטאַלאַנטשאַלניקעס און עטליכע מיניסטעריומס, און עס האָט אָנגעהויבען רעגענען מיט אָפיציעלע נדבות. דאָס האָט גענומען די איינוואוינער פון פעלוגאַ זיך אַ ביסעל פערטראַכטען, און נאַפּאָלעאָנ'ס ליבטיגער שטערן האָט ביי זיי אָנגעהויבען טונקעל ווערען. זיי האָבען אָנגעהויבען חלומ'ן וועגען דורכפיהרען ביי זיך אין שטעדטעל אַנ'אייזענבאַהן, אויף אַריבערצוברענגען — אין דער צייט פון שלום — אייער, הייננער, פרוכטען און ווייַן, — די הויפּט-פּראָדוקטען פון פעלוגאַ.

דרעלאַטוש האָט צוגעזאָגט סטאַרען זיך וועגען דעם, אויב נאָר מען וועט איהם אויסקלויבען פאַר אַ מאַגיסטראַט-ראַטה.

מיט אַ גרויסער מעהרהייט שטימען איז ער געווען אויסגעקליבען, און איינאיינעם מיט איהם — אויך די איבריגע קאַנדידאַטען פונ'ם רעפּובליקאַנער צעטעל. מען האָט איהם בעשטימט פאַר אַ מער. דער ערשטער געהילף זיינער איז געווען דער שטיינהאַקער בערושאַ, דער צווייטער — דער טראַקטירשטשיק ניקאַס.

* *
*

די ערשטע אָפיציעלע צייטונגען האָבען מיט אַ רוהיגער, געלאַסענער שמחה אָנגעוויזען אויף דעם פרעהליכען פאַקט. „בכלל — האָבען זיי געשריבען וועגען די רעזולטאַטען פון די וואַהלען — איז דאָס געווען אַ וואונדער-שעהנער טאָג פאַר די רעפּובליק“. די רעאַקציאָנערע צייטונגען האָבען, פערקעהרט, געלאַכט פון דער גאַנצער מעשה. די פעלוזשאַנער — האָבען זיי געמ'טענה'ט — זענען דורכגעטריבענע יונגען, דער עיקר דערשלאָגען זיי זיך נאָר אַ אייזענבאַהן און דער ערשטער צוג, וואָס וועט אָבפיהרען זייערע פויגלען און פרוכטען אויף רייכע מערק, וועט אוועקפיהרען מיט זיך אויך זייערע רעפּובליקאַנישע אידעען.

מען בעדאַרף פונדעסטוועגען מודה זיין, אַז אַ חוץ דעם מער זענען די מיטגלידער פונ'ם נייעם מאַגיסטראַט נישט געווען אַזוינע הייסע חסידים פון דעמאָקראַטישע אַנשטאַלטען. זיי פלעגען נישט ליעב האָבען אָפען אַרויסוויזען זייערע נייע איבערצייגונגען, און עטליכע פון זיי פלעגען זיך פשוט שעמען, אַז מען פלעגט זיי אין די אויגען אָנרופען רעפּובליקאַנער. דאָס האָט זיך אַרויסגעשטעלט שוין באַלד אויף דער ערשטער זיצונג פון מאַגיסטראַט.

דער קאַסין פונ'ם בעראַטונגס-זאַל איז געווען פערפוצט מיט אַנ'אַל

טען אָבגעריבענעם ביוסט. דאָס איז געווען דער ביוסט — פון וועמען וואָלט איהר געמיינט? — פון נאַפּאָלעאָן דעם דריטען. יאָ... דעם קייזער'ס ביוסט. דעם ביוסט פונ'ם „טיראַן" האָט מען פערשווינט דעם 4-טען סעפּטעמבער, ווייל דאָס האָט נישט בעליידיגט קיינעמ'ס געפיהלען אין שטעדטעל. שפּעטער אַהין האָבען איהם די מיטגליעדער פון מאַגיסטראַט מיט גרויס כבוד אָבגעהיט, כּדי דערמיט צו ווייזען, אַז זיי בלייבען טריי דעם אַלטען רעזשים. און אַזוי ווי פּעלוגאַ איז געווען אַ זעהר אָרעם און פערוואָרפען שטעדטעל, וואו קיינער פון די הויכע בעאַמטע איז קיינמאָל אַהינצו נישט פערפאָהרען, — האָט קיינער פון אַזאַ אום-כבוד פאַר דער רעפּובליק זיך נישט דערוואוסט.

אויף אַזאַ אופן איז אין פינף-און-צוואַנציג יאָהר אַרום, נאָך דעם, ווי עס איז אין פראַנקרייך געוואָרען אַ רעפּובליק, — דער ביוסט מיט'ן בריי-טען שטערן, מיט דער שפּיציגער נאָז און מיט'ן שטרענגען אויסדרוק אויפ'ן פּנים — דער ביוסט מיט די וואָנצען און מיט'ן בערדל פון נאַפּאָלעאָן דעם דריטען — נאָך אַלץ געשטאַנען אין דער קליינער קהלה פון פראַנקרייך, אינ'ם מאַגיסטראַט-זאַל.

— מיינע העררען און טייערע בירגער, — האָט געזאָגט דעלאַטוש, ווי נאָר די פערזאַמלונג האָט זיך געעפענט: פריהער פון אַלץ איז נויטיג אָבשאַפען דעם ביוסט, וואָס בעליידיגט אַזוי טיעף אונזערע בעסטע גע-פיהלען.

די ווערטער זענען אויפגענומען געוואָרען נישט גאָר שטאַרק וואַ-רעם... עס איז געבליבען, אַוועקנעהמען נאַפּאָלעאָן דעם דריטענ'ס ביוסט און עס אַוועקשטעלען אויפ'ן בוידעם פון מאַגיסטראַט. נאָר אַז דער מער האָט פאָרגעלעגט בעשטימען די נויטיגע סומע געלד, וואָס עס דאַרף קאָס-טען בעשטעלען אַ ביוסט פאַר דער רעפּובליק, — זענען אַלע מיטגליע-דער ווי איין מענש, אַרויסגעטרעטען ג ע ג ע ן דעם.

— רבותי, הונדערט פראַנק אויף אַ גיפּסענעם ביוסט, — האָט אויסגעשריען ניקאָס: די קהלה איז גאָרנישט אַזוי רייך בעזונדערס איצט נאָכ'ן האָגעל.

— אויב דער רעגירונג ווילט זיך זעהר, אַז אונזער קאַמין זאָל זיין פערפּוצט מיט'ן ביוסט פון א י ה ר רעפּובליק, טאָ זאָל זי עס אונז אַליין געבען, — האָט געזאָגט בערושאָ.

אויפגערעגט פון אַזאַ עקשנות און זעהענדיג, אַז ער וועט דאָ מיט זיי גאָר נישט מאַכען, האָט דער מעהר מודיע געווען, אַז ער נעהמט אויף זיך

צו באַצאָהלען פֿון דער אײנער קעשענע — פֿאַר׳ן ביוסט. דאַמאָלס װעגען אַלע באַלד צוגעשטאַנען צום מער׳ס פֿאָרשלאַג.

דער מאַגיסטראַט האָט באַשלאָסען אַרויסזאָגען זײַן טיפֿען דאַנק דעם מער. מען האָט טעלעגראַפֿיש אָבגעשיקט אַן אַדרעס דעם קאָנדאָמער װיצע־גובערנאַטאָר און געבעטען איהם קומען אין צװײ װאָכען אַרום, זונטאָג, בעת װען מען װעט שטעלען דעם דענקמאָל. פֿונפֿצעהן פֿראַנק האָט מען באַשלאָסען אויסגעבען אויף צו אילומינירען, אין׳ם טאָג פֿון יום־טוב, דעם „פֿרײַהײַטס־פּלאַץ” און אויף צו באַצאָהלען די כּלי־זמר פֿאַר די טענץ... דעם ביוסט האָט מען באַשטעלט בײַ אײנער אַ ספּעציעלער פֿירמע אין פּאַריז. אַלע װעגען זיך פֿונאַנדערגעגאַנגען זעהר האַרציג.

נאָך האַלבען טאָג האָט דער װיצע־גובערנאַטאָר אָבגעענטפֿערט אויף דעם מער׳ס טעלעגראַם:

„איך װעל זײַן גליקליך פֿערברענגען אינאײנעם מיט אײַך דעם יום־טוב פֿון דער װאָהלער און ליעבער קהלה פּעלונאַ, װאָס האָט זיך סוף כּל סוף אַרויסגעריסען פֿון די נעגעל פֿון דער רעאַקציע”.

* *

*

אין פֿינף טעג אַרום האָט דער מער בעקומען אַ ידיעה אַז דער ביוסט איז שוין אָנגעקומען אויף דער סטאַנציע גאַבאַרי, מיט װעלכער די פּעלוזשאַנער האָבען זיך בײַז־װאָס־װען, ביז מען װעט דערענדיגען בויען בײַ זײ די אײַזענבאַהן, בענוצט. פֿון פּעלונאַ ביז גאַבאַרי איז אַ קילאָמעטער דרײַצעהן. דער מער האָט פֿאָרגעלעגט זײַנע געהילפֿען, אינאײנעם מיט איהם פֿאָהרען ברענגען דעם ביוסט!

אָנגעקומען אויף דער סטאַנציע, האָט מען זײ בעװיזען אַ לענגליכען קאַסטען, װאָס אויף פֿיער װינקלען איז געװען אָנגעשריבען אַן אות „פּ” (פּאָרזיכטיג) מיט אַן אויפֿשריפֿט: „ברעכעדיגס”. זײ האָבען שוין געװאָלט אַרויפֿנעמען דעם קאַסטען צו זיך און אָבפֿאָהרען, — דער פֿערװאַלטער פֿון דער סטאַנציע האָט זײ אָבער אָנגעװיזען דערויף, אַז ס׳װאָלט זעהר גלײַך געװען, אויפֿעפֿענען פֿריהער דעם קאַסטען און אַ קוק טהון, אויב ס׳איז אַלץ אין אָרדנונג. נאָך דעם, װי דער פּאָסט־פּאַקעט איז שוין אָבגענומען, האָט ער ערקלערט, איז די אײַזענבאַהן־פֿערװאַלטונג ניט פֿער־אַנטװאָרטליך...

מעגליך, אַז ער איז נאָר אויס׳ן געװען גלאַט אַזױ, פֿון נײַגיריגקײט

וועגען, אַ קוק טהון, וואָס אין קאַסטען געפינט זיך. מעגליך, גאָר אַז ער האָט געוואוסט, דאָס דער אַגענט זײַנער איז זיך נישט ווי־גוטיג־אין בעגאַנגען מיט'ן קאַסטען און האָט זיך אַליין געוואָלט איבערצײַגען דאַרין. אַזוי צי אַזוי — מען האָט איהם געפאָלגט און אויפגעעפענט דעם קאַסטען.

אין קאַסטען איז געלעגען אַ סך שטרוי און פּאַפּיר, אויסגעמישט אינאיינעם מיט שטיקלעך גיפּס. דער ביוסט איז געווען צובראָכען פון אַ בעקומענעם קלאַפּ. גאַנץ נאָר איז געבליבען דער פּיעדעסטאַל, דער פוס, אויף וואָס דער ביוסט האָט זיך געהאַלטען. אויף איהם זענען אין אַ האַלב־רונדען קראַנץ פון לאָרבער־בלעטער געווען אָנגעצייכענט צוויי אותיות „פּ. ר.‟ (פראַנצויזישע רעפּובליק).

אויף ניקאָס'ן האָט עס געמאַכט אַ געוואַלטיגען אײַנדרוק. בערושאָ, פערקעהרט, האָט אין זיך חוזק געמאַכט פון דער גאַנצער מעשה און טיעף אין האַרצען איז ער געווען זעהר צופריעדען דערפון, ווײַל ער האָט געטראָגען אַ קנאה־שנאה אויפ'ן מער.

דעלאַטוש האָט אָבער גאַנץ געלאַסען אַ זאָג געטהון:

— אָהן סכנות; די אײַזענבאַהן־פערוואַלטונג איז פעראַנטוואָרטליך. זײַט מוחל, הערר פערוואַלטער, און פערשרײַבט עס בײַ אײַך אין בוך.

די גאַנצע וואָך נאָך דעם האָט מען אין פּעלוגאַ זעהר שאַרף גערעדט וועגען דעם. די רעאַקציאָנערען זענען געווען אויפ'ן זיעבטען הימעל. דער גלח האָט אין אַ דרשה אָנגעוויזען, אַז דאַרין איז צו זעהן גאָט'ס פינגער. בערושאָ ווידער האָט פון גאַנצען האַרצען געוואונשען, אַז די אײַזענבאַהן־פערוואַלטונג זאָל דעלאַטוש'ן דאַרין אָבזאָגען און קיין נײַעם ביוסט נישט צו־שטעלען. ער האָט זיך אָבער גענאַרט, פון גאַבאָרי איז באַלד דערויף אָנגעקומען אַ קוויט, אַז ס'האָט זיך בעקומען אַ צווייטער קאַסטען. די מיט־גליעדער פון מאַגיסטראַט זענען באַלד אַוועקגעפאָהרען אויף דער סטאַנציע און מען האָט ווידער אויפגעעפענט דעם קאַסטען פאַר דעלאַטוש'ן, בערושאָ'ן און ניקאָס'ן אין די אויגען.

אַרויסגענומען פון דאָרטען דאָס שטרוי און דאָס פּאַפּיר, — האָט אַפילו דער פערוואַלטער פון דער סטאַנציע זיך נישט געקאָנט אײַנהאַלטען נישט אַ געשרײַ צו טהון פון גרויס התפעלות. אַ פּרעכטיג־שעהנער ביוסט מיט אַ גאַנצען, נישט־צוקאַליעטשעטען פּנים איז געשטאַנען פאַר זיי און מיט דער גאַנצער ווײַסקײַט זײַנער, וואָס האָט געבלענדט די אויגען, האָט ער ווי געקוקט צום הימעל. דאָס איז נישט געווען איינע פון יענע עלענדע פיגורען

מיט אַ נאַרישען פּנים, וואָס שטעלען־פאַר די רעפּובּליק און וואָס מען קאָן אין דער אייגענער צייט עס אָננעמען פאַר אַ דענקמאָל פון פרייהייט, צי פון ערד־אַרבּייט אָדער גאָר פאַר די שטאָרט רוען. דאָס איז געווען אַ רעפּובּליק מיט אַ פּנים, וואָס האָט אויסגעדריקט מוטה און ענערגיע, מיט ציטערנ־דיגע נאָזלעכער און אַ בּעפעהלענדען אויסדרוק אויף די ליפּען. דער קאָפּ איז געווען בּעפּוצט מיט אַ גריכישער היטב און דער פונקענדער געלאָזטער מאַנטעל האָט אויף אַ העלפט אָבּגעדעקט דעם רונדען האַלז, וואָס האָט, דוכט זיך, געציטערט פון רעוואָלוציאָנערן אָטעמען.

מען האָט פערדעקט דעם בּוסט מיט שטרוי און פּאַפּיר, אַוועקגעשטעלט דעם קאַסטען אויפ'ן וואָגען, און דערנאָך אין פעלוגער בּעראַטונגס־זאַל!

אַז אַלע מיטגליעדער זענען זיך צונויפגעקומען און דער מער האָט פאַר אַלעמען אין די אויגען געוואָלט אַרויסנעהמען דעם בּוסט פונ'ם שטרוי אויפ'ן קאַמין, — איז געשעהן עפּיס שרעקליכעס, ס'איז געשעהן אַזוינס, אויף וואָס מען האָט זיך פריהער גאָרנישט געקאָנט ריכטען: דער בּוסט איז צופאַלען געווען אויף דריי שטיקער. דינע שפּאַלטען, וואָס קיינער האָט פריהער נישט בּעמערקט, האָבּען דורכגעשניטען דעם בּוסט, איין שפּאַלט — אין סאַמע מיטען שטערן, דער צווייטער — פונקט אַרום האַלז.

ווי צוגעשמידט צום אָרט איז דעלאַטוש שטעהן געבּליבּען, און אָהן אַ וואָרט אויף די ליפּען האָט ער געקוקט אויף די דריי שטיקער פון זיין רעפּובּליק. מען האָט געקאָנט קלערען, אַז עפּיס אַ געהיימער אָנפאַל איז געמאַכט געוואָרען אויפ'ן קרבּן אין דער אייגענער צייט, ווען מען האָט איהם, דעם בּוסט, אויסגעגאָסען. נאָר וואָס טהוט מען איצט? די איזענ־בּאַהן־פערוואַלטונג וועט נישט איינגעהן בּעשטעלען אַ נייעם בּוסט. און ווער ווייסט, אויב דער אַנדערער בּוסט וועט אויך נישט אָנקומען אַ צוּבּראָכענער. שוין גלייכער, זיך איינגאַנצען אָבּזאָגען פון צו שטעלען אַ דענקמאָל... אָנשרייבּען דעם גובּערנאַטאָר וועגען דעם... דערצעהלען איהם פונ'ם אומגליק...

דער שטיינהאַקער בּערזשאָ, וואָס האָט גוט בּעטראַכט דעם בּוסט, האָט, קראַצענדיג זיך פון הינטען אין קאָפּ, אַ זאָג געטהון:

— האַ... ווען מען לאָזט מיך וואָלט איך איהם פעררעכט ווי נויטיג איז.

— איהר וואָלט עס געקאָנט נעהמען אויף זיך, בּערזשאָ? —

האָט דער מער אויסגעשריִען און איהם אָנגעכאַפּט פאַר ביידע הענד,

— ס'קאָן זעהר געמאָלט זיין... אַלע שטיקער זענען גאַנץ... עס פעהלט דאָרט גאָרנישט... איך וועל זיי צונויפשטעלען אינאיינעם, און אינווייניג וועל איך אַריינשטעלען אַ שטעקעל... און פערגיסען מיט גיפּס... ס'וועט נאָך האַלטען שטאַרקער ווי פריהער...

אַזוי איז אויך געבליבען. מען האָט דעם ביוסט אָבגעגעבען בערושאַ'ן און ער האָט איהם אָבגעטראָגען צו זיך אַהיים.

אין אָבענד האָט בערושאַ געבראַכט דעם ביוסט שוין אַ פערריכטען. די שפּאַלטען זענען מעהר נישט געווען צו מערקען. מען האָט דעם ביוסט אַרויסגעשטעלט אין פאָדער-צימער פון מאַגיסטראַט, וואו יעדער האָט געקאָנט איהם קומען אָנקוקען. דעלאַטוש, וואָס האָט פאַר'ן ביוסט געהאַט בעצאָהלט פון דער אייגענע קעשענע, און בערושאַ, וואָס האָט דעם ביוסט פערריכט, האָבען מיט איינאַנדער זיך געטיילט זייער פרייד. בעקוקען דעם ביוסט זענען אויך געקומען די רעאַקציאָנערען. דער פרישער גיפּס, גאָר וואָס אַריינגעגאָסען אינווייניג אין ביוסט, האָט פון זיך אַרויסגעגעבען אַ שוועבעל-גערוך.

— עפּיס שמעקט זי נישט גוט, אייער רעפּובליק, — האָט דער גלח אַריינגעוואָרפען אַ שפּילקע.

אויפ'ן דריטען טאָג איז דער גערוך פערשוואונדען. נאָר אין אָבענד איז ווידער פאָרגעקומען עפּיס שרעקליכעס. דאָס פּנים און די ברוסט פון דער רעפּובליק זענען געווען צופּלאַצט אין אַלע זייטען. די קליינע שפּאַלטען זענען אַלץ ברייטער געוואָרען. דעם מער'ס סעקרעטאַר איז אַ פערצווייפעלטער אַוועקגעלאָפען צו בערושאַ'ן.

— נעהמט זיך נישט צום האַרצען, — האָט איהם דער שטיינהאַקער בערוהיגט: דאָס איז דער גיפּס, וואָס טריקענט דאָרט איצט אינווייניג אויס און בלאָזט זיך אויף... מען בעדאַרף אָבוואַרטען, ביז ער וועט אינגאַנצען אויסטריקענען, דעמאָלס וועל איך פערשמירען די שפּאַלטען.

די ידיעה וועגען דעם אומגליקליכען צופאַל האָט זיך פערשפּרייט איבער דער גאַנצער קהלה און די באַנאַפּאַרטיסטען האָבען ווידער געהאַט פון וואָס צו לאַכען.

— זי פּלאַצט שוין, זייער רעפּובליק, — האָט געזאָגט דער גלח, רייבענדיג זיך די הענד: זיי וועלען נישט קאָנען אָבהאַלטען זייער יום-טוב.

מען האָט זיך אָנגעהויבען דורכוואַרפען מיט שטעך-ווערטלעך. בײַ

ניקאַם'ן אין הויז איז געקומען צו אַ געשלעג. נאָר בערזשאַ האָט געהאַלטען וואָרט. דער ביוסט איז אויף גיך געווען פערריכט, געבליבען זענען נאָר עטליכע מאָרנע ליניעס אויפ'ן פּנים. בכלל אָבער איז דאָס געווען נישטקשה פון אַ רעפּובליק. דער טאָג, ווען מען האָט דעם דענקמאָל בעדאַרפט שטעלען איז געבליבען דער איינער — דער קומענדיגער זונטאָג. כדי צוצוגעבען מעהר שעהנקייט, מעהר אויסזעהן דער צערעמאָניע, האָט מען דעם ביוסט בעדעקט מיט אַ לייווענטענעם ציכעל. דער וויצע-גובערנאַטאָר אַליין האָט געזאָלט אַראָבנעהמען דאָס ציכעל.

* *
*

מיט אַ טאָג פריהער פאַר דער צערעמאָניע איז בערזשאָ, אַ פּערזאָרגטער געקומען צום מער.

— מען וואָלט אפשר בעדאַרפט געהן אַ קוק טהון אויף די רעפּובליק? ס'קאָן זיך טרעפען, עס זאָלען זיין צוגעקומען נאָך עטליכע שפּאַלטען?

דעלאַטוש איז דערויף איינגעגאַנגען. אַוועק ביידע אין בעראַטונגס-זאַל און אַראָבגענומען דאָס ציכעל, — האָבען זיי דערזעהן אַ שרעקליך בילד: דאָס גאַנצע פּנים ביי דער רעפּובליק, דער האַלז און די גריכישע הויב זענען געווען בעדעקט מיט גרינע בלעזלעך און ערד-פלעקען. דער ביוסט האָט אויסגעוויזען ווי אַ פיגור פון אַנ'אַנאַטאָמישען מוזעאום, אַ פיגור, וואָס שטעלט פאָר אַ הויט-קראַנקהייט. דער מער מיט זיין געהילף האָבען מיט יאוש און שרעק געקוקט איינער אויפ'ן צווייטען.

— קאָן מען עס אַראָבנעהמען? — האָט געפרעגט דעלאַטוש.

— פאַר קיין פאַל נישט! — האָט בערזשאַ געענטפערט. דאָס געהט זיך פון אינוועניג... דאָס איז פּונקט דאָס איינענע וואָס שימעל אויף אַ שטיינערנער וואַנד.

— צו אַלע רוחות! — האָט אויסגעשריען דעלאַטוש: אויף אַזאַ אופן איז אונזער גאַנצער אויפטהו — בוידעם. זיך אַרויסרוקען מיט אַזאַ מין שיינדעל הייסט — זיך אַליין אין פּנים שפּייען. שולדיג אין אַלעם דעם זענט איהר, בערזשאַ... ווען איהר וואָלט נישט אַזוי שלעכט פערריכט דעם ביוסט!... איצט איז אונז אפילו קיין צייט נישט איבערגעבליבען אויף צו בעשטעלען אַנ'אַנדער ביוסט.

בערושא האט מיט א פערשולדיגט פנים דעם קאפ אראבגעלאזט. פלוצלונג האט אין איהם אויפגעבליצט א געדאנק.

— יא, מיט דער דאזיגער רעפובליק איז עפיס א שוואכע מעשה. עס בלייבט נאר — זי צושטויסען און מאכען דערפון גיפס. ווי איז, א שטיינער, ווען מען זאל נעהמען יענעם, דעם אנדערן ביוסט, דעם קיזער׳ס ביוסט... ער שטעהט אויפ׳ן בוידעם... ער איז נאך גאנץ גוט...

— דעם קייזער׳ס ביוסט? איהר זענט פון זינען אראב! איהר ווילט, הייסט עס, אז דער וויצע-גובערנאטאר פון דער רעפובליק זאל שטעלען אלס דענקמאל נאפאלעאן דעם דריטען׳ס ביוסט?!

— ניין, גישט דאס, לאזט מיר דאך ענדיגען! מען קאן איהם א ביסעל איבערמאבען, אט דעם קייזער. מען וועט קאנען אראבנעהמען זיינע וואנסען, דאס בערדל... מען וועט איהם קאנען אנטהון אויך אזא מין הויב, פונקט דאס אייגענע, וואס אט ביי דעם... איך וועל אליין מאבען ווי נויטיג איז.

דער מער האט אנגעהויבען רעדען אנטקעגען. ער האט מעהר שוין נישט געגלויבט אין בערושא׳ס טאלענט.

— קלערט איהר טאקי אין דער אמת׳ן, אז אפילו מיט א גריכישער הויב אויפ׳ן קאפ וועט נאפאלעאנ׳ס ביוסט אויסווייזען, ווי א ביוסט פון דער רעפובליק?

— הם! גאט מיינער? — האט אויסגעשריען בערושא: ווער האט עס זי געזעהן, אייער רעפובליק? איך, איהר, דער וויצע-גובערנאטאר? יעדער ביוסט קאן אראב פאר א רעפובליק.

מיעד פון אויפרעגונג איז דעלאטוש מרוצה געווארען. דער מער האט אבגערעדט מיט זיין געהילף, אז דאס בלייבט א סוד, כדי עס זאל נישט קומען צו א סקאנדאל.

בערושא האט ארויפגעטראגען דעם גיפס אויפ׳ן מער׳ס בוידעם. א גאנצען טאג האט ער געארבייט און זיך געסטארעט, אויף וויפיעל מעגליך, אז נאפאלעאן דעם דריטענ׳ס ביוסט זאל זיין ענליך צום ביוסט פון דער רעפובליק. ערשט אין אבענד איז עס פארטיג געווארען. ער איז אוועק צום מער און איהם בעוויזען זיין ארבייט.

אודאי, מיט׳ן ברייטען שטערן, מיט דער שפיציגער נאז און מיט די איינגעפאלענע באקען האט בערושא׳ס רעפובליק אויסגעוויזען עפיס משונה-ווילד, נאר די גריכישע הויב, וואס איז געווען אויסגעאסען רייב-

טיג נאָך דער מאָדעל, האָט פערדעקט אַלע פּעהלערן. דער מער האָט זיך ניט געקאָנט איינהאַלטען און אַ זאָג געטהון:

— עס איז דאָך טאַקי גאַרנישט אַזוי שלעכט אַרוים, אייער ביוסט! איהר האָט אַ טאַלענט, בערזשאָ, מזל טוב אייך!

בערזשאָ האָט שמייכלענדיג אָבגעענטפערט:

— איך האָב געטהון אַלץ, וואָס איך האָב געקאָנט.

ער האָט אַרייַנגערוקט דעם מער אין האַנד אַ קליין פּעקעל, איינגעוויקעלט אין אַ שטיקעל צייַטונגס-פּאַפּיר.

— בעהאַלט עס, העדר מער; דאָס קאָן אונז נאָך אַ מאָל צו-נוץ קומען.

— וואָס איז דאָס אַזוינס? — האָט דעלאַטוש פערוואונדערט אַ פרעג געטהון.

בורזשאָ האָט איהם אָבגעמאָסטען מיט זייַנע קליינע, לאַכענדיגע אויגען און געענטפערט:

— דאָס איז דעם קייזער'ס באָרד און וואָנסען; איך האָב זיי זעהר פאָרזיכטיג אַראָבגענומען, פּונקט ווי מיט אַ ראַזיר-מעסער... איז אַזוי, הייסט עס... אויב... אויב די איצטיגע רעפּובליק... איהר פערשטעהט וואָס איך מיין?... אויב זי זאָל פּלוצלונג ווערען אוים רעפּובליק און ס'וואָלט פון ס'ניי געוואָרען אַ מאָנאַרכיע... ווייסט איהר, וואָס איך טהו דענסטמאָל? איך נעהם אַראָב די פּאַפּיערענע הויב פון ביוסט... קלעפּ ווידער אָן דאָס בערדל מיט די וואָנסען... און פאַרטיג. מיין קייזער'ס ביוסט שטעהט ווידער מיט זייַן גאַנצער פּראַכט אויפ'ן קאַמין און דער קהלה וועט עס אַ גראָשען ניט קאָסטען.

## LXII.

כ׳בין מעהר פון דיכטערס גרעסערע בעגליקט;
זיי איז בעשערט געווען זיין ווייט פון דיר,
איך אָבער האָב די היילינקייט ערבליקט,
וואָס מאַנכער אונגעזעהן ריהמט אָהן שיעור.
נאָר אַך! אפאָללאָ וואהנט שוין ניט אין איהר,
דער מוזען-זיטץ איז זייער קבר צינד;
דאָך הויכט נאָך דאָרט דער גייסט פון אַלטען ציער
בעהאַלטען אינ׳ם הויהל און זיפצענדיג אין ווינד,
און רעדט ליעבליך אין אין קוואל וואָס מורמעלט לינד.

## LXIII.

פון קוואל נאָכהער — אָ, פון מיין מיטען ליעד
האָב איך צו דיר מיט עהרפורכט זיך געקעהרט;
פערגיסען שפּאַניען, וואו די העלדין בליהט,
וואָס יעדע פרייע זעעל אַזוי פערעהרט, —
בעגריסט דיך — טרעהרען רינען נישט פערוועהרט!
צינד צו מיין ליעד — נאָך בעט איך — שייד איך קוים,
שענק מיר פון בארג, דעם היילינגסטען אויף דר׳ערד,
אַן אנדענקען — אַ בלאַט פון דאַפנע׳ס בוים;
און לאָז מיין האָפנונג נישט אויסגעהן ווי אַ טרוים.

## LXIV.

האָסט קיינמאָל, שעהנער באַרג, אין אלטער צייט
געזעהן רונד זיך אַ פרעכטיגערן כאָר,
אויך איז אין דעלפי, ווען אין היילינקייט
פ׳עגט פיפיאַ דאָרט טרוימען אויפ׳ן וואָהר, —

געװיזען אַ מײדבענקראַנץ , װי אײנציג נאָר
אין אַנדאַלוזיען דעם דיכטערס האַרץ דערפרעהט , —
דעם הײסען זעהנזוכט צוױבער שטעלט ער פאָר .
אַך , װאָלט אין לאַנד נאָר שלום זײן פערשפּרײט !
װי הײנט אין העללאַס נאָך , אַבגלײך איהר רוהם פערגעהט .

---

LXV.

שעהן איז סעװילאַ ! דאָך װי שטאָלץ , און אַלט ,
און רײך , און מעכטיג זאָל נישט זײן איהר לאַנד , —
איז קאַדיקס , װאָס פון ים הויבט זײן געשטאַלט ,
דורך מעהר אַן אַנגענעהמען רוף בעקאַנט .
אָ , אונצוכט ! װינקסט פערפיהריש מיט דער האַנד
און קײנער װאָס זײן יוגענד־בלוט נאָך ברויזט ,
איז פון דײן צױבער אָבשטעהן נישט אימשטאַנד ;
די שלאַנג אין מלאך װאָס נאָך יעדען לױשט ,
און רײצט אויף זײן בעגעהר און לאָקסט איהם און בערױשט .

---

LXVI.

זינט פּאַפּהאָס איז פערדרענגט — די צײטען פלוכט —
האָסטו דיך אונטערגעבען , מעכטיגע קעניגין !
האָט זיך אַנ'אַנדער װאַרעם לאַנד געזוכט :
דו , װענוס , תמיד נישט געשטעלט אין זין
ביזט דאָך דעם ים געטרײ — אַװעק אַהין
דײן טעמפּעל בויען צװישען קאַדיקס װענד ;
דאָך נישט בלויז אײן אַלטאַר געשטעלט האָסט דרין
פאַר די װאָס האָבען זיך צו דיר געװענדט : —
קרבנות האָבען דאָרט אויף טױזענטער געברענט .

---

## LXVII.

פון פריה ביז נאַכט און ביז דער אָבענד קומט ,
און טרעפט דאָס יובלען אָן דערשראָקען בלאַס ,
הערט מען געזאַנג , — מיט רויזען־קרענץ בעבלומט
איז תמיד לוסטיג און בעלעבט די גאַס .
די צײַט פערגעהט און לוסטער שפיעל און שפּאַס ;
ווער ס'ווײַלט דאָ ווײס נישט פון בעשײדענהײט ;
דער יובעל האָט קײן ענד , כאָטש אין עקסטאַז
פערברענען ווײַרויך פיעל די פרומע לײַט : —
פאַר ליעבע און געבעט איז אײַנגעטהײלט די צײַט .

## LXVIII.

דער שבת קומט — דער טאָג בעשטימט פאַר רוה ;
ווי הײליגט מען איהם דאָ אין קריסטענוועלט ?
צום גרויסען יום טוב גרײַט זיך יעדער צו :
האָרכט ! ברילט דאָס נישט דער פירסט פון וואַלד אין פעלד ?
צובראָכען איז דער שפּיז — די הערנער אָנגעשטעלט —
באַלד טרעפט דער אָקס דעם רײַטער און זײַן פערד ,
און די אַרענאַ הילכט : דאָס שפּיעל געפּעלט ;
דער עולם שרײַט יעצט ווילד — מעהר בלוט בעגעהרט .
קײן פרוי ווענדט אָב איהר בליק , קײן אויג קײן שעהנעם טרערט .

## LXIX.

עס איז דער זיעבטער — דער יובל טאָג .
דיר , לאָנדאָן , איז דער תפילה־טאָג בעקאַנט ,
דײַן בירגער קלײדט זיך דאַן אין נײַען ראָק ;
און ס'אָטהעמט פרישע לופט דער אַרבײטסשטאַנד ,
געדונגענע דראָשקעס , אײַנגעשפּאַנט אַלערהאַנד
דורך דײַנע טויערן הײלען אויסער שטאָדט ;

נאָך האַמפּסטעד, בּרענפאָרד, האַראָה אויפ'ן לאַנד,
בּיז ס'ווערט טויט־מיעד דאָס פערד, ס'בּלײַבּט שטעהן די ראָד
און דיענט דעם פוסגעהער פאַר'ן געגענשטאַנד צו שפּאָט.

---

## LXX.

דער שיפּט זײַן זאַמען אויף די טהעמזאַ אום,
און דער שפּאַצירט בּעוואָרענט מיט'ן וועג;
אַנ'אַנדערער געהט אויף ריטשמאָנד־בּאַרג אַרום
דאָס רוב לאָזט שנעל נאָך הײַהגײַט זיך אַוועק.
ווײַסט איהר, בּעאַטיער שאָטענס 1), זײער צוועק? —
דער „הײליגער האָרן" איז פון זײ פערעהרט.
ס'פערהילט איהם, אַ מיסטערישער פערדעק,
בּײַ זײַן געהײמען נאָמען יעדער שווערט,
און דאַן געהט אָן דער טאַנץ, וואָס בּיז'ן טאָג געוועהרט.

---

## LXXI.

ס'גילט נאַרהײַט איבּעראַל, דאָך איבּערשטײַגט זיין דײַן,
שעהן־קאַדיקס, וואָס בּײַם ים דעם בּלויען בּליהט:
קוים וואָס די שטאָדט־אוהר אין דער פריה שלאָגט נײַן,
פאַר הײליגע דײַן פרומע טאָכטער קניעט.
ווי ווערדט די יונג־פרוי פיעל געפּלאָגט און מיעד
(די שטאָרט פערמאָגט די איינע יונג־פרוי בּלויז)
בּיז זי הערט אוים די זינד און זײ פערגיט,
דאַן הײלט מען שנעל פון דאָרט אין צירקוס־הויז,
וואו אָרעם, רײַך, יונג, אַלט, די זעלבּע לוסט פאַלט אוים.

---

1) אין אַנגאַסטהויף אין הײַגײַטה איז געווען אײַנגעפיהרט אַז יעדער גאַסט מוז שווערען אַ שפּאַסהאַפטע שבועה. בּײַראָן רופט אָן די בּעאַטיאַנס שאָטענס (פינ־דאַר) ווײַל ער האָט זיך דענסטמאָל אײַנגעפונען אין טהעבּעס.

## LXXII.

ס'איז די אַרענאַ פרײַ, דער קאַמפף־פּלאַץ גרײט,
אויף טויזענד זיטצען טויזענדע אַרום;
לאַנג אײדער נאָך עס שאַלט הויך די טראָמפּײט
קײן פרײַער זיטץ — פערנומען אומעטום
פון גראַנדען — ס'רוב פון דאַמען פּובליקום,
וואָס מענערהערצער מיט'ן בליק פערוואונדט;
און דאָך — פון ליעבעס־וועה קומט קײנער אום:
דאָס קראַנקע האַרץ הײלט יעדע אוים צוריק.
און בלויז דער דיכטער קלאָגט: אין ליעבע פעהלט איהם גליק.

## LXXIII.

ס'פערשטומט דער לאַרעם — און אויף שטאָלצע פערד
אין פעדערציער — אַ לײַכטען שפּיז אין האַנד
ערשײַנען מוטהיג רײַטערס זאַלבע פערט,
זײ נויגען זיך און רײַטען צו צום ראַנד.
ס'איז רײַך זײַן טראַכט, דער הענגסט גראָבט ווילד דעם זאַנד;
אויב ס'וועט זײַן גלענצענד הײַנט דער בלוטיגער שפּיעל
בעלוינען וועט דער בײַפאַל זײַן אימשטאַנד, —
דער העכסטער פרײַז איז דאָס — דער לוין וויפיעל
ס'בעקומט אַ קריעגס־פיהרער ווען ער ערדײַכט זײַן ציעל.

## LXXIV.

אין גאָלד־ציער און אין פּראַכט־מאַנטעל געקלײדט,
טרעט אויף צו פוס דער שלאַנקער מאַטאַדאָר;
אין מיטעלפּונקט בלײַבט שטעהן צום קאַמפף בערײט —
אַ פריהער אָבער ווערד ער פאָרזיכטיג געוואָהר
פון דער אַרענאַ און פון אַלץ וואָס נאָר
דעם פרײַען גאַנג אויף איהר וואָלט איהם געשטערט;

(העפט 20)

ער האלט אַ שפּיז און צילעלט פון ווייט — דאָס גאָר
וואָס ער קען אויפטהון אָהן די הילף פון פערד
דעם פריינד, וואָס פאַר'ן מענש געפלאָגט זיין איז בעשערט.

---

## LXXV.

דער האָרן שאַלט דריי מאָל — ס'איז דער סיגנאַל
די טהיר איז לויז, דאָס פובליקום געשפאַנט
קוקט אוים אויף איהר — אַ שטילקייט איבעראַל
איין שפּריין — דער אָקס שפּרינגט צו צום ראַנד;
ווילד שלאָגט ער הילביג מיט די פיס אָן זאַנד;
ער וואַרט דערווייל: זיין וואוטה פערבלענדט איהם ניט;
הין הער קעהרט אוים די הער נאָכאַנאַנד;
ער וואָהרענט פאַר'ן אָנפאַל זיך דערמיט;
זיין עק וואַרפט בעז זיך אום; דאָס אויג ווערד גרוים און גליהט.

---

## LXXVI.

בלייבט פלוצים שטעהן, זיין בליק ווערד שטאַר. אַנטלויף,
אַנטלויף, אונפאָרזיכטיגער! דיין שפּיז האלט גרייט!
ס'איז צונד די רעכטע צייט געקומען דאַרויף:
דו זיענסט — אַנישט בעגעגענסט דעם טויט.
פון פלינקע רייטערס צונד דערצו געגויט
פאַלט אָן דער אָקס און טהייער צאָהלט ער זיי.
אַ בלוט-שטראָם שלאָגט פון איהם — פערוואונדעטערהייט
לויפט אום און טראַמפּעלט זיך צומישט פאַר ווייה.
אַ פייל פליהט נאָך אַ פייל, עם הילבט זיין קלאָג-געשריי.

---

## LXXVII.

באלד פאלט ער ווידער אן; קיין שפיז מעהר נוצט,
אומזיסט איז אויך דאס פלאגען זיך פון פערד;
אבגלייך דער רייטער וועהרט זיך, דאך עס שיטצט
איהם צונד זיין קראפט שוין נישט, אויך נישט דאס שווערד;
איין שטאלצער הענגסט ליעגט אויסגעשטרעקט אויף דר'ערד;
א צווייטער — א א שוידערליך געשטאלט!
זיין אינגעוויידען זעהט זיך אויסגעקעהרט, —
פערוואונדעט אויף טויט מיט לעצטע כוחות האלט
דער רייטער נאך אויף זיך און דרענגט זיך מיט געוואלד,

## LXXVIII.

אהן אטהעם, מיעד און שוואך, צודולט פון וואוטה
שטעהט אויף איין ארט דער אקס גאנץ אונבעוועגט,
פון זיינע וואונדען שטראמען טייבען בלוט,
ארום איז מיט די פיינד די ערד בעדעקט.
ערשט יעצט טרעט אויף דער מאטאדאר און שטרעקט
זיין רויטען מאנטעל אויס און פאכט דאס שווערד;
דער אקס ווערדט ווילד און אויפגערעגט.
דעם מאנטעל ווארפט מען אן, נישט לאנג געוועהרט —
פערוויקעלט איז זיין קאפ — א סוף — ער פאלט צו דר'ערד,

## LXXIX.

וואו ס'איז דער נאקען אנגעהעפט צום גוף
דרענגט טיעף דאס בלאנקע שטאל אריין — ער פאלט
ער רעגט און הויבט זיך און צולעצט שטעהט אויף
פאלט ווידער און — א ווילדער יובלען שאלט.
אהן זיפץ בעגעגענט ער דעם טויט; און באלד
קומט אן א וואגען פרעכטיג דעקארירט;

מען שטעלט אויף איהם דאָס דונקעלע געשטאַלט,
פון פיער שפּאַן פערד דערשראָקענע געפיהרט
פאָהרט די אַרענאַ דורך ביז זיך פון שיין פערליערט.

---

## LXXX.

דאָס איז דאָס פערגעניגען וואָס אַזוי
דעם שפּאַניער און די שפּאַניערין געפעלט;
פון יונג צו בלוט געוועהנט, באַלד גלוסטען זיי
נקמה — זעהן ווי זיך אַ צווייטער קוועלט.
ווי גילט פאַמיליען־קריעג אין זייער וועלט!
נישט אפען אין אַנ'אַלגעמיינעם שטרייט;
די שנאה בלייבט פערבאָרגען און פערשטעלט
און געגען ברודער גליהט זי ביז אַ צייט
דאַן שטראָמען טייכען בלוט פאַר יעדע מינדיגקייט.

---

## LXXXI.

דאָך אייפערזוכט איז שוין פערשוואונדען יעצט
איהר צום צושטערט צוזבראָכען שוין איהר צוואַנג:
פון אַליך, וואָס יעדע פרייע זעעל פערלעצט —
פון ליעבהאַבערס טיראַנישען פערלאַנג
די פרוי פערשפּאַרען — ווייס מען נישט פון לאַנג.
ווי פריי פלעגט יעדע שפּאַניערין דאָ זיין,
פאַר ס'האָט אין לאַנג געשאַלט פון קריעג דער קלאַנג!
אין גרינעם פעלד, די האָר פערפלאָכטען פיין,
דורך נאַכט האָט זי געטאַנצט ביי דעם לבנה־שיין.

---

(פאָרטזעצונג קומט).

— יאָ, איך ברויך בײַדעס, כּדי מײַן זעלע צו בערוהיגען, אָרדנונג אין מײַן וועזען צו ברענגען! אַזוי גוט ווי איך וואַש מיר, קלײַד מיר, כּדי אָרדנונג אין מײַן קערפּער צו ברענגען!

— אַזוי, אַ בעקוועם לעבען! פּשרות מאַכען! —

— געוויס, געוויס. נאָר ווען מיר האָבען חתונה, קרעפּטיגען מיר אונזערע אילוזיאָנען, ווען מיר האַלטען אײַן די געזעצען און מעקען אויס פון אונזער פאַנטאַזיע דאָס נאַרישע ליגען פון אינדיווידועלע פרײַהײַט, דאַמאָלס קומען מיר צו דער רוהיגקײַט, צום גליק!

— קומט אויס, לויט אײַער מײַנונג נאָך, אַז דאָס גאַנצע בעשטרע־בען פון מענשען דאַרף זײַן צו זײַן גליקליך דאָ אויף דער ערד. און אויף יענער וועלט?

— אין קײַן יענער וועלט גלויב איך נישט! דאָ, אויף דער וועלט וויל איך מיר מײַן גליק שאַפען.

— דאָס העכסטע גליק האָבען ——————— זי ——— דאָך שוין געגאָסען?! ———

— איך? ניין, פרײַלײַן, דאָס איז נאָר פאַרהאַן ווען מען לעבט אין זיטליכער אָרדנונג.

— ווי שוואַך און טרויעריג איהר זײַט!

— עס קאָן מעגליך זײַן.

— די באָרמער איז פון צימער אַרויסגעגאַנגען לײַכט שאָקלענדיג מיט'ן קאָפּ. אַננאַ איז געבליבען אַלײַן מיט איהר קומער. יוליע האָט זיך ווידער געהאַלטען מיט איהר פון דער ווײַטענס; אָבער איהרע אויגען זענען שוין נישט געוועזען פול מיט שנאה, נאָר מיט אַ שטענדיגען פערגרי־בעלטען פרענענדיגען בליק. —

# אכטעס קאַפּיטעל.

עס איז געוועזען ניין דעם זייגער. אַ פראָסטיגער קלאָרער יאַנואַר־אָבענד. אַננאַ איז צוזאַמען מיט דעם יונגען רויך און דוואָראַל אין די בערלינער גאַסען געגאַנגען. זי האָט געזעהן די פינקעלדיגע שטערען; דעם הויך פון איהר אָטהעם און געהערט ווי איהרע אַבזאַטצען פון די שיך האָבען אויף דעם שטײַנערנעם ברוק געקלאַפּט. שטערצהאַפּט האָט

זי עמפפונדען די געזונדע פרישקייט פון דער דאזיגער ריינער ווינטער-קעלט. זי האט אפילו נישט געוואלט געהן, אבער דער גוטהערציגער שריפטשטעלער האט איהר אזוי שטארק וועגען דעם געבעטען, אז זי האט איהם נישט געקאנט ענטזאגען. סוף כל סוף האט זי שוין מעהר נישט געהאט קיין תירוץ מיט וואס איהם אבצופארטיגען און האט מיט איהם געמוזט מיטגעהן צו די נייע גריבען. ר ו י ך האט בעמערקט מיט וואס פאר א פנים זי האט די דאזיגע איינלאדונג אנגענומען און האט באלד ערקלערט אז ער געהט מיט אלס שוץ-ענגעל. ער איז אויך א שריפטשטעלער, כאטש נאר א מיטארבייטער אין אייניגע הומאריסטישע בלעטער, וועלכע ער האט מיט פערשיעדענע וויצען און אנעקדאטען פערזארגט. דוואראל איז אפילו מיט זיין חברותא נישט איבעריגס צופריעדען געוועזען. ער האט איהם אבער נישט געקאנט ענטזאגען, נאר דאס האט ער מיט איהם אויסגענומען א תנאי, ער זאל בשעת דער זיצונג א ביסעל זיין לויזע צונג איינהאלטען.

— נו, בעדארף מען יעצט אראבערעדען זיך פון הארצען אלע נארישקייטען וואס האט זיך ביי מיר שוין פון א לאנגע צייט אנגעזאמעלט — האט ר ו י ך זיך אבגערופען און האט באלד אנגעהויבען דערצעהלען און אויסשיטען אלע זיינע פוסטע וויצען איבער וועלכע ער גופא האט הערצליך געלאכט. דוואראל אבער איז געווען אויפגערעגט און קיין געלעכטערס זענען איהם אין קאפ נישט געקראכען. ער האט געהאט אויסזיכט צו בעקומען פאר דער ארעמער פרוי ערגיץ א שטעלע, נאר וויל די לעצטע צייט האט זי געהאט אזוי פיעל אויסזיכטען און געווארען איז פון קיינער נישט, האט ער דעריבער נישט געוואגט פון די נייע האפנונגען עפיס צו רעדען. דער דאזיגער מענש פון וועלכע די שטעלע פאר אנגא'ן איז אבהענגיג געווען האט אויך היינט געזאלט קומען אויף דער זיצונג, און דעריבער איז ער אזוי אויפגערעגט געוועזען. גלייך ווי אין דעם וואלט זיך געווענדט לעבען אדער טוידט.

— אט דא זענען מיר שוין אויף אנ'ארט! — האט ד ו ו א ר א ל געזאגט זיך אבשטעלענדיג פאר א בעשיידענער וואהנונג.

— דא? — האט ר ו י ך געפרעגט און האט זיך געצויגען ביי דער גאז. אנגא איז אויך עפיס נישט ווילענדיג און אונזיכער מיטגעגאנגען. זיי זענען אייניגע צימער דורכגעגאנגען, אין וועלכע עס זענען וועניג געסט ביי קליינע טישלעך געזעסען. אין א דערבייאיגען צימער האט מען געשפיעלט ביליארד מיט גרויס התמדה. דערנאך זענען זיי אויף א טרעפ ארויפגעקומען. רעכטס פון דער טרעפ האט זיך געפונען א גרויס צימער

אין וועלכען עס איז קענטיג געוועזען, אַז דאָרטען דאַרף זיך צוזאַמענקומען אַ פערעיין. עס האָט זיך געהערט דאָס לאַכען און פּלוידערן פון אַ סך מאַנסבילשע שטימען אין דעם קאָרידאָר אַרוים; עס איז אָבער שוואַך געדעמפּפט געוואָרען דורך די דיקע פּריזע פאָרהאַנגען וואָס האָבען פערשטעלט דעם אַריינבליקען דאָרט. זיי זענען ביז צום ערשטען עטאַזש אַרויפגעשטיגען. — אַ שמאָלע גאַרדעראָבע אָן וועלכער עס האָבען זיך צווי קליינע זיילען אָנגעשלאָסען, וואָס זענען אין אַ דערביי־איגען גאָרטען אַריינגעקומען. אין דער רעכטער זייט מעהרער נאָך פאָרנט צו איז געוועזען אַ גרויסער פאָרנעהמער זאַל מיט קליינע דערביי־איגע צימער וואָס אין איהם, לויט ווי די אַהין און אַהער לויפענדיגע קעלנער האָבען געזאָגט, האָט מען אָבגעריכט אַ גרויסאַרטיגע חתונה. עס האָט זיך געהערט ווי כלי־זמרים האָבען אָנגעשטעלט זייערע אינסטרומענטען און עס האָבען געקלאַפּט טעלער און גלעזער. —

— אַ שאָד, וואָס איך קאָן צו דער דאָזיגער סעודה קיין שותף נישט זיין! איך האָב גרויס אַפּעטיט צו די דאָזיגע כבודים און טראַקטעמענטען וואָס זענען דאָ אויפ'ן טיש אָנגעשטעלט, — האָט רויך זיך אָנגערופען. די מאַדאַם באַלל האָט זיך היינט מיט איהרע קאָטלעטען און צוגעברוינטע קאַרטאָפעל נישט איבעריגס אויסגעצייכענט. איך קאָן די געריבטער איהרע די לעצטע צייט נישט פערטראָגען! די אַלטע האָט אַפילו געזאָגט אויף איהרע נאמנות אַז דאָס פלייש איז ערשט היינט געקוילעטע. זי האָט פאַר אונז דעם בעסטען חלק אויסגעקליבען, איך ווייס מעהר נישט, אַז איך האָב בעקומען פעך — מיר איז צווישען די צייהנער אַריינגעקומען בלויז מעהל, זעמיל־טייג און רינדערפעט! דאָס פלייש האָט עפּיס געמוזט ערגיץ ביי אַנ'אַנדערן אין טעלער פערבלאָנדזשען!

— איהר זייט אַנ' אונדאַנקבאַרער מענש, — האָט זיך אַ נגנאַ אָבגערופען, — היינטיגען מיטאָג איז שוין גאָר נישטאָ וואָס צו טאַדלען, מיר האָט עס גאַנץ גוט געשמעקט!

— וואָס איך האָט געשמעקט דערפון איז נאָך קיין ראיה נישט צו נעמען. — האָט רויך זיך געווויצעלט. — פאַר אייך איז שטרוי אַנ'אבילה און רעגען אַ משקה. איך האָב מיך שוין וויפיעל מאָל אויף אייך געוואונדערט, איהר עסט ווי אין חלום און ווייסען אַליין נישט וואָס איהר שטעקט אין אייער ווייך, ערעל מיילבעלע אַריין. דאָס האָב איך שוין פון שטענדיג אָן בעמערקט.

— הערט שוין אַ מאָל אויף מיט אייערע פוילע וויצען, — האָט

דוואראַל פערדריסליך געזאָגט. מיר זענען שוין אויפ'ן ריכטיגען אָרט און מוזען די איבערקלייַדער אויסטהון. דארף איך אייך בעטען מיר אייער מאַנטעל צו געבען, פרייַליין זאַנדערס? ער האָט איהר געהאָלפען בייַם אויסקנעפען איהרע זאַכען.

— עס מוז יעצט אַ ודאי אַ פאָרטראַג געלעזען ווערען, אַז עס איז אַזוי מאָדנע שטיל, — האָט דער שריפטשטעלער דערבייַ געזאָגט, — זאָנסט קען מען דאָ הערען קולות אַזש צום טויב ווערען! און ווירקליך האָט מען דורך די טהירען אַרויסגעהערט איינציגע מיט התלהבות געזאָגטע ווערטער. אַ פרעמדער איז געשווינד אויף די טרעפּ אַרויפגעשטיגען און איז אין די גאַרדעראָבע אַרייַן.

— סערוואוס דוואראַל!

— סערוואוס פליניוס!

אַט אַזוי האָבען זיך די בייַדע חברים בעגריסט און הערצליך די האַנד געשאָקעלט. דער יונגער מאַן וואָס הייסט פליניוס, האָט אויסגעזעהן פערדהונגערט, מאָגער אַז מען האָט איהם געקאָנט אַלע בייַנער אויסצעהלען, געטראָגען האָט ער אַ'אַלטען שטאַרק אָבגעטראָגענעם אַנצוג. ער האָט אַננאַ'ן מיט ווייַט אָפען־גערויסענע אויגען אַ ווייַלע אָנגעקוקט, דערנאָך האָט ער איהר זייַן האַנד אויסגעשטרעקט און געזאָגט:

— ווילקאָמען בייַ אונז, פרייַליין מוטער, הערצליך ווילקאָמען!

— — — איהר בעדאַרפט אייך נישט צו שרעקען, אייער טיטעל איז בייַ אונז אַ'עהרען־טיטעל; איהר ווייסט דאָך אַוודאי אונזערע פּאַראָלע: אויסלעבען פונ'ם יחיד אין פרייַהייַט און שעהנקייַט!

אַננאַ האָט זייַן האַנד אַ זעקונדע געדריקט. איהרע גרויסע אויגען האָבען געקוקט דערשראָקען און ערשטוינט אויף דעם יונגען מאַן. רויך האָט זיך איהם פאַרגעשטעלט.

— איך מיין מיר זאָלען שטיל און פאָרזיכטיג אַרייַנגעהן. די „סענסיטיוו“ לייענט יעצט פאַר איהרע דיכטונגען. עס איז כדאי צו הערען! — האָט דוואראַל גאַנץ שטיל געזאָגט, און האָט זייַן קאָפּ צוגעבויגען צו דער איינגאַנגס־טהיר. ער האָט די קלאַמקע אַ קוועטש געטהון, האָט די טהיר אויפגעמאַכט און די אַנדערע אַ וואונק געגעבען. אַלע זענען אויף די שפּיץ־פינגער אין דעם זאַל אַרייַנגעגאַנגען, כדי נישט צו מאַכען קיין גערויש. צוערשט האָט אַננאַ קוים עפּיס געקאָנט דערקענען. אַ דיקער נעבעל פון ציגאַרען־רויך האָט זיך איבער'ן צימער אַרומגעטראָגען, און די געסט האָבען געזאָרגט, אַז דער דאָזיגער נעבעל זאָל חלילה נישט געשטערט

ווערען און נאָכאַנאַנד פון זײַערע מײַלער איהם פרישע מאַטעריאַל צוגעבלאָזען. די לופט איז געוועזען שלעכט און הײס, טרוקען און דעמפיג ווי אין גישט געלופטערטע צימערן. ערשט שפּעטער, אַז זי האָט זיך שוין עטוואָס צום נעבעל צוגעוועהנט, האָט זי אין׳ם חאָאָס ביסלעכווײַז אָנגעהויבען דורכצודרינגען און דערקענען די אײַנצעלהײַטען פון איהם. בײַ איהר אַרײַנקומען האָבען זיך פיעל אומגעווענדט, דאָ און דאָרטען האָט מען זיך אין אויער סודות אײַנגערוימט, אײניגע האָבען איהרע בעגלײַטער צוגעשאָקעלט מיט דעם קאָפּ, באַלד אָבער האָבען זײ ווידער אויפמערקזאַם צוגעהערט די פאָרלעזערין, וועלכע איז געשטאַנען אין דער פערבינדונגס־טהיר צווישען די בײדע קלײנע זאַלאָן־צימער. זי איז געוועזען אַ הויכע שלאַנקע פרוי מיט סעצעסיע פערקעמטע האָר. איהרע אָרעמס זענען שוואַך און אונבעהאָלפען אַרונטערגעהאָנגען און מיט אַ מאַטע טאָנלאָזע שטימע האָט זי דעקלאַמירט איהרע ווידערווילינע מיסטיש־עראָטישע געדיכטע, נאָר ווען זי איז צוגעקומען צו די אינטערעסאַנטסטע ווענדונגען אין איהרע געדיכטע, איז איהר שטימע קלאַנגפולער געוואָרען! זי האָט בעקומען התלהבות און איז אַרײַן אין עקסטאַז; דאַמאָלס האָט זי אויסגעשטרעקט די לאַנגע פינגער פון איהרע בלאַסע הענד און האָט איהר שמאָל געזיכט פערצערט אין אַ שמערצליכער גרימאַסע, אָבער זי האָט געווירקט! צווישען איהר ווערטען און איהרע דיכטונגען איז געוועזען אַ געוויסע האַרמאָניע און דערמיט האָט זי איהרע צוהערער צו זיך צוגעצויגען. —

— אַ משוגע געוואָרענער באַנדוואָרם אין אַ רעפאָרם־קלײד, — האָט דער סטודענט אַננאַ׳ן אין אויער אַרײַנגעהאַקט. אַננאַ האָט עס געהערט אָבער נישט פערשטאַנען, וואָס ער מײנט דערמיט. איהרע בליקען האָבען געשוועבט אויף די פערשידענע צוהערער, וואָס טהײל זענען געזעסען בײַ קלײנע אָדער גרויסע טישען און טהײל זענען געשטאַנען אָנגעלעהנט אויף די וואַנד.

אַ זאָנדערבאַר געפיהל האָט אַננאַ זאַנדערס בעהערשט. זי האָט פּלוצלונג געפיהלט, אַז זי קאָן צו די דאָזיגע „נײַע גריכען" בשום אופן נישט געהערען, אַז זי געפינט זיך יעצט אונטער אַזעלכע מענשען, וואָס געהערען גאָר צו אַ גאַנץ אַנדער ספערע. רבונו של עולם, וואָס פאַר מיני טיפּען האָט זי זיך דאָ אָנגעזעהן. בלאַסע אָבגעלעבטע געזיכטער אויף שלעכט גענעהרטע און געקלײדעטע קערפּער, וואָס לײַדען צוליעב זײַערע אידעען. — אַזעלכע וואָס האָבען מיט אַ כוון געגען די געזעצע געהאַנדעלט, כדי זײַערע אונצופריעדענהײט ווי צום שאַרפסטען אויסצודריקען. קונסט־

פֿריערדיקער בעהאַנגען מיט זייד, סאַמעט און בריליאַנטען, כדי די מאָדע מיטצומאַכען; אויסגעהונגערטע גריבלער נעבען וואָהללוסטיגע בעלי תאוות, זאַטע וואָס האָבען קיין שום בעשעפֿטיגונג נעבען פֿערשמאַכטע וואָס קעמפֿען מיט זייער גאַנצער ענערגיע פֿאַר אַ שטיקעל טרוקען ברויט; מענער וואָס קיין זאַך אין דער וועלט איז ביי זיי שוין נישט מעהר הייליג און פֿרויען וואָס האָבען נאָך פֿון דער וועלט גאָרנישט גענאָסען און וואָס האַלטען זייערע דאָרשטיגע מיילער אויסגעשטרעקט צום מינדסטען גענוס, און בסך הכל מענשען, וואָס האָבען אין זייער מלחמה פֿאַר'ן עקסיסטענץ נישט געקאָנט זיך דורכשלאָגען אַ וועג, מענשען מיט אַ גרויסען חשק אָבער מיט אַ גאַנץ קליינעם מוטה און יכולת זייער חשק אויסצופֿיהרען. דאָרשטיג נאָך עפּיס, וואָס זיי ווייסען אַליין נישט און מיינען, אַז דאָ אין דעם ענגען קרייז וועלען זיי קאָנען זייער דאָרשט לעשען. דאָ האָט מען זיך געקאָנט פֿון אַלץ אָנהערען: ווי מען טאַדעלט דאָס שלעכטע, דאָס פֿערדאָרבענע און מען לויבט דאָס בעסערע. דאָ איז מען געווען גערולדיג און זיך איינגעהערט צו דעם, וואָס ערגיץ אַנדערש וואָלט מען גאָר מורא געהאַט אויף די ליפּען צו ברענגען. און דאָך זענען אויך דאָ די פֿערזאַמעלטע נישט מעהר געווען ווי אַ סטאַדע, וואָס לאָזט זיך פֿון איהר פּאַסטוך, לויט זייער מיינונג זייער גענויס, פֿיהרען וואו ער וויל.

ענדליך האָט די פֿאָרלעזערין געענדיגט לייענען איהרע געדיכטע און דאָס פּובליקום האָט איהר בעשאָטען מיט אַפּלאָדיסמענטען. אַ נ נ אַ האָט געפֿיהלט דערביי עפּיס אַ מין עקעל געמישט מיט שאַנדע. איהר איז געווען פּיינליך צוצוהערען ווי די דאָזיגע פֿרוי האָט מיט אַ גראָבער האַנד אַראָבגעריסען דעם שלייער פֿון די טיעפֿסטע ווייבליבע סודות, ווי זי האָט איהר גאַנצע נשמה פֿאַר אַלע הערדען און דאַמען פֿון זאַל אויפֿגעדעקט. דאָס וואָס מען זאָגט אַרויס ערשט דאַמאָלס, ווען מען קאָן שוין מעהר די דריקענדע געפֿיהלען נישט מעהר אין זיך איינהאַלטען, האָט די זאָגענאַנטע „סענסיטיווע" אין שלעכט צוגעפּאַסטע גראַמען און נישט אויסגעהאַלטענע ריטמען בפֿרהסיא פֿאַר דאָס גאַנצע פּובליקום אַרויסגעזאָגט.

— וואָס זאָגט איהר דערצו, זאַנדערס, געטליך, נישט אמת?

— האָט דוואָראַל זי געפֿרעגט. אַ נ נ אַ האָט דאָרויף בלויז שווייגענדיג מיט'ן קאָפּ צוגעשאָקעלט.

— קומט דאָך, פֿרויליין, איך וויל אייך פֿאָרשטעלען! — האָט דוואָראַל געזאָגט און אַ נ נ אַ'ן אָנגענומען פֿאַר'ן האַנד. נון האָבען איהר אין אויער אַריינגעקלונגען נעמען פֿון פֿערשיעדען-אַרטיגע קלאַנגען איינער

נאָך דעם אַנדערן. אַמט האָט דער שריפטשטעלער צוגעלעגט צו ערגיץ אַ נאָמען אויך אַ קליינע כאַראַקטעריסטיק פון דער פערזענליכקייט. מען האָט זיך די הענד געשאָקעלט, הערצליכע ווערטער געזאָגט. אָבער דער ביטערער אונאַנגענעהמער געשמאַק אין איהר מויל האָט זיך אַלץ פערגרעסערט. דאָ האָט זי בעגעגענט אַ פּאָר דורכדרינגענדע בליקען, וואָס האָט זיך געדאַכט אַז זיי ווילען איהרע טיעפסטע אינערליכע געהיימניסע ענטדעקען און דאָרט האָט זי זיך צוזאַמענגעטראָפען מיט אַזוינע בליקען וואָס האָבען בעוואונדערט איהר אויסגעהאַלטענקייט און דערביי איהר ווי געטאַדעלט פאַר איהר פערברעכען, וואָס זי איז אַזוי לייכטזיניג בעגאַנגען און דאָס האָט איהר שטאַרק געקרענקט.

ענדליך איז זי צו ערגיץ אַ ווינקעל-טיש צוגעקומען. עס זענען אפילו אַרום איהם געזעסען איינינע פערזאָנען, אָבער זיי האָבען זיך צוזאַמענגערוקט און פאַר איהר אַנ'אָרט געמאַכט. ר ו י ך האָט אין אַ דערבייאיגען צימער זיך צוזאַמענגעשמעקט מיט בעקאַנטע. ד ו ו אָ ר אַ ל אָבער איז געבען אַ נ נ אַ'ן געבליבען און האָט איהר די געסט וואָס אַרום טיש פאָרגעשטעלט: מ אַ ר י ע ר אָ ז ע ד י ר אָ נ ג ע ט, דיכטערין —— ב אָ ר ק ע ר, רעדאַקטער, פרוי פון ש אָ ט ע ן זעהר אַ בעגאַבטע —— דאָס איז ווידער דער פ ע ש ע ש ע פּ פון וויען —— —— י אַ נ ו ס, אונזער ראַפאַעל —— —— ליידער האָב איך נאָך נישט די עהרע? ער האָט אין מיטען אויפגעהערט רעדען און האָט מיט אַ פרעגענדיגער מינע אָנגעקוקט אַ הויכגעוואַקסענעם ברייטשולטעריגען העררן אין אַ פאָרנעהמען געזעלשאַפטס-אַנצוג. יענער האָט זיך אויפגעהויבען און געזאָגט: „הויף-פאָטאָגראַף ק ר אַ פּ ט", און זיך פערנייגט.

—— זעהר אַנגענעהם. מיין נאָמען איז דוואָראַל. איך קען און בעוואונדער אייער פירמע שוין לאַנג. וואָס קעהר זיך אָן צו אַראַנזשעמענט און רעטוש נישט מעהר קיין פאָטאָגראַף נאָר קינסטלער פון דער ערשטער שטופע. ק ר אַ פּ ט האָט זיך העפליך פערנויגט און זיך אַוועקגעזעצט. ער איז אַננאַן געזעסען וויזאַווי. ווידער האָבען זיך אָנגעהויבען די דעקלאַמאַציאָנען. אַננאַ האָט זיך אויפמערקזאַם צוגעהערט; אָבער באַלד זענען איהר די באַקען ווידער רויט געוואָרען פאַר חרפּה. די פּאָעזיע האָט זיך שטאַרק איבער די מאָס און איבער דעם ציעל אַריבערגעחאַפּט. פיהלט דאָס נאָר קיינער נישט אויסער איהר? זי האָט זיך אַרומגעקוקט טאָמער וועט זי ביי עמיצען בעמערקען עפּיס אַנ'אונצופריעדענע מינע, אָבער צו איהר בעדויערן זענען אַלע געווען בעגייסטערט און האָבען זיך אויפמערקזאַם צו-

געהערט, פּונקט ווי זיי וואָלטען מורא געהאַט זיי זאָלען חלילה ניט א וואָרט פערפעהלען. זי האָט מיט פערדרוס די אויגען צו דר'ערד אראָבגעלאָזען, אָבער אָנגעצויגען פון א פרעמדען בליק האָט זי די ברעמען אויפגעשלאָגען. נון האָט זי זיך איינגעקוקט אין דאָס געזיכט פונ'ם הויף-פאָטאָגראַף, וועלכער האָט איהר בעאָבאַכטעט. זיין הויכער שטערן, די גראַדע נאָז, דער גוטער קלאָרער אויסדרוק פון זיינע אויגען הינטער דעם גאָלדענעם פּאַנסנע איז איהר געפאַלען. דער פרעמדער איז איהר זעהר בעקאַנט פאָרגעקומען. זי האָט געקלערט: וואו האָט זי איהם שוין אַמאָל געזעהן; דער העל-ברוינער געדיכטער באָרד מיט די זילבערנע פעדעם דורכגעוועבט, די גאַנצע געשטאַלט — — — אָהן א שום ספק קאָן זי שוין דעם דאָזיגען מענשען פון פריהער. ניט פערזענליך האָט זי איהם געקאָנט נאָר פון זעהן. אפשר איז ער פאַר א יאָהרען ביי איהר געוועזענעם שעף געוועזען? — זיין פירמע איז איהר אויך בעקאַנט געוועזען. זי האָט געוואוסט, אַז ער געהערט צו די בעקאַנטסטע און טייערסטע פאָטאָגראַפען אין דייטשלאַנד.

די פאָרלעזערין האָט געענדיגט איהר געדיכט: „א פערלעש דאָך דאָס העליש פייער!" אננא האָט איהר געזיכט אָבגעווענדעט, כדי ניט אַרויסצוווייזען ווי זעהר דאָס ליעד איז איהר ניט געפעלען.

מען האָט געמאַכט א פויזע אויף א לענגערע צייט. דוואָראַל האָט בעשטעלט ביים קעלנער צוויי פּאָרציעס שאָקאָלאַדע. — נו, ווי געפעלט זי אייך, זאָגט אַליין, האָב איך עפּיס איבערגעטריעבען? — האָט דוואָראַל געפרעגט און געוויזען אויף זיין נאַכבאַרין. אננא איז בלאַס געוואָרען ווי ליינוואַנד פאַר קרענקונג און געזאָגט:

— איך בעט אייך זעהר, —

— לאָזט איהם, פריילין זאַנדערס. מיר זענען זעהר צופריעדען, וואָס מיר זענען מיט אייך בעקאַנט געוואָרען. חדשים לאַנג האָט אונז דוואָראַל פון אייך און פון אייער קינד דערצעהלט! האָט די ראָנגהעט געזאָגט — אָבער האָט איהר געזיכטס-ציגע, הערליך! די ריינע פערקערפּערונג פון שמערץ און ליידען! אז איהר וועט צייט האָבען מוזט איהר מיר אַמאָל מיט אייער יונגע בעזוכען. איך וועל אייך מיט אייער קינד אין א זעהר ריהרענדע פּאָזע מאָלען. נאָר א סקיצע אראָבנעמען, אזוי א מאָדערנע מאַדאָנע?!

(פאָרטזעצונג קומט).

מארק טווען.

# די טאגע־ביכלעך פון אדם און חוה.

## II.

## חוה'ס טאגביכעל.

(פאָרטזעצונג פון נײַנצהנטען העפט).

איך האָב זיך אויסגעוויינט אַ ביסעל, וואָס איז אַזוי נאַטירליך אין מײַן וואוקס, און דערנאָך, אַברוהעענדיג זיך, האָב איך גענומען אַ קוישעל און אַוועקגעלאָזט זיך צו איין פונקט אויפ'ן סאַמע עק קרײַז, וואו די שטערען געפינען זיך בײַ דער סאַמער ערד. פון דאַנען קאָן מען זיי דערגרײַכען מיט דער האַנד, און גאָר פון אָנהויב וואָלט געווען בעסער צוצוגעהן גלײַך ביז דעם אָרט, ווײַל איך וואָלט זיי פאָרזיכטיג אָבקלויבען, נישט צוריבגענדיג קײן איינעם. נאָר מיר איז אויסגעקומען צו ענטזאַגען זיך פון מײַן פּלאַן, אַזוי ווי דער פונקט האָט זיך אויסגעוויזען, געפינט זיך ווײַטער, וויפיעל איך האָב געדענקט. איך בין זעהר מיעד געוואָרען און כ'האָב נישט געקאָנט מעהר שטעלען קײן איין טריט, נאָך מעהר דאַמיט, וואָס די פיס זענען בײַ מיר געווען אין וואונדען און האָב שטאַרק געוועהטיגט.

אומצוקעהרען זיך אַהיים איז געווען צו ווײַט און צו דעם האָט זיך געשטעלט אַ קעלט. נאָר איך האָב דערזעהן עטליכע טיגער'ס און כ'האָב זיך געשיצט צווישען זיי. דאָס איז געווען אַזוי בעקוועם און זייער אָטהעמען איז געווען וואַרעם און אַנגענעהם, ווײַל זיי שפּײַזען זיך מיט ערד־בוימער. איך האָב קײנמאָל פריהער נישט געזעהן קײן טיגער, נאָר כ'האָב מיט אַמאָל זיי דערקאָנט נאָך די פאַסען. אויב מיר וואָלט זיך אײַנגעגעבען צו בעקומען אַזאַ פעל, וואָלט איך געמאַכט פון דעם אַ גרויסאַרטיג קלייד.

הײַנט הויב איך זיך אָן צוצופאַסען צו דער ווײַטקײַט. מיר ווילט זיך אַזוי לײַדענשאַפטליך דערשלאָגען יעדע שעהנע זאַך, אַז איך וואָלט זיך מיט אַ מאָל געוואָרפען דאָס חאַפּען, — אַלײן איינס, צי דאָס וואָלט געווען אונדערגרײַכבאָר, אָדער עס האָט זיך געפונען אין זעקס צאָל פון מיר. חאָטש ס'וואָלט זיך מיר אויסגעוויזען מיט אַ גאַנצער ווערשקע ווײַטער, און נאָך מיט דערנער צווישען דאָס און מיר. געוועהנליך, וואָלט דאָס מיר געדיענט פאַר אַ גוטען אָנלער'ן.

נעכטען נאָך האַלבען טאָג האָב איך פון דער ווײַטען נאָכגעשפּירט עמיצען,

בעמיהענדיג זיך צו דערגעהן, וואָס ער איז אַזויגס, האָטש מיר האָט זיך דאָס נישט איינגעגעבען, נאָר איך מיין, אַז דאָס איז אַ מאַן. איך האָב נאָך קיינמאָל נישט געזעהן קיין מענער, נאָר דאָס איז געוועזען ענהליך אויף אַזעלכען, און איך בין איבערצייגט, אַז דאָס איז ווירקליך אַ מאַן. כ'בין זיך מודה, אַז אין דעם אופן פיהל איך מעהר נייגיריגקייט, ווי אין דער בעציהונג צו אַלע איבריגע שרצים, אויב די בריאה, ווי איך דענק, איז נאָר אין אמת'ן אַ שרץ. דאָס האָט גראָבע פערפלאָנטערטע האָר און בלויע אויגען און איז ענהליך אויף אַ שרץ. ביי דעם פעהלען די בערדעס און מיט'ן געבוי פון קערפער טהוט עס מעהר פון אַלץ דערמאַהנען אַ אייערן. ווען דאָס שטעהט צו בעוועגט עס זיך אויף די ענהליבקייט פון אַ קאָוואַל, פאַר וואָס איך מיין אַז דאָס איז אַ שרץ.

פון אַנפאַנג האָב איך פאַר איהם מורא געהאַט און כ'בין אַנטלאָפען יעדעס מאָל, ווי דאָס האָט זיך אומגעדרעהט, מיינענדיג אַז דאָס פערנעהמט זיך מיך צו חאַפּען; נאָר אין גיכען האָב איך פערשטאַנען, אַז דאָס טהוט זיך פשוט בעמיהען אַוועקצוגעהן פון מיר. דאַן איז מיין שרעק מיט אַ מאָל פערשוואונדען, און כ'האָב עטליכע שעה דאָס נאָכגעשפּירט אויף אַ ווייטקייט פון דרייסיג אַרשין. פון וואָס דאָס האָט אָנגעהויבען ווערען נערוועז און ס'האָט אויסגעזעהן זעהר אונגליקליך. ענדליך, שטאַרק מיעד ווערענדיג, האָט דאָס זיך אַרויף געדראַפּעט אויף אַ בוים. איך האָב געוואַרט גענוג לאַנג, נאָר דערנאָך האָב איך דאָס אַוועקגעוואָרפען און בין געגאַנגען אַהיים.

היינט האָט זיך ווידער איבערגעחזר'ט דאָסזעלבע. ער האָט פון דאָס ביי זיך געמוזט ראַטעווען אויף אַ בוים.

זונטאָג. ווי עס זעהט אויס רוהט זיך דאָס דאָרט אָב ביז יעצט. נאָר דאָס איז איינפאַך אַ שווינדעל. זונטאָג רעכענט זיך נישט פאַר אַ טאָג פון אָברוהע; פאַר איהם איז אָנגעצייכענט שבת. דאָס ווייזט זיך מיר אויס פאַר אַ בעשעפעניש, וועלכע מעהר פון אַלץ אינטערעסירט עס זיך מיט אָברוהע. איך וואָלט נישט געקאָנט זיך אָברוהען אַזוי לאַנג. מיר, למשל, מאַכט מיר דאָס זיצען און אָבהיטען דעם בוים. ווי מיר וואָלט זיך געוואָלט וויסען, צו וואָס איז בעשאַפען דאָס בעשעפעניש; איך זעה דאָס קיינמאָל נישט ביי דער אַרבייט...

די פערגאַנגענע נאַכט האָט מען אונז צוריק געגעבען די לבנה, — און איך בין געוועזען אַזוי גליקליך. איך געפין אַז זיי האָבען זיך אויפגעפיהרט זעהר אָרענטליך. האָטש זי איז פון דאָס ניי אַראָב און פערשוואונדען. נאָר איך טרויער שוין נישט. ווען דו האָסט אַזעלכע גוטע שכנים איז נישטאָ וואָס צו בעאונרוהיגען זיך; זיי וועלען איהר צוריק אומקעהרען. מיר וואָלט זיך געוואָלט עפּיס טהון פאַר זיי אַלס צייכען פון מיין אַכטונג. איך וואָלט גערן זיי געשענקט עטליכע שטערען. ווייל זיי זענען ביי אונז מעהר, וויפיעל מען דאַרף. איך זאָג „איך", און נישט „מיר", ווייל איך זעה, אַז דער שרץ איז פאָלקאָם גלייכגילטיג צו אַזעלכע מיני זאַכען.

אַלץ איינס, ער איז נישט קיין גוטער און האָט נידריגע געפיהלען. נעכטען ווען כ'בין בין השמשות צייט צוגעגאַנגען צום בוים, האָט זיך אויסגעוויזען, אַז ער איז אַראָבגעקראָכען פון איהם און ער האָט זיך בעמיהט אָנצופאַנגען שיין-פאַרבי-גע פישלעך, וואָס שווימען אין ברונען. מיר איז אויסגעקומען צו וואַרפען אין

איהם עטליכע פויסטען ערד, כדי ער זאָל פון דאָס ביי זיך אַרויפקלויבען אויפ'ן בוים און ער זאָל זיי לאָזען צורוה. נאָר צי דען צו דעם איז דאָס בעשעפעניש בעשאַפען געוואָרען? צי דען איז ביי איהם נישטאָ קיין הארץ? צי דען איז ביי איהם נישטאָ קיין רחמנות אויף די צערטליכע פיטשינקע לעך? קאָן דען זיין אַז דאָס זאָל זיין אויסגעקלערט און געמאַכט פאַר אַזאַ נישט פיינע אַרבייט. עהנליך אויף די. איין פויסט ערד איז געפאַלען אין דעם און דער שרץ האָט זיך צורעדט. איך בין פערציטערט געוואָרען, אַזוי מאָדנע איז מיר געווען צו הערען אַ שפּראַך אויסער מיין אייגענער. איך האָב נישט פערשטאַנען די ווערטער, נאָר ווי האָבען זיך אויסגעוויזען דייטליכע.

ווען איך האָב זיך דערוואוסט, אַז דאָס בעשעפעניש קאָן רעדען, האָט דאָס נאָך מיר מעהר פעראינטערעסירט. ווייל איך, איך האָב זעהר ליעב צו רעדען. איך רעד אַ גאַנצען טאָג און זאָגאַר אין שלאָף, און איך בין זעהר אינטערעסאַנט; נאָר אויב ביי מיר וואָלט געווען אַ חבר, וואָלט איך געקאָנט זיין אין צווייען אינטערעסאַנטער און, דאַן, וואָלט איך קיינמאָל נישט אַנטשוויגען געוואָרען.

אויב די בריאה, — איז אַ מענש, טאָ איז דאָס — נישט דאָס, נישט אַזוי? דאָס איז דערגעגען די גראַמאַטישע כללים, כ'מיין און כ'דענק, אַז מען דאַרף זאָגען „ער". אויסגעצייכענט איך וועל איהם רעכענען פאַר אַ מענש און אָנרופען איהם „ער", ביז ער וועט זיך נישט אַרויסווייזען עמיץ אַ אַנדערע. דאָס וועט זיין אינטערעסאַנטער פון די פיעל צווייפלונגען.

פ א ל ג ע נ ד ע ן ז ו נ ט א ג. אַ גאַנצע וואָך האָב איך זיך געדרעהט אַרום איהם, בעמיהענדיג זיך בעקאָנען. ער בעמיהט זיך שוין נישט אויסצומיידען מיך. וואָס עס בעווייזט, אויף וויפיעל ס'איז איהם אָנגענעהם צו זיין מיט מיר. מיר געפעלט דאָס און איך בעמיה זיך איהם צו זיין אין אַלעם נוציג, כדי צו פערשטאַרקען זיין צוגעלאָזענקייט. פאַר די לעצטע צוויי טעג האָב איך איהם אינגאַנצען געפּטר'ט פון דער אַרבייט צו געבען נעמען די זאַכען; פאַר איהם איז דאָס אַ גרויסע פערגרינגערונג, אַזוי ווי איהם פעהלט דער טאַלאַנט, און עס איז צו בעמערקען, אַז ער איז מיר זעהר דאַנקבאַר. ס'איז נישט פאַר איהם אויסצוקלערן אַ שכל'דיגען נאָמען, חאָטש אַפילו דערפון זאָל זיין אָבהענגיג זיין רעטונג. פונדעסטוועגען, מאַך איך אַפילו נישט קיין פנים, אַז איך האָב בעמערקט אין איהם דעם חסרון. ווי נאָר עס טהוט זיך בעווייזען עפּיס אַ ניי בעשעפעניש, גיב איך איהם באַלד אַ נאָמען און אַזוי אַרום, קומט איהם גאָר אויס צו שווייגען, וואָס עס טהוט איהם שטענדיג אַזוי פערשעמען. וויפיעל מאָל איך האָב איהם אַרויסגעפיהרט פון דער אומאַנגענעהמער לאַגע, אַ דאַנק דעם וואָס ביי מיר איז נישטאָ זיין חסרון. איך בעדאַרף נאָר אַ קוק טהון אויף עפּיס אַ לעבעדיגע זאַך, דערקאָן איך שוין, וואָס פאַראַ דאָס איז. מיר קומט גאָר נישט אויס צו פערקלערען זיך; מאַשינעל, פונקט ווי לויט אַ נביאות, מעלדעט זיך דער אמת'ר נאָמען. דאָס איז אָהן צווייפעל, אַ נביאות, אַזוי ווי אַ מינוט פאַר דעם האָב איך נישט געוואוסט דעם נאָמען. איך טהו אַזוי ווי טרעפען לויט דעם אויסערליכען אויסזעהן פון דער חיה און אין פיהרונג, וואָס דאָס איז אַזוינס.

ווען עס האָט זיך בעוויזען אַ דראַנש, האָט ער איהם אָנגענומען פאַר אַ ווילדע קאַץ, — איך האָב דאָס געזעהן נאָך זיינע אויגען. איז מיר אויסגעקומען איהם אַרויס-

צו העלפען. נאָר איך האָב דאָס געטהון פאַרזיכטיג, נישט אָנריהרענדיג זײַן אײגענליעבע. איך האָב אָנגעהויבען רעדען אין אַ פאָלקאָם נאַטירליכען טאָן, פּונקט ווי איך וואָלט געווען אַנגענעהם פערוואונדערט, און כ'וואָלט אינגאַנצען נישט וועלען אויסזאָגען קײן ידיעות: „איך וועט זיך אַז דאָס איז אַדראָנש!". נאָך דעם נישט מאַכענדיג קײן פּנים, אַז איך ערקלער, האָב איך געזאָגט פאַר וואָס איך האָב געטראָפען, אַז דאָס איז אַ דראָנש. אמת, איך האָב געמײנט, אַז ער, קאָן זײַן, איז אַ ביסעל בעלײדיגט מיט דעם, וואָס איך האָב דערקאָנט דעם פויגעל, דאַן ווען ער קאָן איהם נישט, נאָר אַלץ דאָך איז געווען קלאָר, אַז ער איז בעגײסטערט פון מיר. דאָס איז געווען אַזוי אַנגענעהם, און שוין נישט אײנמאָל אַנטשלאָפען ווערענדיג, האָב איך געקלערט וועגען דעם מיט צופרידענהײט. ווי ווענינ איז אונז נויטיג פאַר'ן גליק, ווען מיר אַנערקאָנען, אַז מיר האָבען דאָס פערדינט.

ד אָ נ ע ר ש ט אַ ג. מײַן ערשטע צרה. נעכטען האָט ער מיך אויסגעמײַדט און ווי ער וואָלט געוואָלט, איך זאָל נישט רעדען מיט איהם. איך האָב דאָס נישט געוואָלט גלויבען, רעכנענדיג, אַז דאָס איז אַ מיספערשטענדעניס, ווײַל איך האָב געליעבט זײַן געזעלשאַפט, כ'האָב ליעב געהאַט צו רעדען מיט איהם. נאָר פאַר וואָס זשע האָט זיך בײַ איהם געקאָנט בעווײַזען אַ נישט-גוטער געפיהל צו מיר אויב איך האָב גאָר נישט געטהון? איבערצײַגענדיג זיך, אַז דאָס איז אַזוי, בין איך אַוועקגעגאַנגען און האָב זיך געזעצט אין אײנזאַמקײט אויף דעם זעלבען אָרט, וואו כ'האָב צום ערשטען איהם דערזעהן אין דעם פריהמאָרגען, ווען כ'בין געוואָרען בעשאַפען, און נישט ווײסענדיג, וואָס ער איז אַזוינס, בין איך געבליבען גלײַכגילטיג. יעצט האָט דאָס אָרט אויסגעזעהן טרויעריג, יעדער זאַך האָט צו מיר גערעדט וועגען איהם, און אויפ'ן האַרץ בײַ מיר איז געווען אומעטיג. דאָס איז געווען אַ פאָלקאָם נײַער געפיהל, וועלכען כ'האָב נישט דורכגעפיהלט פריהער, און איך האָב נישט געקאָנט אַרײַנדרינגען אין דיזען געהײמניס.

נאָר ווען עס האָט צוגעטרעטען די נאַכט, איז די אײנזאַמקײט געוואָרען אונערטרעגליך, און איך בין געגאַנגען צו דעם נײַעם מקום מקלט, וועלכעס ער האָט זיך אויפגעבויט, כדי צו פרעגען איהם, וואָס האָב איך געטהון פאַר אַ שלעכטס. ווי אַזוי זאָל איך פערגלעטען מײַן שולד און צוריקקעהרען זיך זײַנע לאַסקעס, נאָר ער האָט מיך אַרויסגעטריבען אויפ'ן רעגען. און דאָס איז געווען מײַן ערשטע צרה.

(פאָרטזעצונג קומט).

Ред. Изд. Я. ЛИДСКІЙ. Европейская Литература То. 20.
Тип. Г. Пиментъ, Варшава, ул. Сѣраковская № 4.

קופּאָן פיר ניט אַבאָנענטען.

די וועלכע ברענגען 4 קופּאָנעס אין רעדאַקציע, און אין פּראָווינץ צו די אַגענטען, בעקומען די מאָנאַטליכע פּרעמיע פיר 10 קאָפּ. אין וואַרשע. אין פּראָווינץ 12 קאָפּ. די וועלכע האָבען 15 קופּ. צאָהלען פיר די איבריגע פּרעמיעס וואָס ווענען אויסגעגעבענט אין דער שאַנסע פון אײראָפּעאישע ליטעראַטור ווי אַבאָנענטען.